STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10247

# TSEHN TEG VOS HOBEN OYFGERUDERT DI VELT

John Reed

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צעהן טעג וואס האבען אויפגערודערט די וועלט

וויאַזוי די סאָוויעטען האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד

— פון —

דזשאהן ריעד

אידיש פון

מ. אַלגין

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס“ פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1919

Copyright by
Forward Association
1919

# אינהאלט:

| קאפיטעל | | זייטע |
|---|---|---|
| | פאָרוואָרט | 5 |
| 1. | די אַלגעמיינע פּאָליטישע סצענע | 9 |
| 2. | דער שטורם קומט | 27 |
| 3. | ערב יום־הדין | 57 |
| 4. | די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פאַלט | 93 |
| 5. | פאָרווערטס, מוטהיג פאָרווערטס! | 140 |
| 6. | דער רעטונגס־קאָמיטעט | 180 |
| 7. | דער רעוואָלוציאָנערער פראָנט | 208 |
| 8. | קאָנטר־רעוואָלוציע | 234 |
| 9. | זיעג | 264 |
| 10. | מאָסקווע | 293 |
| 11. | עראָבערט די מאכט | 311 |
| 12. | דער פויערים־קאָנגרעס | 348 |

# פאָרוואָרט.

וואָס וואָלט איהר געגעבען פאַר אַ בעשרייבונג פון אַ פעהיגען ענטוזיאַסטישען רעפּאָרטער, וואָס איז געווען אַנוועזענד ביי מעשה בראשית? וואָס וואָלט איהר געגעבען פאַר אַ בוך, אָנגעפּיקעוועט מיט לעבעדיגע סצענעס פון ניי־געבאָרענע וועלטען, מיט אַ פּאָר טוצען אינטערוויוס מיט׳ן רבונו של עולם און זיין סוויטע, מיט בילדער און רעפּראָדוקציאָנען פון דער גאַנצער געשיכטע, פון דעם טאָג, וואָס נאָר „אַ גייסט פון גאָט האָט געשוועבט איבער׳ן אָבגרונד” ביז דעם טאָג, ווען אדם און חוה האָבען אָנגעפאַנגען די אונענדליכע געשיכטע פון געבאָרען און בעגראָבען?

ווען איך האָב געלעזען דזשאָהן ריעד׳ס בוך וועגען די ערשטע צעהן טעג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָב איך געהאַט פּונקט דאָס זעלבע געפיהל, ווי איך וואָלט געלעזען אַ גענויען בע־ריכט פון מעשה בראשית. פאַר יאָהרען און יאָהרען האָבען מיר געטרוימט און גערעדט און דעבאַטירט און געקריגט זיך וועגען דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע” — ווען זי וועט זיין; ווער עס וועט זי מאַכען; ווי זי וועט פאָרקומען. ווי אַ פרומער איד גלויבט אין משיח׳ן, אַזוי האָבען מיר געגלויבט אין א י ה ר, און ווי אַ פרומער איד האָפט אויף משיח׳ן, אַזוי האָבען מיר ג ע ה אָ פ ט אויף איהר.

און אָט איז זי געקומען. צי מיר ליעבען זי נאָכדעם ווי זי איז געקומען; צי זי איז פאָרגעקומען ווי מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט; צי האָט זי זיך ענטוויקעלט ווי מיר האָבען עס געוואָלט, דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. דאָס וועלען מיר שוין אויסדעבאַטירען און זיך אומקריעגען איבער אַ נייעס. אָבער זי איז געקומען, די אמת׳ע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבען וועגען איהר געלערענט אין אַלע אונזערע ספרים און פון אַלע אונזערע רביים — די עקספּראָ־

פריאציע פון די עקספראפריאטארס, די דיקטאטור פון דעם פראלע־טאריאט, די קאאפעראטיווע געזעלשאפט.

און ווען זי איז געקומען, זיינען מיר דערביי ניט געווען, און כמעט אלע פון די, וואס האבען וועגען איהר געשריבען, זיינען דערביי אויך ניט געווען. נאר דזשאהן ריעד איז יא געווען, און האט אלעס געזעהן און פערשריבען און פאטאגראפירט, און איצט קומט ער צו אונז און זאגט: — עי, דו האסט דאך געוואלט וויסען וועגען דעם ווי און ווען און ווער עס וועט זי מאכען, די סאציאלע רעוואלוציע, טא נא דיר א גענויען בעריכט!

דאס בוך איז דעריבער אן אויסערגעווערהנליכער דאקומענט, א לעבעדיגער, בעוועגליכער, ענטוזיאסטישער טרייער עדות פון דער גרעסטער פאסירונג אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

די בילדער פון די באלשעוויסטישע הערקווארטערס אין סמאלני אינסטיטוט — דאס פיבערהאפטע איבערמענשליכע אונאויפהערליכע קלאפען אין איין פינטעל פון די פיהרער און זייערע נאכפאלגער; די בעשרייבונג פון דער שטאדט־דומא, וואו דער קערענסקי־עולם קעמפפט הילפלאז געגען דער נייער אייזערנער מאכט; די שילדערונ־גען פון דעם מיליטערישען קאמפיין געגען קערענסקי'ן; דער בע־ריכט פון די שלאכטען מיט די יונקערס; די אונצעהליגע סצענעס, געשפרעכען, טיפען, יאזדעס — דאס אלעס מארשירט פארביי מיט א גוואלדיגער קלארקייט, וואס מאכט אייך פיהלען, אז אומעטום וואו ער איז געווען, זענט אויך איהר געווען, נאר ער האט אייך פערשפארט די ארבייט און האט עס פאר אייך פערשריבען.

ריעד אליין איז א באלשעוויק, און איז וואהרשיינליך גוואלדיג צופריעדען פון דעם ערפאלג, וואס ער האט בייגעוואהנט, אבער אויסער א פאר שטעלען איז עס פון בוך ניט צו זעהן. וואס ער טהוט, איז נאר צו בעשרייבען און ער לאזט אייך אין גאנצען פריי צו בילדען אייער אייגענעם שלוס. און אין פיעלע פעלע בעשרייבט ער זאכען, וואס מען קען אויסטייטשען ניט גינסטיג פאר דער רעוואלוציאן און לאכט זאגאר אמאל אב אונבעוואוסטערהייד פון דעם, ווי די פיהרער פון דער רעוואלוציאן האבען געפרואווט אריינברענגען ארדנונג און

סיסטעם אין א פאסירונג, וואס קען לויט איהר נאטור ניט זיין אָר־דענטליך און סיסטעמאטיש, און פיעלעס וואס ער זאָגט בעשטעטיגט ער גלייך מיט אויסציגע פון רעדעס, מיט איבערגעדרוקטע אויפרופען און פראקלאמאציעס, מיט בילדער. ניט אומזיסט זיינען די „צעהן טעג, וואס האָבען אויפגעציטערט די וועלט" פול מיט א מעכטיגען דינאמיט, אָנגעזאפט מיט גוואלדיגער ריכטיגקייט און שטארקייט פון רוישיגע פלאמיגע פאסירונגען.

דער בוך דארף געלעזען ווערען פון אלע, וואס אינטערעסירען זיך מיט די געשעהענישען פון יענע טעג.

ב. ווֹלאדעק.

## ערשטער קאַפּיטעל

# די אַלגעמיינע פּאָליטישע סצענע

דאָס איז געווען ענדע סעפּטעמבער 1917. מיך האָט בעזוכט אין פּעטראָגראַד אַנ׳אויסלענדישער פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע, וועלכער האָט גראַד דעמאָלסט געררייזט איבער רוסלאַנד. דער פּראָפעסאָר האָט זיך געוואונדערט: פון איין זייט האָבען איהם געשעפטס־לייט און אינטעליגענטען געזאָגט, אַז די רעוואָלוציע געהט שוין באַרג אַראָב, און ער, דער פּראָפעסאָר, האָט שוין אפילו געהאַט אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל וועגען דעם. נאָכדעם אָבער האָט ער זיך געלאָזט איבער׳ן לאַנד, בעזוכט פאַבריק־שטעדט און דאָרפישע געמיינדעס, און האָט אויסגעפונען, אַז די רעוואָלוציע איז גאָר אַלעמאָל געוואָרען שטאַרקער. אומעטום צווישען די אַרבייטער און פּויערים האָט מען געקענט הערען שמועסען וועגען דעם, אַז די גאַנצע ערד זאָל געהערען די פּויערים און אַלע פאַבריקען זאָלען געהערען די אַרבייטער. וואָלט דער פּראָפעסאָר אַריבערגעפאָהרען צום פראָנט, וואָלט ער געהערט, אַז די גאַנצע אַרמיי האָט געשמועסט וועגען פריעדען...

דער פּראָפעסאָר איז געווען ערשטוינט. אָבער אייגענטליך איז זיך ניט געווען וואָס צו וואונדערען. ביידע בעטראַכטונגען זיינען געווען ריכטיג. די בעזיצענדע קלאַסען האָבען אָנגעהויבען ווערען אַלץ מעהר קאָנסערוואַטיוו; די פאָלקס־מאַסען זיינען געוואָרען אַלץ מעהר ראַדיקאַל.

די געשעפטס־וועלט און די אינטעליגענץ האָבען זיך געטראַכט, אַז די רעוואָלוציע איז פערגאַנגען צו ווייט און אַז זי האָט געדויערט צו לאַנג. זייער שטימונג איז געווען, אַז עס איז שוין צייט איינצוּפיהרען אָרדנונג. די דאָזיגע שטימונג האָט אויך געהערשט צווישען

די „מעסיגע" סאָציאַליסטישע גרופּען, די מענשעוויקעס־אַבאַראָנצעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געשטיצט קע־רענסקי׳ס פּראָוויזאָרישע רעגירונג.

דעם 14טען אָקטאָבער האָט די אָפיציעלע צייטונג פון די „מע־סיגע" סאָציאַליסטען געשריעבען:

„די רעוואָלוציאָנערע דראַמע בעשטעהט פון צוויי אַקטען: צו־שטערען די אַלטע אָרדנונג — און איינפיהרען אַ נ׳ייע. דער ערשטער אַקט האָט זיך שוין געצויגען גענוג. עס איז שוין צייט איבערצוגעהן צום צווייטען אַקט און איהם שפּילען אַזוי שנעל ווי נור מעגליך. ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער: „לאָמיר זיך אונטעראיילען, חברים, צו ענדיגען די רעוואָלוציע. אויב מיר פאַר־ציהען זי צו לאַנג, וועלען מיר ניט געניסען איהרע פרוכט".

אַנדערש איז אָבער געווען די שטימונג צווישען די מאַסען, די ארבייטער, פּויערים און סאָלדאַטען. זיי האָבען זיך געהאַלטען שטאָל און אייזען אָנ׳ם געדאַנק, אַז דער ערשטער אַקט איז נאָך ניט גע־ענדיגט. ביי׳ם פראָנט האָבען די ארמיי־קאָמיטעטען ניט אויפגע־הערט צו סטרייקען געגען די אָפיצירען, וועלכע האָבען זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינט צו בעהאַנדלען די סאָלדאַטען ווי מענשען; איבער׳ן לאַנד האָט מען כסדר אריינגעזעצט אין טורמע די ערוועהלטע פּויער־שע קאָמיטעטען, וועלכע האָבען געפּרואווט דורכפיהרען די בעשטי־מונגען פון דער רעגיערונג בנוגע צו דער ערד; און די ארבייטער אין די פאַבריקען האָבען געהאַט צו זינגען און צו זאָגען מיט שווארצע ליסטען און לאַקאוטס. וואָס דאַרף מען מעהר, — עס האָט ניט איינמאָל געטראָפען, אַז נאָר וואָס צוריקגעקומענע פּאָליטישע פער־שיקטע האָט מען ארויסגעטריבען פון רוסלאַנד אונטער׳ן אויסרייד, אַז זיי זיינען „אונגעווינשטע" בירגער. עס האָט אויך געטראָפען, אַז מענשען, וועלכע האָבען אַקאָרשט זיך אומגעקעהרט אהיים אין זייערע דערפער, האָט מען פערפאָלגט און אריינגעזעצט אין טורמע פאַר רעוואָלוציאָנערע אַקטען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען אין יאָהר 1905.

קורץ און גוט, דער עולם איז געווען זעהר אויפגערעגט. די „מעסיגע" סאָציאַליסטען האָבען אויף אַלע טענות געהאַט איין ענט־פער: „וואַרט אויף דער גרינדונגס פערזאַמלונג". די גרינדונגס־

פערזאמלונג האָט זיך געזאָלט צונויפקומען אין דעצעמבער. דאָס האָט אָבער ניט בעפרידיגט די מאַסען פון׳ם פאָלק. א גרינדונגס פער־זאמלונג, האָט מען געזאָגט, איז טאַקי גוט און וואויל, פאַראן אָבער אַזוינע זאכען, וואָס מען דאַרף זיי גאראנטירען שוין איצט, צו עס וועט יא זיין א גרינדונגס־פערזאמלונג צו ניט, — און דאָס איז פריע־דען, ערד פאַר די פויערים און קאָנטראָל פון די ארבייטער איבער די פאַבריקען. אַט פאר די פאָדערונגען איז דאָך פאָרגעקומען די רע־וואָלוציע, צוליעב זיי האָבען דאָך געפוילט די רעוואָלוציאָנערע מאַר־טירער אינ׳ם גרויסען ברודער קבר אויפ׳ן מארס־פעלד. אָבער מיט דער גרינדונגס־פערזאמלונג איז אויך ניט געווען גלאַט. עפּעס האָט מען זי כסדר אָבגעלייגט פון וואָך צו וואָך, פון חודש צו חודש. אפשר וועט מען זי גאָר אָבלייגען אויף שפּעטער, ווען דאָס פאָלק וועט זיך איינגאַנצען בערוהיגען; אפשר וועט מען גאָר ענדערען די פאָדערונ־גען פון פאָלק, — אזוי האָט מען זיך געקענט טראַכטען. א פאַקט איז, אז עס איז שוין אוועקגעגאַנגען אכט חדשים זינט די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען, און קיין ממש׳דיגע רעזולטאַטען האָט מען נאָך אַלץ ניט געזעהן.

די סאָלדאַטען האָבען ניט געוואַרט און האָבען אָנגעהויבען לעזען די פרידענס־פראַגע אויף זייער אייגענעם שטייגער. זיי האָבען פּשוט פערלאָזען די טראַנשעען. די פויערים האָבען געברענט פּריצ׳ישע הויפען און איבערגענומען די גרויסע מאַיאָנטקעס. די ארבייטער האָבען כסדר פּראַקטיקירט סאַבאָטאַזש און סטרייק. די בעזיצענדע קלאַסען, — די פאַבריקאַנטען, גוטס־בעזיצער און אָפיצירען, — האָ־בען, פארשטעהט זיך, אויסגענוצט זייער גאַנצען איינפלוס אז מען זאָל זיך נ י ט איינינגען אויף גרינדליכע דעמאָקראַטישע רעפאָר־מען.

די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט זיך נאָכאַנאַנד געוואַקעלט צווי־שען כלומר׳שטיגע רעפאָרמען און שטרענגע מיטלען פון אונטערדרי־קונג. דער סאָציאַליסטישער ארבייטס־מיניסטער האָט ארויסגעגע־בע א בעפעהל, אז ארבייטער־קאָמיטעטען זאָלען ניט טאָרען אָבהאַל־טען זייערע זיצונגען אינ׳ם משך פון די ארבייט׳ס שטונדען. ביי׳ם פראָנט צווישען די סאָלדאַטען האָט מען ארעסטירט ראַדיקאַלע פּאָלי־טישע אגיטאַטאָרס; מען האָט פערמאַכט ראַדיקאַלע צייטונגען; מען

האָט אפילו אָנגעווענדעט טויט־שטראָף פאַר רעוואָלוציאָנערע פּראָ־פּאַגאַנדיסטען. מען האָט געפּרואווט ענטוואָפענען די רויטע גוואַרדיע. מען האָט געשיקט סאָלדאַטען צו האַלטען אָרדנונג איבער׳ן לאַנד.

די „מעסיגע" סאָציאַליסטען און זייערע פיהרער, וועלכע זיינען געווען פערטראָטען אין קערענסקי׳ס קאַבינעט האָבען געגעבען זייער הסכמה צו די אַלע מעשים: זיי האָבען נאָך אַלץ גערעכענט פאַר נויטיג צו געהן האַנד אין האַנד מיט די בעזיצענדע קלאַסען. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? דאָס פאָלק האָט ביסלעכווייז אויסגעדרעהט צו זיי דעם רוקען. דאָס פאָלק האָט גענומען פאָלגען די באָלשעוויקעס, וועמעס פּראָגראַם איז געווען: פריעדען, ערד פאַר די פּויערים, א קאָנטראָל פון די ארבייטער איבער די פאַבריקען און א ריינע אַר־בייטער רעגיערונג. אין סעפּטעמבער 1917 איז די לאַגע געוואָרען זעהר פערשאַרפט. די שטימונג פון פאָלק איז געווען געגען דער פּראָ־וויזאָרישער רעגירונג. מיט גרויס מיה און מאַטערניש האָבען קערענס־קי און די „מעסיגע" סאָציאַליסטען געבילדעט א נייע קאָאַליציאָנס רעגירונג מיט די בעזיצענדע קלאַסען, צוליעב וואָס די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען אויף אייביג פארלאָ־רען זייער קרעדיט ביי די מאַסען. אין „ראַבאָטשי פּוט" (ארבייטס־וועג) איז אין מיטען אָקטאָבער ערשינען אַן ארטיקעל אונטער׳ן נאָ־מען „די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען". פונ׳ם ארטיקעל קען מען זעהן, וואָס די מאַסען האָבען געטראַכט וועגען די „מעסיגע" סאָציאַ־ליסטען. מיר לייענען אזוי:

„אָט איז דער רייסטער פון זייערע פערדינסטען.

„צערעטעלי: ענטוואָפענט די ארבייטער מיט דער הילף פון גע־נעראַל פּאָלאָווצעוו; געהאַלטען אין צוים די רעוואָלוציאָנערע סאָל־דאַטען; געגעבען א הסכם צום טויט־שטראָף אין דער ארמיי.

„סקאָבעלעוו: אָנגעהויבען מיט א פּראָבע צו בעשטייערען די קאַפּיטאַליסטען אויף 10 פּראָצענט פון זייערע הכנסות און געענדיגט מיט א פּראָבע פאַנאַנדערצולאָזען די ארבייטער־קאָמיטעטען אין די פאַבריקען און זאַוואָדען.

„אווקסענטיעוו: אריינגעוואָרפען עטליכע הונדערט פּויערים אין טורמע דערפאַר וואָס זיי האָבען געהערט צו די ערד־קאָמיטעטען;

אונטערדריקט א גאנצע מאסע צייטונגען פון פויערים און סאָלדאַ־
טען.

„טשערנאָוו: גע׳חתמ׳עט דעם „קייזערליכען" מאניפעסט ווע־
גען פאנאנדערלאָזען דעם פינלענדישען סיים.

„סאווינקאָוו: געשלאָסען אן אָפּמאך מיט גענעראל
קאָרנילאָוו, אויב אָט דער רעטער פון זיין פאטערלאנד האָט ניט בע־
וויזען צו פעררעטהען פעטראָגראד, איז דאָס, חלילה, ניט זיין שולד.

„זארודני: ארייגעזעצט אין טורמע אייניגע פון די בעסטע רע־
וואָלוציאָנערע טהוער, סאָלדאטען און מאטראָזען, מיט דער הסכמה
פון אַקלעקסינסקי און קערענסקי.

„ניקיטין: געהאַנדעלט ווי א מיאוס׳ער גאראדאָוואָי אנטגעגען
די אייזענבאהן־ארבייטער.

„קערענסקי: שוין בעסער ניט דערצעהלען זיינע גרויסע פאר־
דינסטען. דאָס צעטעל איז צו לאַנג".

א קאָנגרעס פון דעלעגאטען פונ׳ם באלטישען פלאָט האָט אָנגע־
נומען א רעזאָלוציע, וואָס הויבט זיך אָן אזוי:

„מיר פערלאַנגען אז מען זאָל באלד אויסשליסען פון דער פראָ־
וויזאָרישער רעגירונג דעם בלומרשט׳דיגען סאָציאליסט, דעם פּאָליטי־
שען אוואנטוריסט קערענסקי, וואָס האָט געבראכט א חרפה און אן
אונגליק אויף דער גרויסער רעוואָלוציע און אויף די רעוואָלוציאָנערע
מאסען דורך זיין שענדליכער קאָנספּיראציע לטובה דער בורזשואזיע..."

דער פועל יוצא פון דעם אלעם איז בעקאנט. די באָלשעוויקעס
זיינען געוואָרען די פיהרער...

געדענקען דארף מען, אז ניט קיין אנדערער, נור די פאָלקס־
מאסען, די סאָלדאטען, ארבייטער און פויערים, האָבען געמאכט די רע־
וואָלוציע. דאָס האָבען זיי געררישט ווי א ים און געוואָרפען זייערע
כוואַליעס אויפ׳ן טאווּרישען פאלאץ און געגויט די גאָסודארסטווענע
דומא איבערצונעהמען די מאכט אין מארט 1917; דאָס האָבען זיי
ארויסגערופען יעדע נייע ענדערונג אין דעם גאנג פון דער רעוואָ־
לוציע; דאָס האָבען זיי ארונטערגעוואָרפען דאָס מיניסטעריום פון מי־
ליוקאָוו; דאָס האָט זייער סאָוויעט (ראטה) געלאָזט הערען פאר דער
גאנצער וועלט די רוסישע פרידענס־בעדינגונגען: „קיינע אנעקסיעס,
קיינע קאָנטריבוציעס, דאָס רעכט פון זעלבסט־בעשטימונג פאר אלע

פעלקער"; דאָס האָבען זיי זיך אויפגעהויבען אין פעטראָגראַד אין יולי און געשטורעמט דעם טאווּרישען פּאַלאַץ און פערלאַנגט, אַז די סאָוויעטען זאָלען איבערנעהמען די רעגירונג פון רוסלאַנד.

די באָלשעוויקעס זיינען נאָך דאַמאָלסט געווען אַ קליינע פּאָליטישע גרופּע, זיי האָבען זיך אָבער געשטעלט אָן דעם שפּיץ פון דער מאַסען־בעוועגונג. נאָך דעם שרעקליכען דורכפאַל פון זייער אויפשטאַנד אין יולי האָט זיך די געזעלשאַפטליכע מיינונג געווענדעט געגען זיי. די אונאָרגאַניזירטע פאָלקס־מאַסען זיינען געבליבען אָהן פיהרער און האָבען זיך שטילערהייד צוריקגעצויגען אין דעם וויבאָרגער שטאָדט־טהייל, וואו עס וואוינען די אָרימע מענשען. די רעגירונג האָט זיך גענומען יאָגען נאָך די באָלשעוויקעס, ווי נאָך ווילדע חיות; עטליכע הונדערט פון זיי האָט מען פערשפּאַרט הינטער אייזערנע גראַטעס, צווישען זיי טראָצקי, קאַמענעוו, קאָלאָנטאַי; לענין און זינאָוויעוו זיינען אַנטלאָפען און זיך בעהאַלטען; די באָלשעוויסטישע ציימונגען האָט מען פערמאַכט דאָס מויל...

אָבער די שוואַכקייט און אונמעכטיגקייט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג איז געווען די שטאַרקייט פון די באָלשעוויקעס. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט זיך כסדר געביטען. זי האָט ניט געהאַט קיין פעסטען קורס און קיין פעסטען פּראָגראַם. די באָלשעוויקעס האָבען ווידער אויפגעהויבען דעם גרויסען קאַמפּפס־רוף „די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטען". דער עולם האָט געוואוסט, אַז זיי מיינען ניט זייער אייגענע טובה, ווארום מעהרסטענס זיינען דאָך די סאָוויעטען געווען אונטער דער פיהרונג פון די „מעסיגע סאָציאַליסטען" — די ביטערסטע שונאים פון די באָלשעוויקעס.

זייער גאַנצער כח האָבען די באָלשעוויקעס געשעפּט טאַקע אַלץ פון די ברייטע ארבייטער־מאַסען. זיי האָבען גענומען די פשוט'ע, מגושם'דיגע פערלאַנגען פון די ארבייטער, פויערים און סאָלדאַטען און האָבען דערפון אויפגעבויט זייער פּראָגראַם. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז בשעת די מענשעוויקעס־אַבאַראָנצעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך פּאַרפלאָנטערט אין אַ פערבאַנד מיט דער בורזשואַזיע, האָבען ד באָלשעוויקעס שנעל געוואונען דעם צוטרוי פון די מאַסען. אין יולי האָט מען זיי נאָכגעיאָגט, געטריבען און געהאַסט. אין סעפּטעמבער זיינען די ארבייטער פון פעטראָגראַד, די

מאַטראָזען פון באַלטישען פלאָט און די סאָלדאַטען געווען כמעט אין גאַנצען אויף זייער זייט. אינטערעסאַנט איז צו וואַרפען אַ בליק אויף די שטאָדט־וואַהלען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער אין די גרעסערע שטעדט. 18 פּראָצענט פון די שטימען האָט מען אָבגעגעבען פאַר די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. אין יוני האָבען די זעלביגע פּאַרטייען בעקומען 70 פּראָצענט פון אַלע שטימען.

פאַראַן איין פאַקט, וואָס האָט ניט ווייניג געוואונדערט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען. ווי קומט עס, וואָס דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוויעטען, דער צענטראַל קאָמיטעט פון אייניגע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען (יוניאָנס), צווישען זיי דער פעראיין פון פּאָסט־ און טעלעגראַף־בעאַמטע און פון אייזענבאַהן־אַרבייטער, זיינען געווען אַזוי שאַרף געגען די באָלשעוויקעס? דער תירוץ איז זעהר פּשוט: די אַלע צענטראַלע קאָמיטעטען האָט מען אויסגעקליבען נאָך אין מיטען זומער, אייניגע אפילו אין פריהלינג, ווען די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען נאָך גע־האָט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף די מאַסען. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען קיין נייע וואַהלען צו די קאָמיטעטען ניט געמאַכט. מען האָט בסדר אָבגעלייגט און געשטערט. אַזוי, למשל, האָט דער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון די סאָוויעטען על פּי דין געזאָלט גערופען ווערען נאָך אין סעפּטעמבער, אָבער דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דאָס ניט געטאָן, מיט דעם אויסרייד אַז סיי ווי וועט זיך דאָך באַלד צו־נויפקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג און דאַמאָלסט וועט מען אפשר גאָר ניט דאַרפען האָבען קיין סאָוויעטען... די צענטראַל־קאָמיטעטען, הייסט עס, האָבען אין יענער צייט שוין ניט אויסגעדריקט די שטימונג פון די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס. דאָ, אין די אָרטיגע סאָוויעטען, אין די אָרטיגע אָבטהיילונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, ווי אויך צווישען די פּשוט'ע סאָלדאַטען און מאַטראָזען, זיינען די באָלשעוויקעס געוואָרען אַלע מאָל שטאַרקער. די פּויערים־סאָוויעטען זיינען נאָך אַלץ געבליבען ביי'ם אַלטען פּראָגראַם, ווייל אין די אָבגעשטאַנענע דערפער ענטוויקעלט זיך דאָס פּאָליטישע בעוואוסטזיין לאַנגזאַמער, ווי אין די שטעדט. אחוץ דעם איז דאָך בעקאַנט, אַז צווישען די פּויערים האָבען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען יאָה־

רעגלאנג אָנגעפיהרט זייער פראָפּאָגאַנדע... אָבער אויך צווישען די פּויערים האָט שוין אָנגעהויבען וואקסען א לינקער פליגעל. אין אָק־טאָבער האָט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי זיך צושפּאָלטען אויף צווייען — פון איין זייט די רעכטע און פון דער אַנדערער זייט די לינקע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען.

די רעאקציע האָט אויך ניט געשוויגען. ביסלעכווייז האָט זי אויפגעהויבען איהר קאָפּ דאָ און דאָרט. ווען מען האָט געשפּילט אין טראָאיצקי טהעאַטער אין פּעטראָגראַד א בורלעסק אונטער׳ן נאָמען „דעם קייזער׳ס חטאים“, האָט א גרופּע מאָנאַרכיסטען אויפגעהויבען א טומעל און געסטראַשעט אויפהענגען די אַקטיאָרען „פאַר בעליידיגען דעם קייזער“. געוויסע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען בענקען נאָך א רוסישען נאַפּאָלעאָן. די רוסישע אינטעליגענץ האָט קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט פאַר די סאָוויעטען ווי „סאָוויעט סאָבאַטשיך דעפּוטאַ־טאָוו“ (דער ראטה פון הינטישע דעפּוטאַטען).

דעם 15טען אָקטאָבער האָב איך געהאַט א שמועס מיט סטעפּאַן גריגאָריעוויטש ליאַנאַזאָוו, א רוסישער קאַפּיטאַליסט, א מין רוסישער ראָקעפעלער, א קאַדעט.

„די רעוואָלוציע“, האָט ער געזאָגט, „איז א מין חלאת. פריהער אָדער שפּעטער וועלען די אויסלענדישע מלוכות זיך מוזען אריינמי־שען. מען קען אונז ניט לאָזען אליין, ווי מען קען ניט לאָזען אליין א קראַנק קינד אָדער ווי מען מוז לערנען א קינד מיט געוואַלד צו געהן מיט די אייגענע פיס. פערשטעהט זיך, דאָס איז ניט אזא אַנגענעהמע זאַך, אָבער וואָס זאָל מען טאָן. די איבעריגע פעלקער וועלען מוזען איינזעהען, אז דער באָלשעוויזם איז א סכנה פאַר זיי אויך. אזוינע געדאַנקען ווי פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אָדער אַנ׳אַלוועלטליכע סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע פאַרשפּרייטען זיך ווי א קלעפּיגע קראַנקהייט... מעגליך, פונדעסטוועגען, אז מען וועט זיך גאָר ניט דאַרפען אריינמי־שען אין אונזערע היימישע עסקים. די לאַגע ווערט סיי ווי ערגער פון טאָג צו טאָג. די אייזענבאַהנען טויגען אויף קלאָג, די פאַבריקען שליסען זיך איינע נאָך דער אַנדערער, און די דייטשען רוקען זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער. פון איין זייט הונגער, פון דער אַנדע־רער זייט די מיליטערישע מפּלות וועלען מסתמא אויסניכטערען דאָס רוסישע פאָלק...“

ליאנאָזאָוו האָט זיך געהאַלטען שטאל און אייזען אָן דער מיינונג, אַז אונטער קיינע בעדינגונגען טאָר מען ניט דערלאָזען די ארבייטער קאָמיטעטען צו מישען זיך אין דער פערוואַלטונג פון די אינדוסטריען. אויף דערויף, האָט ער געזאָגט, וועט קיין פאַבריקאנט ניט איינגעהן...

„וואָס איז שייך צו די באָלשעוויקעס, וועט מען פון זיי פּטור ווערען אויף אַזאַ אופן: ענטוועדער די רעגירונג וועט פערלאָזען פּעטראָגראַד און אין שטאָדט וועט מען ערקלעהרען בעלאַגערונגס־צושטאַנד און דער מיליטערישער קאָמאַנדיר וועט דאַן האָבען אַ פרייע האנד צו רעכענען זיך מיט דער חברה ווי עס קומט זיי... אָדער, אויב אַשטייגער די גרינדונגס פערזאַמלונג וועט זיך פאַרנעהמען מיט אויטאָפּישע פּלענער, קען מען שיקען עטליכע סאָלדאַטען און זי פּשוט צוטרייבען...“

דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט, דער שרעקליכער רוסישער ווינטער. עס איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערען אין „גוטער“ געזעלשאַפט: „דער ווינטער איז שטענדיג געווען דער רוסישער גואל. אָפּשר וועט ער אונז אויך היינט אויסלייזען פון דער רעוואָלוציע“. ביי'ם פראָנט האָבען מיליאָנען סאָלדאַטען געליטען, געהונגערט, געשטאָרבען אָהן קראַפט, אָהן האָפנונג, אָהן ווילען... די אייזענבאַהנען זיינען געוואָרען אַלע מאָל ערגער. שפּייז איז געקומען ווייניגער, פאַבריקען האָבען ניט געאַרבייט. די מאַסען זיינען געזונקען אין טיעפער פערצווייפלונג, אַ געשריי האָט זיך געלאָזט הערען, אַז די בורזשואַזיע האָט זיך גענומען צו סאַבאָטאַזש, אַז זי ברענגט מפּלות ביי'ם פראָנט, אַז זי האָט געמאַכט אַ פערשווערונג אויפ'ן לעבען פון פאָלק. איידער ריגאַ האָט זיך אונטערגעגעבען, האָט קאָרנילאָוו עפענטליך געזאָגט: „מוזען מיר דען בעצאָהלען מיט ריגאַ כדי צו דערמאָהנען דעם פאָלק, וואָס פאַר אַ חוב עס ליגט אויף איהם?“

אַן אַמעריקאַנער קען זיך ניט פאָרשטעלען, אַז דער קלאַסען־קאַמף זאָל זיך אַזוי טיעף אריינשניידען אינ'ם לעבען פון אַ פאָלק. איך מוז אָבער זאָגען, אַז איך האָב פערזענליך בעגעגענט אויפ'ן צפון־פראָנט אַזוינע אָפיצירען, וואָס האָבען בעסער געוואָלט אַ מפּלה איידער אַרבייטען צוזאַמען מיט די סאָלדאַטען־קאָמיטעטען. דער סעקרעטער פון דער פּעטראָגראַדער אָבטהיילונג פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי האָט אין אַ געשפּרעך מיט מיר צוגעגעבען, אַז דער עקאָנאָמישער צוזאַמענ־

ברוך פון רוסלאנד איז א טהייל פון דעם קאמף צו דיסקרעדיטירען די רעוואָלוציע. א פערטרעטער פון די אליארטע, א דיפּלאָמאַט, וואָס איך האָב איהם צוגעזאָגט אז איך וועל זיין נאָמען ניט דערמאָנען, האָט מיר בעשטעטיגט דעם זעלביגען פאקט. מיר זיינען בעקאנט געוויסע קוילען־גרובען לעבען כארקאָוו, וואָס זייערע בעלי־בתים האָבען זיי אונטערגעצונדען און נאָכדעם פערפלייצט מיט וואַסער. מיר זיינען בעקאנט איינעגע טעקסטיל־פאבריקען אין מאָסקווא, וואו די אינזשינערען האָב מיט א כיון קאליע געמאכט די מאַשינען. מיר זיינען בעקאנט איינעגע אייזענבאהן־בעאמטע, וואָס די ארבייטער האָבען זיי געכאפּט ביי׳ם האנד בשעת זיי האָבען צוקריפּעלט לאָקאָמאָטיוועו!...

א גרויסע טהייל פון די פערמעגליכע קלאסען האָט בעסער געוואָלט די דייטשע הערשאפט איידער די רעוואָלוציע, — איידער אפילו די פּראָוויזארישע רעגירונג. מען האָט זיך ניט געשעמט, — מ׳האָט דאָס געזאָגט אָפען. אין דעם הויז, וואו איך בין איינגעשטאַנען, האָט מען ביי׳ם עסען כסדר גערעדט וועגען די דייטשען. „הלואי“, האָט מען געזאָגט, „וואָלטען זיי שוין געקומען און געבראכט געזעץ און אָרדנונג“, איינמאָל האָב איך פערבראכט אַן אָוועגד אינ׳ם הויז פון א מאָסקאָווער סוחר. ארום טיש זיינען געזעסען 11 מענשען, איך האָב זיי אלעמען געפרעגט וועמען זיי ווילען בעסער: ווילהעלם׳ן אָדער די באָלשעוויקעס? 10 פון די 11 האָבען בעסער געוואָלט ווילהעלם׳ען.

די ספּעקולאנטען האָבען דערווייל אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָבען אָנגעזאמעלט געוואלדיגע עשירות. זייער געלד האָבען זיי אויסגעגעבען אויף משוגע׳נעם לוקסוס און אויף אונטערצוקויפען די בעאמטע פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. ווער עס האָט געקענט האָט געזאמעלט און בעהאלטען שטילערהייד סיי עסענווארג, סיי הייצונג. פיעלע פּראָדוקטען פלעגט מען בשתיקה ארויספיהרען קיין שוועדען... עס איז א בעקאנטער פאקט, אז ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, איז אין די שטאָדטישע שפּייכלער פון פּעטראָגראד געווען גענוג תבואה אויף 2 יאָהר. אין 2 חדשים האָט מען די תבואה אזוי צוראבעוועט און צושלעפּט, אז עס איז געבליבען ניט מעהר ווי אויף איין מאָנאט. די שעהנע ארבייט האָט מען געטאָן כמעט אָפּען פאר אלעמענ׳ס אויגען. אין דעם רעפּאָרט פון דעם לעצטען שפּייזמיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג לייענען מיר, אז קאווע

האָט געקאָסט אין וולאַדיוואָסטאָק 2 רובעל א פונט, אין פּעטראָגראַד האָט מען פאַר א פונט געצאָהלט 13 רובעל. אַלע קראָמען פון די גרויסע שטעדט זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט שפּייזען און קליי־דער, אָבער נור די רייכע האָבען צו דעם געהאַט א צוטריט.

איך האָב געקענט א סוחר אין א רוסישער שטאָדט, וואָס זיין גאַנצע פאַמיליע איז געוואָרען ספּעקולאַנטען — אָדער מאַראָדיאָרען (רויבער באַנדיטען), ווי מען רופט זיי אין רוסלאַנד. זיינע דריי זיהן האָבען זיך דורך געלד אויסגעקויפט פון מיליטער דיענסט. איינער האָט ספּעקולירט מיט שפּייז, אַן אַנדערער האָט אויף א געהיימניס־פולען אופן בעקומען געלד פון די לענא־גרובען און עס פערקויפט קיין ענגלאַנד, א דריטער האָט קאָנטראָלירט א שאָקאָלאַד־פאַבריק, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט די אָרטיגע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען. האָט ער אויסגענומען א תנאי, אז די קאָ־אָפּעראַטיוון זאָלען איהם צושטעלען אַלעס וואָס ער בעדאַרף. און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אינ׳ם הייליגען רוסלאַנד. דער פּראָסטער עולם האָט בעקומען א פיערטעל פונט ברויט אויף ברויט־קאַרטען, בשעת ער, דער ספּעק־קולאַנט, האָט זיך געבאָדען אין ווייסע ברויט, צוקער, טהעע, קאָנ־פעקטען, לעקאַך און פּוטער... און אז די סאָלדאַטען ביי׳ם פראָנט האָבען שוין ממש ניט געקענט אויסהאַלטען פון קעלט, הונגער און מיעדקייט און האָבען ניט געקענטביישטעהן געגען די דייטשען, האָט די זעלבע פאַמיליע געשריען: „טרוסען“. זיי, די רייכע, האָ־בען זיך „געשעהמט“ וואָס זיי זיינען רוסען... און אז די באָלשעוויקעס האָבען געפונען און צוגענומען די גרויסע זאַפּאַסען פון עסענוואַרג, האָט מען זיי, זעלבסטפערשטענדליך, געשטעמפּעלט פאַר רויבער.

אויבען, הייסט עס, איז אַלסדינג געווען פויל און צורודערט. אונטען, אין דער טיעף, האָבען געאַרבייט די אַלטע פינסטערע קרעפּ־טען, די געוועזענע משרתים פון ניקאָלאַי דעם 2טען, וועלכע האָ־בען זיך ניט געביטען א האָר. זיי האָבען געטאָן זייער אַרבייט שטיל און פלייסיג. די אַגענטען פון דער אַלטער „אָכראַנע“ האָבען נאָך אַלץ אַרויסגעוויזען זייער אַלטע קונסט, פ א ר דעם צאַר אָדער ג ע ג ע ן דעם צאַר, פ א ר קערענסקי׳ן אָדער ג ע ג ע ן קע־רענסקי׳ן, ווי אימיצער האָט זיי געצאָהלט. שטיל, בעהאַלטענערהייד, האָבען זיך געפּאַרקעט אַלערליי אונלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי די

שוואַרצע מאה און עהנליכע חברה. זייער כונה איז געווען צוריק־צוברענגען די אַלטע פערפלוכטע אָרדנונג...

אין אַט דער פוילער, פערדאַרבענער לופט, פול מיט העסליכע האַלבע אמת'ן, וואָס זיינען ערגער ווי ליגענס, האָט זיך טאָג איין טאָג אויס געהערט איין קלאָרע זיכערע שטימע, וואָס איז געוואָרען אַלע־מאָל שטאַרקער, אַלע מאָל טיעפער... „די גאַנצע מאַכט די סאָוויע־טען! די גאַנצע מאַכט די אמת'ע פערטרעטער פון מיליאָנען פשוט'ע ארבייטער, סאָלדאַטען, מאַטראָסען. ערד, ברויט, אַן עק צו דעם זינלאָזען קריעג, אַן עק צו געהיימער דיפּלאָמאַטיע, ספּעקולאַציע, פעררעטה... די רעוואָלוציע איז אין געפאַהר! די צוקונפט פון דער גאַנצער וועלט איז אין געפאַהר!"

דער קאַמף צווישען פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, צווי־שען די סאָוויעטען און דער רעגירונג, אַ קאַמף וואָס האָט זיך אָנ־געהויבען נאָך אין מאַרט, איז איצט פערשאַרפט געוואָרען אויפ'ן העכסטען אופן. דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואָס האָט זיך מיט איין שטראָם אריבערגעכאַפּט פון מיטעלאַלטער צום 20טען יאָהרהונדערט, האָט זיך געגרייט ווייזען דער פערוואונדערטער וועלט צווי רעוואָ־לוציעס — די פּאָליטישע און די סאָציאַלע, — אין אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט.

עס איז מערקווירדיג וויפיעל לעבענס־קראַפט עס האָט אַרויס־געוויזען די רוסישע רעוואָלוציע נאָך אַזוינע לאַנגע מאָנאַטען פון הונגער, ליידען און צושמעטערטע האָפנונגען! די רוסישע בורזשואַזיע האָט דאָס געזאָלט בעסער פערשטעהן.

סעפּטעמבער און אָקטאָבער זיינען די ערגסטע חדשים אין רוס־לאַנד ,דערהויפּט אין פּעטראָגראַד. די טעג ווערען קירצער, דער הימעל איז גראָה און אומעטיג, עס פאַלט אַ קאַלטער רעגען און הערט ניט אויף גאַנצע טעג. איבער פּעטראָגראַד האָט זיך געשפּרייט אַ טיעפע קלעפּיגע בלאָטע; די גאַסען זיינען געווען גליטשיג; פייכטע עסענ־דיגע ווינטען האָבען געבלאָזען פונ'ם פינישען ים־בוזים, און דער קאַלטער נעבעל האָט זיך געקייקעלט דורך די גאַסען און דורכגענומען

דיביינער. ביינאכט האט מען אנגעצונדען וועניג לאמטערנעס אין די גאסען, ערשטענס ווייל מען האט מורא געהאט פאר צעפעלינס, און צווייטענס ווייל מען האט געוואלט שפארען ליכט. אין פריוואטע הייזער האט עלעקטריציטעט געברענט פון 6 ביז 12 ביינאכט, קעראסין האט מען קוים געקענט קריגען, און ליכט האבען געקאסט 40 סענט א שטיק. פינסטער איז געווען פון דריי בייטאג ביז 10 אין דער פריה. די צאהל רויבערייען האבען זיך זעהר פערגרעסערט, גנבים האבען זיך אריינגעריסען אין די הייזער און גענומען וואס זיי האבען געקענט. די מענער פון יעדען הויז האבען זיך ארגאניזירט און נאך דער רייהע געהאלטען וואך מיט אנגעלאדענע ביקסען אין די הענד. דאס איז אלץ געווען אונטער דער פראוויזארישער רעגיערונג.

ברויט איז וואס א וואך געווארען וועניגער. פריהער פלעגט מען ארויסגעגעבען 1 פונט און האלב ברויט א טאג, נאכדעם איין פונט, נאכדעם דריי פיערטעל, א האלב פונט, ביז עס איז דערגאנגען צו א פיערטעל פונט. עס איז שוין געווען גאנצע וואכען, וואס מען האט שוין בכלל ניט געקענט קריגען קיין ברויט. צוקער האט מען געקענט קויפען צוויי פונט א חודש, אויב עס איז געווען וואו צו קריגען. א שטיקעל שאקאלאד אדער א פונט ביליגע קאנפעקטען האבען גע־קאסט פון 7 ביז 10 רובעל, יעדענפאלס ניט וועניגער ווי א דאלאר. מילך איז געווען נאר פאר א העלפט קינדער. די מעהרסטע האטעלען און פריוואטע הייזער האבען חדשים־לאנג ניט געזעהען קיין מילך. ווען פרוכט איז צייטיג געווארען, האט מען געצאהלט א רובעל פאר אן עפעל אדער פאר א באר...

כדי צו בעקומען מילך אדער ברויט אדער צוקער אדער טאבאק, האט מען געדארפט שטעהן לאנגע שעה'ען „אין דער רייהע" אונטער'ן קאלטען רעגען. ווען איך פלעג געהן אהיים אין דער פריה נאך א מיטינג, וואס האט זיך געצויגען א גאנצע נאכט, האב איך געזעהן ווי דער „כוואסט" (עק) פלעגט זיך אנהויבען אויסשטעלען. געוועהנ־ליך זיינען דאס געווען ווייבער, אייניגע מיט קינדער אויף די הענד. שטעהן אין דער „רייהע" האט מען אנגעהויבען נאך אונטער דער הער־שאפט פון ניקאלאי דעם זעליגען אין 1915... זומער 1917 איז דאס געווארען דער געוועהנליכער סדר־העולם. ארים געקליידעטע מענשען זיינען גאנצע טעג געשטאנען אין פעטראגראד אין דעם שטארקסטען

פראָסט; אַ ביטערע גיפטיגע שטימע פון אונצופריעדענהייט האָט זיך דאָ און דאָרט געלאָזט הערען צווישען די רייהען. אפילו די וואונדערבארע גדולד פון דעם רוס האָט געהאַלטען אין פּלאַצען...

עס פערשטעהט זיך, אַז די טהעאַטערע האָבען געשפּיעלט ווי געוועהנליך, אַלע טעג פון דער וואָך. קאַרסאַווינאַ איז ארויסגעטרעטען אין אַ נייעם באַלעט אין מארינסקי טהעאַטער, און אלע ליעבהאָבער פון טענץ זיינען געקומען זי אָנקוקען. שאַליאַפּין האָט געזונגען; אין אַלעקסאַנדרינסקי טהעאַטער האָט מען אויפ׳ס ניי איינצענירט טאָלסטאָי׳ס „דער טויט פון איוואַן דעם שרעקליכען“ אונטער דער לייטונג פון מייערהאָלד. ווען איך בין געווען אין טעאַטער, האָב איך געזעהן אַ סטודענט פון דער קייזערליכער מיליטערישער פּאַזשען־שול, אין „פּאָלנע פאָרמע“ שטעהענדיג אויסגעצויגען ווי אויף אַ פּאַראַד פאַר דער ליידיגער קייזערליכער לאָזשע, פון וואַנען די אָדלערס זיינען פערשוואונדען. דער טהעאַטער „קרומער שפּיעגעל“ האָט אויפגעפיהרט אַ לוקסוס־רייכע פאָרשטעלונג פון שניצלער׳ס „קאַראַהאָר“.

אין ערמיטאַזש און אין אַנדערע בילדער־גאַלערעען איז געבליבען וועניג קונסטווערק, ווייל מען האָט זיי מעהרסטענטהיילס איבערגעפיהרט קיין מאָסקווא. אָבער בילדער־אויסשטעלונגען זיינען פאָרגעקומען יעדע וואָך; מחנות אינטעליגענטקעס זיינען געלאָפען אויף לעקציעס וועגען קונסט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע... די טהעאָסאָפען האָבען געהאַט זעהר אַ לעבעדיגען סעזאָן. און די „סאַלוויישאָן ארמי“, וואָס מען האָט זי דעם ערשטען מאָל אריינגעלאָזט אין רוסלאַנד, האָט בעקלעפּט אַלע ווענד מיט אפישען וועגען הייליגע פערזאַמלונגען, צום גרויסען ערשטוינען פון דעם גרויסען עולם...

דאָס וואָכעדיגע קליינליכע לעבען איז געגאַנגען זיין גאַנג, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָר קיין רעוואָלוציע ניט געווען. די פּאָעטען האָבען געשריבען ליעדער, נאָר ניט וועגען רעוואָלוציע. די רעאַליסטישע מאַהלער האָבען געמאָהלען סצענעס פון דער מיטעלאַלטערליכער רוסישער געשיכטע — אַלסדינג וואָס איהר ווילט, אָבער ניט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פון די קלענערע שטעדט זיינען געקומען יונגע מיידלעך צו לערנען זיך פראַנצויזיש און צו בעאַרבייטען זייערע שטימען, און די פּראַנטאַוואַטע יונגע אָפיצירען האָבען געטראָגען זייערע

רויטע „באשליקעס“ מיט די גאָלדענע קאַנטען און זייערע שווערע קאַווקאַזישע שווערדען אין די זאַאַלען פון די רייכע האָטעלען. די ווייבער פון קלענערע טשינאָווניקעס זיינען געפאָהרען אויף וויזיטען איינע צו דער אנדערער, געפיהרט מיט זיך אַ גאָלדענע אָדער אַ זיל־בערנע צוקער־פּושקעלע און אַ לעבעל ברויט אין דער מוף, און האָבען זיך געוואונשען, אַז דער צאַר זאָל קומען צוריק, אָדער די דייטשען זאָלען כאַטש קומען און פערנעהמען די שטאָדט, און אויסלערנען די דיענסטען דרך־ארץ...

אַ טאָכטער פון מיינעם אַ בעקאַנטען, איז אַ מאָל געקומען אהיים אין היסטעריקע, מחמת די קאָנדוקטאָרקע איפ׳ן טראַמוואַי האָט איהר געזאָגט „גענאָסין“.

אָרום און אָרום איז רוסלאנד געלעגען אין די שווערסטע גע־בורטס־וועהען. אַ נייע וועלט האָט געדאַרפט קומען. די דיענסטען האָבען דערפיהלט, אַז זיי זיינען מענשען מיט מענשען גלייך, און האָבען מעהר ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז מען זאָל זיי בעהאנדלען ווי בהמות. אַ פּאָר שיך האָט געקאָסט איבער 100 רובעל, שכירות פלעגט אַ דיענסט בעקומען אַן ערך 35 רובעל אַ חודש, האָבען די דיענסטען ערקלעהרט, אַז זיי ווילען ניט שטעהן אין דער „רייהע“ אין זייערע אייגענע שיך. אָבער דאָס איז נאָך וועניג. יעדער מאַן און יעדע פרוי האָט איצט געהאַט שטימרעכט; אַרבייטער־צייטונ־גען זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אַ גרויסער צאָהל און האָבען גערעדט נייע מערקווירדיגע רייד; סאָוויעטען האָבען זיך געגרינדעט; פּראָ־פעסיאָנעלע פעראייניגען האָבען זיך בעוויזען אומעטום. אפילו די איז־וואָשטשיקעס האָבען זיך געהאַט זייער אייגענעם פעראיין און זיינען געווען פערטראָטען איינ׳ם פעטראָגראַדער סאָוויעט. די קעלנער און האָטעל־בעדיענטע האָבען זיך אָרגאַניזירט און האָבען זיך אָבגעזאָגט פון „נאַ טשאַי“ (טרינק־געלד, טיפּס). אויף די וואַנד פון אַלע רעסטאָראַנען זיינען געהאַנגען אויפשריפטען: „דאָ גיט מען נישט קיין נאַ טשאַי“. אָדער: אויב אַ מענש פערדיענט זיין פּרנסה דורך דעם, וואָס ער דערלאַנגט אייך עסען, איז דאָס נאָך ניט קיין סבה, אַז איהר זאָלט איהם בעליידיגען און געבען נאַ טשאַי“.

ביים פּראָנט האָבען די סאָלדאַטען געהאַלטען אין איין קעמפפען געגען די אָפיציערען, און אין זייערע קאָמיטעטען האָבען זיי זיך

געלערענט צו פערוואלטען זייערע אייגענע עסקים. אין די פאבריקען האבען די פאבריטשנא־זאוואדסקע קאמיטעטען, די דאזיגע מערק־ווירדיגע רוסישע ארגאניזאציאנען, בעקומען אלע מאל מעהר קראפט און ערפאהרונג; אין קאמפף מיט דער אלטער ארדנונג האבען זיי אלע קלארער אנגעהויבען פערשטעהן זייער היסטארישע שליחות. רוסלאנד, גאנץ רוסלאנד, האט זיך געלערענט לעזען; מען האט געלייענט פאליטישע, עקאנאמישע, היסטארישע ווערק און געוואלט פערשטעהן. אין יעדער שטאדט, גרויס צי קליין, אין אלע טהיילען פונ׳ם פראנט האט יעדע פאליטישע גרופע געהאט איהר אייגענע צייטונג. טויזענדער ארגאניזאציאנען האבען פערשפרייט הונדערטער טויזענדער בראשורען אין דער ארמעע, אין די דערפער, אין די פאברי־קען, אין די גאסען. דער עולם איז געווען הונגעריג נאך בילדונג... הונגעריג נאך וויסען... א ריעזיגע כוואליע פון בילדונגס־ליידענשאפט האט אויפגערודערט דאס גאנצע פאלק. אין די ערשטע זעקס מאנאט פון דער רעוואלוציע האט מען פון דעם סמאלני אינסטיטוט אליין ארויסגעפיהרט יעדען טאג גאנצע פעק, גאנצע וואגאנעס, גאנצע בערג מיט ליטעראטור. דאס גאנצע לאנד האט מען אנגעזעטיגט מיט ליטעראטור. רוסלאנד האט געטרונקען לעזע־שטאף, ווי הייסע זאמד טרינקט וואסער, און עס איז ניט געווען מעגליך צו שטילען איהר דורשט. וואס מען האט געלייענט, איז ניט געווען קיין פוסטע מעשיות, פאלסיפיצירטע געשיכטע, פערוואסערטע רעליגיעזע שרייבערייי, אדער ביליגע בעלעטריסטיק, וואס מאכט א תל פון געשמאק. מען האט גע־לייענט וועגען סאציאלע, פאליטישע און פילאזאפישע טהעאריעס, מען האט געלייענט די ווערק פון טאלסטאי, גאגאל, גארקי...

היינט די רעדעס. א גאנצער שטראם, א גאנצער מבול פון רע־דעס, לעקציעס, דיסקוסיעס, דעבאטען, אין טהעאטערע, צירקען, שולען, קלובען, אין די קווארטירען פון די סאוויעטען, די פראפעסיא־נעלע פעראיינען, אין קאזארמעס... פערזאמלונגען אין די גראבענס ביים פראנט, אין די דערפער, אין די פאבריקען... ס׳ארא מערקוויר־דיגען בילד מען האט געקענט זעהן אין פוטילאווסקי זאוואד, ווען 40 טויזענד ארבייטער פלעגען זיך ארויסגיסען פון אלע אבטהיילונגען צו הערען די רעדעס פון סאציאל־דעמאקראטען, סאציאל־רעוואלוציא־נערען, אנארכיסטען און סתם אראטארס, וועלכע האבען גערעדט

אלצדינג, וואס זיי האבען געוואלט, און אזוי לאנג, ווי זיי האבען געקענט. גאנצע חדשים נאכאנאנד איז יעדע גאס אין פעטראגראד און אין גאנץ רוסלאנד געווען אן עפענטליכע טריבונע. אין אייזענבאהן־וואגאנען, אין טראמוואיען, אומעטום האט געפלאקערט א לעבעדיגע דיסקוסיע; מען האט גערעדט, זיך געאמפערט...

היינט די אלרוסישע קאנפערענצען און קאנגרעסען, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען פערטרעטער פון צוויי ערד־טהיילען — קאנגרעסען פון סאוויעטען, פון קאאפעראטיוון, זעמסטוואס, נאציאנאליטעטען, גלחים, פויערים, פאליטישע פארטייען... די דעמאקראטישע קאנפערענץ, די מאסקוואר קאנפערענץ, דער ראט פון דער רוסישער רעפובליק. כסדר איז אין פעטראגראד געווען דריי אדער פיער קאנגרעסען אין איין צייט. און טאמער האט מען ערגעץ פארגעשלאגען, אז מען זאל בעגרענצען די צייט פון די רעדנער, האט מען דעם פארשלאג געוועהנליך פערווארפען. יעדער האט געמעגט רעדען וואס ער האט געוואלט און ווי לאנג ער האט געוואלט.

מיר האבען איינמאל בעזוכט די 12טע ארמעע אין די טראנשעען הינטער ריגא... אויסגעדארטע, בארוויסע מענשען האבען געקרענקט אין דער בלאטע פון די גראבענס. זייערע פנים'ער זיינען געווען מאגער און טונקעל, דאס בלויליכע לייב האט ארויסגעקוקט פון אונטער די צוריסענע קליידער. אבער אז זיי האבען זיך אויפגעהויבען צו בעגעגענען אונז, איז די ערשטע פראגע געווען: „האט איהר וואס געבראכט צום לעזען?"

און דאך... כאטש רוסלאנד האט בעקומען גאר אן אנדער פנים; כאטש די סטאטוע פון קאטהערינא דער גרויסער פאר'ן אלעקסאנדרינסקי טהעאטער האט געהאלטען א רויט פעהנדעל אין איהר האנד, און אנדערע, שוין א ביסעלע אבגעבליאקעוועטע רויטע פאהנען האבען געפלאטערט איבער אלע געזעלשאפטליכע געביידעס; כאטש די קייזערליכע מאנאגראמען און די צוויי־קעפיגע אדלערס זיינען ענטוועדער אין גאנצען פערשוואונדען אדער געווען פערשטעלט און פערהאנגען; כאטש דער פריינדליכער אונבעוואפענטער מיליציאנער האט פערנומען אין די גאסען דעם פלאץ פונ'ם אלטען שטרענגען גאראדאוואי — פון דעסטוועגען זיינען נאך פערבליבען א סך אינטערעסאנטע אנאכראניזמען.

למשל, דער „טאבעל־אָ־ראנגאך“ (דער רייסטער פון טיטלען), וואָס האָט עקזיסטירט פון פעטער דער גרויסען אָן, און האָט געהאַלטען רוסלאַנד ווי אין אייזערנע צוואַנגען, איז נאָך אַלץ געבליבען אפילו אונטער דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג. יעדער איינער האָט געטראָגען אַ פאָרמע, פון אַ גימנאַזיסט ביז דעם העכסטען ריכטער — מיט קנעפּ און מיט עפּאָלעטען.

ארום אַ זייגער פינף פארנאכט פלעגען די גאסען זיך אָנפילען מיט פיינע אַלטע טשינאָווניקעס אין „פאָלנע פאָרמע“, מיט פאָרטפּעלען אונטער'ן אָרעם. ווי צוריק מיט צעהנדליגע יאָהרען, פלעגען זיי זיך איילען אהיים פון די מיניסטעריומס און אנדערע קאַנצעליאַריעס, טראַכטענדיג דערביי, ווי לאַנג זיי וועלען דארפען ווארטען, ביז גאָט וועט זיי העלפען און זייערער אַ נאטשאלניק וועט שטארבען, און זיי וועלען זיך דערהויבען מיט אַ טשין העכער, ביז זיי וועלען זיך דערדיענען צו קאָלעזשסקי אַסעסאָר, און נאָכדעם ארויסגעהן אין אָטסטאַווקע, אפשר נאָך מיט אַ צלם פון דער הייליגער אננאַ...

מען דערצעהלט וועגען סענאַטאָר סאָקאָלאָוו, וואָס איז איינמאָל אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע געקומען אויף אַ זיצונג אין סענאַט אין ציווילע קליידער. מען האָט דעם סענאַטאָר ניט אריינגעלאָזען אין זאַאל, ווייל ער האָט ניט געטראָגען די פאָרמע פון דעם צאַר'ס משרת...

אזוי האָט אויסגעזעהן די פּאָליטישע סצענע אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1917. אַ גרויסע און אַ ברייטע פּאָליטישע סצענע — אזוי ברייט ווי דאָס גאַנצע מעכטיגע רוסלאַנד. אויף אָט דער סצענע האָט זיך אָבגעשפּיעלט די געוואַלדיגע טראַגעדיע — דער אויפשטאַנד פון די רוסישע מאַסען.

## צווייטער קאַפּיטעל

## דער שטורם קומט.

אין סעפּטעמבער האָט גענעראל קאָרנילאָוו זיך א לאָז געטהאָן אויף פּעטראָגראד צו ווערען דער מיליטערישער דיקטאטאָר פון רוסלאנד. הינטער איהם האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען דער גע‍פּאנצערטער פויסט פון דער בורזשואזיע, גרייט צו פערניכטען די רעוואָלוציע. איינינע סאָציאליסטישע מיניסטאָרען זיינען געווען פערמישט אין דער געשיכטע, אפילו קערענסקי גופא איז איך נישט געייען ריין פון חשד. סאווינקאָוו׳ן האָט דער צענטראל־קאָמיטעט פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען אויפגעפאָדערט, ער זאָל ערקלעהרען זיין האנדלונג, אָבער ער האָט זיך אָבגעזאָגט און מען האָט איהם אויסגעשלאָסען פון דער פּארטיי. קאָרנילאָוו׳ען האָט ארעסטירט א קאָמיטעט פון סאָלדאטען. עטליכע גענעראלען האָט מען אָפּגעזאָגט פון די שטעלען; עטליכע מיניסטאָרען האָט מען אויף א ווייל געהייסען זיצען אין דער היים. דער קאבינעט איז געפאלען.

קערענסקי האָט געפּרואווט אָרגאניזירען א נייעם קאבינעט, וואו עס זאָלען אויך אריינגעהן די קאדעטען — די פּארטיי פון דער בורזשואזיע. קערענסקי׳ס פּארטיי, די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָט איהם בעפוילען אויסצושליסען די קאדעטען. קערענסקי האָט זיך אָבגעזאָגט און געסטראשעט, אז ער וועט אין גאנצען ארויס פון דער רעגיערונג, אויב זיין פּארטיי וועט בעשטעהן אויף איהר פאָדערונג. די אלגעמיינע שטימונג איז אָבער געווען אזוי שארף אויסגעשפּראָכען געגען די קאדעטען, אז קערענסקי האָט ניט געוואגט דורכצופיהרען זיין פּלאן. א צייטווייליגעס דירעקטאָריום פון 5 מיניסטאָרען מיט קערענסקי׳ן אָן דער שפּיץ האָט איבערגענומען די מאכט אויף דערווילע.

די מעשה קאָרנילאָוו האָט פעראייניגט אַלע סאָציאַליסטישע גרופען, — סיי די מעסיגע, סיי די רעוואָלוציאָנערע — אין איין ליידענשאַפטליכער שטרעבונג צו פערטהיידיגען זיך געגען דעם אַלגעמיינעם שונא. איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַן עק זאָל ווערען פון די קאָרנילאָווס — מען מוז בעשאַפען אַ נייע רעגיערונג, וועלכע זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די עלעמענטען, וואָס אונטערשטיצען די רעוואָלוציע! דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַלע סאָציאַליסטען האָט דעריבער איינגעלאַדען אַלע אָרגאַניזאַציעס צו שיקען דעלעגאַטען צו דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ, וואָס האָט בעדאַרפט פאָרקומען אין פעטראָגראַד אין חודש סעפּטעמבער.

דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך אין גיכען צוטהיילט אויף דריי פראַקציעס. די באָלשעוויקעס האָבען פערלאַנגט, אַז עס זאָל גערופען ווערען אַן אַלל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוויעטען און ער זאָל איבערנעהמען די גאַנצע מאַכט. דער „צענטער" פון די סאָצ. רעוו. אונטער דער פיהרונג פון טשערנאָוו, די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אונטער דער פיהרונג פון קאַמקאָוו און ספּירידאָנאָוואַ, די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטען אונטער דער פיהרונג פון מאַרטאָוו׳ען און דער „צענטער" פון די מענשעוויקעס מיט באָגדאַנאָוו און סקאָבעלעוו בראש האָבען זיך פעראייניגט אויף דער פאָדערונג פון אַ ריין־סאָציאַליסטישער רעגיערונג. צערעטעלי, דאַן, ליבער, די פיהרער פון דעם רעכטען פליגעל פון די מענשעוויקעס, און אויך דער רעכטער פליגעל פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען מיט אווקסענטיעוו׳ן און גאָץ׳ן אָן דער שפּיץ האָבען ניט אַנדערש געפאָדערט, אַז אַלע קלאַסען זאָלען זיין פערטראָטען אין דער נייער רעגיערונג.

די באָלשעוויקעס האָבען אין גיכען געוואונען אַ מאַיאָריטעט אין דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט. מאָסקוואַ, קיעוו, אָדעס און אַנדערע שטעדט האָבען נאָכגעטהאָן דעם פעטראָגראַדער ביישפּיעל.

די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען ביז אהער געווען די פיהרער פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט, האָבען זיך דערשראָקען. סוף כל סוף האָבען זיי וועניגער מורא געהאַט פאַר קאָרנילאָוו׳ן ווי פאַר ליענין׳ען. זיי האָבען געענדערט די פערטרעטערשאַפט צו דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ

אויף אזא אופן, אז די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען און די אַנדערע מעסיגע אָרגאַניזאַציעס זאָלען האָבען מעהר דעלעגאַטען. אָבער אפילו אָט די פּערזאַמלונג, וואו די פּערטרעטערשאַפט איז בשום אופן נישט געווען דעמאָקראַטיש, האָט זיך לכתחלה ארויסגעזאָגט פאר א קאָאַלי־ציאָנס־רעגיערונג אָ ה ן די קאַדעטען. ערשט ווען קערענסקי האָט אָנגעהויבען סטראַשען, אז ער וועט רעזיגנירען, און די מעסיגע סאָ־ציאַליסטען האָבען אויפגעהויבען א גוואַלד וועגען דער געפאַהר, וואָס דראָהט דער רעפּובליק, האָט די קאָנפערענץ זיך ענדליך ארויסגעזאָגט מיט גאָר א קליינער מאַיאָריטעט פאַר דעם פּרינציפּ פון קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע און האָט געגעבען איהר הסכמה צו דעם פּלאַן פון א בעראַטהונגס־פּאַרלאַמענט אָהן געזעצגעבענדער מאַכט, וועלכער זאָל טראָגען דעם נאָמען „דער פּראָוויזאָרישער ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק". די בעזיצענדע קלאַסען האָבען פאַקטיש געהאַט די גאַנצע דעה אין דעם נייעם מיניסטעריום, און אין דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק האָבען זיי געהאַט פיעל מעהר פּלעצער ווי עס וואָלט זיי געקומען.

א פאַקט איז, אז אין יענער צייט האָט דער צענטראַלער עקזעקו־טיוו־קאָמיטעט שוין ניט פערטראָטען די אָרטיגע סאָוויעטען. ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו רופען אין סעפּטעמבער דעם אַלל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס, ווייל ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו פערלירען זיין מאַכט. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פעסט בעשלאָסען ניט צו דערלאָזען א נייעם קאָנגרעס. דער אָפיציעלער אָרגאַן פונ׳ם קאָמי־טעט, די צייטונג „איזוועסטיא" (נייעס) האָט געגעבען אָנצוהערעניש, אז דער סאָוויעט וועט סיי ווי סיי אין גיכען אויפהערען צו עקזיסטירען און אז ער האָט שוין ניט מעהר וואָס צו טהאָן... די נייע רעגיערונג האָט פון איהר זייט ערקלעהרט אין איהר פּראָגראַם, אז זי וועט שטרעַ־בען צו ליקווידירען די אונפעראַנטוואָרטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, דאָס הייסט די סאָוויעטען...

די באָלשעוויקעס האָבען אַליין גערופען דעם אַלל־רוסישען קאָנ־גרעס פון סאָוויעטען. דער קאָנגרעס האָט זיך געזאָלט צוזאַמענקומען אין פּעטראָגראַד דעם 2טען נאָוועמבער, צו איבערנעהמען די רוסישע רעגיערונגס־מאַכט. אין דער זעלבער צייט האָבען זיך די באָלשעווי־קעס צוריקגעצויגען פון דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק.

זיי ווילען ניט, האבען זיי ערקלעהרט, בעטהייליגען זיך אין א רעגיע־רונג פון פאלקס־פעררעטה.

דער ראטה פון דער רוסישער רעפובליק איז געבליבען אהן די באלשעוויקעס, אבער קיין איינינקייט איז נאך דארט אלץ ניט געוועז. די בעזיצענדע קלאסען האבען דערפיהלט, אז איצט איז זייער צייט. האבען זיי גענומען האנדלען „ביד רמה". די קאדעטען האבען אפען ערקלעהרט, אז די רעגיערונג האט ניט געהאט קיין געזעצליכען רעכט צו פערוואנדלען רוסלאנד אין א רעפובליק. די קאדעטען האבען פערלאנגט שטרענגע מיטלען אין דער ארמיי און אין פלאט; זיי האבען פערלאנגט, אז מען זאל פונאנדערלאזען די קאמיטעטען פון סאלדאטען און מאטראסען; זיי האבען געשאטען פעך און שוועבעל אויף די סאוויעטען. די רעוואלוציאנערע סאציאליסטען, וואס זיינען געבליבען אין ראטה, די מענשעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטען און די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, האבען פון זייער זייט געפאדערט א באלדיגען פריעדען, ערד פאר די פויערים, א קאנטראל פון די ארבייטער איבער די פאבריקען, — פראקטיש די זעלבע פונקטען, וואס עס האבען פערלאנגט די באלשעוויקעס.

איך בין געוועזען אין דער פערזאמלונג, ווען מארטאוו האט גע־ענטפערט די קאדעטען. א מיעדער, א טויט־קראנקער מענש איז ער געשטאנען אנגעבויגען איבער זיין שטענדער און האט פיעבערהאפט גערעדט. ער איז געוועזען הייזעריג און מען האט איהם קוים געקענט הערען, אבער זיין שטים איז געוועזען פול מיט צארן און זיין מינע פול מיט פעראכטונג.

„איהר רופט אונז „פאראזשענטצעס" (אזוינע וואס האפען אויף א מפלה), האט ער געזאגט, — „אבער די אמת'ע פאראזשענטצעס זיינט איהר, וואס ווארט אויף א גינסטיגערען מאמענט צו שליסען פריעדען, איהר וואס פערלאנגט, אז מען זאל אבלעגען דעם פריעדען אויף שפעטער, ביז עס וועט גאר ניט בלייבען פון דער רוסישער ארמעע, ביז רוסלאנד וועט ווערען א שפיעל־צייג אין די הענד פון די פערשיעדענע אימפעריאליסטישע גרופען, א מיטעל זיך אויסצוגלייכען אויף איהר חשבון און קומען צו אן אבמאך... איהר ווילט ארויפ־צווינגען אויף דעם רוסישען פאלק אזא פאליטיק, וואס איז גוט פאר די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. מיר דארפען אויפהויבען די

פריעדענס־פראגע איצט, שוין באלד... איהר וועט באלד איינזעהן, אז ניט אומזיסט איז געווען די ארבייט פון די וואס איהר רופט „דייט־שע אגענטען“, פון די צימערוואלדער סאציאליסטען, וואס האבען אין אלע לענדער געפּראוואוט אויפוועקען דאס געוויסען פון די דעמאקראטי־שע מאסען“.

די איבעריגע מענשעוויקעס און סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען האבען זיך געוואקעלט צווישען דיביידע פיינדליכע לאגערען, אבער דער דרוק פון אונצופריעדענהייט צווישען די ברייטע פאלקס־מאסען האט זיי נעשטויסען אלץ ווייטער לינקס. עס האט געהערשט א ביטערע שנאה צווישעןביידע פליגעל פון דעם פריה־צייטיג געשטארבענעם ראטה.

אזוי איז געווען די לאגע ווען עס איז ענדליך אנגעקומען א מעל־דונג פון אויסלאנד, אז די אליאירטע רעגיערונגען רופען א קאנפערענץ אין פאריז. די ברענענדיגע פראגע פון אן אויסלענדישע פאליטיק האט פלוצלונג פארנומען דעם אויבען אן.

טעארעטיש זיינען אלע רוסישע סאציאליסטישע פארטייען גע־ווען פאר א באלדיגען פריעדען אויף דעמאקראטישע יסודות. נאך אין מאי 1917 האט דער פעטראגראדער סאוויעט, וואס איז דעמאלט גע־שטאנען אונטער דער פיהרערשאפט פון די מענשעוויקעס און סא־ציאליסטען־רעוואלוציאנערען, ארויסגעגעבען זיין באריהמטע דעקלע־ראציע וועגען די פריעדענס־בעדינגונגען. די רוסישע רעוואלוציאנערע פארטייען האבען געפאדערט, אז די אליאירטע רעגיערונגען זאלען רופען א קאנפערענץ צו בעטראכטען די קריעגס־ציעלען. די קאנפע־רענץ האט געזאלט פארקומען אין אויגוסט. שפעטער האט מען זי אפ־געלעגט אויף סעפטעמבער, דאן אויף אקטאבער. איצט איז ענדליך אנגעקומען די מעלדונג, אז די קאנפערענץ וועט גערופען אויף דעם 10טען נאוועמבער.

די פּראוויזארישע רעגיערונג האט פארגעשלאגען צוויי פערטרע־טער — גענעראל אלעקסעיעוו, א רעאקציאנער און מיליטאריסט, און טערעשטשענקא, דער אויסלאנדס־מיניסטער. די סאוויעטען האבען אויסגעקליבען סקאבעלעוו'ען אלס זייער ווארט־פיהרער און האבען אויסגעארבייט דעם באריהמטען „נאקאז“ — דעם מאניפעסט וועגען די פריעדענס־בעדינגונגען. די פּראוויזארישע רעגיערונג איז געווען

אי געגען סקאָבעלעוו׳ען, אי געגען נאָקאָז. די אַליאירטע אַמבאַסאַ־
דאָרס האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם פּלאַן צו שיקען סקאָבעלעוו׳ען.
ווען מען האָט שפּעטער געשטעלט אַ פראַגע דעם מיניסטער באָנאַר
לאָאָ אין דער אונטערשטער קאַמער אין ענגלאַנד, האָט ער קאַלטבלו־
טיג געענטפערט: „ווערליג מיר איז בעקאַנט, ווערט די פּאַריזער קאָנ־
פערענץ איבערהויפּט ניט דיסקוטירען די ציעלען פון קריעג נור די
מעטאָדען ווי אַזוי צו פיהרען דעם קריעג".

די קאָנסערוואַטיווע רוסישע פּרעסע האָט די מעלדונג אָנגענומען
מיט גרויס התפעלות, און די באָלשעוויקעס האָבען אָנגעוויזען: „זעהט
איהר, צו וואָס עס האָבען געבראַכט די קאָמפּראָמיסען פון די מענ־
שעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען".

אויף אַ שטח פון טויזענד מייל זיינען געלעגען רוסישע סאָל־
דאַטען נערוועז, אומרוהיג, ווי אַ קאָכעדיגער ים. הונדערטער דעלע־
גאַציעס האָט דער גרויסער ים אַריינגעגאָסען קיין פּעטראָגראַד, און
די אַלע דעלעגאַציעס האָבען געשריען איין זאַך: „פריעדען! פריע־
דען!"

איך בין איינמאָל אוועק אויף יענער זייט טייך צו אַ מיטינג אין
„צירק מאָדערן" — אַזוינע מיטינגען מיט טויזענדער מענשען זיינען
דעמאָלט פאָרגעקומען אין יעדער טהייל פון שטאָדט, אַ טאָג נאָך אַ
טאָג. די ריעזיגע געביידע איז געווען בעלויכטען פון פינף קליינע
לעמפּלעך, וואָס זיינען אַראָבגעהאָנגען פון דעם באַלקען אויף אַ דינעם
דראָט. דער דונקעלער ,זונפריינדליכער אַמפיטהעאַטער איז געווען גע־
באַקט פון דער אַרענאַ ביז אַרויף צו די שמוציגע בענק אונטער באַלקען.
אומעטום סאָלדאַטען, מאַטראָסען, אַרבייטער, פרויען, אַלע אָנגע־
שטרענגט, אַלע הערענדיג מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי עס וואָלט זיי
געגאַנגען אין לעבען. גערעדט האָט אַ סאָלדאַט פון דער 548טער
דיוויזיע, — גאָט ווייס וואו זי איז געווען:

„חברים", האָט ער געשריען, און אַ גרויסע ליידענשאַפט האָט
זיך געפיהלט אין זיין מאָגערען פּנים און אין זיינע פערצווייפלעטע
בעוועגונגען: „די הערדען דאָרט אויבען פערלאַנגען פון אונז קרבנות,
אַלץ נייע און אַלץ גרעסערע קרבנות, בשעת די רייכע לאָזט מען אין
גאַנצען צורוה.

„מיר האַלטען מלחמה מיט דייטשלאַנד — וואָלט עס דען געווען

מעגליך, אז מיר זאָלען איינלאַדען דייטשע גענעראַלען אין אונזער גענעראַל־שטאַב? פונקט אזוי האַלטען מיר מלחמה מיט די קאַפּי־טאַליסטען, און דאָך לאַדען מיר זיי איין אין אונזער רעגיערונג...

„די סאָלדאַטען זאָגען: „ווייז מיר, צוליעב וואָס האַלט איך מלחמה, צוליעב קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער צוליעב אַ פרייע רוסלאַנד, צוליעב פרייהייט אָדער צוליעב קאַפּיטאַליסטישע רויבער?” אויב איהר קענט מיך איבערצייגען, אַז איך פערטהיידיג די רעוואָלוציע, וועל איך געהן און מלחמה האַלטען מיט מיין לעצטען כח, און איך וועל ניט דאַרפען קיין טויט־שטראַף צו נויטען מיך און צו האַלטען די אָרדנונג.

„ווען די ערד וועט געהערען צו די פויערים, די פאַבריקען — די אַרבייטער און די מאַכט — די סאָוויעטען, וועלען מיר האָבען פאַרוואָס מלחמה צו האַלטען, און דאַן וועלען מיר ווייזען, ווי אזוי מיר קענען קעמפּפען...”

אין די קאַזאַרמעס, אין די פאַבריקען, אויף די ווינקלען פון די גאַסען האָט מען געקענט הערען טויזענדער רעדנער־סאָלדאַטען, און אַלע האָבען געשריען, אַז עס איז שוין צייט צו שליסען פריעדען און אַז אויב די רעגיערונג וועט ניט נעהמען קיין ענערגישע שריט צו מאַכען אַ סוף פונ׳ם קריעג, וועלען די סאָלדאַטען ארוים פון די טראַנשעען און געהן אהיים.

אַ פערטרעטער פון דער 8טער אַרמעע האָט געזאָגט.

„מיר זיינען שוואַך, אין יעדער ראָטע איז געבליבען נאָר עטליכע מאַן. לאָז מען אונז געבען שפּייז... לאָז מען אונז געבען שטיוועל, לאָז מען אונז שיקען נייע מענשען... אַז ניט וועלען די טראַנשעען אין גיכען בלייבען לעדיג... גיט אונז ענטוועדער פריעדען, אָדער קריעגס־מאַטעריאַלען... זאָל די רעגיערונג ענטוועדער ענדיגען דעם קריעג, אָדער אונטערשטיצען די אַרמעע...”

דער פערטרעטער פון דער 46טער סיבּירער אַרטילעריע האָט גע־זאָגט:

„די אָפיציערען ווילען ניט צוזאַמען אַרבייטען מיט אונזערע קאָמיטעטען, זיי פערראַטען אונז צום שונא, זיי ווענדען אָן טויט־שטראַף צו אונזערע אַגיטאַטאָרס, און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע רע־גיערונג גיט זיי איהר ברכה. מיר האָבען געהאָפט, אַז די רעוואָלוציע

וועט ברענגען פריעדען, אָבער די רעגיערונג דערלאָזט אפילו ניט, אז מיר זאָלען ר י י ד ע ן וועגען אזוינע זאכען... און קיין ברויט צו עסען גיט מען אונז ניט... און קיין קריעגס־אַמוניציע אויך ניט..."

קלאַנגען האָבען זיך געלאָזט הערען פון אייראָפּאַ, אז מען וועט שליסען פריעדען אויפ'ן חשבון פון רוסלאַנד.

אַן אַנדער ידיעה האָט אַרויסגערופען גרויס אונצופריעדענהייט: די ידיעה ווי אַזוי מען האָט בעהאַנדעלט די רוסישע סאָלדאַטען אין פראַנקרייך. די ערשטע בריגאַדע האָט געהאַט געפּרואווט אַראָבזעצען די אָפיצירען און בעשטימען סאָלדאַטען־קאָמיטעטען, ווי עס האָבען געטהאָן די סאָלדאַטען אין דער היים; אויך האָבען די רוסישע פּאָלקען זיך אָבגעזאָגט צו פאָהרען קיין סאַלאָניקאַ און האָבען פערלאַנגט, אז מען זאָל זיי שיקען קיין רוסלאַנד. דער ענטפער איז געווען, אז מען האָט זיי אַרומגערינגעלט און מען האָט זיי געלאָזט אויס־הונגערען. נאָכדעם האָט מען געשאָסען אויף זיי מיט אַרטילעריע און געטויט אַ סך מענשען...

דעם 29טען אָקטאָבער בין איך אַוועק אין מאַריאינסקי פּאַלאַץ אויף אַ זיצונג פון דעם ראָט פון דער רוסישער רעפּובליק. די זיצונג איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסען זאַאַל, וואָס איז בעפּוצט מיט ווייסען מאַרמאָר און רויטען סאַמעט. מען האָט ערוואַרטעט טערעש־טשענקאָ'ס דעקלאַראַציע וועגען דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער רעגיערונג. דאָס גאַנצע אויסגעמאַטערטע פריעדענס־דורשטיגע לאַנד האָט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם געוואַרט, וואָס ער האָט צו זאָגען.

געקומען טערעשטשענקאָ, — אַ הויכער, אויסגעצייכענט געקליי־דעטער יונגערמאַן מיט אַ גלאַטען פּנים און הויכע קין־באַקען, און האָט לאַנגזאַם געלעזען זיין פאָרזיכטיגע רעדע, וואָס האָט געזאָגט גאָרנישט. וואָס האָט ער געהאַט צו דערצעהלען? פלאַכע פראַזען... „רוסלאַנד איז אַ גרויסע מאַכט... רוסלאַנד וועט פערבלייבען אַ גרויסע מאַכט, וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפען... מיר דאַרפען פער־טיידיגען אונזער לאַנד... מיר דאַרפען ווייזען, אז מיר זיינען גרייט צו פערטיידיגען אַ גרויסען אידעאַל, אז מיר זיינען קינדער פון אַ גרויסער קראַפט.."

קיינער איז ניט געווען צופריעדען. די רעאַקציאָנערען האָבען געוואָלט אַ שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, די דעמאָקראַטישע

פּארטייען האָבען געוואָלט אַ פערזיכערונג, אַז די רעגיערונג וועט אַר־בייטען פאַר פריעדען... איך גיב דאָ איבער אַ לייט־אַרטיקעל פון „ראַבאָטשי אי סאָלדאַט" (אַרבייטער און סאָלדאַט), אַן אָרגאַן פונ׳ם פּעטראָגראַדער באָלשעוויסטישען סאָוויעט:

„וואָס די רעגיערונג האָט געענטפערט די סאָלדאַטען ביים פראָנט.

„דער שוויינענדסטער פון אַלע מיניסטאָרען, טערעשטשענקאָ, האָט פּאַקטיש אַזוי געזאָגט צו די סאָלדאַטען אין די גראַבענס:

„1) מיר זיינען ענג פערבונדען מיט אונזערע אַליאירטע (נית מיט די פעלקער, נאָר מיט די רעגיערונגען).

„2) די דעמאָקראַטיע פערשפּאָרט דיסקוטירען די מעגליכקייט אָדער די אונמעגליכקייט צו פערציהען די מלחמה אויף נאָך אַ ווינ־טער. דאָס וועלען בעשליסען די רעגיערונגען פון אונזערע אַליאירטע.

„3) די אָפענסיווע פונ׳ם 1טען יולי איז געווען אַן אויסגעצייכענטע און אַ נויטיגע אונטערנעהמונג (וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען, האָט ער ניט דערמאָנט).

„4) עס איז ניט אמת, אַז אונזערע אַליאירטע זאָרגען ניט וועגען אונז, — ער, דער מיניסטער, קען אונז ווייזען זעהר וויכטיגע דעקלאַראַציעס (דעקלאַראַציעס? וואָס הערט זיך עפּעס וועגען מעשים? וואָס הערט זיך עפּעס וועגען דער האַלטונג פון בריטישען פלאָט? וואָס עפּעס מכח די פערהאַנדלונגען פון דעם בריטישען קעניג און דעם פערטריבענעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנער גענעראַל גורקאָ? וועגען דעם האָט דער מיניסטער קיין וואָרט ניט דערמאָנט).

„5) דער נאָקאַז צו סקאָבעלעוו׳ן איז שלעכט: ער געפעלט ניט די אַליאירטע, און ער געפעלט ניט די רוסישע דיפּלאָמאַטען. אויף דער קאָנפערענץ פון די אַליאירטע דאַרף מען רעדען „איין שפּראַך".

„און דאָס איז אַלעס? יאָ, דאָס איז אַלעס! וואו איז דער אויסגאַנג? — קיין אויסגאַנג! מען דאַרף אָבער האָבען אמונה אין די אַליאירטע און אין טערעשטשענקאָ׳ן. ווען וועלען מיר האָבען פריעדען? ווען די אַליאירטע וועלען ערלויבען.

„אַזוי האָט די רעגיערונג געענטפערט די סאָלדאַטען אין די טראַנ־שעען".

אַ נייע פינסטערע קראַפט האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן הינטער־

גרונד פון דער רוסישער פּאָליטיק, — די קאָזאַקען. די געפאהר איז נאָך ניט געווען גענוג דייטליך, אָבער שוין האָט זיך געפיהלט, אז זי וואקסט. די „נאָוואַיאַ זשיזן“ (דאָס נייע לעבען) פון מאַקסים גאָרקי האָט אויפמערקזאם געמאכט אויף דער נייער קראפט:

„אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע האָבען זיך די קאָזאַקען אָבּ־געזאָגט צו שיסען אויפ׳ן פאָלק. ווען קאָרנילאָוו האָט געוואָלט בע־פאלען פּעטראָגראַד, האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט צו געהן מיט איהם. אָבער איצט האָט זיך די לאַגע געענדערט. פון פּאסיווער געטריי־שאפט צו דער רעוואָלוציע זיינען די קאָזאַקען געוואָרען אַקטיווע געגנער. פון דעם הינטערגרונד פון דער רעוואָלוציע האָבען זיי זיך פּלוצלונג ארויסגערוקט אין דער ערשטער רייהע...“

די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג האָט אָראָבגעזעצט קאַלעדין׳ען, דעם אַטאַמאַן פון די דאָנער קאָזאַקען, פאַר זיין געהיימע שותפות מיט קאָרנילאָוו׳ען. ער האָט קאטעגאָריש ערקלעהרט, אז ער וועט ניט פערלאָזען זיין שטעל. ארומגערינגעלט פון געוואַלדיגע ארמעען סאָלדאַטען, איז ער געלעגען אין נאָוואָטשערקאַסק און נאָכאַנאַנד געמאכט קאָנספּיראַציעס געגען דער רוסישער רעוואָלוציע. זיין מאַכט איז געווען אַזוי גרויס, אז די רעגירונג האָט געמוזט קוקען דורך די פינגער אויף זיין ווידערשטאַנד. נאָך מעהר: די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג איז געווען געצוואונגען אנצוערקענען דעם ראַט פון דעם פערבאַנד פון דער קאָזאַקישער ארמעע, און זיך אָבזאָגען צו לעגאַ־ליזירען די ניי־געגרינדעטע קאָזאַקען־אָבטהיילונג פון די סאָוויעטען...

אָנפאַנג אָקטאָבער האָט אַ קאָזאַקען־דעלעגאַציע בעזוכט קערענ־סקי׳ן און חוצפּה׳דיג געפאָדערט, אז מען זאָל אָראָבנעהמען די בע־שולדיגונג פון קאַלעדין׳ען. די קאָזאַקען האָבען אויפגעוואָרפען דעם מיניסטער־פּרעזידענט, פאַר וואָס ער גיט נאָך די סאָוויעטען. קע־רענסקי האָט פערשפּראָכען צו לאָזען קאַלעדין׳ען צורוה. מען דער־צעהלט, אז ער האָט געזאָגט: „אין די אויגען פון די סאָוויעטען־פיהרער בין איך אַ דעספּאָט און אַ טיראַן... וואָס איז שייך דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, איז ניט נאָר וואָס זי שטיצט זיך ניט אויף די סאָוויעטען, נאָר עס טהוט איהר לייד, וואָס עס איז איבערהויפּט דאָ סאָוויעטען אויף דער וועלט“.

אן אנדערע קאָמיסיע פון קאָזאַקען האָט בעזוכט דעם בריטישען

אמבאסאדאר און מיט איהם געפיהרט אפענע אונטערהאנדלונגען אלס פערטרעטער „פון דעם פרייען קאזאקישען פאלק“.

אויפ׳ן דאן האט זיך געבילדעט עטוואס ווי א קאזאקישע רעפובליק. די קובאנער געגענד האט זיך ערקלעהרט פאר א קאזאקישען אונאבהענגיגען שטאאט. בעוואפענטע קאזאקען האבען פונאנדערגעטריבען די סאוויעטען אין ראסטאוו אויפ׳ן דאן און אין יעקאטערינאדאר. קאזאקען זיינען בעפאלען די הויפט־קווארטיר פון דעם קוילענגרעבער־פעראיין אין כארקאוו. אין די אלע מאניפעסטאציעס האט די קאזאקען־בעוועגונג זיך ארויסגעוויזען אלס אנטי־סאציאליסטיש און מיליטאריסטיש. די פיהרער זיינען געווען אדעליגע און גרויסע ערדבעזיצער, ווי קאלעדין, קארנילאוו, דוטאוו, קאראאולאוו און באראדיש. די מעכטיגע געשעפטסלייט און באנקירען פון מאסקווא האבען געהאלפען די קאזאקען מיט וואס זיי האבען געקענט.

אלט־רוסלאנד האט אנגעהויבען פונאנדערצופאלען. אין אוקראינא, פינלאנד, פוילען, ווייס־רוסלאנד איז די נאציאנאליסטישע בעוועגונג געווארען אלץ שטארקער און זיכערער. די ארטיגע רעגיערונגען אונטער דער פיהרערשאפט פון די בעזיצענדע קלאסען האבען פערלאנגט אויטאנאמיען און האבען זיך אבגעזאגט צו פאלגען די בעפעהלען פון פעטראגראד. אין העלסינגפארס האט דער פינישער סענאט זיך אבגעזאגט צו לייהען געלד דער פראוויזארישער רעגיערונג; ער האט ערקלעהרט פינלאנד פאר אן אונאבהענגיגען שטאאט, און פערלאנגט מען זאל צוריקציהען די רוסישע סאלדאטען. די קיעווער בורזשואזע ראדא האט אויסגעברייטעט די גרעניצען פון אוקראינא אזוי, אז זיי זאלען איינשליסען די פעטסטע לאנדווירטשאפטליכע געגענדען פון דרום־רוסלאנד, אזש ביז צום אוראל. די ראדא האט אנגעהויבען צו ארגאניזירען א נאציאנאלע ארמעע. דער פרעמיער ווינישענקא האט געגעבען אנצוהערעניש וועגען א סעפאראטען פריעדען מיט דייטשלאנד, און די פראוויזארישע רעגיערונג האט גאר ניט געקענט טהאן. סיביר און קאווקאז האבען פערלאנגט בעזונדערע גרינדונגס־פערזאמלונגען, און אין די אלע פראווינצען איז אנגעגאנגען א פערביטערטער קאמפף צווישען די פערטרעטער פון דער רעגיערונג און די סאוויעטען פון ארבייטער־און סאלדאטען־דעפוטאטען.

אין לאנד איז דער תהו ובהו געווארען וואס א טאג גרעסער.

הונדערטער טויזענדער סאָלדאַטען האָבען פערלאָזען דעם פראָנט און
האָבען זיך אָנגעהויבען רוקען אין געדיכטע שטראָמען איבער'ן לאַנד
אַהן אַ ציעל און אָהן אַ פּלאַן. די פּויערים פון טאַמבאָווער און טווע־
רער גובערניעס זיינען שוין מיער געוואָרען וואַרטענדיג; זיי האָבען
מעהר ניט געקענט איבערטראָגען די שטרענגע מיטלען פון דער רעגיע־
רונג, האָבען זיי אָנגעהויבען ברענען פּריצישע הויפען און פּאָגראָ־
מעווען די גוטס־בעזיצער. געוואַלדיגע סטרייקס און לאַק־אַוטס האָבען
אויפגערודערט מאָסקווא, אָדעס און די קויהלען־גרובען פון דאָן. די
אייזענבאַהנען זיינען געוואָרען פּאַראַליזירט, די אַרמעע איז געווען
הונגעריג, און אין די גרויסע שטעדט איז ניט געווען קיין ברויט.

די רעגיערונג האָט זיך געוואַקעלט צווישען די דעמאָקראַטישע
און די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען און האָט דערווייל ניט געטהאָן גאָר־
ניט. ווען מען האָט זי פאָרט געצוואונגען צו האַנדלען, האָט זי
שטענדיג אונטערשטיצט די אינטערעסען פון די בעזיצענדע קלאַסען.
זי האָט געשיקט סאָלדאַטען צו אונטערדריקען די בעוועגונג פון די
פּויערים, צו ברעכען די סטרייקס. אין טאַשקענט האָבען רעגיערונגס־
בעאַמטע אָפּגעשאַפט דעם סאָוויעט; אין פּעטראָגראַד האָט קערענסקי
פונאַנדערגעלאָזט דעם עקאָנאָמישען ראַט, וואָס האָט געזאָלט אויפ־
בויען דאָס רואינירטע עקאָנאָמישע לעבען פון לאַנד און וואָס האָט
ניט געקענט גאָרניט טהאָן צוליעב דעם שטאַרקען סכסוך צווישען
קאַפּיטאַל און אַרבייט. די אַלטע מיליטערישע פיהרער האָבען מיט
דער הסכמה פון די קאַדעטען געפאָדערט, אַז מען זאָל אָננעהמען
שטרענגע מיטלען צו פערשטאַרקען די דיסציפּלין אין דער אַרמעע
און אין דעם פלאָט. אומזיסט האָבען אַזוינע אויטאָריטעטען ווי דער
בעריהמטער פלאָט־מיניסטער ווערדערעווסקי און דער קריעגס־מיניס־
טער ווערכאָווסקי, געטענה'עט, אַז נאָר אַ נייע, פרייע, דעמאָקראַטישע
דיסציפּלין אויפ'ן גרונד פון צוזאַמענאַרבייטען מיט די קאָמיטעטען פון
די סאָלדאַטען און מאַטראָזען וואָלט געקענט ראַטעווען די אַרמעע און
דעם פלאָט. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זייערע בעווייזען.

עס האָט אויסגעזעהן, אַז די רעאַקציאָנערען האָבען בעשלאָסען
צו פּראָוואָצירען דעם געזעלשאַפטליכען צאָרן. דער משפט איבער קאָר־
נילאָוו'ן איז שוין געווען נאָהענט. די בורזשואַזע פּרעסע האָט איהם
פאַרטיידיגט מיט אַלע מאָל גרעסערער חוצפה אַלס דעם גרויסען רו־

סישען פאטריאָט. בורצעוו'ס צייטונג „אָבשטשעיע דיעלאָ" (די אַל־
געמיינע זאַך) האָט געפאָדערט אַ דיקטאטור פון קאָרנילאָוו, קאַלעדין
און קערענסקי!

איך האָב איינמאָל געהאט אַ שמועס מיט בורצעוו'ן אין דער
פרעס גאַלעריי פון דעם ראַט פון דער רוסישער רעפובליק. ער איז
געווען אַ נידעריגער איינגעהויקערטער מאַן מיט אַ געקנייטשטען פנים,
מיט קורצזיכטיגע אויגען הינטער דיקע ברילען. זיינע האָר זיינען גע־
ווען צושויבערט, און אין זיין באָרד האָבען זיך דורכגעוואָרפען גרויע
פעדים.

„געדענקט מיין וואָרט, יונגערמאַן, רוסלאַנד דאַרף איצט האָבען
נאָר איין זאַך: אַ שטאַרקען מאַן! מיר דאַרפען אויפהערען טראַכ־
טען וועגען דער רעוואָלוציע און פעראייניגען אַלע אונזערע קרעפטען
אויף די דייטשען. קאַליקעס, קאַליקעס די אַלע, וואָס ווילען בע־
זיעגען קאָרנילאָוו'ען, — און הינטער די קאַליקעס אַרבייטען די
דייטשע אַגענטען. הלואי וואָלט קאָרנילאָוו געוואונען..."

די צייטונגען פון דעם גאָר־רעכטען פליגעל — פורישקעוויטש'עס
„נאַראָדני טריבון" (דער פאָלקס־טריבון), „נאָוואיאַ רוס" (דאָס נייע
רוסלאַנד) און „זשיוואָיע סלאָווא" (דאָס לעבעדיגע וואָרט), קוים פער־
מאַסקירטע מאָנאַרכיסטישע צייטונגען, האָבען אָפען געפּרעדיגט, אַז
עס איז שוין צייט אויסצוראָטען די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע...

דעם 23טען אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ ים־שלאַכט צווישען
רוסישע און אַ טהייל דייטשע קריעגס־שיפען אינ'ם ים־בוזים פון
ריגא. די פראָוויזאָרישע רעגיערונג האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם
אויסרייד, אַז פעטראָגראַד איז אין געפאַהר, און האָט אָנגעהויבען
עוואַקואירען די שטאָדט. צום אַלעם ערשטען האָט מען ארויסגע־
פיהרט די גרויסע פאַבריקען פון קריעגס־מאַטעריאַלען און מען האָט
זיי פונאַנדערגעוואָרפען איבער רוסלאַנד. דאַן האָט די רעגיערונג
אַליין זיך גענומען קלייבען קיין מאָסקווא. די באָלשעוויקעס האָבען
תיכף גענומען שרייען, אַז די רעגיערונג פערלאָזט די רויטע הויפּט־
שטאָדט, כדי אָבצושוואַכען די רעוואָלוציע. ריגא, האָבען זיי גע־
זאָגט, איז פערקויפט געוואָרען צו די דייטשען. איצט וויל מען פער־
ראַטען פעטראָגראַד.

די בורזשואַזיע איז געווען הוילע גדולה. די קאַדעטישע „רעטש"

(רעדע) האָט געשריבען: „אין מאָסקווא וועט די רעגיערונג האָבען א מעגליכקייט צו טהאָן איהר ארבייט אין א רוהיגער אטמאָספערע און וועט ניט מורא האָבען פאר קיין שטערונג מצד די אנארכיסטען". ראַדזיאַנקאָ, דער פיהרער פונ'ם רעכטען פליגעל פון דער קאַדעטישער פארטיי, האָט ערקלעהרט אין „אוטראָ ראָסיאי" (דער מאָרגען פון רסולאנד), אז אויב די דייטשען וועלען נעהמען פעטראָגראַד, וועט עס זיין א ברכה פאר רוסלאנד, ווייל דאָס וועט צושטערען די סאָוויעטען און א סוף מאכען פון דעם רעוואָלוציאָנערען באַלטישען פלאָט. ראַדזיאַנקאָ האָט געשריבען:

„פעטראָגראַד איז אין געפאהר. און איך טראַכט מיר: זאָל זיך גאָט זאָרגען וועגען פעטראָגראַד. זיי האָבען מורא, אז טאָמער וועט מען נעהמען פעטראָגראַד, וועלען די צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאציעס ווערען צושטערט. און איך זאָג מיר: הלואי וואָלט עס געווען אזוי, הלואי וואָלטען אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאציעס געוואָרען צושטערט... וואָרום זיי ברענגען נאָר אַן אונגליק אויף רוסלאנד.

„פאלט פעטראָגראַד, וועט אויך דער באַלטישער פלאָט ווערען צושטערט, אָבער וויינען איז ניטאָ אויף וואָס: די מעהרסטע קריעגסשיפען זיינען אין גאַנצען דעמאָראַליזירט".

פון דעסטוועגען האָט די רעגיערונג זיך אָבגעזאָגט פון איהר פלאַן צו פערלאָזען פעטראָגראַד: דער שטורם פון געזעלשאפטליכען פראָטעסט איז געווען צו גרויס.

דער קומענדיגער קאָנגרעס פון די סאָוויעטען איז דערווייל געהאַנגען איבער רוסלאנד, ווי א שווערע כמארע, פול מיט דונערען און בליצען. געגען דעם קאָנגרעס איז געווען ניט נאָר די רעגיערונג, נאָר אויך אַלע „מעסיגע" סאָציאַליסטען, די צענטראַל-קאָמיטעטען פון דער ארמיי און פלאָט, די צענטראַל-קאָמיטעטען פון אייניגע פראָפעסיאָנעלע פעראיינען, די פויערשע סאָוויעטען און, קודם כל און מעהר ווי אַלע, דער צענטראַלער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט גופא האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין טרחה צו לעגען שטיינער איפ'ן וועג פונ'ם קאָנגרעס. די „איזוועסטיא" און דער „גאָלאָס סאָלדאטא" (די שטים פון א סאָלדאט), וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען דורך דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט און האָבען זיך געפונען אין די הענד פון דעם

צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָבען געשאָסטען שוועבעל און פעך אויף דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס. דאָס זעלביגע האָט געטהאָן די גאַנצע אַרטילעריע פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, דער „דיעלאָ נאַראָדא" (פאָלקס־זאַך) און „וואָליא נאַראָדא" (פאָלקס־ווילען).

די געגנער האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים. מען האָט געשיקט דעלעגאַטען פון איין עק לאַנד צום צווייטען; מען האָט געקלאַפּט דעפּעשען צו די קאָמיטעטען פון די אָרטיגע סאָוויעטען און צו די אַרמעע־קאָמיטעטען; מען האָט גע'עצה'ט צו שטערען אָדער כאָטש אָבלעגען די וואַהלען צום קאָנגרעס. פּראָטעסטען האָבען זיך גע־שאָטען פון אַלע זייטען: פייערליכע רעזאָלוציעס אָנגענומען אויף עפענטליכע מיטינגען, דעקלאַראַציעס פון דעמאָקראַטישע קרעפטען וועגען דער אונגויטיגקייט צו רופען אַ קאָנגרעס עטליכע וואָכען פאַר דער גרינדונגס־פערזאַמלונג; דעלעגאַציעס פון דעם פראָנט, פון דעם זעמסטוואָ־פערבאַנד, פון דעם פויערים־פערבאַנד, פון דעם קאָזאַקי־שען מיליטערישען פערבאַנד, פון אָפיצירען־פערבאַנד, פון געאָרגיעוו־סקי קאַוואַלירען, פון די טויט־באַטאַליאָנען... אַלע האָט פּראָטעסטירט געגען דעם קאָנגרעס. דער ראָט פון דער רוסישער רעפּובליק האָט שאַרף קריטיקירט די אידעע פון אַ קאָנגרעס. די גאַנצע מאַשין פון דער רוסישער רעגיערונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען נאָך דער מאַרט־רעוואָלוציע, האָט געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען צו שטערען דעם קאָנ־גרעס פון די סאָוויעטען...

דאָס איז געווען אויף איין זייט. אויף דער אַנדערער זייט איז געווען דער אונקלאָרער, אָבער מעכטיגער ווילען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, — די אַרבייטער, די פּשוטע סאָלדאַטען, די אָרימע פויערים. פיעלע אָרטיגע סאָוויעטען האָבען שוין געהאַט אָנגענומען דאָס באָלשעוויסטי־שע פּראָגראַם. די אָרגאַניזאַציעס פון די פאַבריק־אַרבייטער, די פאַב־ריטשנאָ־זאַוואָדסקע קאָמיטעטען, זיינען געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון די באָלשעוויקעס. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָנען פון דער אַרמעע און פלאָט האָבען געטהאָן זייערס. אין פיעלע ערטער, וואו מען האָט די מאַססען ניט געלאָזט וועהלען קיין סאָוויעט־דעלעגאַטען אויפ'ן געזעצליכען שטייגער, האָט דער עולם אָבגעהאַלטען שטילע פערזאַמלונגען און דאָרטען אויסגעקליבען אייגענע מענשען, וועלכע זאָלען פאָהרען קיין פּעטראָגראַד. אין אַנדערע סאָוויעטען האָט מען

אראבגעזעצט די אַלטע קאָמיטעטען און אויסגעקליבען נייע. א גרויסע אונטערערדישע כוואַליע האָט זיך געצויגען פון דער טיעף און אויפגעריסען די קאָרע, וואָס איז אין א משך פון חדשים אָנגעוואקסען און פערהארטעוועט געוואָרען ארום דער בעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער לאַווע. נאָר אַן אונגעריכטע מאסען־בעוועגונג האָט געקענט ארויסרופען צום לעבען דעם אַל־רוסישען קאָנגרעס פון די סאָוויעטען...

טאָג איין, טאָג אויס זיינען די באָלשעוויסטישע רעדנער געגאנגען פון קאזארמע צו קאזארמע, פון פאבריק צו פאבריק, און האָבען אגיטירט געגען דער רעגיערונג פון בירגער־קריעג. איינמאָל א זונטאָג זיינען מיר אוועקגעפאָהרען אויפ'ן שליסעלבורגער פּראָספּעקט, צום אָבוכאָווסקי זאוואָד, וואָס האָט געארבייט קריעגס־מאטעריאַלען פאר דער רעגיערונג. געפאָהרען איז מען אין א פּאראָווע טראמוויי, וואָס איז לאנגזאם געקראָכען צווישען גאנצע ימים בלאָטע. די וואגאָנעס זיינען געווען אָנגעשטאָפּט צום דערשטיקט ווערען.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען צווישען די דינע ציגעל־ווענד פון א ריעזיגען אונפערענדיגטען בנין. צעהן טויזענד מענער און פרויען אין טונקעלע קליידער האָבען זיך צוזאמענגעשפּארט ארום דער רויט־בעפוצטער טריבונע, געזעסען אויף הויפענס געהילץ און ציגעל, ארויפגעדראַפּעט זיך אויף די באלקענס, אונטער'ן דאַך, און געשלונגען אויפמערקזאם יעדעס וואָרט, זיך אָבגערופען מיט דונער־שטימען. אויפ'ן גראָהען, פערכמורעטען הימעל האָט זיך צייטענווייז בעוויזען די זון גיסענדיג דורך די ניט פערענדיגטע פענסטער א רויטליכען שיין אויף די מאסען פּשוט'ע געזיכטער, וואָס האָבען ארויפגעקוקט צו אונז.

לונאטשארסקי, א מאַן מיט א דינער אינגלישער פיגור און מיט דעם עמפּפינדליכען פּנים פון א קינסטלער, האָט גערעדט וועגען דער פראַגע, פאַרוואָס די גאנצע מאכט דאַרף געהערען די סאָוויעטען. נישטאָ קיין אנדער מעגליכקייט, האָט ער געזאָגט, צו גאראנטירען די רעוואָלוציע געגען איהרע שונאים, וועלכע האָבען מיט א כיון רואינירט דאָס לאַנד, רואינירט די ארמעע און בעשאַפען א באָדען פאר א נייעם קאָרנילאָוו.

נאָך לונאטשארסקי'ן איז געקומען פּעטראָווסקי, — א מאָגערער, א לאנגזאמער, אַן אונדערבארעמדיגער:

„ס'איז צייט צו טהאָן, ניט צו רעדען. די עקאָנאָמישע לאַגע איז

שלעכט, אָבער מיר מוזען זיך געוועהנען. זיי ווילען אונז אויסהונגערען, אויספריהרען, זיי ווילען אונז פּראָוואָצירען, אָבער זאָלען זיי געדענקען, אַז מיר וועלען ניט לאָזען. אויב זיי וועלען סמייען ארויפלעגען די האנד אויף די אָרגאניזאציעס פונ'ם פּראָלעטאריאט, וועלען מיר זיי פערניכטען ווי שטויב אויפ'ן פּנים פון דער ערד".

די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָט זיך מיט אַ מאָל פונאנדער־געוואקסען. אַ חוץ די פּארטיי־בלעטער „ראבאָטשי פּוט" און „סאָל־דאט" האָט זיך בעוויזען אַ נייע צייטונג פאר די פויערים, „דערע־װענסקאיא ביעדנאָטאַ" (די אָרימסטע פון די דערפער), וועלכע איז ארויסגעגאנגען יעדען טאָג אין אַ האלב מיליאָן עקזעמפּליארען; דעם 17טען אָקטאָבער איז ארויס דער „ראבאָטשי אי סאָלדאט". דער לייט־ארטיקעל פון דער צייטונג האָט אַזוי פאָרמולירט דעם שטאנד־פּונקט פון די באָלשעוויקעס:

„נאָך איין יאָהר קריעג וואָלט געהייסען פערניכטען די ארמעע און דאָס לאנד... פּעטראָגראַד איז אין געפאהר... די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערען פרעהען זיך מיט דעם אונגליק פון דעם פאָלק... די פויערים זיינען פערצווייפעלט און טרעטען ארויס אין אָפענעם אויפשטאנד; די פּריצים און די רעגיערונג שיקען שטראָף־עקספּע־דיציעס צו מאָרדען און רויבען; פאבריקען און זאַוואָדען ווערען געשלאָסען, מען דראָהט די ארבייטער מיט הונגער... די בורזשואזיע און איהרע גענעראלען ווילען צוריק איינפיהרען בלינדע דיסציפּלין אין דער ארמעע. די קאָרנילאָווצעס גרייטען זיך אָפען פונאנדער־צוטרייבען די גרינדונגס־פערזאמלונג, און די בורזשואזיע גיט זיי איהר ברכה...

„די רעגיערונג פון קערענסקי איז געגען פאָלק... קערענסקי וויל אומברענגען דאָס לאנד... אונזער צייטונג איז אַ צייטונג פונ'ם פאָלק... זי פערטיידיגט די אינטערעסען פון די אָרימע קלאסען, די ארבייטער, סאָלדאטען און פויערים. דער איינציגער וועג צו ראטעווען דאָס פאָלק איז צו פיהרען די רעוואָלוציע ביז'ן סוף. דאָס איז נאָר מעגליך, ווען די פולע מאכט וועט זיך געפינען אין די הענד פון די סאָוויע־טען...

„דאָס פּראָגראם פון אונזער צייטונג איז:

„די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטען, סיי אין פּעטראָגראַד, סיי אין די איבעריגע שטעדט.

„אַ באַלדיגער וואַפענשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטען, און עהרליכער פריעדען צווישען די פעלקער.

„די פּריצ׳ישע מאַיאָנטקעס זאָלען איבערגעהן צו די פּויערים אָהן שום געצאָהלט.

„די אַרבייטער זאָלען האָבען אַ קאָנטראָל איבער דער אינדוסט־ריעלער פּראָדוקציאָן.

„די גרינדרונגס־פערזאַמלונג זאָל אויסגעקליבען ווערען אויף עהר־ליכע און גערעכטע יסודות.“

עס איז אינטערעסאַנט איבערצודרוקען איין טהייל פון אַן אַרטי־קעל אין דער זעלבער ציימונג, — דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס, וועלכע זאָגען בעקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס דייטשע אַגענטען:

„דער דייטשער קייזער, פערשמירט מיט׳ן בלוט פון מיליאָנען טויטע, וויל רוקען זיין אַרמעע אויף פּעטראָגראַד. לאָמיר רופען צו די דייטשע אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים, וועלכע ווילען פריעדען ניט ווייניגער ווי מיר, לאָמיר זיי אויפמונטערען, אַז זיי זאָלען זיך אויפהויבען געגען דעם פערפלוכטען קריעג!

„דאָס קאָן נאָר טהאָן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג, וועלכע וועט באמת רעדען אין דעם נאָמען פון די רוסישע אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים; וועלכע וועט אַפּעלירען צו די דייטשע סאָלדאַטען איבער די קעפּ פון די דיפּלאָמאַטען; וועלכע וועט אָנפילען די דייטשע טראַנשעען מיט פּראָקלאַמאַציעס אויף דייטש... אונזערע לופט־פליהער וואָלטען קענען פערשפּרייטען אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס איבער גאַנץ דייטשלאַנד...“

אין דעם ראטה פון דער רעפּובליק איז דער אָבגרונד צווישען די צוויי פליגעל געוואָרען וואָס אַ טאָג טיעפער.

קארעלין, אַ לינקער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, האָט איינמאָל אויסגעשריען אינ׳ם ראטה:

„די פערמעגליכע קלאַסען ווילען אויסניצען די רעוואָלוציאָנערע מאַשין פון׳ם שטאַאַט, כדי צוצובינדען רוסלאַנד צו דעם קריעגס־

וואגען פון די אליאירטע! די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען טאָרען ניט דערלאָזען אזאַ פּאָליטיק!"

דער אלטער ניקאָלאי טשאיקאָווסקי, א פערטרעטער פון די פּאָלקס-סאָציאליסטען, איז געווען געגען איבערגעבען די ערד צו די פּויערים. טשאיקאָווסקי האָט אין גאַנצען געהאלטען מיט די קאדעטען:

„מיר מוזען באלד איינפיהרען די שטרענגסטע דיסציפּלין אין דער ארמעע. עס איז א פערברעכען אָנצוהויבען סאָציאלע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען אין צייט פון קריעג. איך האָב ניט אויפגעהערט וועגען דעם צו רעדען די גאנצע צייט. אויב מיר טהוען דאָס, בעגעהען מיר א פערברעכען, און פארגעסט ניט, אז איך בין דאָך ניט קיין פיינד פון אזוינע רעפאָרמען, ווייל איך בין אליין א סאָציאליסט..."

געשרייען פון לינקס: „מיר גלויבען אייך ניט!" שטארקע אפּלאָדיסמענטען פון רעכטס.

דער קאדעט ארזשעמאָוו האָט געהאלטען, אז מען דארף בכלל ניט דערצעהלען דער ארמעע וועגען די ציעלען פון קריעג, ווייל יעדער סאָלדאט דארף פערשטעהן, אז די וויכטיגסטע אויפגאבע איז ארויסצוטרייבען דעם שונא פון רוסישער ערד...

קערענסקי איז צוויי מאָל געקומען אין ראטה, גערופען צו נאַציאָנאלער איינינקייט, געהאלטען ליידענשאפטליכע רעדעס, אפילו איינמאָל זיך צעוויינט ביים סוף פון א רעדע. די פערזאמלונג האָט איהם אויפגענומען גאנץ קאלט, אָפטמאָל האָט מען איהם איבערגעריסען מיט איראָנישע בעמערקונגען.

דער סמאָלני אינסטיטוט, הויפּט-קוואַרטיר פון דעם צענטראלען עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און פון'ם פעטראָגראדער סאָוויעט, געפינט זיך אויף'ן עק שטאָדט, א פּאָר מייל פון'ם צענטער, אויפ'ן ברעג פון דער ברייטער נעווא. איך בין אהין געפאָהרען אין א טראמוויי, דער וואגאָן האָט זיך קוים געשלעפּט מיט א קרעכץ איבער די בלאָטיגע גאסען, וואָס זיינען געפלאסטערט מיט אונגעהובעלטע שטיינער. דער טראמוויי איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענשען. פון דער ווייטען האָב איך געזעהן די גראציעזע בלאָהליכע קופּאָלען פון דעם סמאָלני מאָנאסטיר, בעפּוצט מיט טונקעלען גאָלד. הארט נעבען דעם פּראכטפאָלען מאָנאסטיר ציהט זיך דער פאסאד פון'ם סמאָלני אינסטיטוט, צוויי הונדערט יארד די לענג און דריי שטאָק די הויך. די נעביידע

זעהט אויס, ווי א לאנגע קאזארמע. איבער'ן הויפּט־ארייננאנג העננט נאָך דער קייזערליכער הערב אויסגעהאַקט פון שטיין און שמיר־בעלט, דאַכט זיך, ארונטער מיט פעראַכטונג...

אין די אַלטע צייטען איז דאָרט געווען אַ מאַנאַסטיר־שוהל פאר רי טעכטער פון די רוסישע אדעליגע, אונטער דעם שוץ פון דער קייזער־רין גופא. נאָך דער רעוואָלוציע האָבען דעם בנין איבערגענומען רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער און סאָלדאַטען. אַן ערך הונדערט צימערען געפינען זיך אין דעם סמאָלני אינסטיטוט, אַלע ווייס, מיט הוילע ווענד; אויף די טהירען געפינען זיך נאָך עמאַלירטע שילדלעך מיט אויפשריפטען: „קלאַס־צימער נומ. 4“, אָדער „לעהרער־ביוראָ“. איבער זיי זיינען אָבער געהאנגען נייע שילדען מיט גראָב־געמאָהלטע אותיות: „צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט“, „צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט“, „ביוראָ פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען“, „פערבאַנד פון די סאָ־ציאַליסטישע סאָלדאַטען“, „צענטראַל־קאָמיטעט פון די אַלל־רוסישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען“, „פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקע קאָמיטעטען“, „צענטראַלער ארמעע־קאָמיטעט“... וו‏ייטער — די הויפּט־קווארטירען און די פערזאַמלונגס־צימערען פון די פּאָליטישע פּארטייען...

אין די לאַנגע קאָרידאָרען מיט די געוועלבטע באַלקענס זיינען געהאנגען נאָר עלעקטרישע לעמפּלעך. אהין און אהער זיינען געלאָ־פען סאָלדאַטען און ארבייטער, איינינגע אונטער אַ שווערע מאַסע פון גרויסע פּעק צייטונגען, פּראָקלאַמאַציעס און אנדער פּראָפּאַגאַנדאַ־מאַטעריאַל. זייערע שווערע שטיוועל איבער דער הילצערנער פּאָד־לאָגע האָבען געהילכט ווי אַ דונער... אומעטום זיינען געהאנגען פּלאַקאַטען: „חברים! צוליעב אייער אייגען געזונד היט אָב ריינ־ליכקייט“. אויף די פּלאַטפאָרמען, לעבען די טרעפּ, זיינען אויף יעדען שטאָק געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישען, אָנגעוואָרפען מיט בראָשורען און מיט דער ליטעראַטור פון די פערשיידענע פּאָליטישע פּארטייען. דאָס אַלעס האָט מען פערקויפט זעהר ביליג. דער ברייט־טער ניעדריגער עס־צימער אין אונטערשטען שטאָק איז נאָך איצט אויך געווען אַ מין רעסטאָראַן. פאר צוויי רובעל האָב איך געקויפט אַ בילעט אויף אַ מאָהלצייט. צוזאַמען מיט טויזענדער אנדערע בין איך געשטאַנען אין דער רייהע און געוואַרט ביז מען וועט מיך

צולאָזען צום טיש. צוואַנציג ארבייטער, מענער און פרויען, האָבען געשעפּט פון גרויסע קעסלען באַרשטש, דערלאַנגט פלייש, קאַשע; אויפ'ן טיש זיינען געלעגען בערג מיט שוואַרצע ברויט; 5 קאָפּיקעס האָט מען געצאָהלט פאַר אַ טאַסע טהעע אין אַ צינערנער כלי. פון אַ קאָרב האָט מען ארויסגענומען אַ שמאַלציגען הילצערנעם לעפעל... אויף די בענק ארום די הילצערנע טישען זיינען געזעסען הונגעריגע פּראָלעטאַריער און געשלונגען דאָס עסען. דערביי האָט מען גע־שמועסט, געמאַכט קאָנספּיראַציעס אָדער געוואָרפען גראָבע וויצען פון איין עק צימער צום צווייטען...

אויפ'ן אויבערשטען שטאָק איז אויך געווען אַ שפּייז־צימער, ספּעציעל פאַר'ן צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אָבער אויך דאָרט האָט געגעסען ווער עס איז געקומען. מען האָט געקענט בעקומען ברויט, דיק בעשמירט מיט פּוטער; טהעע האָט מען געטרונקען וויפיעל מען האָט נאָר געוואָלט.

אין דעם דרום־פליגעל פון דעם צווייטען שטאָק האָט זיך גע־פונען דער מיטינג־זאַאַל, דער געוועזענער באַל־זאַאַל פון דעם אינ־סטיטוט. דאָס איז אַ הויכער ווייסער צימער, בעלויכטען מיט הונדערטע גראַציעזע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס הענגען אראָב פון ווייס־גלאַזיר־טע הענגלייכטער. דער צימער איז פונאַנדערגעטהיילט אין צווייען דורך אַ רייהע מאַסיווע קאָלאָנעס. אין איין עק געפינט זיך אַ פּלאַט־פאָרמע מיט צוויי הויכע לייכטער שטאַנדאַרען אויף ביידע זייטען און אַ גאָלדענע ראַהם הינטען. אין דער גאָלדענער ראַהם איז אַ מאָל געווען דער פּאָרטרעט פון ניקאָלאַי'ען. איצט איז זי געווען לעדיג. אָט דאָ פלעגען עם פּאַרקומען די פּראַכטפאָלע באַנקעטען, וואו גלאַנ־צענדע מיליטערישע מונדירען פלעגען זיך אויסמישען מיט די מאַנט־לען פון די העכערע גלחים און אלעם צוזאַמען איז געווען אַ שעהנער ראַהם פאַר די יונגע גרויס־פירסטינס...

פונקט אַנטקעגען דעם זאַאַל, אויף דער אנדערער זייט פון קאָ־רידאָר, האָט זיך געפונען דער מאַנדאַט־קאָמיטעט פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס. איך בין דאָרט געשטאַנען און בעטראַכט די דעלעגאַטען ווי זיי קומען אָן. שווערע אומגעלופערטע סאָלדאַטען מיט לאַנגע בערד, ארבייטער אין שוואַרצע בלוזעס, עטליכע טיפּישע פּויערים פון פּערוואָרפענע דערפער. די סעקרעטאַרשע, אַ מיטגליעד פון פּלעכאַ־

נאָוו'ס „יעדינסטוואָ", האָט געשמייכעלט מיט פּעראַכטונג. „גאָר אַנדערע מענשען, מען קען זיי ניט פערגלייכען מיט די דעלעגאַטען פון דעם ערשטען קאָנגרעס", האָט זי בעמערקט. „זעהט, ווי אונוויסענד און רויה זיי זעהען אויס. דער אמת'ער טשאַרני נאַראָד"... און דאָס איז געווען אמת. רוסלאַנד איז געווען אויפגערודערט ביז'ן סאַמע גרונד, און די מענשען פון גאָר אונטען זיינען איצט אַרויפגעשוואומען אַרויף. דער מאַנדאַטען-קאָמיטעט איז געווען אָרגאַניזירט פון דעם אַל־טען צענטראַלען עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און האָט זיך געטשעפּעט צו איינינגע דעלעגאַטען מיט דער טענה, אַז מען האָט זיי ניט אויסגעקליבען אויף אַ געזעצליכען אופן. קאַראַכאַן, אַ פערטרעטער פון דעם באָלשע־וויסטישען צענטראַל-קאָמיטעט, האָט צוגעקוקט און געשמייכעלט: „זאָרגט זיך ניט", האָט ער געזאָגט: „ווען די צייט וועט קומען, וועלען מיר שוין זעהן אייך אַריינלאָזען"...

דער „ראַבאָטשי אי סאָלדאַט" האָט געשריבען:

„מיר מאַכען אויפמערקזאַם די דעלעגאַטען צום נייעם אַלל-רוסי־שען קאָנגרעס, אַז געוויסע מיטגליעדער פון דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט פּרואווען ארונטעררייסען דעם קאָנגרעס. זיי זאָגען, אַז ער וועט איבערהויפּט ניט פאָרקומען און אַז עס איז בעסער פאַר די דעלעגאַטען צו פערלאָזען פּעטראָגראַד... זאָלען די דעלעגאַטען זיך ניט צוהערען צו אַזוינע ליגענס... גרויסע טעג זיינען נאָהענט..."

עס איז געווען קלאָהר, אַז דעם 2טען נאָוועמבער וועט נאָך קיין קוואָרום ניט זיין, האָט מען אָבגעלעגט דעם קאָנגרעס אויף דעם 7טען נאָוועמבער. אָבער דאָס גאַנצע לאַנד איז איצט געווען אויפ־גערעגט. די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען האָ־בען דערזעהן, אַז עס האַלט מיט זיי שמאָל, האָבען זיי פּלוצלונג גע־ענדערט זייער טאַקטיק און גענומען שטורמען זייערע אָרטיגע אָרגאַ־ניזאַציעס מיט טעלעגראַמען, אַז זיי זאָלען אויסקלייבען אַזוי פיעל מעסיגע סאָציאַליסטען, וויפיעל נאָר מעגליך. דער עקזעקוטיוו-קאָמי־טעט פון די פּויערשע סאָוויעטען האָט בעשלאָסען צו רופען אַן אויסעראָרדענטליכען פּויערים-קאָנגרעס דעם 13טען דעצעמבער און האָט וועגען דעם אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף: דער ציעל איז געווען — האָבען אַ געגענגעוויכט, אויב דער סאָוויעטען-קאָנגרעס זאָל אָנ־נעהמען ענערגישע טריט...

יעדער איינער האָט זיך געפרעגט: ווי וועלען זיך האַלטען די באָלשעוויקעס? קלאַנגען האָבען זיך געטראָגען איבער'ן שטאָדט, אז עס וועט זיין א בעוואפענטע דעמאָנסטראַציע, אן ארויסטרעטונג פון די ארבייטער און סאָלדאטען. די בורזשואזע און רעאקציאָנערע צייטונגען האָבען פאָראויסגעזעהן אן אויפשטאנד און האָבען פערלאַנגט, אז די רעגיערונג זאָל ארעסטירען דעם פעטראָגראדער סאָוויעט אָדער לכל הפחות ניט דערלאָזען צו א קאָנגרעס. אזוינע בלעטער, ווי „נאָוואיא רוס", האָבען אָפען געפרעדיגט א פאָגראָם אויף די באָלשעוויקעס.

גאָרקי אין זיין „נאָוואיא זשיזן" האָט געהאַלטען מיט די באָלשעוויקעס אין איין פּרט: ער האָט געגלויבט, אז די רעאקציאָנערען ווילען צושטערען די רעוואָלוציע און אז אונטער א נויט דארף מען ארויסווייזען א בעוואפענטען ווידערשטאנד. דאָך האָט ער געהאַלטען, אז די גאנצע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע דארף בילדען איין פעראייניגטען פראָנט.

„כל זמן די דעמאָקראַטיע האָט נאָך ניט אָרגאַניזירט אַלע איהרע קרעפטען, כל זמן דער ווידערשטאנד מצד די געגנער איז נאָך זעהר שטארק, וואָלט געווען אונגוטיג איבערצוגעהן צו א בעוואפענטען אָנפאַל. אויב אָבער די פיינדליכע עלעמענטען נעהמען זיך פאר געוואַלד־מיטלען, בלייבט ניט קיין ברירה פאר דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע נאָר ארויסגעהן אין שלאַכט און קעמפפען פאר מלוכה־מאכט. אין דעם קאמפף וועלען זיי האָבען אויף זייער זייט די טיעפסטע שיכטען פונ'ם פאָלק..."

גאָרקי האָט אָנגעוויזען, אז סיי די רעאקציאָנערע צייטונגען, סיי די צייטונגען פון דער רעגיערונג פּראָוואָצירען די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס, האָט ער געמיינט, דארפען זיין פאָרזיכטיג. טאָמער הויבען זיי אָן אן אויפשטאנד, וועט עס נאָר עפענען די טהיר פאר א נייעם קאָרנילאָוו. ער האָט אויפגעפאָדערט די באָלשעוויקעס, זיי זאָלען אָבלייקענען די קלאַנגען. פאטרעסאָוו האָט אָבגעדרוקט אין מענשעוויסטישען „דיען" (דער טאָג) א סענסאַציאָנעלע געשיכטע, צוזאמען מיט א קארטע פון פעטראָגראד, וואו ער האָט כלומרשט אויפגעדעקט די געהיימע פּלענער פון די באָלשעוויקעס, ווי אזוי זיי גרייטען זיך צו א גאסען־קאמפף.

ווי דורך א כשוף האבען אלע ווענט זיך בעדעקט מיט פראקלא־מאציעס, ווארנונגען, אויפרופען. די צענטראל־קאמיטעטען פון די „מעסיגע" און קאנסערוואטיווע פראקציעס, ווי אויך דער צענטרא־לער עקזעקוטיוו־קאמיטעט האבען פראטעסטירט געגען דעמאנסטרא־ציעס און האבען גערופען די ארבייטער און סאלדאטען זיי זאלען ניט פאלגען די אגיטאטארס. אט איז א טהייל פון א פראקלאמאציע, וואס די מיליטערישע אבטהיילונג פון די סאציאליסטען־רעוואלוציא־נערען האט פערשפרייט איבער'ן שטאדט:

„ווידער א מאל הערען זיך קלאנגען וועגען אן ארויסטרעטונג. פון וואנען נעהמען זיך די אלע קלאנגען? ווער האט בעפאלמעכ־טיגט די אגיטאטארס צו פרעדיגען אן אויפשטאנד? דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט האט אנגעפרעגט די באלשעוויקעס, זאגען זיי, אז דאס איז ניט זייער ארבייט: זיי האבען מיט די קלאנגען קיין שייכות... אבער די קלאנגען אליין זיינען שוין אליין א גרויסע סכנה. עס קען זיך טרעפען, אז איינצעלנע היץ־קעפ זאלען ארויסרופען א טהייל ארבייטער און סאלדאטען אין גאס אריין און זיי אונטערהעצען צו מאכען אן אויפשטאנד, כאטש די מעהרהייט פון די ארבייטער, סאלדאטען און פויערים איז געגען דעם... מיר לעבען איצט איבער שרעקליכע צייטען; דער קלענסטער אויפשטאנד קען זיך פערוואנד־לען אין א בירגער־קריעג און צושטערען אלע ארגאניזאציעס פונ'ם פראלעטאריאט, וואס מען האט אויפגעבויט מיט אזוי פיעל מיה... די קאנטער־רעוואלוציע וועט אויסנוצען דעם אויפשטאנד צו פער־ניכטען די רעוואלוציע, צו עפענען דעם פראנט פאר ווילהעלם'ען, און מאכען צו נישט די גרינדונגס־פערזאמלונג... האלט זיך פעסט יעדערער אן זיין פאסטען! טרעט ניט ארויס!"

דעם 28טען אקטאבער האט איך גערעדט אין די קארידארען פונ'ם סמאלני אינסטיטוט מיט קאמענעוו'ען, — א נידריגען מאן מיט א רויטליכען שפיציגען בערדעל און פראנצויזישער זשעסטיקולאציע. קאמענעוו איז גאר ניט געווען זיכער, אז עס וועט זיך צונויפפאה־רען גענוג דעלעגאטען. „אויב א קאנגרעס וועט יא פארקומען", האט ער געזאגט „וועט ער געוויס אויסדריקען די אמת'ע שטימונג פון פאלק. אויב די מאיאריטעט וועט זיין באלשעוויסטיש, און ביי מיר איז קיין ספק ניט, אז עס וועט זיין אזוי, וועלען מיר פערלאנגען,

אז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגעהן צו די סאָוויעטען און די פּראָ־וויזאָרישע רעגיערונג זאָל רעזיגנירען"...

וואָלאָדאַרסקי, אַ הויכער בלייכער יונגערמאַן אין ברילען, מיט אַ אונריינער געזיכטס־פאַרב, איז געווען מעהר ענטשלאָסען. „די דאָן־ליבערס און די אַנדערע פּשרה־מאַכער סאַבאַטאַזשען דעם קאָנגרעס. אויב דאָס זאָל זיי געלינגען, אויב דער קאָנגרעס זאָל ניט פאַרקור־מען, — וואָס זשע? זיינען מיר גענוג רעאַליסטען, וועלען מיר זו־כען אַנדערע מיטלען".

דעם 29טען אָקטאָבער האָב איך פאַרשריעבען אין מיין נאָטיץ־בוך איינינע פאַקטען, וואָס איך האָב ארויסגענומען פון די צייטונ־גען:

מאָהילעוו (הויפּט קוואַרטיר פון'ם גענעראַל שטאַב). עס האָ־בען זיך דאָ קאָנצענטרירט די לאָיאַלע פאָלקען פון דער גוואַרדיע, די „ווילדע דיוויזיע", די קאָזאַקען און טויט־באַטאַליאָנען.

די יונקערס פון די מיליטער שוהלען אין פּאַוולאָווסק, צאַרסקאָיע סעלאָ און פּעטערהאָף האָבען בעקומען אַ בעפעהל פון דער רעגיערונג צו זיין גרייט: טאָמער וועט מען זיי דאַרפען, זאָלען זיי תיכף קומען קיין פּעטראָגראַד. די יונקערס פון אָראַניענבאַום קומען שוין קיין פּעטראָגראַד.

אַ טהייל פון די געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען פון דעם פּעטראָג־ראַדער גאַרניזאָן געפינט זיך אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

לויט אַ בעפעהל פון טראָצקי'ן האָט די סעסטראָרעצקער רעגי־רונגס־פאַבריק פון קריעגס־מאַטריאַלען ארויסגעגעבען עטליכע טוי־זענד ביקסען די דעלעגאַטען פון די פּעטראָגראַדער ארבייטער.

די שטאָדט־מיליץ פון דעם אונטערשטען ליטעיני קוואַרטאַל האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל איבער־געהן צו די סאָוויעטען.

דאָס איז נור אַ פּאָאַר קליינע עפּיזאָדען פון די אונגעהויער פער־וויקעלטע געשעהעניסען אין יענע פיעבערהאַפטע טעג, ווען יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז עפּעס מוז קומען, נור קיין קלאָהרע פאָר־שטעלונג האָט קיינער ניט געהאַט.

אין אבענד דעם 30טען אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט אין סמאָלני אינסטיטוט. טראָצקי האָט

געשטעמפעלט מיט פעראכטונג דעם בעריכט פון די בורזשואזע צייטונגען, אז דער סאָוויעט גרייט זיך צו א בעוואפענטען אויפשטאנד. דאס, האָט ער געזאָגט, איז „א פערזוך פון די רעאקציאָנערען צו דיסקרעדיטירען און צו ברעכען דעם קאָנגרעס פון די סאָוויעטען. דער פעטראָגראדער סאָוויעט" האָט טראָצקי ערקלעהרט „גרייט זיך ניט צו קיין ארויסטרעטונג. פונדעסטוועגען, אויב דאס וועט נויטהיג זיין וועלען מיר דאס טהאָן, און דערביי וועלען מיר האָבען די שטיצע פון דעם פעטראָגראדער גארניזאָן... די פראָוויזאָרישע רעגיערונג גרייט זיך צו א קאָנטאָר־רעוואָלוציע. אויב מיר וועלען ניט האָבען קיין אנדער ברירה, וועלען מיר ענטפערען מיט אן אונדערבארעמדיגען ענטשיידענעם אנפאל".

דער אמת איז, אז דער פעטראָגראדער סאָוויעט האָט זיך טאקע ניט געגרייט צו קיין דעמאָנסטראציע, אָבער דער צענטראל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס האָט ערנסט בעטראכט די פראגע וועגען אן אויפשטאנד. די זיצונג פון דעם באָלשעוויסטישען צענטראל קאָמיטעט האָט געדויערט די גאנצע נאכט אויפ'ן 23טען אָקטאָבער. אויף דער זיצונג זיינען געווען אלע פארטיי־אינטעליגענטען, אלע פיהרער, און אויך דעלעגאטען פון די פעטראָגראדער ארבייטער און פון דעם גארניזאָן. פון אלע אינטעליגענטען זיינען נור לענין און טראָצקי געווען פאר אן אויפשטאנד. אפילו די מיליטערישע פארטרעטער זיינען געווען געגען. ווען עס איז געקומען צו אן אָבשטימונג, איז די מאיאָריטעט געווען געגען אן אויפשטאנד.

דאן האָט זיך אויפגעהויבען א פּראָסטער ארבייטער מיט א פנים רויט פון צאָרן. „איך רעד אינ'ם נאָמען פון פעטראָגראדער פראָלעטאריאט", האָט ער געזאָגט מיט א שטרענגען מינע. „מיר ווילען אן אויפשטאנד. טהוט אייך וואס אייך געפעלט, אָבער איך זאָג אייך, אז אויב איהר דערלאָזט פערניכטען די סאָוויעטען, האָבען מיר מיט אייך ניט וואס צו טהאָן".

אייניגע סאָלדאטען זיינען צוגעשטאנען צו דעם ארבייטער. א נייע דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבען. מען האָט ווידער אָבגעשטימט. איצט איז די מעהרהייט געווען שוין פאר אן אויפשטאנד...

דער רעכטער פליגעל פון די באָלשעוויקעס אונטער דער פיהרונג פון ריאזאנאָוו, קאמענעוו און זינאָוויעוו האָט נאך אלץ אָנגעפיהרט

א קאמפף געגען א בעוואפענטען אויפשטאנד. דעם 31טען אקטאבער אין דער פריה איז אין „ראבאטשי פוט" ערשינען דער ערשטער קאפיטעל פון ליענין'ס „בריעף צו די חברים", — איינס פון די מערקוירדיגסטע פראפאגאנדא־ווערק אין דער וועלט. לענין האט זיך דארט ארויסגעזאגט פאר א בעוואפענטען אויפשטאנד. דער בריעף איז געווען אן ענטפער אויף די טענות פון קאמענעוו און ריאזאנאוו.

„איינס פון די צוויי", האט לענין געשריבען: „ענטוועדער מיר מוזען זיך אבזאגען פון דער פאדערונג: די גאנצע מאכט — די סאוויעטען, אדער מיר מוזען זיך נעהמען צו בעוואפענטען קאמפף. קיין אנדער וועג איז ניטא".

דעם זעלביגען טאג האט פאוועל מיליוקאוו, דער פיהרער פון די קאדעטען, געהאלטען א גלענצענדע רעדע אין דעם ראטה פון דער רוסישער רעפובליק, וואו ער האט ביטער קריטיקירט סקאבעלעוו'ס „נאקאז" אלס פרא־דייטש.

מיליוקאוו האט ערקלעהרט, אז די רעוואלוציאנערע דעמאקראטיע מאכט א תל פון רוסלאנד. דער רעדנער האט חוזק געמאכט פון טערעשטשענקא'ן און ניט מורא געהאט צו זאגען אפען, אז עס איז בעסער דייטשע דיפלאמאטיע איידער רוסישע... די לינקע בענק האבען ניט אויפגעהערט רוישען און טומלען די גאנצע צייט פון זיין רעדע.

די רעגיערונג פון איהר זייט האט זיך ניט געקענט מאכען ניט וויסענדיג וועגען דעם ערפאלג פון דער באלשעוויסטישער פראפאגאנדא. א פעראייניגטע קאמיסיע פון דער רעגיערונג מיט דעם ראטה פון דער רוסישער רעפובליק האט אויף גיך אנגעווארפען צוויי געזעצען: איינס וועגען איבערגעבען די ערד אויף דער וויל אין די הענד פון די פויערים, א צווייטעס וועגען נעהמען ענערגישע שריט צו שליסען שלום. דעם אנדערען טאג האט קערענסקי אבגעשאפט טויט־שטראף אין דער ארמעע. נאכמיטאג דעם זעלביגען טאג האט זיך געעפענט מיט גרויס פאראד די ערשטע זיצונג פון דער „נייער קאמיסיע צו שטארקען די רעפובליקאנישע ארדנונג און צו קעמפפען געגען אנארכיע און קאנטר־רעוואלוציע". פון דער דאזיגער קאמיסיע האט מען נאכהער קיין ווארט ניט געהערט. זי איז ווי אין וואסער אריין.

דעם נעקסטען אין דער פריה האָב איך און צוויי אנדערע קאָרעספּאָנדענטען געהאַט אַ געשפּרעך מיט קערענסקי'ן, — זיין לעצטע אינטערוויאו מיט זשורנאַליסטען.

ער האָט געזאָגט מיט אַ ביטערען טאָן:

„דאָס רוסישע פאָלק איז מיעד עקאָנאָמיש, דאָס רוסישע פאָלק איז ענטטוישט אין די אַליאירטע! די וועלט גלויבט, אז די רוסישע רעוואָלוציע איז געענדיגט. דאָס איז אַ גרויסער טעות. די רוסישע רעוואָלוציע הויבט זיך ערשט אָן!"

אפשר האָט קערענסקי אַליין ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נבואה ער האָט געזאָגט...

די זיצונג פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט אין דער נאַכט אויפ'ן 30טען אָקטאָבער איז געווען זעהר שטורמיש. איך בין אָבגעזעסען אויף דער פערזאַמלונג די גאַנצע נאַכט. די „מעסיגע" סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, אָפיצירען, מיטגליעדער פון די אַרמייקאָמיטעטען, און אויך דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָבען דאָרט געבילדעט איין געשלאָסענעם פראָנט. אַנטקעגען זיי איז געשטאַנען די פעראייניגטע קראַפט פון ארבייטער, פויערים און פּשוט'ע סאָלדאַטען, — ליידענשאַפטליך און איינפאַך.

אַ פויער האָט איבערגעגעבען וועגען אונרוהען אין טווער צוליעב דעם אַרעסט פון די לאַנד־קאָמיטעטען. „אייער קערענסקי", האָט ער געשריען: „איז ניט מעהר ווי אַ שוץ פאַר די פּאָמיעשטשיקעס. זיי ווייסען, אַז אין דער גרינדונגס־פערזאַמלונג וועלען מיר סיי ווי סיי צונעהמען די ערד, ווילען זיי מאַכען אַזוי, אַז עס זאָל נאָר קיין גרינדונגס־פערזאַמלונג ניט זיין!"

אַ מאַשיניסט פון דעם פּוטילאָווער זאַוואָד האָט דערצעהלט, ווי אַזוי די אויפזעהער שליסען איין אָבטהיילונג נאָך דער אַנדערער מיט'ן אויסרייד, אַז עס איז ניטאָ קיין הייצונג און קיין רויהע מאַטעריאַלען. דאָס איז ניט אמת, האָט ער געזאָגט, ווייל דער פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקי קאָמיטעט האָט ענטדעקט ריעזיגע זאַפּאַסען פון מאַטעריאַלען.

„דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע", האָט ער געשריען. „זיי ווילען אונז אויסהונגערען. זיי ווילען אונז טרייבען צו געוואַלדטהאַטען!"

איינער פון די סאָלדאַטען האָט אָנגעהויבען:

„חברים! איך ברענג אייך א גרוס פון די ערטער, וואו מענשען גראָבען זיך אַליין קברים און רופען דאָס טראַנשעען!"

א הויכער, מאָגערער סאָלדאַט, א יונגער מאַן מיט בליצענדע אויגען, האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. דאָס איז געווען טשודנאָווסקי, וואָס מ'האָט וועגען איהם גערעדט, אַז ער איז אומגעקומען אין דער יולי־שלאַכט. איצט איז ער אויפגעשטאַנען תחית המתים. מען בעגעגענט איהם מיט א שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטען. ער האָט געזאָגט:

„די סאָלדאַטען גלויבען מעהר ניט זייערע אָפיצירען. אפילו די ארמעע־קאָמיטעטען האָבען זיך אָבגעזאָגט רופען א פערזאַמלונג, וואָס זאָל אויסקלייבען דעלעגאַטען פאַר'ן סאָוויעט. די ארמעע־קאָמיטעטען האָבען אונז פערראַטהען... די מאַסען פּשוט'ע סאָלדאַטען פערלאַנגען, אַז די גרינדונגס פערזאַמלונג זאָל פּאַרקומען פּונקט דעם זעלביגען טאָג אויף וועלכען זי איז בעשטימט. טאָמער וועט אימיצער סמייען אָבצולעגען אויף ווייטער, וועט אויף איהם פאַלען דער פלוך פון דער ארמעע, און דאָס איז ניט נור קיין פּלאַטאָנישער פלוך, ווארום מיר האָבען ביקסען אויך..."

טשודנאָווסקי האָט דערצעהלט, ווי עס פיהרט זיך דער וואהל־קאַמף צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג אין דער 5טער ארמיי. „די אָפיצירען, דערהויפּט די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען", האָט ער געזאָגט, „טהוען אַלע מעגליכקייטען צו אונטערדריקען די באָלשעוויקעס. מען דערלאָזט ניט אונזערע צייטונגען אין די טראַנשעען, מען ארעסטירט אונזערע רעדנער".

„וואָס דערצעהלט איהר ניט בעסער, אַז עס איז ניטאָ קיין ברויט?" — האָט אויסגעשריען אַן אנדער סאָלדאַט.

„א מענש לעבט ניט מיט ברויט אַליין", האָט טשודנאָווסקי פעסט געענטפערט.

א דעלעגאַט פון דעם וויטעבסקער סאָוויעט, א מענשעוויק־אָבאָראַנעץ האָט גערעדט נאָך טשודנאָווסקי'ן. דאָס איז געווען אַן אָפיציר, און ער האָט אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט פון די אָפיצירען. „עס האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם, ווער עס האָט די מאַכט", האָט ער געזאָגט, „ניט די רעגיערונג איז שולדיג, נור דער קריעג. מיר מוזען געווינען דעם קריעג, איידער רעפאָרמען קענען..." געשרייען, פייפ־

פערייען און איראָנישע אויסרופען האָבען איבערגעריסען דעם רעד־נער. „די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרס זיינען דעמאַגאָגען!...“ דער זאַאַל דונערט פון געלעכטער. „לאָמיר אויף איין מאָמענט פערגע־סען דעם קלאַסען־קאַמפף...!" אָבער ענדיגען האָט ער ניט געקענט. אַן אויפגערעגטע שטימע האָט אויסגעשריען: „שווייג בעסער, גע־נוג!“

מערקווירדיג איז געווען דאָס בילד פון פעטראָגראד אין יענע טעג. אין די פאַבריקען זיינען גאַנצע צימערען פול געווען מיט ביקסען; קוריערען זיינען געקומען און געגאַנגען; די רויטע גוואַרדיע האָט זיך געלערענט מאַרשירען. אין אַלע קאַזאַרמעס זיינען פאָרגעקומען פערזאַמלונגען, טאָג און נאַכט האָבען זיך געצויגען הייסע אונענדליכע דעבאַטען. אַוועגד־צייט פלעגען די גאַסען אָנגעפילט ווערען מיט מענשען: נעדיכטע לאַנגזאַמע מענשען־כוואַליעס האָבען זיך גערוקט איבער נעווסקי, געשלונגען צייטונגען, געשלאָגען זיך פאַר אַ בלאַט... גאַסען־אָנפאַלען זיינען פאָרגעקומען אומעדום, און עס איז געווען אַ סכנה צו געהן דורך די זייטיגע געסלעך... אויף דער סאַדאָוואַיאַ האָב איך איינמאָל נאָכמיטאָג געזעהן, ווי אַן עולם פון עטליכע הונדערטער מענשען האָט געשלאָגען און געטראָטען צום טויט אַ סאָלדאַט אַ גנב, וואָס מען האָט איהם געכאַפּט ביי דער האַנד... געהיימניספולע טונקעלע ברואים האָבען זיך געדרעהט אַרום די פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען אין „רייהע“ אין די לאַנגע ווינטער־טעג און ווינטער־נעכט. ס'האָבען זיך געהערט שטילע געשפּרעכען וועגען די אידען, אַז דאָס זיינען זיי שולדיג אין אַלע צרות: זיי האָבין בעהאַלטען דאָס עסענוואַרג, און בשעת דאָס פאָלק געהט אויס פון הונגער לעבען זיך די סאָוויעט־מענשען אין עושר און אין כבוד...

אַרום סמאָלני האָבען וועכטער געהיט יעדען פערבייגעהער... מען האָט קיינעם ניט אריינגעלאָזט אָהן אַ פאַס. אינוויייניג האָט עס גע־רוישט טאָג און נאַכט ווי אין אַ ביהן־שטאָק. הונדערטער סאָלדאַטען און אַרבייטער זיינען געשלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע, וואו זיי האָבען נאָר געקענט געפינען אַ ווינקעל. אויבען, אין דעם גרויסען זאַאַל זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען פון דעם פעטראָגראדער סאָוויעט, וואו טויזענד מאַן האָבען ניט אויפגעהערט דיסקוטירען, געוואָלדעווען און הילכען...

און אין דער זעלביגער צייט, אין דער זעלביגער שטאָדט, איז דאָס אַלטע לעבען געגאַנגען זיין גאַנג. אַריסטאָקראַטישע שפּיעל־קלובען זיינען געווען אָפען פון פאַרנאַכט ביז אין דער פריה. שאַמ־פּאַניער האָט זיך געגאָסען. רייכע לעדיג־געהער האָבען געשטעלט אין קאָן ניט וועניגער ווי 20 טויזענד רובעל. איבער די צענטראַלע גאַסען האָבען ביינאַכט זיך ארומגעדרעהט פּראָסטיטוטקעס מיט טייערע פוטערס און דימאַנטען, די קאַפעס זיינען געווען פול מיט מענשען...

מאָנאַרכיסטישע פערשווערער, דייטשע שפּיאָנען, שמוגלער מיט זייערע טונקעלע פּלענער, — אַלצדינג איבערגעמישט, אַלצדינג איין תהו ובהו.

אונטער א גראָהען הימעל, אין א קאַלטען רעגען, אין געדיכטע נעבעלס, האָט דאָס הארץ פון דער שטאָדט געקלאַפּט העכער און העכער, און שנעלער און שנעלער האָט דאָס גרויסע פּעטראָגראַד זיך געטראָגען — וואוהין?

---

## דריטער קאַפּיטעל.

## ערב יום הדין

ווען א שוואַכע רעגיערונג און א רעוואָלוציאָנערע מאַסע שטעהען איינע געגען דער צווייטער, קומט א צייט, ווען אַלצדינג, וואָס די רעגירונג טהוט, איז שלעכט, און אַלצדינג, וואָס די רעגירונג טהוט ניט, ערוועקט נאָך מעהר דעם צאָרן פון דעם פאָלק.

ווען די רעגיערונג האָט זיך געקליבען פערלאָזען פּעטראָגראַד, האָט דאָס ארויסגערופען א שטורם אין די מאַסען. ווען קערענסקי האָט נאָכדעם ערקלעהרט, אַז די רעגיערונג האָט גאָר ניט בדעה דאָס צו טהאָן, איז זיין ערקלעהרונג אויפגענומען געוואָרען מיט פּעראַכטונג.

דער „ראַבאָטשי פּוט" האָט געשריבען:

„די רעוואָלוציע האָט צוגעשפּאַרט צום וואַנד די רעגיערונג פון העך פּראָוויזאָרישער בורזשואזיע, פּרואווט זי זיך ארויסדרעהען און דערצעהלט מעשיות, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואָלט אַנטלויפען פון פּעטראָגראַד, אַז זי האָט ניט געוואָלט איבערגעבען די הויפּט־שטאָדט אין די הענד פון דעם שונא. דאָס איז א מיאוסער ליגען..."

אין כארקאָוו האָבען דרייסיג טויזענד קויהלען־גרעבער זיך אָרגאַ־ניזירט און אָנגענומען אַ פּראָגראַם, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַזוינע ווערטער: „דער קלאַס פון ארבייטער און דער קלאַס פון קאַפּיטאַליס־טען האָבען ניט וואָס צו טהאָן איינער מיט דעם צווייטען“. קאָזאַקען זיינען געקומען און האָבען צוטריעבען די פערזאַמלונג און אייניגע ארבייטער האָט מען אריינגעוואָרפען אין טורמע. די קויהלען־גרעבער האָבען ערקלעהרט אַ גענעראַל־סטרייק. דער מיניסטער פון האנדעל און אינדוסטריע קאָנאָוואַלאָוו האָט בעשטימט זיין געהילף אָרלאָוו און איהם געגעבען אַלע פּאָלמאַכטען צו ענדיגען דעם סכסוך. די קויהלען־גרעבער האָבען געהאַסט אָרלאָוו׳ען. דער צענטראַלער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט האָט ניט נאָר געשטיצט קאָנאָוואַלאָוו׳ס שליח, נאָר ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו פאָדערען, אז מען זאָל צוריקרופען די קאָזאַ־קען פון דער דאָנער געגענד...

אין קאַלוגא האָט מען פונאנדערגעטריעבען דעם אָרטיגען סאָוויעט, ווייל די באָלשעוויקעס האָבען דאָרט געהאַט געוואונען אַ מעהרהייט און האָבען בעפרייט אייניגע פּאָליטישע אַרעסטירטע. די שטאָדט־דומא האָט געבראַכט סאָלדאַטען פון מינסק און מיט דער צושטימונג פון דעם רעגיערונגס־קאָמיסאר האָט מען געשאָסען אויף דער סאָוויעט־געביידע פון הארמאַטען. די באָלשעוויקעס האָבען זיך אונטערגעגע־בען. ווען זיי זיינען ארויס פון דער געביידע, זיינען די קאָזאַקען זיי בעפאַלען מיט געשרייען: „אָט דאָס וועלען מיר טהאָן מיט אַלע אנדערע באָלשעוויסטישע סאָוויעטען, אָט דאָס וועלען מיר טהאָן מיט אייערע פריינד אין מאָסקווא און פּעטראָגראד“. די קאַלוגא׳ער גע־שעהענים האָט ארויסגערופען אַ כוואַליע פון צאָרניגען שרעק איבער גאַנץ רוסלאַנד...

אין פּעטראָגראַד האָבען זיך גראד דאַמאָלסט פערענדיגט די זיצונגען פון אַ סאָוויעטען־קאָנגרעס פון די צפון־געגענדען. פאָר־זיצענדער איז געוועזען דער באָלשעוויק קרילענקאָ. מיט אַ געוואַלדיגער מאַיאָריטעט האָט מען אָנגענומען די רעזאָלוציע, אז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגעהן צו דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס פון סאָוויעטען. די פערזאַמלונג האָט געשיקט אַ גרוס די ארעסטירטע באָלשעוויקעס; זי האָט זיי געמונטערט און אָנגעזאָגט, אז די שעה פון זייער בעפריי־אונג איז נאָהענט. די ערשטע אַלל־רוסישע קאָנפערענץ פון די

פאבריטשנא־זאוואָדסקי קאָמיטעטען איז פאָרגעקומען אין דער זעל־ביגער צייט; זי האָט זיך שארף ארויסגעזאָגט פאר די סאָוויעטען. די רעזאָלוציע ערקלעהרט:

„דער ארבייטער־קלאס האָט זיך פּאָליטיש בעפרייט פון דער מאכט פון דעם צאר, וויל ער זעהן דעם זיעג פון א דעמאָקראטישער אָרדנונג אויך אין עקאָנאָמישען לעבען. דאָס איז מעגליך נאָר דאַן, ווען די ארבייטער וועלען האָבען דעם קאָנטראָל איבער אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן — א קאָנטראָל, וואָס איז נאטירליך אויסגעוואקסען אין אן אטמאָספערע פון עקאָנאָמישער צושטערונג — א רעזולטאט פון דער פערברעכערשער פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאסען...“

דער פעראיין פון אייזענבאהן־ארבייטער האָט פערלאנגט די רע־זיגנאציע פון ליווערעאָווסקי, דעם מיניסטער פון אייזענבאהנען...

אינ'ם נאָמען פונ'ם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט סקאָ־בעלעוו פערלאנגט, אז זיין „נאקאז“ זאָל ניט אנדערש צוגעשטעלט ווערען צו דער קאָנפערענץ פון די אליאירטע. סקאָבעלעוו האָט פאָר־מעל פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס טערעשטשענקאָ ווערט געשיקט קיין פּאריז. טערעשטשענקאָ האָט געמעלדעט, אז ער איז גרייט צו רעזיגנירען... גענעראל ווערכאָווסקי האָט איינגעזעהן, אז ער קאָן ניט רעאָרגאניזירען די ארמעע. צו די זיצונגען פון דעם קאבינעט פלעגט ער קומען זעהר זעלטען.

דעם דריטען נאָוועמבער איז בורצעוו'ס „אבשטשעיע דיעלאָ“ ארויסגעקומען מיט גרויסע „קעפּ“:

„בירגער, רעטעט דאָס פאָטערלאנד!

„ווי מיר ווערען געוואויר האָט דער קריעגס־מיניסטער גענעראל ווערכאָווסקי פאָרגעשלאָגען אין דער קאָמיסיע פאר נאציאָנאלע פער־טהיידיגונג, אז מען זאָל אונטערשרייבען א סעפּאראטען פריעדען אָהן די אליאירטע.

„דאָס איז פעררעטה!

„טערעשטשענקאָ פערענטפערט זיך, אז די פּראָוויזאָרישע רעגיער־רונג האָט אפילו ניט געוואָלט בעטראכטען ווערכאָווסקי'ס פאָרשלאג.

„מיר זיינען דאך ניט אין א משוגעים־הויז“, האָט טערעשטשענקאָ ערקלעהרט.

„די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע זיינען געוועז איבעררא͏ַשט, ווען זיי האָבען דערהערט ווערכאָווסקי'ס פאָרשלאָג.

„גענעראַל אלעקסעיעוו האָט געוויינט.

„ניין! דאָס איז ניט משוגעת!... דאָס איז ערגער!... דאָס איז אַן אָפענער פעררא͏ַטה. מען וויל פערקויפען רוסלאַנד!

„קערענסקי, טערעשטשענקאָ און נעקראַסאָוו מוזען גלייך ענטפער־רען, וואָס בעדייט ווערכאָווסקי'ס פאָרשלאָג.

„בירגער, שטעהט אויף!

„רוסלאַנד ווערט פערקויפט!

„ראַטעוועט רוסלאַנד!"

וואָס האָט ווערכאָווסקי באמת געזאָגט? ער האָט זיך אויס־געדריקט, אַז מען מוז פערלאַנגען פון די אַליאירטע זיי זאָלען וואָס גיכער שליסען פריעדען, ווארום די רוסישע ארמעע איז מעהר ניט פעהיג צו פיהרען מלחמה...

די סענסאַציע סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד איז געוועז אונגעהייער. ווערכאָווסקי האָט בעקומען אַן אורלויב אויף אַן אונ־בעשטימטער צייט „צוליעב אונגעזונדהייט", און האָט פערלאָזען דעם קאַבינעט. די „אָבשטשעיע דיעלאָ" האָט מען אונטערדריקט.

זונטאג דעם 4טען נאָוועמבער האָט געזאָלט זיין „דער טאָג פונ'ם פעטראָגראַדער סאָוויעט". אונגעהויערע מיטינגען האָבען גע־זאָלט פאָרקומען איבער דער גאַנצער שטאָדט, מיט דעם צוועק, ווי מען האָט געזאָגט, צו זאַמלען געלד פאַר דער אָרגאַניזאַציע און פאַר דער פרעסע. אין דער אמת'ען האָט דאָס געזאָלט זיין אַ פּראָבע פון קראַפט. פּלוצלונג ווערט מען געוואָהר, אַז אויף דעם זעלביגען טאָג פּלאַנעווען די קאָזאַקען אַ הייליגע פּראָצעסיע לכבוד דער איקאָנע פון 1812, וועלכע האָט געראַטעוועט מאָסקווא פון נאַפּאָלעאָנ'ען. די אַטמאָספערע איז געוועז פול מיט עלעקטריציטעט. איין פונק וואָלט געקענט אָנצינדען אַ ברודער־קריעג. דער פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט ארויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע מיט'ן נאָמען „ברידער־קאָזאַקען".

„מען וויל אייך, קאָזאַקען, אויפרייצען געגען אונז, ארבייטער און סאָלדאַטען. קיי'ם פּלאַן האָבען אויסגעטראַכט אונזערע געמיינזאַמע שונאים, די אונטערדריקער, די פּריווילעגירטע קלאַסען, גענעראַלען, באַנקירען, גוטס־בעזיצער, געוועזענע בעאַמטע, געוועזענע משרתים

# БРАТЬЯ-КАЗАКИ!

Петроградскій совѣтъ солдатскихъ и рабочихъ депутатовъ обращается къ вамъ свое слово.

Васъ, казаки, хотятъ возстановить противъ насъ, рабочихъ и солдатъ. Эту каинову работу совершаютъ наши общіе враги: насильники-дворяне, банкиры, помѣщики, старые чиновники, бывшіе слуги царскіе. Они всегда были сильны и властны раздѣленіемъ народа. Натравливали солдатъ на рабочихъ и крестьянъ. Казаковъ напускали на солдатъ. Какими средствами достигали они этого? Ложью, клеветой. Казакъ, солдатъ, матросъ, рабочій, крестьянинъ — родные братья. Всѣ они труженики, всѣ бѣдняки, всѣ тянутъ лямку, всѣ придавлены и ограблены войной.

Кому нужна война? Кто ее затѣялъ? Не казакъ и не солдатъ, не рабочій и не крестьянинъ. Война нужна генераламъ, банкирамъ, царямъ, помѣщикамъ. Они увеличиваютъ на войнѣ свою власть, свою силу, свои богатства. Народную кровь они превращаютъ въ болото своихъ барышей.

Народъ хочетъ мира. Во всѣхъ странахъ солдаты и рабочіе жаждутъ мира. Петроградскій совѣтъ рабочихъ и солдатскихъ депутатовъ говоритъ буржуямъ и генераламъ: „Отойдите въ сторону, насильники! Пусть власть перейдетъ въ руки самого народа, и тогда народъ немедленно же заключитъ честный миръ".

Правильно ли это, товарищи-казаки? Мы не сомнѣваемся, что вы всѣ скажете: правильно! Но именно потому насъ ненавидятъ всѣ ростовщики, богачи, князья, дворяне, генералы, и въ ихъ числѣ ваши, казачьи генералы. Они готовы въ любой часъ уничтожить петроградскій совѣтъ, задушить революцію, надѣвъ оковы на народъ, какъ было при царѣ.

Поэтому они вамъ клевещутъ на насъ. Они обманываютъ васъ. Они говорятъ, будто Совѣтъ хочетъ отобрать ваши земли. Не вѣрьте, казаки! Совѣтъ хочетъ отобрать всѣ помѣщичьи земли и передать ихъ крестьянамъ, хлѣборобамъ и въ частности бѣднымъ казакамъ. У кого же поднимется рука, отбирать землю у труженика-казака!

Вамъ говорятъ, будто Совѣтъ собирается 22-го октября устроить какое-то возстаніе, сраженія съ вами, стрѣльбу на улицахъ, рѣзню. Тѣ, кто сказалъ вамъ это — негодяи и провокаторы. Такъ и заявите имъ! На 22-е октября Совѣтъ назначилъ мирные митинги, собранія, концерты, гдѣ рабочіе и солдаты, матросы и крестьяне будутъ слушать и обсуждать рѣчи о войнѣ и мирѣ, о народной долѣ. На эти мирные, братскіе митинги мы приглашаемъ и васъ. Добро пожаловать, братья-казаки!

Кто изъ васъ сомнѣвается, пусть зайдетъ въ Смольный, гдѣ помѣщается Совѣтъ. Тутъ всегда много солдатъ, есть и казаки. Они объяснятъ сомнѣвающемуся, чего хочетъ Совѣтъ, каковы его цѣли и пути. Для того народъ и скинулъ царя, чтобъ свободно обсуждать свои нужды и брать свои дѣла въ собственныя руки. Сбросьте и вы, казаки, повязку, которую надѣваютъ вамъ на глаза Каледины, Бардижи, Карауловы и прочіе враги трудового казачества.

22-го октября устраивается кѣмъ то казачій крестный ходъ. Дѣло свободной совѣсти каждаго казака участвовать или не участвовать въ крестномъ ходѣ. Мы въ это дѣло не вмѣшиваемся и никакихъ препятствій никому не чинимъ.

Однако, мы васъ предупреждаемъ, казаки: глядите зорко, какъ бы, подъ видомъ крестнаго хода, не попытались ваши Каледины натравить васъ на рабочихъ, на солдатъ. Ихъ цѣль — вызвать кровопролитіе и въ братской крови утопить вашу и нашу свободу.

Знайте твердо: 22-го октября — день Петроградскаго Совѣта, день мирныхъ митинговъ, собраній и денежныхъ сборовъ на солдатскія и рабочія газеты. Примыкайте къ намъ, казаки, — въ общую семью трудового народа, для общей борьбы за волю и счастье.

Братскую руку протягиваетъ вамъ, казаки,

Петроградскій Совѣтъ Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.

Типографія «[illegible]», Петроградъ, [illegible]

Appeal of the Petrograd Soviet to the Cossacks to call off their *Krestny Khod*—the religious procession planned for November 4th (our calendar). "Brothers—Cossacks!" it begins. "The Petrograd Soviet of Workers' and Soldiers' Deputies addresses you."

פונ׳ם צאר... זיי האָבען אונז פיינד, די אַלע כאַבאַרניקעס, געלד־זעק, פּרינצען, אַדעליגע, גענעראַלען, און אויך אַלע אייערע קאָזאַקישע גענעראַלען. זיי זיינען גרייט יעדע מינוט צו פערניכטען דעם פּעט־ראָגראַדער סאָוויעט, דערשטיקען די רעוואָלוציע...

אויפ׳ן 4טען נאָוועמבער אָרגאַניזירט אימיצער אַ רעליגיעזע פּראָ־צעסיע פון סאָלדאַטען. יעדער איינער איז פריי צו האַנדלען לויט זיין געוויסען. יעדער איינער דאַרף בעשליסען פאַר זיך, צי ער וויל אַנטהייל נעהמען אין דער פּראָצעסיע, צי ניט. מיר מישען זיך ניט אין אַזוינע זאַכען. מיר ווילען קיינעם ניט שטערען. אָבער געדענקט, קאָזאַקען, מיר וואָרענען אייך. זאָגען זאָגט מען אַ פּראָצעסיע, אָבער עס קען זיך טרעפען, אַז אייערע קאַלעדינס זאָלען אייך פיהרען געגען די אַרבייטער, געגען די סאָלדאַטען...״

די פּראָצעסיע האָט מען אויפגעגעבען...

אין די קאַזאַרמעס און אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען האָבען די באָלשעוויקעס אין איין קול אַגיטירט: „די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטען״. די אַגענטען פון די שוואַרצע כחות האָבען געהעצט דאָס פאָלק צו קוילען די אידען, די קרעמער, די סאָציאַליסטישע פיהרער.

פון איין זייט די מאָנאַרכיסטישע פּרעסע, — אַגיטאַציע פאַר בלוטיגע אונטערדריקונג; פון דער אַנדערער זייט ליענין׳ס הילכיגע שטימע: „אויפשטאַנד! מיר קענען מעהר ניט וואַרטען!״

אפילו די בורזשואַזע צייטונגען זיינען געווען אומרוהיג.

די „בירזשעוויא וויעדעמאָסטי״ (בערזען־צייטונג) האָט גערופען די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, „אַן אַנגריף אויף די עלעמענטאַר־סטע פּרינציפּען פון געזעלשאַפט,—פּערזענליכע פרייהייט און אַכטונג פאַר פּריוואַט־אייגענטום״.

די פיינדליכסטע פון אַלע זיינען געווען די „מעסיגע״ סאָציאַליס־טישע צייטונגען. „די באָלשעוויקעס זיינען די געפעהרליכסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע״, האָט געשריבען די „דיעלאָ נאַראָדאַ״. „די רעגיערונג דאַרף זיך אַליין בעשיצען און אונז בעשיצען געגען דעם שונא״, האָט געשריבען דער מענשעוויסטישער „דיען״. און פּלעכאַ־נאָוו׳ס צייטונג „יעדינסטוואָ״ (איינינקייט) האָט אויפמערקזאַם גע־מאַכט דער רעגיערונג, אַז די אַרבייטער פון פּעטראָגראַד בעוואָפענען זיך. זי האָט געפאָדערט שטרענגע מיטלען געגען די באָלשעוויקעס.

אָבער די רעגיערונג איז וואָס א טאָג געוואָרען אַלץ מעהר הילפ־לאָז. אפילו די שטאָדט־פערוואַלטונג איז געוואָרען פּאַראַליזירט. די צייטונגען זיינען יעדען פריהמאָרגען געווען פול מיט ידיעות וועגען חוצפּה'דיגע רויבערייען און מאָרדען, אָבער די פערברעכער זיינען פערבליבען אונבעשטראפט.

ארבייטער־פּאַטרולען האָבען גענומען היטען די גאסען ביינאכט, געקעמפפט מיט די רויבער, איבערגענומען זאַפּאַסען פון געוועהר, וואו זיי האָבען דאָס נאָר געקענט געפינען.

דעם 1טען נאָוועמבער האָט פּאָלקאָווניק פּאָלקאָוניקאָוו, דער מי־ליטערישער קאָמאַנדיר פון פּעטראָגראַד, ארויסגעלאָזט אזא פּראָקלאַ־מאַציע:

„אונזער לאַנד לעבט איבער זעהר שווערע טעג, און דאָך געפינען זיך אונפּעראַנטוואָרטליכע מענשען, וואָס רופען צו בעוואפענטע דע־מאָנסטראַציעס און פּאָגראָמען. די צאָהל רויבערייען און די אונ־אָרדנונג פערגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג.

„אזא לאַגע דעזאָרגאַניזירט דאָס לעבען פון די בירגער, זי שטערט די סיסטעמאַטישע ארבייט פון דער רעגיערונג און פון די שטאָדטי־שע אינסטיטוציאָנען.

„אין פולען בעוואוסטזיין פון מיין פעראַנטוואָרטליכקייט און מיין פליכט פאר מיין לאַנד, בעפעהל איך:

„1) יעדע מיליטערישע אָבטהיילונג זאָל מיט אַלע מיטלען העלפען דער שטאָדט־פערוואַלטונג, די קאָמיסארען, דער מיליץ, צו היטען די רעגיערונגס־אינסטיטוציאָנען.

„2) פּאַטרולען זאָלען אָרגאַניזירט ווערען אין פערבינדונג מיט די ראַיאָנע קאָמאַנדירען און די פערטרעטער פון דער שטאָדט־מיליץ. מיטלען זאָלען גענומען ווערען צו אַרעסטירען די פערברעכער און דעזער־טירען.

„3) אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען אין קאַזאַרמעס און רייצען צו בעוואפענטע דעמאָנסטראַציעס און פּאָגראָמען, זאָלען אַרעסטירט ווערען און צוגעשטעלט ווערען אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם 2טען קאָמאַנדיר פון דער שטאָדט.

„4) בעוואפענטע דעמאָנסטראַציעס אָדער אַנדערע אונרוהען זאָ־

לען אונטערדריקט ווערען מיט א שטארקער האנד פון דער ערשטער מינוט אן.

„5) סאלדאטען זאלען העלפען די קאמיסארען צו פערהיטען אוננויטיגע הויז־זוכונגען און אוננויטיגע ארעסטען.

„6) וועגען יעדער געשעהענים אין יעדען ראיאן זאל תיכף גע־מעלדעט ווערען דעם שטאב פון דעם פעטראגראדער מיליטערישען ראיאן.

„איך פאדער אויף אלע ארמעע־קאמיטעטען און ארגאניזאציעס צו העלפען די קאמאנדירען ערפילען די פליכטען, וואס זיינען אויף זיי ארויפגעלעגט".

אין דעם ראטה פון דער רעפובליק האט קערענסקי ערקלעהרט, אז די רעגיערונג ווייסט זעהר גוט וועגען די באלשעוויסטישע הכנות, און זי האט גענוג קראפט צו מעסטען זיך מיט יעדער דעמאנסטראציע. קערענסקי האט בעשולדיגט דעם „ראבאטשי פוט", דעם ארגאן פון די באלשעוויקעס, אז ער טהוט די זעלביגע שעדליכע ארבייט, ווי פורישקעוויטש'עס „נאוואיא רוס", „נאר וואס זאלען מיר טהאן", האט ער צוגעגעבען, „די פרעסע איז אין גאנצען פריי, און די רעגיערונג האט קיין שום מעגליכקייט ניט צו קעמפפען געגען ליגענס"... לויט קערענסקי'ן איז אויסגעקומען, אז די קאנטר־רעוואלוציאנערע פראַ־פאגאנדא, וואס פרעהט אזוי דאס הארץ פון דער שווארצער מאה, האט אין זיך צוויי זייטען.

„איך פערזענליך בין א פערלארענער מענש" האט ער געזאגט. „עס ארט מיך שוין ניט, וואס מיט מיר אליין וועט זיין. דעריבער האב איך דעם מוטה צו זאגען, אז דער אנדערער געהיימניספולער צד — דאס איז די העסליכע פראוואקאציע, וואס די באלשעוויקעס האבען ארויסגערופען אין שטאדט!"

דעם 2טען נאוועמבער איז געווען אין פעטראגראד סך הכל אזוינע פופצעהן דעלעגאטען פון אנדערע שטעדט. אויף מארגען איז שוין געווען הונדערט, איבערמארגען 175, פון זיי זיינען 103 געווען באלשעוויקעס... צו א קווארום האט מען בעדארפט האבען 400, און ביז'ן קאנגרעס איז סך הכל געבליבען דריי טעג...

א סך צייט האב איך יענע טעג פערבראכט אין דעם סמאלני אינסטיטוט. ארייגעהן אהין איז שוין ניט געווען אזוי גרינג. צוויי

רייהען וועכטער האבען געהיט דעם טויער. אין הויף פאר דעם אריינגאנג זיינען געשטאנען לאנגע רייהען מענשען און געווארט. בע־אמטע האבען זיי אויסגעפרעגט, וואס זיי דארפען, און בעטראכט זייערע פעסער. דאס סיסטעם פון פעסער האט מען געענדערט אלע עטליכע שעה, ווארום מען האט זיך געוואלט פערהיטען פון שפיאנען, וועלכע האבען אויסגעניצט יעדע געלעגענהייט זיך אריינצוכאפען אינעווייניג.

איינמאל בין איך צוגעקומען צום טויער, האב איך געזעהן טראצ־קי'ן מיט זיין ווייב אין דער פאדערשטער רייה. א סאלדאט האט זיי אבגעשטעלט. טראצקי האט א טאפ געטהאן אין קעשענע. ער האט אבער ניט געפונען זיין פאס.

„מילא", האט ער געזאגט, „איהר קענט מיר דאך. איך בין טראצקי".

„איהר מוזט האבען א פאס", האט דער סאלדאט זיך גע'עקשנ'ט, „איך קען אייך ניט אריינלאזען. וואס איז מיר אייער נאמען, איהר דארפט מיר ווייזען אייער פאס".

„איך בין דאך אבער דער פרעזידענט פון דעם פעטראגראדער סאוויעט"....

„נו, איז וואס?" האט דער סאלדאט געענטפערט „אויב איהר זענט א גרויסער מאכער, מוזט איהר כאטש האבען א קליין פאפירעל".

טראצקי איז געווען זעהר געדולדיג. „לאמיר זעהן דעם קאמענ־דאנט", האט ער געזאגט. דער סאלדאט האט זיך געקווייקעלט, געווארטשעט, אז ער וועט ניט געהן שטערען דעם קאמענדאנט צוליעב יעדען שווארצען יאהר. ענדליך האט ער צוגערופען דעם אויפזעהער איבער דער וואך. טראצקי האט איהם ערקלערט וועגען וואס עס האנדעלט זיך. „מיין נאמען איז טראצקי", האט ער איבערגעחזר'ט.

„טראצקי?" האט זיך יענער געקראצט אין קאפ. „איך האב ערגעץ געהערט דעם נאמען", האט ער ענדליך צוגעגעבען. „ניטא קיין סכנה. איהר מעגט אריינגעהן, טאווארישטש"...

אין קארידאר האב איך בעגעגענט קאראכאנ'ען, א מיטגליעד פון דעם באלשעוויסטישען צענטראל־קאמיטעט. ער האט מיר ערקלעהרט, ווי עס וועט אויסזעהן די נייע רעגיערונג.

„א לויזע ארגאניזאציע, וואס רופט זיך אב אויף דעם ווילען און אויף דער שטימונג פון די מאסען, ווי זיי ווערען אויסגעדריקט

אין די סאָוויעטען, און וואָס גיט פולע פרייהייט די אָרטיגע קרעפטען. די איצטיגע פראָוויזאָרישע רעגיערונג איז אַ שטערונג פאַר די אָרטיגע דעמאָקראַטישע קרעפטען, פונקט ווי עס איז געווען די זעלבסט־הער־שענדע רעגירונג. אין דער נייער געזעלשאַפט וועט די איניציאַטיווע קומען פון אונטען... די רעגיערונגס־פאָרם וועט אויסגעאַרבייט ווע־רען לויט דעם פראָגראַם פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער־פּאַרטיי. דער נייער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וועט זיין דער רוסישער פאַרלאַמענט. ער וועט זיין פעראַנטוואָרט־ליך פאַר דעם אַלל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס, וואָס וועט זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט. אין דער שפּיץ פון יעדען מיניס־טאַריום וועט זיין אַ קאָלעגיום, אַ קאָמיטעט אַנשטאָט אַ מיניסטער. די קאָלעגיומס וועלען זיין דירעקט פעראַנטוואָרטליך פאַר די סאָוויע־טען..."

דעם 30טען אָקטאָבער בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם פון סמאָלני אינסטיטוט, וואו איך האָב געהאַט אַ געשפּרעך מיט טראָצקי'ן אין אַ קליינעם לעדיגען צימער. דער אינטערוויו איז גע־ווען בעשטימט פון פריהער. טראָצקי איז געזעסען אויף אַ פּראָסטען ביינקעל אינמיטען צימער לעבען אַן אָבגערקטען טיש. איך האָב איהם פערשפּאָרט אַ סך פרעגען. ער האָט גערעדט מעהר ווי אַ שטונ־דע. גערעדט אָהן אַן אָבהאַלט. איך גיב איבער די וויכטיגסטע טהיי־לען פון זיין געשפּרעך אין זיינע אייגענע ווערטער:

„די פראָוויזאָרישע רעגיערונג איז אין גאַנצען מאַכטלאָז. די פראָוויזאָרישע רעגיערונג איז קאָנטראָלירט פון דער בורזשואַזיע, אָבער דאָס איז פערמאַסקירט דורך אַ כלומר'שטדיגער קאָאַליציע מיט די אָבאָראַנצעס. די פויערים זענען שוין מיעד וואַרטענדיג, זיי מאַ־כען אויפשטאַנדען צו פערכאַפּען די לאַנג־פערשפּראָכענע ערד. די אַרבייטער איבער'ן גאַנצען לאַנד זענען אויפגערעגט און פערביטערט. די בורזשואַזיע קען אָנהאַלטען איהר הערשאַפט נור דורך אַ בירגער קריעג. קאָרנילאָווטשינע איז, אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, דאָס איינציגע מיטעל צו בלייבען ביי'ם רודער. אָבער די בורזשואַזיע איז שוואַך. די אַרמיי איז מיט אונז. די פשרה־מאַכער און פּאַסי־פיסטען, די סאָציאַליסטען ־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס, האָ־בען אָנגעוואָרען זייער איינפלוס, ווייל דער קאַמף צווישען די פויע־

רים און די פריצים, צווישען די ארבייטער און די קאפיטאליסטען, צווישען די סאלדאטען און די אפיצירען איז געווארען שטארקער, ביטערער, הייסער. נור דורך א פעראייניגטער האנדלונג פון די מאסען, נור דורך א זיעג פון דער פראלעטארישער דיקטאטור קען די רעוואלוציע דערגרייכען איהר ציעל, נור אזוי קען מען ראטעווען דאס פאלק...

„די סאוויעטען זיינען די פאלשטענדיגסטע פארטרעטער פונ'ם פאלק, — פאלשטענדיג אין זייער רעוואלוציאנערער ערפאהרונג, אין זייערע אידעען און ציעלען. די סאוויעטען האלטען זיך אויף דער ארמיי אין די טראנשעען, אויף די ארבייטער אין די פאבריקען, אויף די פויערים אין די פעלדער, און זיי זיינען דעריבער דער אמת'ער חוט השדרה פון דער רעוואלוציע.

„מען האט געפרואווט בעשאפען א מאכט אהן די סאוויעטען. האט מען בעשאפען נור מאכטלאזיגקייט. אין די קארידארען פון דעם ראטה פון דער רוסישער רעפובליק שמידט מען אלערליי קאנטר־רעוואלוציאנערע פלענער. די קאדעטישע פארטיי איז די ארגאניזירטע און קעמפפענדע קאנטר־רעוואלוציע. דער סאוויעט, פון דער אנדערער זייט, פארטרעט די אינטערעסען פון דעם פאלק. צווישען אט דיביידע לאגערען איז אייגענטליך ניטא קיין וויכטיגע סאציאלע גרופען, וואס זאלען קענען שפיעלען א ראלע...

„עס איז דער „לוטטע פינאלע“ (דער ענטגילטיגער קאמף). די בורזשואזע קאנטר־רעוואלוציע ארגאניזירט איהרע קרעפטען און ווארט נאר אויף דער געלעגענהייט צו בעפאלען אונז. אונזער ענטפער וועט זיין פעסט און ענטשלאסען. מיר וועלען פארענדיגען די ארבייט, וואס מען האט קוים אנגעהויבען אין מארט, און וואס מען האט א רוק געטהאן פארווערטס אין דער צייט פון קארנילאוו...“

טראצקי האט אויך בעריהרט די אויסלענדישע פאליטיק פון דער נייער רעגיערונג:

„קודם כל וועלען מיר אויפאדערען צו שליסען א וואפענשטיל־שטאנד אויף אלע פראנטען. דאן צו רופען א קאנפערענץ פון אלע פעלקער צו בעטראכטען דעמאקראטישע פריעדענס־בעדינגונגען. אויף וויפיעל דער פריעדענס־אבמאך וועט פארקערפערען דעמאקראטישע אידעען, וועט זיך ווענדען אן דעם רעוואלוציאנערען אבקלאנג, וואס

מיר וועלען געפינען אין איירָאפּא. אויב מיר גרינדען דאָ אַ סאָוויעט־טען־רעגיערונג, וועט דאָס זיין אַ געוואַלדיגער פאַקטאָר צו שליסען אַ באַלדיגען פריעדען אין איירָאפּא. ווארום די נייע רעגיערונג וועט זיך תיכף ווענדען דירעקט צו אַלע פעלקער איבער די קעפּ פון זייערע רעגיערונגען. אויף דער פריעדענס־קאָנפערענץ וועט די רוסישע רעוואָלוציע מיט אַלע כחות פּרואווען דורכפיהרען דאָס פּראָגראַם פון „קיינע אנעקסיעס, קיינע קאָנטריבוציעס, דאָס רעכט פון אַלע פעלקער אויף זעלבסט בעשטימונג, און אַ פעדעראַלע רעפּובליק פון איירָאפּא"...

„איך שטעל מיר פאָר נאָך דעם קריעג אַן איבערגעבויטע איירָאפּא, — איבערגעבויט ניט דורך דיפּלאָמאַטען, נור דורך דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר מוזען האָבען אַ פעדעראַלע רעפּובליק פון איירָאפּא, — די פעראייניגטע שטאַאַטען פון איירָאפּא. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז שוין מעהר ניט גענוג. די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פערלאַנגט, אַז די גרענעצען צווישען פעלקער זאָלען אינגאַנצען אָבגעשאַפט ווערען. בלייבט איירָאפּא צושפּאָלטען אויף איינצעלנע נאַציאָנאַלע גרופּען, וועט דער אימפּעריאַליזם ווידער אָנהויבען זיין ארבייט. נאָר אַ פעדעראַלע רעגירונג אין איירָאפּא קען ברענגען פריעדען אויף דער וועלט..." ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט זיין פּיינעם, קוים קוים איראָנישען שמייכעל. „אָבער דערצו איז נויטיג דער אויפשטאַנד פון די איירָאפּעאישע מאַסען, אַנדערש קען מען דאָס ניט אויספיהרען, — איצט...

דערווייל האָט די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אָנגעהויבען פּלאַנעווען אוועקצושיקען דעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן צום פראָנט.

אין פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן זיינען געווען אַזוינע זעכציג טויזענד סאָלדאַטען, וואָס האָבען גענומען אַ גרויסען חלק אין דער רעוואָלוציע. דאָס האָבען זיי געהאָלפען דורכפיהרען די גרויסע איבערקעהרעניש אין מארט, דאָס האָבען זיי בעשאַפען דעם סאָוויעט פון סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, און דאָס האָבען זיי אָבגעשטויסען קאָרנילאָוו'ן פון די פּעטראָגראַדער טויערען.

איצט איז אַ גרויסער טהייל פון זיי געווען באָלשעוויסטיש. ווען

די פראוויזארישע רעגיערונג האט געשמועסט וועגען עוואקואירען די שטאדט, איז דאס געווען דער פעטראגראדער גארניזאן, וואס האט ערקלעהרט: „אויב איהר זיינט ניט פעהיג צו פערטהיידיגען די שטאדט, שליסט פריעדען; אויב איהר קענט ניט שליסען קיין פריעדען, געהט אוועק און גיט איבער אייער מאכט צו א פאלקס־רעגירונג, וואס וועט טהאן אי דאס ערשטע און אי דאס צווייטע...“

עס איז געווען קלאהר, אז דער ערפאלג פון יעדען אויפשטאנד אין פעטראגראד וועט זיך ווענדען אן דער האלטונג פון דעם פעטראגראדער גארניזאן. נו, האט די רעגיערונג געפלאנעוועט צו פערבייטען דעם גארניזאן אויף פאלקען פון „אייגענע מענשען“ — קאזאקען, טויט־באטאליאנען. די ארמעע־קאמיטעטען, די מעסיגע סאציאליסטען און דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט האבען אונטערגעהאלטען די רעגיערונג. א ברייטע פראפאגאנדא האט זיך געפיהרט ביים פראנט און אין פעטראגראד. מען האט אנגעוויזען, אז אכט חדשים נאכאנאנד האט דער פעטראגראדער גארניזאן געלעבט א רוהיג לעבען אין די קאזארמעס, בשעת די איבעריגע סאלדאטען האבען געליטען און געשטארבען אין די טראנשעען.

א שטיק אמת איז טאקי דערין געווען. די פאלקען פון׳ם פעטראגראדער גארניזאן האבען קיין חשק ניט געהאט צו פערלאזען זייער רוהיגען לעבען און געהן צום פראנט, דערצו נאך מיט אן אויסזיכט אויף א ווינטער־מלחמה. עס זיינען אבער געווען אנדערע סבות אויך. דער פעטראגראדער סאוויעט האט ניט געטרויט דער פראוויזארישער רעגיערונג; פון דעם פראנט זיינען אנגעקומען הונדערטער דעלעגאטען, אויסגעקליבען דורך פשוט׳ע סאלדאטען; זיי האבען ערקלעהרט: „אמת, מיר דארפען טאקע האבען נייע קרעפטען, מיר ווייסען אבער, אז מען דארף היטען פעטראגראד און די רעוואלוציע... דעריבער האלט איהר, חברים, די שטאדט, און מיר וועלען האלטען דעם פראנט.“

דעם 25טען אקטאבער האט דער צענטראל־קאמיטעט פון דעם פעטראגראדער סאוויעט דיסקוטירט די פראגע וועגען בילדען א בעזונדערען מיליטערישען קאמיטעט צו ענטשיידען די גאנצע אנגעלעגענהייט. די זיצונג איז פארגעקומען הינטער פערשלאסענע טהירען. אויף מארגען האט די סאלדאטען־אבטהיילונג פון דעם פעט־

ראַגראַדער סאָוויעט אויסגעקליבען אַ בעזונדערען קאָמיטעט, וואָס האָט תיכף ערקלעהרט אַ באָיקאָט אויף אַלע בורזשואזע צייטונגען און האָט שאַרף קריטיקירט דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דערפאַר וואָס ער איז געגען אַ קאָנגרעס פון אַלע סאָוויעטען. אויף אַ זיצונג פונ׳ם פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט טראָצקי דעם 29טען פאָרגעשלאָגען, אַז דער סאָוויעט זאָל פאָרמעל אַנערקענען דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. „מיר מוזען בעשאַפען אונזער אייגענע בעזונדערע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פעהיג זיין צו געהן אין שלאַכט און אויב נויטיג צו שטאַרבען אין קאַמפף". מען האָט בעשלאָסען צו שיקען צום פראָנט צוויי דעלעגאַציעס: איינע פונ׳ם סאָוויעט און איינע פונ׳ם גאַרניזאָן. די דעלעגאַציעס האָבען זיך געזאָלט אין עצה האַלטען מיט די סאָלדאַטען־קאָמיטעטען און דעם גענעראַל־שטאַב.

ווען די דאָזיגע דעלעגאַציעס זיינען אָנגעקומען קיין פסקאָוו, האָט גענעראַל טשערעמיסאָוו, דער קאָמאַנדיר פונ׳ם צפון־פראָנט, זיי קורץ געמעלדעט, אַז ער האָט בעפוילען דעם פעטראָגראַדער גאַרניזאָן צו פערלאָזען פעטראָגראַד און געהן צום פראָנט. וויטער גאָרנית. דעם קאָמיטעט פונ׳ם גאַרניזאָן האָט מען ניט ערלויבט צו פערלאָזען פעטראָגראַד...

אַ דעלעגאַציע פון דער סאָלדאַטען־סעקציע פון דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל צולאָזען איהרען אַ פערטרעטער צו דעם שטאַב פון דעם פעטראָגראַדער מיליטערישען ראַיאָן. די פאָדערונג איז געבליבען אונערפילט. דער פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל ניט ארויסגעבען קיינע בעפעהלען אָהן דער צושטימונג פון דער סאָלדאַטען־סעקציע. ניט ערפילט. מען האָט איינפאַך ערקלעהרט די דעלעגאַטען: „מיר אַנערקענען דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, מיר קענען אייך ניט און ווייסען אייך ניט. אויב איהר האַנדעלט געגען דעם געזעץ, וועלען מיר אייך אַריינזעצען אין טורמע".

דעם 30טען אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון פערטרעטער פון אַלע פעטראָגראַדער פאָלקען. מען האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז: „דער פעטראָגראַדער גאַרניזאָן אַנערקענט מעהר ניט די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג. אונזער רעגיערונג איז דער פעט־

ראָגראַדער סאָוויעט. מיר וועלען פאָלגען נאָר אַזעלכע בעפעהלען, וואָס קומען פון דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט, דורך דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט"... די אָרטיגע מיליטערישע אָבטהיילונגען האָבען בעקומען אַ בעפעהל צו וואַרטען אויף אינסטרוקציעס פון דער סאָלדאַטען־סעקציע פון דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט.

אויף מאָרגען האָט דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט גערופען זיין אייגענע מיליטערישע פערזאַמלונג, וואָס איז הויפּטזעכליך בעשטאַנען פון אָפיצירען; ער האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט צו ארבייטען האַנד אין האַנד מיט דעם שטאַב און האָט פונאַנדערגעשיקט קאָמיסאַרען אין אַלע טהיילען פון שטאָדט. אַ ריעזיגע פערזאַמלונג פון סאָלדאַטען אין סמאָלני אינסטיטוט האָט דעם 3טען נאָוועמבער אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע:

„מיר גריסען די אָרגאַניזירונג פון אַ מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, דער פעטראָגראַדער קאָמיטעט פערשפּרעכט צו שטיצען דעם קאָמיטעט אין אַלע זיינע פערהאַנדלונגען און צו בעשאַפען אַן ענגערע פערבינדונג צווישען דעם לאַנד און דעם פראָנט אין די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע.

„דער גאַרניזאָן ערקלעהרט ווייטער, אַז צוזאַמען מיט'ן רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון פעטראָגראַד וועט ער היטען די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג אין שטאָדט. יעדער פערזוך מצד די קאָרנילאָווצעס אָדער מצד דער בורזשואַזיע צו פּראָוואָצירען דאָס פאָלק וועט בעגעגענען אַן אונדערבאַרעמדיגען ווידערשטאַנד".

דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט איצט דערפיהלט זיין מאַכט. ער האָט זיך געווענדעט צום פעטראָגראַדער שטאַב מיט דער לעצטער פאָדערונג זיך אונטערצואוואַרפען אונטער זיין קאָנטראָל. די דרוקערייען האָט ער פערבאָטען צו דרוקען אויפרופען אָדער פּראָקלאַמאַציעס אָהן זיין ערלויבניס. בעוואָפענטע קאָמיסאַרען האָבען בעזוכט דעם קראָנווערסק־אַרסענאַל און פערכאַפּט גרויסע מאַסען ביקסען און אַמוניציע. אויך האָבען זיי ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל אַוועקשיקען 10,000 באַיאָנעטען, וואָס מען האָט געזאָלט טראַנספּאָרטירען קיין נאָוואָ־טשערקאַסק, וואו קאַלעדין איז געשטאַנען מיט זיינע קאָזאַקען...

די רעגיערונג האָט איצט דערפיהלט די געפאַהר. זי האָט

פערשפּראָכען, אַז זי וועט קיינעם ניט בעשטראָפען, אויב דער קאָמי־טעט וועט זיך אויפלייזען. עס איז אָבער געווען צו שפּעט. האַלבע נאַכט דעם 5טען נאָוועמבער האָט קערענסקי אַליין געשיקט מאַלעווסקי'ן מיט אַ פאָרשלאַג, אַז דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט זאָל האָבען אַ פערטרעטערשאַפט אין דעם שטאַב. דער מיליטערישער רעוואָלו־ציאָנערער קאָמיטעט האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. מיט אַ שעה שפּעטער האָט גענעראַל מאַנקאָווסקי, דערווייליגער קריעגס־מיניסטער, געביטען דעם בעשלוס...

דיענסטאַג אין דער פריה, דעם 6טען נאָוועמבער, האָט אין די גאַסען זיך בעוויזען אַ פּלאַקאַט, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט. אונטערגעשריבען אונטער'ן פּלאַקאַט איז געווען „דער מי־ליטערישער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ביים פּעטראָגראַדער סאָוויעט פון ארבייטער און סאָלדאַטען".

„צו דער בעפעלקערונג אין פּעטראָגראַד!

„בירגער!

„די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבען איהר פערברעכע־רישען קאָפּ. די קאָרנילאָווצעס מאָביליזירען זייערע קרעפטען צו ברעכען דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס פון די סאָוויעטען און די גרינ־דונגס־פערזאַמלונג. די פּאָגראָמשטשיקעס פּרובען אויפהעצען די בע־פעלקערונג אין פּעטראָגראַד צו אומרוהען און בלוט־פערגיסונג. דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט פון ארבייטער און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען נעהמט אויף זיך די פליכט צו היטען די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג אין שטאָדט געגען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פערזוכען און פּאָגראָמען.

„דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן וועט ניט דערלאָזען קיין אונרוהען און געוואַלדטהאַטען. מיר לאַדען איין די בעפעלקערונג צו ארעסטירען כוליגאַנעס און שווארצע מאה'דיגע אַגיטאַטאָרס און זיי אָבפיהרען צו אַ סאָוויעט־קאָמיסיע אין דער נאָהענטסטער קאַזאַרמע. טאָמער וועלען די שווארצע קרעפטען פּרואווען מאַכען אונאָרדנונג אין די גאַסען פון פּעטראָגראַד, טאָמער וועלען זיי פּרואווען רויבען אָדער קעמפפען, וועלען די פערברעכער אָבגעמעקט ווערען פון דעם פּנים פון דער ערד!

„בירגער, מיר פאָדערען אייך אויף צו זיין אויסגעהאַלטען און רוהיג, די זאַך פון דער רעוואָלוציע איז אין זיכערע הענד.

„אַט דאָס איז אַ צעטעל פון די פאָלקען, וואו עס געפינען זיך קאָמיסאַרען פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט...“

דעם 3טען נאָוועמבער האָבען די באָלשעוויקעס געהאַט אַן אַנדער היסטאָרישען מיטינג הינטער געשלאָסענע טהירען. זאָלקינד האָט מיר וועגען דעם געלאָזט וויסען, און איך האָב געוואַרט אין קאָרידאָר. ווען וואָלאָדאַרסקי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער מיר דערצעהלט, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט.

לענין האָט געזאָגט: „דער זעקסטער נאָוועמבער איז צו פריה; מיר מוזען האָבען אַן אַלל־רוסישען פונדאַמענט פאַר אונזער אויפ־שטאַנד. דעם 6טען וועלען נאָך ניט זיין אַלע קאָנגרעס־דעלעגאַטען אין פעטראָגראַד... דער 8טער נאָוועמבער איז ווידער צו שפעט. דעמאָלט וועט שוין דער קאָנגרעס זיין אָרגאַניזירט און אַ גרויסע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט קען ניט אָננעהמען קיין שנעלען ענטשי־דענעם בעשלוס. מיר מוזען האַנדלען דעם 7טען. דעמאָלט וועט דער קאָנגרעס זיך וואָס נאָר האָבען געעפענט, וועלען מיר קומען און וועלען איהם זאָגען: אַט איז די מאַכט, וואָס וועסטו טהאָן מיט איהר?“...

אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק איז געזעסען אַ דאַרער נפש מיט אַ דינעם פנים און לאַנגע האָר. דער מאַן איז אַ מאָל געווען אַן אָפיציער אין ניקאָלאַי׳ס אַרמעע, שפּעטער איז ער געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, זיין נאָמען איז געווען אַ וו ס ע־י ע נ ק אָ, און גערופען האָט מען איהם אַ נ ט אָ נ אָ וו. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען מאַטעמאַטיק, אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ גוטער שאַך־שפּיעלער. ער איז דאָס געזעסען און אויסגעאַרבייט גענויע פּלענער ווי צו פערכאַפּען די שטאָדט.

די רעגיערונג פון איהר זייט האָט זיך אויך געגרייט. שטילערהייד האָט מען אַרויסגעגעבען בעפעהלען, אַז די געטרייסטע פאָלקען פון אַלע פערשידענע דיוויזיעס זאָלען קומען קיין פעטראָגראַד. די יונ־קער־אַרטילעריע האָט מען אַוועקגעשטעלט אינ׳ם ווינטער־פּאַלאַץ; קאָזאַקען־פּאַטרולען האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל נאָך די יולי־טעג בעוויזען אין די גאַסען; פּאָלקאָווניקאָוו האָט אַרויסגעגעבען איין בעפעהל נאָכ׳ן אַנדערען, וואו ער האָט צוגעזאָגט צו אונטערדריקען יעדע אומגעהאָרכזאַמקייט מיט זיין גאַנצער ענערגיע. קישקין, דער

געהאסטער בילדונגס-מיניסטער, איז בעשטימט געווארען ספעציעלער קאמיסאר צו האלטען ארדנונג אין פעטראגראד. פאר זיינע געהילפען האט ער בעשטימט צוויי אויך זעהר אונבעליעבטע טהוער, רוטענבערג און פאלטשינסקי. פעטראגראד, קראנשטאדט און פינלאנד זיינען ערקלעהרט געווארען אין בעלאגערונגס-צושטאנד, אויף וואס די בורזשואזע „נאוואיע ווערמיא“ (די נייע צייט) האט איראניש בעמערקט:

„וואס טויג דער בעלאגערונגס-צושטאנד? די רעגיערונג איז דאך סיי ווי מעהר ניט קיין קראפט. זי האט ניט קיין מאראלען אויטאריטעט, און זי האט ניט דעם נויטיגען אפאראט צו צווינגען מיט געוואלד... אין בעסטען פאל קען זי נאר פערהאנדלען מיט די, וואס וועלען איהר טהאן א טובה און פערהאנדלען מיט איהר. מעהר קען זי ניט טהאן גאר ניט...“

מאנטאג אין דער פריה, דעם 5טען נאוועמבער, בין איך אריבערגעגאנגען אין מאריאינסקי פאלאץ, א קוק טהאן וואס טהוט זיך מיט דעם ראטה פון דער רוסישער רעפובליק. וואס האב איך געפונען? פערביטערטע דעבאטען וועגען טערעשטשענקא'ס אויסלאנדס-פאליטיק, אבקלאנגען פון מעשה בורצעוו-ווערכאווסקי, אלע דיפלאמאטען זיינען געווען אין זאאל, א חוץ דעם איטאליענישען אמבאסאדאר.

ווען איך בין אריינגעקומען, האט דער לינקער סאציאליסט-רעוואלוציאנער קארעלין געלייענט אויפ'ן קול א לייט-ארטיקעל פון דער לאנדאנער „טיימס“, וואו עס איז געזאגט געווארען, אז די איינציגע רפואה געגען באלשעוויזם איז קוילען. קארעלין האט זיך געווענדעט צו די קאדעטען און אויסגעשריען: „דאס איז אייער מיינונג אויך, ניט אזוי?“

שטימען פון רעכטס האבען געענטפערט: „יא! יא!“

„איך ווייס דאס גאנץ געוויס“, האט קארעלין געענטפערט. „איהר האט נאר ניט קיין מוטה צו פרואווען די רפואה“.

סקאבעלעוו, מיט זיין ווייכען בלאנדען בארד און געגרייזעלטע געלע האר, מעהר עהנליך צו אן אפערא-זינגער איידער צו א מאן פון האנדלונג, האט זעהר שעמעוודיג פערטיידיגט דעם „נאקאז“ פון דעם סאוויעט. עס האט זיך בעקומען דער איינדרוק, אז ער פער-

ענטפערט זיך פאר'ן עולם. דאן האט זיך בעוויזען טערעשטשענקא, וועמען דער לינקער פליגעל האט בעגעגענט מיט אויסגעשרייען: „רעזיגנירען", „רעזיגנירען!" אין זיין רעדע האט ער געטענה'ט, אז די דעלעגאטען פון דער רעגירונג און פון דעם צענטראלען עקזע־קוטיוו־קאמיטעט צו דעם פאריזער קאנפערענץ דארפען שטעהן אויף דעם זעלביגען שטאנדפונקט. טעליבע ווערטער וועגען איינפיהרען דיסציפלין אין דער ארמעע, וועגען קריעג ביז צו א זיעג... א טומעל. די לינקע ווייזען ארויס א שארפען ווידערשטאנד, אבער דער ראטה פון דער רוסישער רעפובליק נעהמט אן א רעזאלוציע אריבערצוגעהן צו דער געוועהנליכער טאגעס־ארדנונג.

דער שווייצער, וואס האט מיר געהאלפען אנטאן מיין מאנטעל, האט געוואָרטשעט: „איך ווייס ניט וואס עס טהוט זיך מיט'ן ארי־מען רוסלאנד. די אלע מענשעוויקעס און באלשעוויקעס און טרוד־דאוויקעס... די אוקראינע און די פינלאנד, און די דייטשע אימ־פעריאליסטען, און די ענגלישע אימפעריאליסטען... איך בין שוין אלט 45 יאהר, און זינט איך לעב האב איך ניט געהערט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל איך הער דא איצט..."

אין קארידאר האב איך בעגעגענט פראפעסאר שאצקי, א נפש מיט א פנים'ל ווי א שטשור און אין א זעהר עלעגאנטען פראק. דער פראפעסאר איז געווען א איינפלוסרייכע פיגור אין דער קאדעטישער פארטיי. איך פרעג וואס טראכט ער וועגען דער בעריהמטער „ארויסטרעטונג". ער קנייטשט די פלייצעס און קרימט זיך.

„זיי זיינען אלע בהמות... ווילדע חיות..." ענטפערט ער. „זיי וועלען דאס ניט סמייען. און אויב יא, וועט מען זיי ווייזען ווער עלטער איז. פון אונזער שטאנדפונקט איז עס גאר ניט שלעכט. ווארום אזוי וועלען זיי מאכען א תל פון זיך אליין און וועלען ניט האבען קיין איינפלוס אין דער גרינדונגס־פערזאמלונג...

„נאר אז מיר האלטען שוין אין רעדען, לאמיך אייך דערצעהלען וועגען מיין פלאן פון א רעגיערונגס־פארם, וואס מען דארף צושטעלען צו דער גרינדונגס־פערזאמלונג. איך בין, דארפט איהר וויסען, דער פארזיצענדער פון א קאמיסיע, וואס איז בעשטימט געווארען אויס־צוארבייטען א פראיעקט פון דער קאנסטיטוציע... מיר וועלען האבען א געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון צוויי קאמערען, אזוי ווי ביי אייך

אין די פעראייניגטע שטאאטען. אין דער אונטערשטער קאמער וועלען זיצען טעריטאריאלע פערטרעטער, אין דער אויבערשטער וועלען זיין פערטרעטער פון די ליבעראלע פראפעסיעס, זעמסטוואס, קאאפעראטיווען און פראפעסיאנעלע פעראיינען..."

אין דרויסען האט געבלאזען א קאלטער פייכטער ווינד, וואס האט דורכגענומען די ביינער; אונטער די פיס האט די בלאטע געבליופעט און זיך פערקליבען אין מיינע שיך. צוויי ראטעס יונקערס זיינען דורכגעגאנגען איבער דער מארסקאיא, געהאמערט מיט די פיס, געזונגען אן אלטע מאלאדעצקע פיעסניע (זמר), ווי עס פלעגען טהאן די סאלדאטען אונטער ניקאלאי'ען... ביים ווינקעל־גאס האב איך געזעהן, אז די שטאדט־מיליץ האט בעקומען פערד צו רייטען און אז זי איז באוואפענט מיט רעוואלווערס אין שפאגעל־נייע שיידלעך... עטליכע מענשען זיינען געשטאנען און שטיל געקוקט אויף די נייע רייטער. אויפ'ן ווינקעל נעווסקי האב איך געקויפט לענין'ס בראשורע: „צו וועלען די באלשעוויקעס קענען איינהאלטען די מאכט?" געצאהלט האב איך מיט א מארקע, וואס האט אין יענע צייטען געדיענט פאר קליין־געלד. די טראמווייען זיינען לאנגזאם געקראכען, ווי שטענדיג, סאלדאטען און ציווילע זיינען געהאנגען אויפ'ן וואגאן פון דרויסען... אויף די טראטוארען האבען דעזערטירען אין פארמענע קליידער פערקויפט פאפיראסען און סיעמעטשקעס... א ביסעל ווייטער אויף נעווסקי האבען מענשען זיך געשלאגען פאר די לעצטע צייטונגען און געדיכטע גרופען האבען געלייענט די אונצעהליגע מעלדונגען און פראקלאמאציעס, וואס זיינען געווען אויפגעקלעפט אומעדום, — פונ'ם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט, די פויערים־סאוויעטען, די „מעסיגע" סאציאליסטישע פארטייען, די ארמעע־קאמיטעטען... אלע פראקלאמאציעס זיינען געווען אויף איין נוסח: אלע האבען געבעטען, געדראהט, געשאלטען, גערופען די ארבייטער און די סאלדאטען צו בלייבען אין דער היים, צו אונטערשטיצען די רעגיערונג...

א בעפאנצערטער אטאמאביל איז לאנגזאם געפאהרען אראב און ארויף און געגעבען סיגנאלען מיט'ן הארן. אויף יעדען ווינקעל זיינען געשטאנען מאסען מענשען, סאלדאטען, סטודענטען, און אלע האבען גערעדט, דיסקוטירט. ס'איז געווארען נאכט. די לאמטער־

נעם האָבען זיך אָנגעצונדען דאָ און דאָרט און האָבען אויסגעזעהן ווי פערלאָרען אין דער גלייכגילטיגער פינסטערניש. די כוואַליעס מענשען האָבען זיך אַלץ געגאָסען אַהן אַן אָנהויב און אַהן אַן עק... אַזוי האָט פעטראָגראַד שטענדיג אויסגעזעהן ערב גרויסע פּאַסירונגען.

די שטאָדט איז געווען נערוועז. די שטאָדט האָט אויפגעציטערט פון יעדער שאַרפער שטימע. אָבער די באָלשעוויקעס האָבען דערוויל ניט געוויזען קיין סמנים פון לעבען. די סאָלדאַטען זיינען געווען אין די קאַזאַרמעס, די אַרבייטער אין די פאַבריקען... מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ קינעמאַטאָגראַף לעבען קאַזאַנסקי סאָבאָר, מען האָט געשפּיעלט אַ בלוטיגע איטאַליענישע טראַגעדיע פון ליידענשאַפט און אינטריגעס... אין די ערשטע רייהען זיינען געזעסען עטליכע סאָלדאַטען און מאַטראָזען און האָבען מיט קינדערשער נייגיעריגקייט געקוקט אויפ'ן ליינוואַנד. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס מענשען דאַרפען זיך אַזוי וואַרפען אַהין און אַהער, און פאַר וואָס עס דאַרף זיין אַזוי פיעל קוילערייי...

פון דאָרטען בין איך אַריבערגעגאַנגען אין סמאָלני אינסטיטוט. אין צימער נומער 10, אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, האָט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געהאַט אַ פּערמאַנענטע זיצונג. אַן אַכצעהן־יעהריגער וויים־בלאָנדער יונג מיט'ן נאָמען לאַזימיר איז געווען פּאָרזיצענדער. פערבייגעהענדיג האָט ער זיך אָבגעשטעלט און כמעט שעמעוודיג מיר געדריקט די האַנד.

„די פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג איז אָקאָרשט איבערגעגאַנגען אויף אונזער זייט", האָט ער געזאָגט מיט אַ פרעהליכען שמייכעל. „אָקאָרשט האָבען מיר בעקומען אַ מעלדונג פון איינעם פון די פּאָלקען, וואָס די רעגיערונג האָט געהייסען קומען קיין פּעטראָגראַד. די סאָלדאַטען איז די מעשה אויסגעקומען פּערדעכטיג, האָבען זיי אָבגעשטעלט דעם צוג אין גאַטשינאַ און געשיקט אַ דעלעגאַציע צו אונז אָנפרעגען וואָס דאָס בעדייט... „וואָס זאָגט איהר, חברים?" האָבען זיי געפרעגט. „מיר האָבען דאָך אָקאָרשט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטען"... דער מיליטערישער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט זיי געענטפערט: „ברידער, מיר גריסען אייך אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. בלייבט דאָרט, וואו איהר זייט, און וואַרט אויף אונזערע אינסטרוקציעס!"...

לאזימיר האט מיר דערצעהלט, אז מען האט דעם סמאלני אב־געשניטען פון אלע טעלעפאנען. אבער די באלשעוויקעס האבען אנ־געשטעלט פערבינדונגען מיט די פאבריקען און קאזארמעס דורך מיליטערישע טעלעפאנאגראפישע אפאראטען...

א שטראם פון קוריערען און קאמיסארען האט זיך אריינגעגא־סען און ארויסגעגאסען דורך די טהירען פון סמאלני. פאר דער טהיר איז געשטאנען א טוץ פרייוויליגע, גרייט צו געהן אין שליחות אין די וויטסטע עקען פון שטאדט. איינער פון זיי, א מאן מיט א ציגייי־נערשען פנים, אנגעטהאן אין א פארמע פון א פארוטשיק (לייטענאנט), האט מיר געזאגט אויף פראנצויזיש: „אלצדינג איז פארטיג, מען דארף נאר א קוועטש טהאן די קנאפקע"...

אין סמאלני האב איך געזעהן פאדוואיסקי'ן, א דינעם בערדיגען ציווילען, וואס האט אויסגעארבייט די סטראטעגיע פון דעם אויפ־שטאנד; אנטאנאוו'ן, אן אונגעגאלטען, מיט א שמוציגען קאלנער, שיכור פון ניט דערשלאפען; קרילענקא'ן, א נידריגער סאלדאט מיט א ברייטען פנים, מיט א שטענדיגען שמייכעל, מיט פיבערהאפטע זשעסטען און אונזיכערע ווערטער; דיבענקא'ן, א ריעז פון א מאט־ראז, א בערדיגער, מיט א רוהיגען פנים. זיי אלע זיינען געווען די העלדען פון דער שעה — און פון פיעלע קומענדיגע שעה'ען.

אונטען, אין דעם צימער פון דעם פאבריטשנא זאוואדסקי קאָ־מיטעט, איז געזעסען סעראטאוו און האט נאכאנאנד גע'חתמ'עט בע־פעהלען צו די רעגיערונגס־ארסענאלען, זיי זאלען ארויסגעבען וואפען, — הונדערט פופציג ביקסען פאר יעדע פאבריק... 40 דעלעגאטען האבען געווארט אין א רייהע צו בעקומען די אונטערגעשריבענע בע־פעהלען...

אין איינעם פון די זאאלען האב איך זיך אנגעשטויסען אויף א באלשעוויק פון די קלענערע פיהרער. ער האט ארויסגענומען און מיר געוויזען א רעוואלווער. „עס הויבט זיך אן", האט ער געזאגט און זיין פנים איז געווען בלאס. „צו מיר וועלען אנהויבען די אטאקע, צו ניט, — דער צווייטער צד ווייסט, אז אדער ער מוז אונז פער־ניכטען, אדער מיר וועלען מיט איהם שלאגען כפרות..."

דער פעטראגראדער סאוויעט האט אבגעהאלטען זיינע זיצונגען

נאָכאַנאַנד ביי טאָג און ביי נאַכט. ווען איך בין אריינגעקומען, האָט טראָצקי געהאַלטען אין פערענדיגען זיין רעדע.

„מען פרעגט אונז, צו מיר ווילען מאַכען אַן ארויסטרעטונג", האָט ער געזאָגט, „איך קען געבען אַ קלאָהרען ענטפער אויף דער פראַגע. דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט זעהט איין, אַז ענדליך איז געקומען די צייט, ווען די גאַנצע מאַכט מוז אריבערגעהן אין די הענד פון די סאָוויעטען. דער איבערגאַנג וועט אויסגעפיהרט ווערען דורך דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס. צו וועט אַ בעוואָפענטע דעמאָנסטראַציע נויטיג זיין — דאָס ווענדעט זיך אָן דעם אנדערען צד, וואָס וויל שטערען דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס.

„מיר ווייסען, אַז אונזער רעגיערונג איז נעבעכדיג און הילפלאָז און ווארט נאָר אויפ'ן בעזים פון דער געשיכטע, ער זאָל אראָבקערען און מאַכען פּלאַץ פאַר אַן אמת'ע פאָלקס־רעגיערונג. פון דעסטוועגען ווילען מיר ניט קיין צוזאַמענשטויס. מיר ווילען דאָס אויסמיידען אפילו איצט, היינטיגען טאָג. מיר האָפען, אַז דער אַלל־רוסישער קאָנגרעס וועט נעהמען אין זיינע הענד די מאַכט און די הערשאַפט, וועלכע איז געגרינדעט אויף די אָרגאַניזירטע פרייהייט פון דעם פאָלק. אויב אָבער די רעגיערונג וויל אויסנוצען די קורצע צייט, וואָס איז איהר נאָך געבליבען צום לעבען — אַזוי פיער און צוואַנציג, אכט און פיערציג אָדער צוויי און זיעבציג שטונדען — צו בעפאַלען אונז, וועלען מיר ענטפערען מיט אַ געגען־אָנפאַל: אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, שטאָהל פאַר אייזען..."

טראָצקי'ס מעלדונג, אַז די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען בעשלאָסען צו שיקען פערטרעטער צום מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, האָט ארויסגערופען בעגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען...

ווען איך בין ארויסגעגאַנגען פון סמאָלני דריי אַ זייגער פאַרטאָג, האָב איך געזעהן צוויי קויהלען־וואָרפער אויפגעשטעלט אויף ביידע זייטען טויער. שטאַרקע פּאַטרולען האָבען געהיט דעם טויער און די דערבייאיגע גאַסען. ביל שאַטאָוו איז אָנגעקומען שפּרינגענדיג איבער די טרעפּ. „די צייט איז געקומען", האָט ער געזאָגט, „עס הויבט זיך אָן! קערענסקי האָט געשיקט די יונקערס צו פערמאַכען אונזערע צייטונגען: „סאָלדאַט" און „ראַבאָטשי פּוט", אָבער

אונזערע סאָלדאטען זיינען געקומען און אויפגעריסען די רעגיערונגס־שטעמפּלען, און איצט שיקען מיר סאָלדאטען צו פערכאַפּען די רעדאקציעס פון די בורזשואזע צייטונגען!" אין גרויס התלהבות האָט ער מיר א קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע און זיך א לאָז געטהאָן ווייטער.

דעם 6טען אין דער פריה האָב איך זיך גערארפּט זעהן מיט'ן צענזאָר, וועלכער האָט געהאט א קאַנצעליאַריע אין דעם מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען. אומעטום, אויף אַלע ווענד, זיינען געווען אויפגעקלעפּט היסטערישע אויפרופען צום פאָלק צו זיין „רוהיג". פּאָלקאָווניקאָוו האָט ארויסגעלאָזען איין פּריקאַז נאָך דעם צווייטען:

„איך בעפעהל אַלע מיליטערישע אַבטהיילונגען צו בלייבען אין זייערע קאַזארמען און צו ווארטען אויף מעלדונגען פון דעם שטאַב פון דעם מיליטערישען ראַיאָן... אָפיציערען, וואָס האַנדלען אָהן א בעפעהל פון זייער נאטשאַלסטווא, וועלען געמשפט ווערען אין קריעגס־געריכט פאַר אויפשטאַנד. איך פערבאָט אויסדריקליך אַלע סאָלדאטען צו פאָלגען בעפעהלען פון וועלכע ניט איז אנדערע אָרגאַניזאַציאָנען..."

די מאָרגען־צייטונגען האָבען געבראַכט די נייעס, אז די רעגיערונג האָט אונטערדריקט די „נאָוואיא רוס", „זשיוואָיע סלאָווא", „ראַבאָטשי פּוט" און „סאָלדאט", און האָט בעפוילען צו ארעסטירען די פיהרער פונ'ם פּעטראָגראַדער סאָוועט און די מיטגליעדער פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט...

ווען איך בין געגאַנגען איבער'ן דוואָרצאָווע פּאָלאַץ, האָב איך געזעהן עטליכע באַטאַרעען פון דער יונקער־אַרטילעריע. זיי זיינען דורכגעפאָהרען דורך דעם רויטען טויער, קלינגענדיג מיט זייערע מכשירים, און האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר'ן פּאַלאַץ. די גרויסע רויטע געביידע פונ'ם גענעראַל־שטאַב איז געווען זעהר בעלעבט. עטליכע באַפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען זיינען געשטאַנען פאַר דער טהיר, און מאָטאָרס אָנגעזעצט מיט אָפיצירען זיינען אָנגעקומען און אָבגעפאָהרען יעדע ווײַלע... דער צענזאָר איז געווען זעהר אויפגערעגט, פּונקט ווי א קליין אינגעלע אין צירק. קערענסקי, האָט ער מיר דערצעהלט, איז אַקאָרשט אװעקגעפאָהרען אין ראַטה פון דער רעפּובליק צו דערלאַנגען זיין רעזיגנאַציע. איך בין שנעל אריבערגעפאָהרען

צום מאריאינסקי פאלאַץ, וואו איך האָב נאָך פערכאַפּט דעם שלום פון קערענסקי'ס רעדע. קערענסקי איז געווען זעהר אויפגערעגט, געדעדט האָט ער כמעט אָהן צוזאמענהאנג, און וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַ ליידענשאַפטליכע פערטהיידיגונג פון זיין אייגענער האַל־טונג און אַ בעשולדיגונג געגען זיינע שונאים.

„איך וועל אייך דאָ פאָרלעזען כאראקטעריסטישע ציטאטען פון אַ רייהע אַרטיקלען, וואָס אוליאנאָוו־לענין האָט אָבגעדרוקט אין „ראבאָטשי פּוט", האָט ער געזאָגט. „דאָס איז דער זעלביגער לענין, וועלכער בעהאַלט זיך און מיר קענען איהם ניט געפינען צו ארעס־טירען איהם אַלס אַ פּאָליטישען פערברעכער... — אָט דער פער־ברעכער האָט געהאַט גערופען דעם פּראָלעטאריאט און דעם פּעט־ראָגראַדער גאַרניזאָן איבערצו׳חזר׳ען די געשעהענישען פון דעם 16טען און 18טען יולי. ער אַגיטירט פאַר אַ באַלדיגען בעוואַפענטען אויפ־שטאַנד... אַנדערע באָלשעוויסטישע פיהרער האָבען אויך געהאַלטען רעדעס אין פערשיעדענע פערזאַמלונגען און גערופען צו אַ באַלדיגען אויפשטאַנד... בעזונדערס דאַרף מען בעמערקען די טהעטיגקייט פון דעם איצטיגען פאָרזיצענדען פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט, בראָנשטיין־טראָצקי...

„איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען... אַז די אויסדריקען און דער סטיל פון דער גאַנצער רייהע אַרטיקלען אין „ראבאָטשי פּוט" און אין „סאָלדאַט" איז ווי צוויי טראָפּען וואַסער ענליך צו די אַר־טיקלען אין „נאָוואַיאַ רוס"... דאָס איז ניט קיין בעוועגונג פון אַ בעשטימטער פּאָליטישער פּאַרטיי; דאָ ניצט מען אויס די פּאָלי־טישע אונוויסענהייט און די פערברעכערישע אינסטינקטען פון אַ טהייל פון דער בעפעלקערונג. דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ מין אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס שטרעבט אַרויסצורופען אין רוסלאַנד אַ כאַאָטישע בעוועגונג פון צושטערונג און רויב, וואָס פאַר אַ פּרייז דאָס זאָל ניט קאָסטען. ביי דער איצטיגער שטימונג פון די מאַסען מוז יעדע בעוועגונג אין פּעטראָגראַד זיך פערוואַנדלען אין שוידערהאַפטע פּאָג־ראָמען, וואָס וועלען בעדעקען דעם נאָמען פון פרייען רוסלאַנד מיט אייביגער שאַנד...

„...אוליאנאָוו־לענין אַליין גיט צו, אַז די לאַגע פון דעם עקסטר־לינקען פליגעל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין רוסלאַנד איז זעהר

גינסטיג..." דאָ האָט קערענסקי געלייענט די פאָלגענדע ציטאַטע פון לענין'ס אַן אַרטיקעל:

„בעטראַכט זיך נאָר!... די דייטשע חברים האָבען איין ליעב־קנעכט'ען, — אָהן צייטונגען, אָהן פערזאַמלונגס־פרייהייט, אָהן אַ סאָוויעט.. געגען זיך האָבען זיי די מורא'דיגע פיינדשאַפט פון אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און פון דעסטוועגען זיצען אונזערע דייטשע חברים ניט לעדיג. זיי פּרואוועו עפּעס טהאָן. מיר, דאָ, האָבען צעהנדליגע צייטונגען, מיר האָבען פרייהייטס־פערזאַמלונג, מיר האָבען אַ מעהרהייט אין די סאָוויעטען, פון אַלע פּראָלעטאַריער אין דער וועלט זיינען מיר אין דער גינסטיגערער לאַגע. קענען מיר זיך אָבזאָגען פון אונטערשטיצען די דייטשע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רופען צו אַן אויפשטאַנד?..."

דאַן האָט קערענסקי פאָרטגעזעצט:

„די אָרגאַניזאַטאָרס פון דעם אויפשטאַנד זיינען אַלזאָ אַליין מודה, אַז אין רוסלאַנד איז איצט די גינסטיגסטע לאַגע פאַר אַ פרייע האַנדלונג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. רוסלאַנד ווערט פערוואַלטעט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, און דאָך בעהויפּטעט די דאָזיגע פּאַרטיי, אַז אין דער שפּיץ פון דער רעגיערונג געפינט זיך „אַן אומ־געבעטענער גאַסט, איינער וואָס האָט זיך פערקויפט צו דער בורזשו־אַזיע, דער מיניסטער־פּרעזידענט קערענסקי..."

„...די אָרגאַניזאַטאָרס פון דעם אויפשטאַנד העלפען ניט די דייטשע אַרבייטער, נאָר די הערשענדע קלאַסען. זיי עפענען דעם רוסישען פראָנט פאַר דעם אייזערנעם פויסט פון ווילהעלמ'ען און זיינע פריינד... דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג איז ניט אַזוי וויכטיג, וואָס עס טראַכטען די דאָזיגע חברה, עס איז אונז ניט וויכטיג צו זייער כונה איז אַ גוטע אָדער שלעכטע. ווי די לאַגע איז, ערקלעהר איך פון דער דאָזיגער טריבונע, אין פולען בעוואוסטזיין פון מיין פעראַנטוואָרטליכקייט, אַז די האַנדלונגען פון דער דאָזיגער רוסישער פּאָליטישער פּאַרטיי איז פערראַטה געגען רוסלאַנד!...

„...איך פערזענליך שטעה איצט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון דעם רעכטען פליגעל. איך שלאָג פאָר, אַז מען זאָל באַלד מאַכען אַן אונטערזוכונג און ערעסטירען די שולדיגע"... אויף די לינקע בענק האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל. „הערט מיך אויס", האָט קערענס־

קי אויסגעשריען מיט א שטארקער שטימע. „אין איצטיגען מאָמענט פון גרויסע געפאהר, ווען מען גרייט זיך פעררעטהען דאָס לאַנד צו מיט גוטע אָדער מיט שלעכטע כונות, — בין איך צוזאמען מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג בעשלאָסען בעסער צו שטארבען, איידער צו פעררעטהען דאָס לעבען, די עהרע און די אונאבהענגיגקייט פון רוסלאַנד...“

אין דעם מאָמענט האט מען קערענסקי׳ן דערלאַנגט א פאפּיער.

„אָקאָרשט האָב איך בעקומען די פּראָקלאמאציע, וואָס זיי פּער־שפּרייטען צווישען די סאָלדאטען. דאָס איז איהר אינהאַלט:

„דער פעטראָגראדער סאָוויעט פון ארבייטער און סאָלדאטען־דעפּוטאטען איז אין געפאהר. מיר פאָדערען אויף די פּאָלקען צו מאָביליזירען זיך און צו ווארטען אויף אונזערע בעפעהלען. טאָמער לעגט מען אָב אָדער מען פּאָלגט ניט דעם בעפעהל, ווען מיר דאָס פעררעכענען אַלס פעררעטה צו דער רעוואָלוציע. דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. פאר׳ן פּאָרזיצענדער, פּאָדוואָיסקי. סעקרעטאר אַנטאָנאָוו“.

„אין אמת׳ען איז דאָס א פּראָבע אויפצוהעצען דעם המון געגען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, צו ברעכען די גרינדונגס־פּערזאמלונג און צו עפענען דעם פראָנט פאר די פּאָלקען פון ווילהעלם׳ס אייזערנעם פויסט...

„איך זאָג „המון“ מיט א כיוון, ווייל איך וויים, אז די בעוואוסט־זיניגע דעמאָקראטיע און איהר צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אַלע ארמעע־אָרגאַניזאציאָנען, אַלעס, וואָס איז ליעב און טייער דעם גרויסען פרייען רוסלאַנד, דער פערשטאַנד, דער כבוד און דאָס גע־וויסען פון דער גרויסער רוסישער דעמאָקראטיע, פּראָטעסטירען גע־גען אזוינע זאכען...

„איך בין ניט געקומען אהער מיט א געבעט. איך בין נאָר געקומען אויסדריקען מיין פעסטע איבערצייגונג, אז די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג, וועלכע פערטהיידיגט אין איצטיגען מאָמענט אונזער נייע פרייהייט, — אז דער נייע רוסישער שטאאט וועמען עס איז בעשערט א גלענצענדע צוקונפט, וועט אונטערשטיצט ווערען פון אַלע, א חוץ די, וואָס האָבען קיינמאָל דעם מוטה ניט געהאט צו קוקען דעם אמת אין די אויגען...

„...די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג האָט קיינמאָל ניט פערגוואַל־טיגט די פרייהייט פון אַלע בירגער צו געברויכען זייערע פּאָליטישע רעכט... אָבער איצט... ערקלעהרט די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג, אַז די יעניגע עלעמענטען פון דעם רוסישען פאָלק, די יעניגע גרופּען און פּארטייען, וואָס האָבען געהאַט די העזה אויפצוהויבען זייערע הענד אויף דעם פרייען ווילען פון דעם רוסישען פאָלק און וואָס דראָהען צו עפענען דעם פראָנט פאַר די דייטשען, מוזען אָבגעראַמט ווערען פון וועג. און דאָס מוז געטהאָן ווערען שנעל און זיכער!...

„זאָל די בעפעלקערונג פון פּעטראָגראַד וויסען, אַז זי וועט זיך אָנשטויסען אויף אַ פעסטע קראַפט. אפשר איז נאָך פאַרט דאָ אַ האָפנונג, אַז אין דער לעצטער רגע וועט דער שכל הישר, דאָס געוויסען און דאָס עהרען־געפיהל גובר זיין אין די הערצער פון די, וואָס פערמאָגען נאָך אַ ביסעל יושר און אַ ביסעל עהרע...“

אין דער צייט פון זיין גאַנצער רעדע איז אין זאַאל געשטאַנען אַן אונגלויבליכער טומעל. ווען ער איז אַראָבגעגאַנגען פון דער טריי־בונע, אַ בלאַסער און אַ פערשוויצטער, און איז ארויסגעגאַנגען פון זאַאל צוזאַמען מיט זיין סוויטע אָפיציערען, האָט איין לינקער רעד־נער נאָכ׳ן צווייטען גענומען אַטאַקירען דעם רעכטען פליגעל און אַלע האָבען געמאַכט גרויסע געוואַלדען. אפילו די סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען האָבען געמעלדעט דורך גאָטץ׳ען:

„די באָלשעוויקעס האַנדלען דעמאַגאָגיש און פערברעכעריש; זיי נוצען אויס די אַלגעמיינע אונצופריעדענהייט. אָבער דאָך מוז מען אַנערקענען, אַז עס איז פאַראַן אַ גאַנצע רייהע פאָדערונגען, וואָס מען האָט זיי ביז אַהער ניט באַפרידיגט. די מאַסען ווילען פריעדען, זיי ווילען ערד, זיי ווילען אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג אין דער אַרמעע. די רעגיערונג דאַרף ערקלעהרען איהר גרייטקייט דאָס אַלעס דורכ־צופיהרען; זי דאַרף דאָס ערקלעהרען אַזוי דייטליך, אַז יעדער סאָל־דאַט, יעדער פויער און יעדער ארבייטער זאָל אין איהר אָנהויבען גלויבען, זאָל ווערען איבערצייגט, אַז זי איז טאַקע באמת פעסט, אונבויגזאַם, ענטשלאָסען צו בעפריעדיגען די גערעכטע פאָדערונגען...

„מיר ווילען ניט ארויסרופען קיין קריזיס אין קאַבינעט. מיר זיינען גרייט צו פערטהיידיגען די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג מיט אונזער גאַנצער ענערגיע, ביזן לעצטען טראָפען בלוט, — אויב נאָר

די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג וועט ענדליך זאָגען אַ קלאָר און דייטליך וואָרט וועגען די אַלע ברענענדיגע פראַגען — אַ וואָרט, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד וואַרט אויף דעם אַזוי אונגעדולדיג...״

מאַרטאָוו האָט גערעדט מיט צאָרן:

„דער מיניסטער־פּרעזידענט האָט זיך ערלויבט צו רעדען וועגען „המון״, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ בעוועגונג פון וויכטיגע טהיילען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער אַרמעע. זיי מעגען זיין אונגערעכט, זיי מעגען געפיהרט ווערען אין אַ פאַלשער ריכטונג, אָבער דורך אַזוינע ווערטער העצט קערענסקי צו אַ בירגער־קריעג.״

דער איבערגאַנג צו אַ טאָגעס־אָרדנונג איז אָנגענומען געוואָרען אין דער פאָרמולאַ פון די לינקע. די רעזאָלוציע איז פּראַקטיש געווען אַן אויסדרוק פון אונצוטרוי צו דער רעגיערונג.

„1. די בעוואַפענטע דעמאָנסטראַציעס, וואָס ווערען צוגעגרייט אין די לעצטע עטליכע טעג, שטרעבען אומצואוואַרפען די רעגיערונג, אַרויסצורופען אַ בירגער־קריעג. זיי בעשאַפען גינסטיגע בעדינגונגען פאַר פּאָגראָמען און קאָנטר־רעוואָלוציע און מאַכען אונמעגליך צו־זאַמענצורופען די גרינדונגס־פערזאַמלונג. זיי וועלען אַרויסרופען אַ מיליטערישע קאַטאַסטראָפע, טויטען די רעוואָלוציע, פּאַראַליזירען די עקאָנאָמישע קרעפטען פון דעם לאַנד און צושטערען רוסלאַנד;

„2. די בעדינגונגען, וואָס מאַכען גינסטיג אַזאַ פּראָפּאַגאַנדאַ, נעהמען זיך פון דעם, וואָס די נויטיגע געזעצען זיינען אַלץ אָבגעלעגט געוואָרען, ווי אויך פון דער אָביעקטיווער לאַגע אין צייט פון קריעג און פון דער אַלגעמיינער דעזאָרגאַניזאַציע. עס איז נויטיג קודם כּל אַרויסצוגעבען אַ געזעץ, וואָס גיט איבער די גאַנצע ערד צו די פויער־שע ערד־קאָמיטעטען. עס איז נויטיג, ווייטער, צו פערפאָלגען אַן ענערגישען קורס אין אויסלאַנד, קודם כּל צו פערלאַנגען פון די אַלי־אירטע, אַז זיי זאָלען ערקלעהרען זייערע פריעדענס־בעדינגונגען, און אָנהויבען פערהאַנדלען וועגען שלום;

„3. כּדי צו בעקעמפען מאָנאַרכיסטישע דעמאָנסטראַציעס און פּאָגראָם־בעוועגונגען, איז אונבעדינגט נויטיג אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען צו אונטערדריקען די דאָזיגע בעוועגונגען. פאַר דעם צוועק איז נויטיג צו בעשאַפען אין פעטראָגראַד אַ קאָמיטעט פון עפענט־

ליכער זיכערהייט, וואס זאָל בעשטעהן פון פערטרעטער פון דער שטאַאַט־פערוואַלטונג און די קערפּערשאַפטען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. דער קאָמיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט דאַרף האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג..."

די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס האָבען אונטערשטיצט אָט די רעזאָלוציע... ווען קערענסקי האָט עס דער־זעהן, האָט ער איינגעלאַדען אוועקסענטיעוו'ן צו זיך אין ווינטער־פּאַלאַץ. אויב די רעזאָלוציע, האָט ער געזאָגט, דריקט אויס אומ־צוטרוי צו דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, זאָל ער, אוועקסענטיעוו, בעסער בילדען אַ נייעם קאַבינעט. דאַן, גאָטץ און אוועקסענטיעוו, די פיהרער פון די „פּשרה־מאַכער" האָבען געמאַכט זייער לעצטע פּשרה: זיי האָבען געגעבען צו פערשטעהן קערענסקי'ן, אַז די רע־זאָלוציע האָט ניט געמיינט צו קריטיקירען די רעגיערונג!

אויפ'ן ווינקעל מאַרסקאַיאַ און נעווסקי האָבען גרופּען סאָלדאַטען מיט באַיאָנעטען אויף די ביקסען אָבגעשטעלט אַלע פּריוואַטע אויטאָ־מאָבילען, געהייסען די פּאַסאַזשירען אַראָבקריכען, און די אויטאָ־מאָבילען האָט מען אָבגעשיקט אין ווינטער־פּאַלאַץ. אַ גרויסער המון האָט זיך פערזאַמעלט צו קוקען אויף דער עובדה. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער די סאָלדאַטען זיינען: צו אָנהענגער פון דער רעגיע־רונג אָדער שלוחים פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמי־טעט. אַ ביסעל ווייטער, לעבען קאַזאַנסקי סאָבאָר, איז פּאָרגעקומען דאָס זעלבינע. פון דאָרט האָט מען די מאַשינען געהייסען פאָהרען צוריק איבער נעווסקי. פינף אָדער זעקס מאַטראָזען מיט ביקסען זיינען אָנגעקומען לאַכענדיג און האָבען אָנגעהויבען שמועסען מיט צוויי פון די סאָלדאַטען. אויף די היטלען פון די מאַטראָזען זיינען געוועזען די נעמען „אווראָרא" און „זאַריאַ סוואָבאָדי", די בעריהמטע באָלשעוויסטישע קרייצערס פון דעם באַלטישען פלאָט. איינער פון די מאַטראָזען האָט געזאָגט: „קראָנשטאַדט געהט". דאָס איז געווען פּונקט ווי מען האָט געזאָגט אין פּאַריז אין 1792: „די מאַרסעלער געהען". וואָרום אין קראָנשטאַדט האָבען זיך געפונען 25,000 מאַט־ראָזען, איבערצייגטע באָלשעוויקעס, וואָס האָבען ניט מורא געהאַט פאַר'ן טויט...

דער „ראַבאָטשי אי סאָלדאַט" איז אָקאָרשט ערשיענען. דאָס נאָנ־

צע פאָדערבלאַט איז געווען פערנומען מיט איין גרויסער פּראָקלאַ־
מאַציע:

„סאָלדאַטען! ארבייטער! בירגער!

„די פיינד פונ'ם פאָלק זיינען אין דער לעצטער נאכט איבער־
געגאנגען צו אַן אָנפאַל. די קאָרנילאָווצעס און דער שטאַב פּראוואָ־
צירען די יונקערס און די פרייוויליגע באטאַליאָנען פון די
פאַרשטעדט. די יונקערס פון אָראַניענבאום און די פרייוויליגע פון
צאַרסקאָיע סעלאָ האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געהן. מען פּלאַנעוועט
אַן אָנפאַל אויף דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט... דער קאמפּף פון די
קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען איז געווענדעט געגען דעם אַלל־רוסישען
סאָוויעטען־קאָנגרעס אַ טאָג פאַר זיין ערעפנונג. דער קאמפּף איז גע־
ווענדעט געגען דער גרינדונגס־פערזאַמלונג, געגען דעם פאָלק. דער
פּעטראָגראַדער סאָוויעט שטעהט אויף דער וואַך פון דער רעוואָלוציע.
דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פיהרט אָן דעם קאמפּף
געגען דעם אָנפאַל פון די פערשווערער. דער גאַנצער גאַר־
ניזאָן און דער פּראָלעטאַריאַט פון פּעטראָגראַד זיינען גרייט צו דער־
לאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די פיינד פון דעם פאָלק.

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט בעפעהלט:

1. אַלע קאָמיטעטען פון פאָלקען, דיוויזיעס, און קריעגס־שיפען,
צוזאַמען מיט אַלע קאָמיסאַרען פון די סאָוויעטען און אַלע אַנדערע
רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, זאָלען האַלטען פּערמאַנענטע זיצונ־
גען און זאָלען אָנזאַמלען אין זייערע הענד אַלע ידיעות וועגען די
פּלענער פון די פערשווערער.

2. קיין איינציגער סאָלדאַט זאָל ניט פערלאָזען זיין דיוויזיע
אָהן ערלויבניש פון דעם קאָמיטעט.

3. צוויי דעלעגאַטען פון יעדער מיליטערישער אָבטהיילונג און
פינף פון יעדען ראַיאָנעם סאָוויעט זאָלען תיכף געשיקט ווערען אין
סמאָלני אינסטיטוט.

4. אַלע מיטגליעדער פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט און אַלע
דעלעגאַטען צום אַלל־רוסישען קאָנגרעס זיינען איינגעלאַדען צו קומען
אין סמאָלני אויף אַן אויסעראָרדענטליכע זיצונג.

„די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבען איהר פערברעכע־
רישען קאָפּ.

„די ערֿאבערונגען און די האפנונגען פון די ארבייטער און סאָל־דאטען זיינען אין גרויס געפאהר. אָבער די קרעפטען פון דער רע־וואָלוציע זיינען פיעל גרעסער איידער די קרעפטען פון איהרע פיינד.

„די זאך פון דער רעוואָלוציע איז אין שטארקע הענד. די פער־שווערער וועלען ווערען פערניכטעט.

„לעגט ניט אָב... צווייפעלט ניט!... פעסטקייט, אויסגע־האלטענקייט, ענטשלאָסענהייט, דיסציפלין!..

„עס לעבע די רעוואָלוציע!

דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט".

סמאָלני איז געווען דער מיטעל־פונקט פון דעם שטורם. דער פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט אָבגעהאלטען אַן אונענדליכע זיצונג. דעלעגאטען זיינען אנטשלאָפען געוואָרען אויף דער פּאָדלאָגע און ווידער אויפגעוואכט און ווידער זיך בעטהייליגט אין די דעבאַ־טען. טראָצקי, קאמענעוו, וואָלאָדארסקי האָבען גערעדט זעקס־ אכט, צוועלף שעה א טאָג...

איך האָב זיך אראָבגעלאָזט אין צימער נומער 18, אויפ'ן ערשטען שטאָק, וואו די באָלשעוויסטישע דעלעגאטען האָבען אָבגעהאלטען בעזונדערע גרופען־פערזאמלונגען. א גראָבע שטימע האָט נאָכאנאנד געהוזשעט; דעם רעדנער אליין האָב איך ניט געקענט זעהן הינטער'ן געדיכטען עולם: „די פשרה־מאכער זאָגען, אז מיר זיינען אליין. גלויבט זיי ניט. זאָל זיך עס נאָר אָנהויבען, וועלען זיי זיך מוזען נאָכשלעפּען נאָך אונז, אז ניט וועלען זיי פערליערען אלע זייערע אנ־הענגער..." דאָ האָט דער רעדנער אויפגעהויבען א שטיקעל פּאפּיר. „זיי שלעפּען זיך שוין איצט אויך נאָך אונז! אָקאָרשט איז אָנגעקומען א מעלדונג פון די מענשעוויקעס און סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען. זיי זאָגען, אז זיי פערוּרטהיילען אונזער האנדלונג, אָבער אויב די רעגיערונג פאלט אויף אונז אָן, וועלען זיי זיך ניט שטעלען געגען דעם ארבייטער־קלאַס!" (בעגייסטערטע געשריייען).

ביינאכט איז דער גרויסער זאאל געווען פול מיט ארבייטער און סאָלדאטען. דער זאאל האָט גערוישט און געברומט; בלאָהע וואָלקענס פון טאבאק־רויך האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען; אלע פיגורען האָבען אויסגעזעהן גראָה. דער אלטער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט ענדליך בעשלאָסען צו בעגריסען די דעלע־

גאַטען פון דעם נייעם קאָנגרעס, וועלכער האָט געוואָלט ברעכען זיין מאַכט און אפשר די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג, וואָס ער האָט בעשאַפען. פון דעסטוועגען האָבען אויף דער זיצונג געמעגט שטימען נאָר די מיטגליעדער פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט...

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווען גאָץ האָט איבער־גענומען דעם פאָרזיץ און דאַן האָט זיך אויפגעהויבען צו האַלטען זיין רעדע. עס האָט געהערשט אַ טיעפע, כמעט דראָהענדע שטיל־קייט.

„די איצטיגע שעה איז פול מיט טראַגישער גרויסקייט. דער פיינד איז פאַר די טויערען פון פעטראָגראַד. די דעמאָקראַטישע קרעפטען אָרגאַניזירען זיך צו קעמפפען געגען איהם. אין דער זעל־ביגער צייט האַלטען מיר ביי בלוט־פערגיסונג אין די גאַסען פון דער שטאָדט, און דער הונגער רוקט זיך צו טויטען נישט נאָר אונזער רעגיערונג, נאָר די רעוואָלוציע גופא...

„די מאַסען זיינען מיעד און פאַרמאַטערט. זיי אינטערעסירען זיך ניט מיט דער רעוואָלוציע. אויב די באָלשעוויקעס הויבען אָן אַן אויפשטאַנד, וועט דאָס זיין דער סוף פון דער רעוואָלוציע!... (געשרייען: „ס'אַ ליגען!") די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען וואַרטען נאָר, אַז די באָלשעוויקעס זאָלען אָנהויבען אונרוהען און שחיטות... אויב עס קומט פאָר אַן אויסטרעטונג, זיינען מיר זיכער, אַז עס וועט קיין גרינדונגס־פערזאַמלונג ניט זיין" (געשרייען: „אַ ליגען!" „אַ שאַנדע!")

„מען טאָר ניט דערלאָזען, אַז דער פעטראָגראַדער גאַרניזאָן זאָל ניט פאָלגען דעם בעפעהל פון דעם שטאַב... פעטראָגראַד געפינט זיך דאָך אין דעם ראַיאָן פון קריעג. איהר מוזט פאָלגען די בעפעהלען פון דעם שטאַב און פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איהר האָט אַליין אויסגעקליבען. די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטען — דאָס הייסט טויט! גנבים און רויבער וואַרטען נאָר אויף דער מינוט און וועלען אָנהויבען רויבערייען און שרפות... אויב איהר לאָזט אַרויס אַזוינע לאָזונגען, ווי „געהט אריין אין די הייזער, נעהמט אוועק די שיך און די קליידער פון דער בורזשואַזיע — — —" (אַ טומעל, געשרייען: „ניטאָ אַזאַ לאָזונג! אַ ליגען! אַ ליגען!") ...זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איהר מעגט אָנהויבען ווי עס דאַכט

זיך אייך אם בעסטען,ענדיגען מוז זיך עס אויף אזא שרעקליכען אופן!

„דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט האט די קראפט צו האנדלען און איהם מוז מען פאלגען... מיר האבען ניט מורא פאר באיאנעטען... דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט וועט פערטהיידיגען די רעוואלוציע מיט זיין איינענעם קערפער!..." (געשרייען: „ס'איז שוין לאנג א טויטער קערפער").

אין זאאל האט זיך אויפגעהויבען א געוואלדיגער שטורם. אין דעם געמיש פון קולות האט מען געהערט ווי דאן שרייט, קלאפענדיג אן טיש: „דער וואס זאגט אזוינס בעגעהט א פערברעכען".

א שטימע: „דאס זיינט איהר בעגאנגען א פערברעכען, ווען איהר האט פערכאפט די מאכט און זי איבערגעגעבען דער בורזשואזיע".

גאץ, פארזיצענדער, קלינגט מיט'ן גלעקעל: „שטילער, אז ניט, וועל איך אייך הייסען ארויספיהרען פון זאאל".

א שטימע: „אנו, פרואוו!" (הורא־געשרייען, פייפערייען).

„איצט וועגען אונזער פריעדענס־פאליטיק (געלעכטער). צום אונגליק קען רוסלאנד מעהר ניט פארטזעצען דעם קריעג. מען וועט שליסען פריעדען, אבער ניט קיין אייביגען פריעדען, ניט קיין דעמאקראטישען פריעדען... כדי אויסצומיידען בלוט־פערגיסונג, האבען מיר היינט אין דעם ראטה פון דער רעפובליק אנגענומען א רעזאלוציע, אז די גאנצע ערד זאל איבערגעגעבען ווערען די ערד־קאמיטעטן און אז מען זאל תיכף אנהויבען פריעדענס־פערהאנדלונגען" (געלעכטער, געשרייען: „צו שפעט").

אין דעם נאמען פון די באלשעוויקעס איז אויפגעשטאנען צו רעדען טראצקי. א גאנצער שטורם פון אפלאדיסמענטען, א דונער פון אויסגעשרייען האט איהם בעגריסט, ווען ער איז ארויפגעגאנגען אויף דער טריבונע. אלע האבען זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. מיט זיין דינעם שפיציגען פנים, מיט דעם אויסדרוק פון גיפטיגער איראניע אין יעדען שטריך האט ער אויסגעזעהן ווי אן אמת'ער מעפיסטאפעל.

„דאן'ס טאקטיק בעווייזט, אז די מאסען — די ברייטע, טעמפע, גלייכגילטיגע מאסען — זיינען אין גאנצען מיט איהם (א ריעזיגער געלעכטער. טראצקי ווענדעט זיך צום פארזיצענדען אן רופט אויס

מיט א דראמאטישער שטים): „ווען מיר האבען גערעדט וועגען איבערגעבען די ערד אין די הענד פון די פויערים, זיינט איהר געווען געגען. וואס האבען מיר געטהאן: מיר האבען געזאגט צו די פוי־ערים: „אויב זיי גיבען אייך ניט, נעהמט אליין", און אז די פויערים האבען אונז געפאלגט, קומט איהר איצט און זאגט דאס זעלבינע, וואס מיר האבען געזאגט צריק מיט זעקס חדשים... איך גלויב ניט, אז ווען קערענסקי האט ארויסגעגעבען דעם בעפעהל וועגען טויט־שטראף אין דער ארמעע, האט ער געהאנדעלט לויט זיינע טיעפע איבערצייגונגען. נאר וואס דען? ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווייל דער פעטראגראדער גארניזאן האט איהם ניט געוואלט פאלגען. אויף דאנ'ען זאגט מען היינט, אז ווערליג זיין רעדע אין דעם ראטה פון דער רוסישער רעפובליק, קען מען איהם האל־טען פאר א בעהאלטענעם באלשעוויק... עס וועט נאך אפשר קומען א צייט, ווען מען וועט זאגען, אז די בעסטע זיהן פון דער רוסישער רעוואלוציע האבען זיך בעטהייליגט אין דעם אויפשטאנד פון דעם 16טען און 18טען יולי... אין זיין היינטיגער רעזאלוציע, וואס ער האט אריינגעטראגען אין דעם ראטה פון דער רעפובליק, דערמאהנט זיך ניט וועגען איינפיהרען דיסציפלין אין דער ארמעע מיט געוואלד, אבער זיין איינענע פארטיי אגיטירט וועגען דעם...

„ניין, די געשיכטע פון די לעצטע זיעבען חדשים בעווייזט, אז די מאסען האבען פערלאזט די מענשעוויקעס. די מענשעוויקעס און סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען האבען בייגעקומען די קאדעטען, אבער שפעטער, ווען זיי האבען פאקטיש בעקומען די מאכט, האבען זיי עס איבערגעגעבען טאקע די זעלבינע קאדעטען...

„דאן דערצעהלט אייך, אז איהר האט קיין רעכט ניט צו מאכען אן אויפשטאנד. אויפשטאנדען זיינען דאס רעכט פון יעדען רעווא־לוציאנער. ווען די אונטערדריקטע מאסען שטעהען אויף, איז דאס זייער רעכט..."

אויף דער טריבונע בעוויזט זיך ליבער, א מאן מיט א לענגלי־כען פנים און אן אונדערבארעמדיגער צונג. מען בעגעגענט איהם מיט געלעכטער און געברום.

„ענגעלס און מארקס האבען געזאגט, אז דער פראלעטאריאט האט קיין רעכט ניט איבערצונעהמען די מאכט איידער ער איז צוי־

טיג דערצו. אונזער רעוואָלוציע איז אַ בורזשואַזע. אויב אין אַזאַ רעוואָלוציע פאַרכאַפּען די ארבייטער די מאַכט, בעדייט דאָס אַ טראַגישען סוף פון דער גאַנצער רעוואָלוציע... טראָצקי, אַלס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טהעאָרעטיקער, איז אַליין געגען דעם וואָס ער פּרעדיגט איצטער...“ (געשרייען: „געוואַלד! בראַוואָ!“)

מאַרטאָוו פּרואווט רעדען, אָבער מען רייסט איהם כסדר איבער. „די אינטערנאַציאָנאַליסטען זיינען ניט געגען דעם, אַז די דעמאָקראַטיע זאָל איבערנעהמען די מאַכט, אָבער זיי זיינען געגען דעם די מעטהאָדען פון די באָלשעוויקעס. עס איז ניט קיין צייט איצט צו פערכאַפּען די מאַכט...“

ווידער בעוויזט זיך דאַן אויף דער טריבונע. ער פּראָטעסטירט זעהר שטאַרק געגען דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, וועלכער האָט געשיקט אַ קאָמיסאַר צו פערכאַפּען די רעדאַקציע פון דער „איזוועסטיא“ און צו שטעלען די צייטונג אונטער צענזור. עס הויבט זיך אויף אַ ווילדער טומעל. מאַרטאָוו פּרואווט רעדען, אָבער קיינער הערט ניט. דעלעגאַטען פון דער אַרמיי און פונ׳ם באַלטישען פלאָט שטעהן איבער׳ן גאַנצען זאַל און שרייען מיט אַלע כחות, אַז דער סאָוויעט איז זייער רעגיערונג.

עהרליך שלאָגט פאָר אַ רעזאָלוציע, וואָס רופט די ארבייטער און די סאָלדאַטען צו בלייבען רוהיג און ניט פאָלגען די וואָס ווילען זיי פּראָוואָצירען אויף אַ דעמאָנסטראַציע. די רעזאָלוציע אַנערקענט די נויטווענדיגקייט צו בעשאַפען טאַקע באַלד אַ קאָמיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט. זי פאָדערט אויף דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג תיכף ארויסצולאָזען אַ געזעץ, וואָס גיט איבער די ערד אין די הענד פון די פויערים, און באַלד אָנצוהויבען פריעדענס־פערהאַנדלונגען...

אין זאַל איז אַ מהומה. וואָלאָדאַרסקי שפּרינגט אויף און שרייט אויס אין כעס, „אַז איצט, ערב דעם קאָנגרעס, האָט דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט קיין רעכט ניט צו האַנדלען אַנשטאָט דעם קאָנגרעס. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, זאָגט ער, איז סיי ווי טויט. די רעזאָלוציע איז נור אַ מיטעל איהם אַריינצוגעבען אביסעל לעבען, פאַרשטאַרקען זיין מאַכט, וואָס האַלט אין פערשווינדען...

„מיר, באָלשעוויקעס, וועלען פאַר דער רעזאָלוציע ניט שטי־

מען“... די באָלשעוויקעס פערלאָזען דעם זאאל און די איבעריגע נעה־
מען אָן די רעזאָלוציע.

ארום 4 א זייגער אין דער פריה בעגעגען איך זאַרינ׳ען אין קאָ־
רידאָר. אויפ׳ן פלייצע איז ביי איהם געהאנגען א ביקס.

„מיר געהען“, האָט ער געזאָגט, רוהיג אָבער צופריעדען. „מיר
האָבען געפּאַקט דעם געהילף פונ׳ם יוסטיץ־מיניסטער און דעם מיניס־
טער פון רעליגיאָנען. זיי זיינען איצט אונטען אין קעלער. איין פּאָלק
מארשירט צו פערכאפּען די צענטראלע טעלעפאָן־סטאנציע, אַן אנדע־
רער צום טעלעגראף, א דריטער צום שטאאט־באנק; די רויטע אר־
מיי איז אין די גאסען...“

ווען מיר זיינען ארויסגעגאנגען אין דרויסען, איז געווען פינס־
טער און קאַלט. אויף די טרעפּ האָבען מיר צום ערשטען מאָל דער־
זעהן די רויטע גווארדעיצעס — א גרופּע בחורים אין ארבייטער קליי־
דער, מיט ביקסען אָהן באיאָנעטען. זיי זיינען געשטאנען נאָהענט
אין א רעדעל, און נערוועז גערעדט אַלע מיט אמאָל.

העט וויט, צו מערב צו, האָט זיך געהערט איבער די דעכער
דאָס שיסען פון ביקסען. דאָרט האָבען די יונקערס געפּרואווט עפענען
די בריקען איבער דער נעווא, כדי די פאבריק־ארבייטער און סאָל־
דאטען פון דעם וויבאָרגער ראיאָן זאָלען ניט קענען צושטעהן צו די
סאָוועטען אויף דער זייט נעווא. די יונקערס האָבען געעפענט און
די קראָנשטאָטער מאַטראָזען האָבען זיי ווידער געשלאָסען...

הינטער אונז איז דער ריזיגער סמאָלני געווען בעלויכטען פון
אויבען ביז אראָב און געהודזשעט ווי א גרויסער ביהן־שטאָק.

---

## פיערטער קאפּיטעל

## די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג פאַלט.

מיטוואָך, דעם 7טען נאָוועמבער, בין איך אויפגעשטאנען שפּעט.
דער האראמאט אין פּעטראָפּאוולאָווסקע פעסטונג האָט געגעבען דעם
מיטאָג־סיגנאל, ווען איך בין ארויסגעגאנגען אויף נעווסקי. עס איז
געווען א פייכטער קיהלער טאָג. פאַר דער שטאאטס באנק זיינען גע־

שטאנען עטליכע סאָלדאטען מיט באַיאָנעטען אויף די ביקסען. די טהיר איז געווען פארשלאָסען. „צו וועלכען צד געהערט איהר?“ האָב איך זיי געפרעגט: „צו דער רעגיערונג?“ — „נימאָ מעהר קיין רעגיערונג“, האָט איינער געענטפערט און אויסגעטשירעט די צייהן מיט אַ שמייכעל. „סלאווא באָגו“ (דאנקען גאָט). מעהר האָב איך פון איהם ניט געקענט ארויסבעקומען.

טראמוואיען האָבען זיך געצויגען איבער'ן נעווסקי. מענער, פרויען און קינדער זיינען געווען אָנגעקלעפט אויף יעדען טרעפעל און ארום יעדען פענסטער. די קראָמען זיינען געווען אָפען, און אין די גאסען האָט זיך געפיהלט מעהר רוהיגקייט ווי נעכטען. אויף די ווענט האָט אינ'ם משך פון דער נאכט אויפגעבליהט אַ נייער בוקעט פון פראָקלאמאציעס געגען אויפשטאנד. פראָקלאמאציעס צו די פויערים, צו די סאָלדאטען בײ'ם פראָנט, צו די פעטראָגראַדער ארביי־טער... אָט איז איינע:

פון דער פעטראָגראַדער שטאָדט־דומא.

„די שטאָדט־דומא איז מודיע די בירגער, אַז אין אַן אויסער־אָרדענטליכער זיצונג, האָט זי דעם 6טען נאָוועמבער געבילדעט אַ קאָמיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט. אהין געהען אריין מיטגליע־דער פון דער צענטראַלער רומא און פון די ראַיאָנע דומאס, אויך פערטרעטער פון די פאָלגענדע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטישע אָר־גאניזאציעס: דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דער אַל־רוסי־שער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פויערים־דעלעגאטען, די ארמיי־אָר־גאניזאציעס, דער צענטראָפלאָט, דער פעטראָגראַדער סאָוויעט פון ארבייטער און סאָלדאטען־דעפוטאטען, דער ראטה פון די פראָפעסיאָ־נעלע פעראיינען און אנדערע.

„מיטגליעדער פונ'ם קאָמיטעט פון עפענטליכע זיכערהייט ווע־לען זיך געפינען אין דער געביידע פון דער דומא צו טהאָן זייער פליכט. טעלעפאָן נומערם 40־15,77־223,36־138.

7טען נאָוועמבער, 1917“.

דעמאָלט האָב איך ניט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. איצט ווייס איך, אַז דאָס האָט די דומא ערקלעהרט אַ קריעג די באָלשעוויקעס.

איך האָב געקויפט אַ נומער „ראבאָטשי פוט“. קיין אנדער צייטונג האָב איך דערווייל אין ערגעץ ניט געזעהען. שפעטער אביסעל

האב איך בעצאהלט א סאלדאט פופציג קאפיקעס פאר א געניצטען „דיען“. די באלשעוויסטישע צייטונג איז געדרוקט געווען אויף גרויסע בויגענס אין דער פערכאפטער דרוקעריי פון „רוסקאיא וואליא“. אויף דער ערשטער זייט האבען זיך געצויגען אומגעלומפערט גרויסע ווערטער:

„די גאנצע מאכט די סאוויעטען פון ארבייטער, סאלדאטען און פויערים! פריעדען, ברויט! ערד!“ אונטער'ן לייט־ארטיקעל איז געווען אונטערגעשריבען זינאוויעוו, לענין'ס פריינד, וואס האט זיך צוזאמען מיט איהם בעהאלטען. דער ארטיקעל האט זיך אנגעהויבען אזוי:

„יעדער סאלדאט, יעדער ארבייטער און יעדער אמת'ער סאציאליסט, יעדער עהרליכער דעמאקראט ווייסט, אז פון דער איצטינער לאגע איז פאראן נאר צוויי אויסוועגען:

„ע נ ט ו ו ע ד ע ר די מאכט וועט בלייבען אין די הענד פון דער פריציש־בורזשאזער כנופיא. דאס וועט הייסען אונטערדריקונג פאר די ארבייטער, די פויערים און די סאלדאטען, א פארטזעצונג פונ'ם קריעג, הונגער און טויט, אונפערמיידליך...

„א ד ע ר די מאכט וועט איבערגעהן אין די הענד פון די רעוואלוציאנערע ארבייטער, סאלדאטען און פויערים, און דאס וועט הייסען אז די זעלבסטהערשאפט פון די פריצים ווערט אויפ'ן שטעל אבגעשאפט, די קאפיטאליסטען ווערען געהאלטען אין צוים, און א פארשלאג ווערט באלד געמאכט צו שליסען א גערעכטען פריעדען. דאמאלסט וועט די ערד זיין געזיכערט פאר די פויערים, דער קאנטראל איבער די אינדוסטריען וועט זיין געזיכערט פאר די ארבייטער, ברויט וועט זיין געזיכערט פאר די הונגעריגע, און ס'וועט נעהמען אן עק צו דעם אונזיניגען קריעג...“

אין „דיען“ זיינען געווען אבגעהאקטע שטיקלעך נייעס וועגען דער לעצטער אונרוהיגער נאכט. די באלשעוויקעס האבען פערכאפט די צענטראלע טעלעפאן־סטאנציע, דעם באלטישען וואקזאל, דעם טעלעפאן; די פעטערהאפער יונקערס קענען ניט קומען קיין פעטראגראד; די קאזאקען וואקלען זיך; אייניגע מיניסטארען זיינען ארעסטירט; דער נאטשאלניק פון דער שטאדט־מיליציע, מייער, איז געטויט געווארען; ארעסטען און קאנטער־ארעסטען זיינען פארגעקור־

מען דאָ און דאָרט. צוזאַמענשטויסונגען צווישען סאָלדאַטען קאָמאַנ־לען, יונקערס און רויטע גווארדיעיצעס...

אויפ׳ן ווינקעל מאָרסקאַיאַ האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן קאַ־פּיטאַן גאַמבערג, אַ מענשעוויק־אָבאָראָנעץ, סעקרעטאַר פון דער מי־ליטערישער אָבטהיילונג פון זיין פּאַרטיי. איך פרעג איהם, צו איז שוין טאַקע פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד, קנייטשט ער מיט די פּלייצעס און ענטפערט מיעד: „טשאָרט זנאַיעט“ (ווייסט דער טייוועל), מעגליך, אז די באָלשעוויקעס וועלען טאַקע פערכאַפּען די מאַכט, אָבער זיי וועלען זי ניט קענען אָנהאַלטען מעהר ווי דריי טעג: זיי האָבען ניט דעם סאָרט מענשען, וואָס זאָלען קענען פיהרען אַ רע־גיערונג. אפשר איז טאַקע בעסער, אז מען זאָל זיי לאָזען פּרואווען, וועט עס זיי אָנלערנען אויף שטענדיג“...

דער מיליטערישער האָטעל אויפ׳ן ווינקעל פון איסאַקיעווסקי פּלאַץ איז געווען ארומגערינגעלט מיט בעוואָפענטע סאָלדאַטען. אין אונטערשטען זאַאל זיינען געווען פיעלע פיין־געקליידעטע יונגע אָפי־צירען. זיי זיינען ארומגעגאַנגען הין־און־צוריק און עפּעס גערעדט צווישען זיך. די מאַטראָזען האָבען זיי ניט ארויסגעלאָזט פון האָטעל...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דער קנאַק פון אַ ביקס אין דרוי־סען, נאָכדעם האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען אַ שיסעריי. איך בין ארויסגעלאָפען אין גאַס. עפּעס האָט זיך געטהאָן ארום מאַ־ריאינסקי פּאַלאַץ, וואו עס איז געזעסען דער ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק. איבער דער לענג פון דעם גאַנצען פּלאַץ, פון איין ווינ־קעל צום אַנדערען, איז געווען אויסגעשטעלט אַ רייהע סאָלדאַטען מיט ביקסען אין די הענד און אויפמערקזאַם געקוקט אויפ׳ן דאַך פון האָטעל.

„פּראָוואָקאַציע! זיי האָבען געשאָסען אויף אונז!“ האָט אײ־מיצער אויסגערופען. אַן אַנדערער האָט זיך געלאָזט לויפען צו דער טהיר.

ביי׳ם מערב־ווינקעל פון פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ גרויסער בע־פּאַנצערטער אויטאָמאָביל מיט אַ רויט פעהנדעל פון אויבען. אויף זיינע זייטען איז געווען אויסגעמאָהלט מיט רויטער פאַרב די אויפ־שריפט: „ס. ר. ס. ד.“ (סאָוויעט ראַבאָטשיך אי סאָלדאַטסקיך דע־פּוטאַטאָוו). די האַרמאַטען פונ׳ם אויטאָמאָביל זיינען געווען געציעלט

אויף דעם איסאקיעווסקי סאבאר. א באריקאדע איז געווען אויפ־געבויט אויף דער נאוואיא אוליצא, — קעסטלאך, פעסער, און אלט אייזערען בעטעל, א וואגען, א קופע געהילץ. דאס אלעס האט פער־צאמט דעם וועג צו דער מאיקא. קורצע שייטענס האלץ פון א דער־בייאיגען הויפען האט מען אויסגעלייגט פאר'ן פאסאד פון א געביידע, צו באשיצען די שיסער.

„וועט מען טאקע, הייסט עס, שטרייטען אין די גאסען?“ האב איך געפרעגט.

„געוויס! אט באלד!“ האט דער סאלדאט נערוועז געענטפערט. „געה אוועק, טאווארישטש. ס'קען דיך נאך טרעפען. זיי וועלען קו־מען פון דארטען“. האט ער אנגעוויזען אויף דער אדמיראלטייסטווא.

„ווער וועט קומען?“ —

„דאס קען איך דיר ניט זאגען, ברודער“, האט ער געענטפערט און אויסגעשפיגען.

פאר דער טהיר פונ'ם ווינטער־פאלאץ איז געווען א גרופע סאל־דאטען און מאטראזען. א מאטראז האט דערצעהלט, ווי אזוי דער ראטה פון דער רוסישער רעפובליק האט אויפגעהערט עקזיסטירען. „מיר האבען ארייננעמארשירט“, זאגט ער, „און האבען אנגעפילט דעם גאנצען בנין מיט אונזעריגע. כ'בין צוגעאנגען צו דעם קאנטר־רעוואלוציאנערען קארנילאוועץ, וואס איז געזעסען אויבען־אן אינ'ם שטוהל פונ'ם פארזיצענדען, און האב געזאגט „אויס ראטה, געה בעסער אהיים!“

דער עולם האט געלאכט. מיט מיה און מאטערניש איז מיר גע־לונגען צו־צוקומען צו דער טהיר פון דער פרעס־גאלערעע. א מאט־ראז, א ריעז, האט מיך אבגעשטעלט און ניט געלאזט ארייננגעהן. ווען איך האב איהם געוויעזען מיין פאפיער, האט ער קורץ געזאגט: „איהר זאלט אפילו זיין דער הייליגער מיכאיל אליין, טאווארישטש, וואלט איהר אויך ניט געקענט ארייננגעהן“. דורך דער גלעזערנער טהיר האב איך געזעהן א פראנצויזישען קארעספאדענט, וועלכער האט אויס־געזעהן זעהר אויפגערעגט און שטארק געמאכט מיט די הענד. מען האט איהם נעבאך פערשפארט אינוועניג...

אביסעל ווייטער, פאר דער טהיר פון פאלאץ, איז געשטאנען א מאן אין א מיליטערישער פארמע, — א נידעריגער מיט גראהע וואנ־

צעם. ארום איהם איז געווען א רעדעל סאָלדאַטען. זיין פּנים איז געוואָרען זעהר רויט.

„איך בין גענעראל אלעקסעיעוו" האָט ער געשריען, „אַלס אייער נאַטשאַלניק און אַלס אַ מיטגליעד פון דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק פערלאַנג איך איהר זאָלט מיך לאָזען דורכגעהן"... דער סאָלדאַט האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ און אומרוהיג געקוקט פון אַ ווינקעל אויג. נאָכדעם האָט ער צוגערופען מיט דער האַנד אַן אָפיציר, וואָס איז גראָד פערבייגעגאַנגען. יענער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט, ווען ער האָט דערזעהן, ווער עס שטעהט פאַר איהם. ער האָט אָבגעגעבען דעם גענעראל „טשעסט", איידער ער האָט געוואוסט וואָס ער טהוט.

„וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" — (אייער עקסעלענץ)! האָט ער געשטאַמעלט, ווי אין די אַלטע גוטע צייטען, „אַריינגעהן אין פּאַלאַץ איז אַבסאָלוט פערבאָטען. איך האָב קיין שום רעכט ניט"...

עס איז אָנגעקומען אַן אויטאָמאָביל מיט גאָץ'ן. יענער איז געוועסען און געלאַכט, אַקוראַט ווי עפּעס וואָלט איהם הנאה געטהאָן. שפּעטער אַביסעל איז אָנגעקומען אַן אַנדער אויטאָמאָביל, וואו פאָרענט זיינען געזעסען בעוואָפּענטע סאָלדאַטען און הינטען די אַרעסטירטע מיטגליעדער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג. פּעטערס, דער לעטישער מיטגליעד פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט איז אָנגעקומען צופוס. ער איז שנעל געלאָפען איבער דעם פּלאַץ.

„איך האָב גערעכענט, אַז איהר האָט שוין אַריינגעזעצט די אַלע אַרונים נאָך לעצטע נאַכט?" האָב איך איהם געזאָגט און אָנגעוויזען אויף די מיניסטאָרען.

„אַה", האָט ער געענטפערט און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעמאָלט ענטטוישונג, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ קליין אינגעל. „די אידיאָטען האָבען ווידער אַרויסגעלאָזען פיעלע פון זיי, איידער מיר האָבען בעשלאָסען וואָס צו טהאָן".

איבער וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט איז געווען אויסגעשטעלט אַ מאַסע מאַטראָזען; הינטער זיי האָבען מאַרשירט סאָלדאַטען, אַ רייהע נאָך אַ רייהע, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט כאַפּען. מיך

זיינען אוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ דורך דעם אדמיראַלטעיסקי. די גאַסען וואָס פיהרען צום דוואָרצאָווי פּאַלאַץ (פּאַר׳ן ווינטער־פּאַלאַץ), זיינען געווען בעוואַכט פון סאָלדאַטען. אַ רייהע סאָלדאַטען איז געווען אויסגעשטעלט איבער דער מערב זייט פון פּלאַץ. הינטער די סאָלדאַטען האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ גרויסער עולם. אַלצדינג איז געווען רוהיג. נאָר פון דער ווייטענס האָט מען געקענט זעהען, ווי סאָלדאַטען טראָגען האָלץ פון דעם פּאַלאַץ, פונ׳ם אינעוועניגסטען הויף, און לעגען עס צוזאַמען פאַר׳ן טויער. אָדער אפשר האָט זיך דאָס נאָר אויסגעדאַכט?

מיר האָבען ניט געוואוסט, צי די וואַכלייט זיינען פּאַר׳ן סאָוועט צי פאַר דער רעגיערונג. אונזערע דאָקומענטען, וואָס סמאָלני האָט אונז ארויסגעגעבען, האָבען דאָ ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. מיר האָבען זיך אוועקגעלאָזט צו אַן אנדער טהייל פון דער וואַך, געמאַכט אַ וויכטיגע מינע און ווייזענדיג אונזערע אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטען, האָבען מיר געזאָגט: „מיר קומען אין אָפיציעלע שליחות!“ אָט אַזוי האָבען מיר זיך קוים דורכגעשפּאַרט. אינעוועניג אין פּאַלאַץ האָבען די זעלביגע אַלטע שווייצאַרען אין מונדירען מיט מעשענע קנעפּ און מיט רויט־גאָלדענע קאָלנערס העפליך אָראָבגענומען אונזערע מאַנטלען, און מיר זיינען ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק. אין דעם טונקעלען אומעטיגען קאָרידאָר, פון וואַנען די גאָבעלעס זיינען פערשוואונדען, האָבען זיך געפונען עטליכע אַלטע בעדיענטע. פאַר קערענסקי׳ס טהיר האָט אַ יונגער אָפיציר געשפּאַנט הין און צוריק און געביסען זיין וואָנצע. מיר האָבען געפרעגט צי קענען מיר האָבען אַן אינטערוויו מיט׳ן מיניסטער־פּרעזידענט. דער אָפיציר האָט זיך פאַרנויגט און אַ קלינג געטהאָן מיט די שפּאָרען.

„ס׳טהוט מיר לייד, אָבער עס איז אונמעגליך“, האָט ער געענטפערט אויף פראַנצויזיש. „אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש איז גראַד איצט זעהר פערנומען...“ ער האָט אונז בעטראַכט אַ מינוט. „דעם אמת זאָגענדיג, איז ער גאָר ניטאָ דאָ...“

„וואו איז ער?“

„ער איז אוועקגעפאָהרען צום פראָנט. און ווייסט איהר וואָס עס האָט געטראָפען? ניט געווען גענוג בענזין פאַר זיין אויטאָמאָביל,

האָבען מיר געמוזט שיקען צום ענגלישען שפּיטאָל און באָרגען אַביסעל בענזין..."

„זיינען די מיניסטאָרען דאָ?"

„זיי האָבען אַ זיצונג אין איינעם פון די צימערען, איך וויים נאָר ניט וואו".

„רעכענט איהר, אַז די באָלשעוויקעס וועלען באַלד קומען?"

„געוויס, אודאי קומען זיי, איך וואַרט יעדע מינוט אויף אַ טעלע־פאָנישע מעלדונג, אַז זיי קומען. אָבער מיר זיינען צוגעגרייט. מיר האָבען יונקערם אין דעם פאָדערשטען טהייל פונ'ם פּאַלאַץ, — דאָרט הינטער יענער טהיר".

„קענען מיר אהין דורכגעהן?"

„ניין, געוויס ניט, עס איז שטרענג פאַרבאָטען". ער האָט שנעל געדריקט אונזער אַלעמענס הענט און איז אַוועקגעגאַנגען. מיר האָבען זיך איסגעקירעוועט צו דער פאַרבאָטענער טהיר. די טהיר האָט זיך געפונען אין אַ צייטווייליגען ווענטעל, וואָס האָט צוטהיילט דעם זאַאַל אויף צוויי טהיילען. זי איז געווען צוגעשלאָסען פון דער אנדערער זייט.

דאָרטען האָבען זיך געהערט שטימען און אימיצער האָט געלאַכט. אַלע איבעריגע זאַאַלען פון דעם ריעזיגען אַלטען פּאַלאַץ זיינען געווען שטיל ווי אַ קבר. אַן אַלטער שווייצאַר האָט אונז דער־זעהן צוגעהן צו דער טהיר, איז ער צוגעלאָפען: „ניין, באַרין, איהר טאָרט ניט געהן".

„פאַר וואָס איז די טהיר פערשלאָסען?"

„כדי די סאָלדאַטען זאָלען ניט ארויסגעהן", האָט ער געענט־פערט, נאָכדעם האָט ער עפּעס געמומען ריידען וועגען אַ גלאָז טהעע, וואָס ער האָט ניט דערטרונקען, און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין זיין רוהע אריין. מיר האָבען געעפענט די טהיר.

אינוועניג זיינען עטליכע סאָלדאַטען געשטאַנען אויף דער וואַך, אָבער זיי האָבען אונז ניט געטשעפּעט. פונ'ם קאָרידאָר האָט זיך גע־עפענט אַ גרויסער פּראַכטפאָלער זאַאַל מיט געגילטע קאַרניזען און ריזיגע קריסטאַלענע הענגלייכטער. הינטער דעם זאַאַל האָבען זיך געצווייגען עטליכע קלענערע זאַאַלען, באַפּוצט מיט טונקעלען האָלץ. די פּאַרקעטען זיינען געווען בעדעקט מיט שמוציגע מאַטראַצען און קאָלדרעס. דאָ און דאָרט זיינען געלעגען סאָלדאַטען אין פערשיעדענע

פּאַזעס. שטיקלאַך אַבגערויבערטע פּאַפּיראָסען, ברעקלאַך ברויט, שמאַטעס, ליידיגע פלעשער מיט זעהר טהייערע פראַנצויזישע מאַר־קעס, האָבען זיך געוואַלגערט אומעטום. די לופט איז געווען געדיכט פון טאַבאַק־רויך און שוויים. אַלע מאָהל נייע סאָלדאַטען מיט די רויטע יונקער־עפּאָלעטען זיינען אָנגעקומען און זיך געדרעהט איבער די צימערען. איינער האָט געהאַט אַ פלאַש ווייסען בורגונדער, וואָס ער האָט מסתמא אוועקגעלאַטכענט פון'ם קעלער אין פּאַלאַץ. די יונקערס האָבען געקוקט אויף אונז מיט גרויס פערוואונדערונג. מיר האָבען אַלץ געשפּאַנט פון איין צימער אין אַנדערען. ענדליך זיינען מיר דערגאַנגען צו אַ רייהע גרויסע פּאַראַדנע זאַאַלען, וואָס האָבען געקוקט מיט זייערע לאַנגע שמוציגע פענסטער צום דוואָרצאָווע פּלאַץ צו. די ווענט זיינען געווען בעדעקט מיט ריעזיגע בילדער אין מאַסיווע געגילדעטע ראַמען—סצענעס פון היסטאָרישע מלחמות... דער 12טער אָקטאָבער 1812... דער 6טער נאָוועמבער 1812... דער 28טער אויגוסט 1813.. איין בילד איז געווען דורכגעשניטען אויבען, אין רעכטען ווינקעל.

דער פּאַלאַץ איז געווען איין גרויסע קאַזאַרמע. קענטיג, דאָס איז שוין געווען ניט אַזוי די ערשטע וואָך. מ'האָט דאָס געזעהן אָן דער פּאָדלאָגע און די ווענט. אויף די פענסטער זיינען געווען אויסגע־שטעלט מאַשין־האַרמאַטען. צווישען די מאַטראַצען זיינען ביקסען געווען צונויפגעשטעלט אין פּיראַמידען.

אַזוי ווי מיר האָבען געקוקט אויף די בילדער, האָט אַ בראַנפּען־דיגער אָטהעם זיך צו מיר דערטראָגען פון דער לינקער זייט, און אימיצער האָט געזאָגט אין אַ פליסיגער פראַנצויזישער שפּראַך, אָבער מיט אַ הייזעריגען קול: „ווערליג איהר קוקט אויף די בילדער, פער־שטעה איך, אַז איהר זענט אויסלענדער". איך האָב זיך אויסגע־קירעוועט און דערזעהן אַ נידריגען אויפגעבלאָזענעם אָפיציר. ווען ער האָט אויפגעהויבען זיין הוט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיין קאָפּ איז האַלב פּליכעוואַטע.

„אַמעריקאַנער? פרעהט מיך אונגעוועהנליך! איך בין שטאַבס־קאַפּיטאַן וולאַדימיר אַרציבאַשעוו. גרייט צו דיענען אייך מיט וואָס נור מעגליך..."

ס'האָט אויסגעזעהן, אַז איהם וואונדערט גאָר ניט, וואָס פיער

פרעמדע מענשען, איינע פון זיי א פרוי, וואנדערען דורך די פאזי־ציעס פון א מיליטער, וואס ווארט אויף אן אנפאל. ער האט זיך גענומען קלאגען אויף דער רוסישער לאגע.

„די צרה איז ניט נאר מיט די באלשעוויקעס“, האט ער געזאגט. „די בעסטע טראדיציעס פון דער רוסישער ארמעע זיינען צושטערט. בעטראכט נור, וואס עס טהוט זיך. אט די אלע, וואס איהר זעהט דא, זיינען שילער פון אפיציר־שולען. אבער זיינען זיי אוידעלליים? הויבט זיך גאר ניט אן. קערענסקי האט געעפענט די אפיציר־שוהלען פאר'ן המון, פאר יעדען סאלדאט, וואס קען אויסהאלטען אן עקזא־מען. נו, פארשטעהט זיך, אז ניט ווענינ זיינען אנגעשטעקט מיט רעוואלוציע...“

אהן שום צוזאמענהאנג האט ער פלוצלונג געענדערט זיין טהעמא.

„עס האט זיך מיר זעהר געוואלט פארלאזען רוסלאנד. איך האב בעשלאסען אריינצוטרעטען אין דער אמעריקאנישער ארמעע. אפשר וועט איהר זיין אזוי גוט און איבערגעבען מיט אייער קאנסול. אט איז מיין אדרעס“. באטש מיר האבען ניט געוואלט צוזאגען קיין זאך, האט ער דאך אנגעשריעבען זיין אדרעס אויף א שטיקעל פאפיער. קענטיג, דאס האט איהם פערשאפט פארגעניגען. איך האב נאך איצט אויך דעם אדרעס: „אראניענבאומער אפיצירען־שוהל, אלט פעטער־האף“.

„מיר האבען געהאט א סמאטר (רעוויזיע) היינט גאנץ פריה“, האט ער פארטגעזעצט, געהענדיג מיט אונז דורך די צימערען און ערקלעהרענדיג יעדע זאך. „דער פרויען־באטאליאן האט בעשלאסען צו בלייבען געטריי דער רעגיערונג.“

„זיינען דא פרויען־סאלדאטען אויך אין פאלאץ?“ האבען מיר געפרעגט.

„יא, זיי זיינען אין די הינטערשטע צימערען. זאלען זיי בעסער בלייבען אונבעריהרט, אויב עפעס טרעפט זיך“. ער האט א זיפץ גע־טהאן. „עס איז א גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט, וואס מיינט איהר?“

מיר זיינען געשטאנען א ווייל פאר די פענסטער און געקוקט אויפ'ן פלאץ. דריי ראטעס יונקערס אין לאנגע שינעלען זיינען גע־שטאנען מיט די ביקסען אין די הענד, און א הויכער ענערגישער אפיציר האט עפעס גערעדט צו זיי. אין דעם אפיציר האב איך

דערקענט סטאנקעוויטש'ן, דעם העכסטען מיליטערישען קאמיסאר פון דער פראוויזארישער רעגיערונג. אביסעלע שפעטער האבען צוויי ראַ־טעס גענומען די ביקסען אויף די פלייצעס מיט א קנאק, עפעס אויס־געשריען דריי מאהל און האבען אוועקגעמארשירט איבער'ן פלאץ. אין א מינוט ארום זיינען זיי דורכגעגאנגען דורך דעם רויטען טויער און אוועק אין שטאדט אריין.

„זיי געהען פערכאפען די צענטראלע טעלעפאן־סטאנציע", האט אימיצער געזאגט. דריי קאדעטען זיינען געשטאנען ניט ווייט פון אונז און מיר האבען מיט זיי פארפיהרט א שמועס. זיי האבען גע־זאגט, אז פריהער זיינען זיי געווען פראסטע סאלדאטען, איצט זיינען זיי יונקערס אין דער אפיצירען־שול. זיי האבען אונז געגעבען זייערע נעמען: ראבערט אלעוו, אלעקסעי וואסילענקא און ערני סאקס, אן עסט. איצט, האבען זיי געזאגט, ווילען זיי שוין ניט זיין קיין אפי־צירען, ווייל אפיצירען זיינען זעהר ניט בעליעבט. עס האט אויס־געזעהן, אז זיי ווייסען אליין ניט וואס צו טהאן. זיי זיינען געווען זעהר אומרוהיג.

אבער טאקע באלד אויפ'ן שטעל האבען זיי זיך אנגעהויבען בע־ריהמען: „זאלען נור די באלשעוויקעס קומען, וועלען מיר זיי ווייזען וואס עס הייסט א קאמפף. זיי וועלען ניט סמייען צו קעמפפען. זיי זיינען טרוסען. אויב אבער זיי זאלען גובר זיין — נו, מילא, יעדער איינער האט די לעצטע קויל פאר זיך אליין". אין דעם מאמענט האט זיך דערהערט א ביקסען־שיסעריי פון דער ווייטענס. דער עולם אויפ'ן פלאץ האט גענומען לויפען און פאלען מיט די פנים'ער צו דער ערד. די איזוואשטשיקעס האבען זיך שנעל א לאז געטהאן אין אלע זייטען. אין פאלאץ האט זיך אויפגעהויבען א געפילדער. סאל־דאטען זיינען געלאפען אהין און אהער, געכאפט די ביקסען, די רימענס און געשריען: „זיי קומען, זיי קומען". אין א פאאר מינוט ארום איז אלצדינג ווידער געווארען שטיל. די איזוואשטשיקעס האבען זיך אומגעקעהרט, דער עולם האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד. דורכ'ן רויטען טהויער זיינען אנגעקומען די יונקערס. איצטיגס מאל האבען זיי שוין ניט מארשירט אלע אין טאקט. איינעם פון זייערע חברים האט מען אונטערגעהאלטען אונטער די ארעמס.

עס איז שוין געווען שפעט ווען מיר האבען פערלאזט דעם פאלאץ.

די וואכליוט זיינען פערשוואונדען פון דעם פלאץ. די גרויסע האלב־קיילעכדיגע גרופע פון רעגיערונגס־געביידעס האט אויסגעזעהן וויסט און פערלאזען. מיר זיינען אוועק אין האטעל פראנס אויף מיטאג. ווען מיר האבען געהאלטען ביים זופ, איז דער קעלנער צוגעגאנגען, זעהר א בלאסער, און אונז געבעטען מיר זאלען זיך בעסער אריבער־קלייבען אין אן אנדער עס־צימער, אין הינטערשטען טהייל פון האטעל. ווייל מען דארף פארלעשען אלע לאמפען דא אין קאפעע... „עס וועט זיין א סך שיסעריי", האט ער געזאגט.

ווען מיר זיינען צוריק ארויסגעגאנגען אויף מארסקאיא, איז אלץ געווען שטיל, נור איין גאס־לאנטערן האט קוים געבלישטשעט אויפ'ן ווינקעל נעווסקי. לעבען דעם לאנטערן איז געשטאנען א גרויסער נעפאנצערטער אויטאמאביל. דער מאטאר האט געארבייט, און א בעדיכטער אויליגער רויך האט געזעצט. א קליין אינגעל האט זיך פון א זייט ארויפגעדראפעט אויף דער ריזיגער קריעגס־מאשין און האט זעהר אויפמערקזאם זיך צוגעקוקט צו א מאשין־הארמאט. סאל־דאטען און מאטראזען זיינען געשטאנען און האבען, קענטיג, אויף עפעס געווארט. מיר זיינען ווידער אוועקגעגאנגען צום רויטען טויער. דארט איז געשטאנען א געדיכט רעדעל סאלדאטען און געקוקט אויף דעם העל־בעלויכטענעם ווינטער־פאלאץ. די סאלדאטען האבען זעהר לעבהאפט גערעדט.

„ניין, חברים", האט איינער געזאגט, „ווי קענען מיר שיסען אויף זיי? דער פרויען־באטאליאן איז אינווייניג, זיי וועלען זאגען, אז מיר שיסען אויף רוסישע פרויען".

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו נעווסקי, האט זיך פון א זייטיגע גאס בעוויזען א צווייטער געפאנצערטער אויטאמאביל. א סאלדאט האט ארויסגעשטעקט זיין קאפ דורכ'ן לאך פונ'ם טורעם און גע־שריען:

„קומט, לאמיר געהן; לאמיר מאכען אן אנפאל!"

דער אנטרייבער פון דער ערשטער מאשין איז איבערגעגאנגען און גענומען שרייען מיט אלע כחות, כדי מען זאל איהם הערען אין דעם גערויש פון דעם מאטאר:

„דער קאמיטעט האט געהייסען ווארטען. זיי האבען ארטילעריע הינטער די קופעס האלץ"...

ארום פּאַלאַץ זיינען שוין קיין טראַמווייען ניט געפאָהרען. מען האָט געזעהן וועניג פאַרבייגעהער, און וועניג לאַמטערנעס האָבען געברענט. אָבער ווייטער מיט עטליכע קוואַרטאַלען זיינען אי די טראַמווייען געגאַנגען ווי אין פריעדענס־צייטען, אי מ'האָט געקענט זעהן אַ געדיכטען עולם. פּיעלע לאַמפּען האָבען געברענט אין די קראָמען, און עלעקטרישע פּלאַקאַטען האָבען בעלויכטען די קינעמאַטאָגראַפישע טהעאַטערס. דאָרט איז זיך דאָס לעבען געגאַנגען זיין געוועהנליכען גאַנג. מיר האָבען אפילו געהאַט בילעטען אויף דעם אבענד, געזאָלט זעהן דעם באַלעט אין מאַריאַינסקי טהעאַטער, — אַלע טהעאַטערען זיינען געווען אָפען, — אָבער עס האָט זיך ניט געוואָלט געהן...

אין דער פינסטער האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אויף קופּעס געהילץ, וואָס האָבען פערשפּאַרט דעם אריינגאַנג צום פּאָליצייסקי בריק. פאַר'ן סטראָגאַנאָוו־פּאַלאַץ האָבען מיר געזעהן, ווי עטליכע סאָלדאַטען שטעלען אויף אַ דריי־אינטשיגען האַרמאַט. סאָלדאַטען אין פערשיעדענע פאָרמעס זיינען געגאַנגען אַהין און אַהער און האָבען אַ סך גערעדט...

אויף נעווסקי, אַ ביסעל ווייטער פון דעם פּאַלאַץ, איז געווען אַ גרויסער עולם. עס האָט אויסגעזעהן אז די גאַנצע בעפעלקערונג האָט זיך אַרויסגעשאָטען אין גאַס. אויף יעדען ווינקעל האָבען גרופּען מענשען היים דעבאַטירט. דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען פּיקעטען פון אַ טוץ רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען מיט באַיאָנעטען אויף די ביקסען. אַלטע לייט אין רייכע פוטערס האָבען אין צאָרן געשאָקעלט צו זיי מיט די פויסטען. פיין געקליידעטע דאַמען האָבען געשריען אַלערליי זידעל־ווערטער, די סאָלדאַטען האָבען עפּעס געטענה'ט און געשמייכעלט ווי פערשעמטע. בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען זיינען געפאָהרען אַהין און אַהער. אמאָל זיינען אויף די אויטאָמאָבילען געווען אויסגעמאָהלט די נעמען פון די עלטסטע רוסישע צאַרען: אָלעג, ריוריק, סוויאַטאָסלאַוו. שפּעטער האָט מען זיי איבערגעמאָהלט מיט גרויסע רויטע אותיות: ר. ס. ד. ר. פּ. (ראָסיסקאַיאַ סאָציאַל דעמאָקראַטיטשעסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ פּאַרטיאַ). לעבען מיכאַילאָווסקי האָט זיך בעוויזען אַ מענש מיט נייע צייטונגען, און דער עולם איז איהם באַלד בעפאַלען ווי משוגע, געבאָטען אַ רובעל, 5 רובעל, 10 רובעל

פאר א בלאט, געריסען איינער ביים אנדערען פון די הענד. דאס איז געווען דער „ראבאטשי אי סאלדאט". די צייטונג האט געמעלדעט דעם זיעג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציאן, די בעפרייאונג פון די געפאנגענע באלשעוויקעס און גערופען די ארמעע ביי'ם פראנט און די ארמיי אין לאנד צו אונטערשטיצען די רעוואלוציע. דאס איז געווען א בלעטעל פון 4 זייטען, געדרוקט מיט ריזיגע אותיות, א בלעטעל פול מיט דעם פיעבער פון אונגרוה. קיין נייעס און קיין איינצעלהייטען איז אין דעם נומער ניט געווען.

אויפ'ן ווינקעל סאדאוואיא האט זיך אנגעזאמעלט אן עולם פון א פאאר טויזענד מאן. אלע האבען געקוקט אויפ'ן דאך פון א הויכער געביידע, וואו א קליינער רויטער פונק האט זיך אלעמאל בעוויזען און פערשוואונדען.

„זעה", האט געשריען א הויכער פויער, ווייזענדיג ארויף. „סאיז א פראוואקאציע. זיי וועלען באלד אנהויבען שיסען אויפ'ן פאלק"... אבער קענטיג עס האט קיינעם ניט אינטערעסירט צו פארשען, וואס דאס איז.

ליכט האבען געברענט אין אלע פענסטער פון דעם שווערען סמאלני, ווען מיר זיינען אהין צוגעפאהרען, און פון יעדער גאס האבען זיך געצויגען אהינצו פערשיעדענע פיגורען, קוים בעמערקבארע אין דער פינסטער. אויטאמאבילען און מאטאציקלעטען זיינען אנגעקומען און אבגעפאהרען אלע מינוט. איבער דער גאס האט זיך גערוקט א ריזיגער בעפאנצערטער אויטאמאביל אבגעפארבט אין גראה. צווי רויטע פאהנען האבען געפלאטערט אויף זיין טהורם, און דער הארן האט געמאכט קולות. עס איז געווען קאלט. אויפ'ן גאס, פאר'ן טויער האבען די רויטע גווארדעיצעס פאנאנדערגעלייגט א פייער. אויף יענער זייט טויער האט אויך געברענט א פייער. ביים ליכט פון אט די פייערס האט די וואך לאנגזאם געלייענט אונזערע דאקומענטען, א ווארט נאך א ווארט. פון די פיער מאשין־הארמאטען אויף ביידע זייטען טויער, האט מען אראבגענומען די לייוועטנע דעקלאך, און די פאסען מיט קויהלן זיינען אראבגעהאנגען ווי שלאנגען. אין הויף איז א גרופע בעפאנצערטע אויטאמאבילען געשטאנען אונטער די בוימער. אין די לאנגע, ליידיגע, האלב־בעלויכטענע זאלען האט זיך געהערט א קלאפען פון פיס, געשרייען, אויסרופען... אלצ־

דינג האָט אויסגעזעהן הפקר. פון די טרעפּ איז געגאַנגען אַ גרויסער עולם, ארבייטער אין שווארצע בלוזעס, אין קיילעכדיגע שווארצע שמויסענע היטלען, פיעלע מיט ביקסען אויף די פּלייצעס; סאָלדאַטען אין גראָבע פארבלאָזע שינעלען און גראָהע שמויסענע היטלען. דאָ און דאָרט האָט זיך בעוויזען אַ פיהרער — לונאטשארסקי, קאמענעוו, — אַלע האָבען געהערט מיט אמאָל. זייערע פּנים'ער זיינען געווען זעהר אומרוהיג און מיעד. אונטער די אָרעמס האָבען זיי געטראָגען דיקע אָנגעשטאָפּטע פּארטפּעלען. אָקאָרשט האָט זיך געענדיגט די אויסעראָרדענטליכע זיצונג פון דעם פּעטראָגראדער סאָוויעט. איך האָב אָפּגעשטעלט קאמענעוו'ן — אַ ריהרעוודיגען נידריגען מאַן מיט אַ ברייטען לעבעדיגען פּנים און אַ קורצען האַלז — אָהן הקדמות האָט ער מיר איבערגעלייענט די רעזאָלוציע וואָס מען האָט אָקאָרשט אָנגענומען:

„דער פּעטראָגראדער סאָוויעט פון ארבייטער און סאָלדאטען-דעפּוטאטען בעגריסט די זיעגרייכע רעוואָלוציע פון דעם פּעטראָגראדער פּראָלעטאריאט און גארניזאָן. ער איז שטאָלץ מיט דער איינינקייט, אָרגאניזאציאָן, דיסציפּלין און ברודערליכען צוזאמענארבייטען פון די מאססען אין אויפשטאנד. זעלטען ווען אַ רעוואָלוציע האָט פארגאסען ווייניגער בלוט און זעלטען ווען איז אַן אויפשטאַנד בעסער געלונגען.

„דער סאָוויעט דריקט אויס זיין פעסטע איבערצייגונג, אַז די רעגיערונג פון די אַרבייטער און פּויערים, אַ רעגיערונג פון סאָוויעטען, וואָס די רעוואלוציע וועט בעשאַפען און וואס וועט גאראנטירען דעם אַרבייטער-קלאַס די אונטערשטיצונג פון אַלע אָרימע פּויערים-מאססען, וועט פעסט און זיכער מארשירען צום סאָציאַליזם, וואס דאס איז דער איינציגער וועג צו ראַטעווען דאס פאָלק פון דעם אומגליק און די שרעקען פון קריעג.

„די נייע רעגיערונג פון אַרבייטער און פּויערים וועט תיכף אָנבאָטען אַ גערעכטען און דעמאָקראטישען פריעדען אַלע קריעגס-פיהרענדע לענדער.

„די רעגיערונג וועט תיכף קאָנפיסקירען די גרויסע מאַיאָנטקעס און איבערגעבען די ערד צו די פּויערים. זי וועט איינפיהרען אַן אַרבייטער-קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציאָן און פאנאנדערטהיילונג פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטען און וועט איבערנעהמען דעם קאָנטראָל

איבער די בענק, וועלכע וועלען פערוואנדעלט ווערען אין א מאנאפאליע פון דעם שטאאט.

„דער פעטראגראדער סאוויעט פון ארבייטער־ און סאלדאטען־דעפוטאטען רופט אלע ארבייטער און פויערים פון רוסלאנד צו אונ־טערשטיצען די פראלעטארישע רעוואלוציע מיט אלע כחות און מיט דער גאנצער ליעבע. דער סאוויעט דריקט אויס זיין איבערצייגונג, אז די ארבייטער, די געטרייע שותפים פון די ארימע פויערים וועלען האלטען פולע רעוואלוציאנערע ארדנונג, וואס אהן דעם איז ניט מעגליך דער זיעג פון סאציאליזם.

„דער סאוויעט איז איבערצייגט, אז דער פראלעטאריאט פון די מערב־אייראפעאישע לענדער וועט אונז העלפען פיהרען דעם סאציא־ליזם צו אן אמת'ען דויערהאפטען זיעג".

„רעכענט איהר, הייסט עס, אז איהר האט געוואונען?"

ער האט א קנייטש געטהאן מיט די פלייצעס. „נאך דא א סך ארבייט, אונגעהויער פיעל. עס הויבט זיך ערשט אן".

שפעטער א ביסעל האב איך בעגעגענט ריאזאנאוו'ן, דעם גע־הילפס־פארזיצענדען פון די פראפעסיאנעלע פעראייניגען. ער איז געווען טרויעריג און האט געביסען זיין גראהע בארד. „עס איז אונזין! אונזין!" האט ער געשריען. „דער אייראפעאישער ארבייטער־קלאס וועט א האנד אין קאלטע וואסער ניט טהאן! גאנץ רוסלאנד..." ער האט אונמוטהיג א מאך געטהאן מיט דער האנד און אוועקגעלאפען ווייטער. אי ריאזאנאוו אי קאמענעוו זיינען געווען נעגען אויפשטאנד און האבען נאך געפיהלט אויף זיך די בייטש פון לענין'ס צונג...

יענע זיצונג פונ'ם סאוויעט איז באמת געווען א היסטארישע. אין'ם נאמען פון'ם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט האט טראצקי ערקלעהרט, אז די פראוויזארישע רעגיערונג איז שוין מעהר ניטא אויף דער וועלט.

„אלע בורזשואזנע רעגיערונגען", האט ער געזאגט, „האבען א טבע אבצונארען דאס פאלק. מיר, סאוויעטען פון סאלדאטען־, ארביי־טער און פויערים־דעפוטאטען, וועלען פרואווען א נייע זאך. מיר ווע־לען גרינדען אזא מאכט, וואס וועט ניט האבען קיין אנדער אויפגאבע, ווי בעפרידיגען די בעדערפנישע פון די סאלדאטען, ארבייטער און פויערים".

עס איז אָנגעקומען לענין. דער עולם האָט איהם אויפגענומען מיט א געוואלדיגער אָוואציע. לענין האָט גערעדט וועגען א קומענדיגער אַלל־וועלטליכער סאָציאַלער רעוואָלוציע. זינאָוויעוו האָט אויסגעשריען אין זיין רעדע: „היינטיגען טאָג האָבען מיר בעצאָהלט אונזער חוב דעם אינטערנאציאָנאַלען פּראָלעטאריאַט. היינטיגען טאָג האָבען מיר דערלאַנגט א שווערען קלאַפּ דעם קריעג, די אימפּעריאַליסטען פון דער וועלט און דעם תלין ווילהעלם...“

טראָצקי האָט געמעלדעט, אַז מען האָט ארויסגעשיקט טעלעגראַ־מען צום פראָנט מיט א ידיעה וועגען דעם זיעגרייכען אויפשטאַנד, אָבער קיין ענטפער האָט זיך נאָך ניט בעקומען. מען האָט געשמועסט אַז סאָלדאטען מארשירען אויף פּעטראָגראַד. מ׳האָט געדראַפט שיקען א דעלעגאַציע צו דערצעהלען זיי דעם אמת. עס האָבען זיך געהערט געשרייען: „איהר פארכאַפּט דעם וועג דעם אַלל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס“.

טראָצקי האָט קאַלטבלוטיג געענטפערט: „דער וועג פון דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס איז אָנגעמערקט דורך דעם אויפשטאַנד פון די פּעטראָגראַדער ארבייטער און סאָלדאטען“.

מיר זיינען צוגעקומען צום גרויסען זאַאל, וואו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די זיצונג פונ׳ם קאָנגרעס. עס איז ניט גרינג געווען זיך דורכצושפּאַרען דורך דעם געדיכטען טומעלדיגען עולם אין טהיר. אויף די בענק, צווישען די בענק, אין דער לענג פון די ווענט, אויף די פענסטער און אפילו אויף׳ן ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע זיינען געווען אנגעפּאַקט די פאַרטרעטער פון די ארבייטער און פויערים פון גאַנץ רוסלאַנד. די ווייסע היינג־לייכטער האָבען געגאָסען שטראָ־מען ליכט, און די גרויסע פערזאַמלונג איז געזעסען מיט א פער־כאַפּטען אָטהעם און געוואַרט אויף דעם גלעקעל פונ׳ם פּאָרזיצענדען. דער זאַאל איז ניט געווען געהייצט. נור די וואַרעמקייט פון די שווייסיגע מענשליכע קערפּערס האָט איהם אביסעל דערוואַרעמט. א געדיכטער טאַבאַק־רויך האָט זיך געהויבען איבער דער מאַססע און געשוועבט אין דער פארשטיקטער לופט. פון צייט צו צייט האָט איינער פונ׳ם פּרעזידיום זיך אויפגעשטעלט אויף דער טריבונע און געבעטען די חברים, אַז זיי זאָלען ניט רויכערען. יעדער איינער, אויך די וואָס האָבען געהאַלטען פּאַפּיראָסען אין האַנד, האָבען אָנ־

געהויבען שרייען: „רויכערט ניט, רויכערט ניט, חברים. מען דארף ניט רויכערען" און נאכדעם האט מען גערויכערט ווי פריהער. פעטראוסקי, דער אנארכיסטישער דעלעגאט פון אבוכאווסקי זאוואד, האט מיר געמאכט א פלאץ לעבען זיך. פעטראווסקי איז געווען אויסגעשמירט ווי א שד, דאס פנים אונגעגאלט, אליין האט ער זיך קוים געהאלטען אויף די פיס נאך דריי נעכט אנגעשטרענגטע ארבייט אין דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט.

אויף דער פלאטפארמע זיינען געזעסען די פיהרער פון דעם אלטען צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט. דאס לעצטע מאל האבען זיי זיך דערהויבען איבער דעם קאכעדיגען סאוויעט, וואס עטליכע חדשים נאכאנאנד האבען זיי איהם געפיהרט און איצט האט ער זיך צובונטעוועט געגען זיי. עס איז געקומען דער סוף פון דעם ערשטען פעריאד פון דער רוסישער רעוואלוציע, ווען די דאזיגע מענשען האבען געפרואווט ארגאניזירען און בעשיצען... די גרעסטע דריי פיהרער זיינען ניט געווען אין זאאל. קערענסקי איז אנטלאפען צום פראנט דורך שטעדטלעך און דערפער, וואו די כוואליע פון אונצופריעדענהייט האט זיך אלץ העכער געהויבען; טשכעאידזע, דער אלטער אדלער, האט זיך מיט פעראכטונג אומגעקעהרט צו זיינע אלטע גרוזינער בערג צו ליעגען דארט און קרענקען אין שווינדזוכט; צערעטעלי, אויך טויט קראנק, איז גרייט געווען זיך אומצוקעהרען יעדע מינוט און אויסגיסען דעם שטראם פון זיין פראכטפולער רעדנער־קראפט אין קאמפף פאר א פערלארענער זאך. אויפ'ן פלאטפארמע זיינען געווען גאץ, דאן, ליבער, באגדאנאוו, ברוידא, פיליפאווסקי — אלע בלייכע, מיט איינגעפאלענע אויגען, אלע פול מיט עמפערונג. אין זאאל הינטער זיי איז געזעסען דער צווייטער צוזאמענפאהר פון די אלל־רוסישע סאוויעטען — איין גרויסער זודיגער קעסעל — ; איבער זייערע קעפ איז געשטאנען דער רעוואלוציאנערער מיליטערישער קאמיטעט, — א שטארקע פלאם־פייערדיגע ארגאניזאציע, וואס האט געהאלטען אין איהרע הענד אלע פעדימער פונ'ם אויפשטאנד און דערלאנגט איין קלאפ נאכ'ן אנדערען מיט איהר מעכטיגען ארעם.

עס איז געווען 20 מינוט צו 11 אין אבענד.

דאן, א מאן מיט א פריינדליכען פנים, מיט ווענינ האר אויפ'ן קאפ און מיט אן אבגעקראכענעם מונדיר פון א מיליטערישען דאקטאר

אויף די פּלייצעס, האָט אַ קלונג געטהאָן אין גלאָק. אין איין רגע איז אויפ'ן זאאל געפאלען אַ טיעפע ערנסטע שטילקייט. נאָר אין דער טהיר האָט נאָך דער עולם גערעדט און זיך געצאַמפּערט.

„מיר האָבען די מאכט אין אונזערע הענד", האָט דאָן טרויעריג ארויסגערעדט, זיך אָבגעשטעלט אויף אַ רגע, און פאָרטגעזעצט מיט אַ שטילען קול. „חברים, דער סאָוויעטען־קאָנגרעס קומט זיך צונויף אונטער אַזוינע אויסשליסליכע בעדינגונגען און אין אַזאַ אויסערגע־וועהנליכען מאָמענט, אַז איהר פארשטעהט אַליין, פאַרוואָס דער צענ־טראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט רעכענט ניט פאר נויטהיג צו האַלטען דאָ אַ פּאָליטישע רעדע. דאָס וועט אייך ווערן קלאָהרער, ווען איהר וועט זיך דערמאָהנען, אַז איך בין אַ מיטגליעד פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און אַז גראַד איצט ווערען אונזערע פּאַרטיי־חברים באָמבאַרדירט אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ און זיינען מקריב זייער לעבען צו ערפילען די פּפליכט, וואָס דער צענטראַלער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט". (טומעל, געשרייען).

„איך ערקלעהר די ערשטע זיצונג פון דעם צווייטען קאָנגרעס פון די סאָוויעטען פון אַרבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען גע־עפענט!"

די וואַהלען צום פּרעזידיום זיינען פאָרגעקומען אין טומעל. דער עולם איז געווען אומרוהיג, זיך גערוקט אַהין און אַהער איבער'ן זאאל. אַווענעסאָוו האָט ערקלעהרט, אַז לויט אַן אָבמאַך צווישען די באָל־שעוויקעס, לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצוקלייבען דאָס פּרעזידיום אויפ'ן גרונד פון פּראָפּאָרציאָנעלער פערטרעטונג. עטליכע מענשעוויקעס זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער מיט פּראָטעסט־רופען. אַ סאָל־דאַט מיט אַ באָרד האָט זיך געווענדעט צו זיי: „געדענקט, ווי איהר האָט בעהאַנדעלט אונז, באָלשעוויקעס, ווען מיר זיינען געווען אין דער מינדערהייט". דער רעזולטאַט פון די וואַהלען איז געווען: 14 באָלשעוויקעס, 7 סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, 3 מענשעוויקעס און איין אינטערנאַציאָנאַליסט (גאָרקי'ס גרופּע). אינ'ם נאָמען פון דעם צענטער און דעם רעכטען פליגעל פון די סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען ערקלעהרט הענדעלמאַן, אַז זיין פּאַרטיי וועט אין פּרע־זידיום קיין אנטהייל ניט נעהמען; דאָס זעלביגע ערקלעהרט חינטשוק

אין נאָמען פון די מענשעוויקעס; די מענשעוויקעס־אינטערנאציאָנאַליסטען לאָזען וויסען, אז ביז עס וועלען זיי ניט קלאָהר ווערען איינינגע זאכען, ווילען זיי אויך ניט האָבען קיין חלק אין פּרעזידיום. אפּלאָדיסמענטען הערען זיך דאָ און דאָרט; איינינגע פּייפען. א שטימע רופט אויס: „פעררעטהער! און איהר רופט זיך נאָך סאָציאַליסטען!“ א פערטרעטער פון די אוקראַינער דעלעגאַטען פערלאַנגט א פּלאַץ אין פּרעזידיום. זיין בקשה ווערט ערפילט. דאַן איז דער אַלטער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אויפגעשטאַנען און אראָב פון דער פּלאַטפאָרמע. זיין פּלאַץ האָט פערנומען טראָצקי, קאַמענעוו, לונאטשאַרסקי, קאָלאָנטאַי, נאָגין. די דעלעגאַטען האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער. עס האָט זיך דערהערט א דונער פון אַפּלאָדיסמענטען. וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקומען מיט די באָלשעוויקעס! נאָך צוריק מיט פיער חדשים זיינען זיי געווען א קליינע גרופּפּע, פעראַכטעטע און פאַרפאָלגט. איצט האָבען זיי פאַרנומען דעם העכסטען פּלאַץ אַלס די וואָרטפיהרער פון רוסלאַנד אָן דעם שפּיץ פון א ריעזיגען אויפשטאַנד.

קאַמענעוו לעגט פאָר אַזאַ מין טאָגעס־אָרדנונג:

ערשטענס, אָרגאַניזירען די מאַכט; צווייטענס, קריעג און פריעדען; דריטענס, די גרינדונגס־פערזאַמלונג. לאַזאָווסקי הויבט זיך אויף און ערקלעהרט, אז לויט אַן אָבמאַך צווישען אַלע פראַקציעס איז בעשלאָסען געוואָרען קודם כל אויסצוהערען א בעריכט פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט, דאַן געבען דאָס וואָרט די מיטגליעדער פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און די פאַרטרעטער פון די פאַרשיעדענע פּאַרטייען, און ערשט נאָכדעם איבערגעהן צו דער טאַגעס־אָרדנונג.

אין דעם מאָמענט האָבען זיך דערהערט נייע קלאַנגען, טיעפער און ברייטער ווי דער טומעל פון דעם גרויסען עולם. עס האָט געברומט און געהילכט אָהן אַן אויפהער און געגאָסען פּחד אין די נשמות. דאָס איז געווען דער קול פון הארמאטען. דער עולם האט געוואָרפען דערשראָקענע בליקען צו די מוטנע פענסטער, אין וועלכע עס האָט אריינגעקוקט די פינסטערע נאַכט. אַלע זיינען געווען ווי אין פיבער. מאַרטאָוו האָט פערלאַנגט דאָס וואָרט און הייזעריג אויסגעשריען: „דער בירגער־קריעג הויבט זיך אָן, חברים! די ערשטע

פראגע דארף זיין — ענדיגען דעם קריזיס אויף א פריעדליכען אופן. אונזערע פרינציפען און דער איצטיגער פאליטישער מאמענט פערלאנגען מיר זאלען תיכף נעהמען דיסקוטירען די פראגע, ווי אויסצומיידען דעם בירגער־קריעג. אט איצט, ווי איך רעד צו אייך, שיסט מען דאך אויף אונזערע ברידער אין די גאסען! אט איצט, איידער עס עפענט זיך דער קאנגרעס פון די סאוויעטען, לעזט מען די מאכט־פראגע דורך א מיליטערישער קאנספיראציע, וואס איין רעוואלוציאנערע פארטיי האט ארגאניזירט —" א פאר מינוט האט מען ניט געקענט הערען זיינע ווערטער צוליעב דעם טומעל. „אלע רעוואלוציאנערע פארטייען מוזען קוקען די פאקטען אין פנים אריין. די ערשטע פראגע פאר'ן קאנגרעס איז די פראגע וועגען מאכט, און אט די פראגע לעזט מען איצט מיט געוועהר אין די גאסען! מיר מוזען בעשאפען אזא מאכט, וואס וועט האבען די אנערקענונג פון דער גאנצער דעמאקראטיע. אויב דער קאנגרעס וויל אויסדריקען די שטימונג פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע, טאר ער ניט זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד און דערלאזען, אז עס זאל זיך פאנאנדערברענגען א בירגער־קריעג, וואס קען זיך ענדיגען מיט א געפעהרליכער קאנטער־רעוואלוציע... מען מוז בעשאפען א פעראייניגטע דעמאקראטישע מאכט. דאס וועט ברענגען צו א פריעדליכען אויסגלייך... מיר מוזען אויסקלייבען א דעלעגאציע צו פיהרען פערהאנדלונגען מיט די איבריגע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס און פארטייען..."

דאס דומפפע ברומען פון די קאנאנען האט זיך כסדר געהערט אין זאאל; דאס שיסען איז פארגעקומען סיסטעמאטיש אהן אן אויפהער. די דעלעגאטען האבען געשריען איינער צום אנדערען; דער זאאל האט געקאכט... אט אזוי, אין פינסטערניש, אין האס, אין שרעק, אונטער'ן קראכען פון קאנאנען, איז געבוירען געווארען דאס נייע רוסלאנד.

די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און די פעראייניגטע סאציאל־דעמאקראטען האבען אונטערשטיצט מארטאוו'ס פארשלאג. א סאלדאט האט געמעלדעט, אז דער אלל־רוסישער פויערים־סאוויעט האט זיך אבגעזאגט צו שיקען דעלעגאטען צום קאנגרעס. דער רעדנער האט געבעטען, אז מען זאל שיקען א קאמיטעט מיט א פארמאלער איינלאדונג. „אייניגע דעלעגאטען זיינען דא", האט ער געזאגט, „איך

שלאָג פאָר, אז מען זאָל זיי געבען שטים־רעכט". דער פאָרשלאָג אין דורכגעגאנגען.

חאַראַש, אין אַ מיליטערישער פאָרמע מיט קאפּיטאנסקע עפּאָ־לעטען, רייסט זיך פון די כלים, אז מען זאָל איהם געבען דאָס וואָרט. „די פּאָליטישע שווינדלער, וואָס קאָנטראָלירען דעם קאָנגרעס", שרייט ער אויס, „האָבען אונז דערצעהלט מעשיות, אז מיר דארפען קומען און בעשליסען די פראַגע וועגען מאכט, — און איצט בעשליסען זיי די פראַגע הינטער אונזערע רוקענס, איידער עס האָט זיך נאָך פערזאמעלט דער קאָנגרעס. איך זאָג אייך, אז יעדער קלאפּ איבער'ן ווינטער־פּאַלאַץ איז אַ טויט־קלאַפּ פאר דער פּאָליטישער פּארטיי וועלכע האָט געהאט די העזה צו טהאָן אזא זאך". אַ טומעל. גאַרדאַ רעדט: „אין דער זעלביגער צייט ווען מיר פערהאַנדלען דאָ די פראַגען פון פריעדען, ווערט אין די גאסען אנגעפיהרט אַ קריעג... די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס ווילען ניט זיין פעראנטוואָרטליך פאר אַלע מעשים, וואָס ווערען איצט געטהאָן. מיר רופען אַלע געזעלשאַפטליכע קרעפטען ארויסצואווייזען אַ ווידער־שטאַנד געגען דער פּראָבע צו פערכאַפּען די מאכט..." קוטשין, אַ דעלעגאַט פון דער 12טער ארמיי און אַ פערטרעטער פון די טרודאָ־וויקעס, שרייט: „מען האָט מיך אהער געשיקט נאָר צו זאמלען ידיעות, איך וועל זיך באַלד אומקעהרען צום פראָנט. מיינע חברים־סאָלדאטען אין די אַרמעע־קאָמיטעטען גלויבען, אז אויב די סאָוויע־טען נעהמען איבער די מאכט אָט איצט, דריי וואָכען פאר דער גרינדונגס־פערזאמלונג, הייסט עס אריינשטעכען אַ מעסער אין דעם רוקען פון דער ארמיי און באַגעהן אַ פאַרברעכען געגען פאָלק...!" געשרייען: „אַ ליגען, אַ ליגען!" ווען עס ווערט אַ ביסעל שטילער און מען קען איהם שוין ווידער הערען, זאָגט ער ווייטער: „לאָמיר מאכען אַ סוף פון אָט דער אוואַנטורע אין פּעטראָגראַד. איך רוף צו אַלע דעלעגאַטען, זיי זאָלען פערלאָזען דעם זאַאַל, כדי צו ראטעווען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע!" ווען קוטשין איז געגאַנגען צווישען די רייהען בענק צו דער טהיר צו, האָט זיך געהערט אַ געוואַלדיגער טומעל, מענשען האָבען זיך געריסען צו איהם מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס. חינטשוק, אַן אָפיציר מיט אַ לאַנגער רויטליכער ציגענער באָרד, האָט גערעדט ווייך און צוקער־זיס: „איך רעד אינ'ם נאָמען

פון די פראָנט־דעלעגאַטען. די ארמעע איז ניט גענוג פערטראָטען אין דעם קאָנגרעס. די ארמעע רעכענט איבערהויפּט ניט, אז א קאָנ־גרעס פון סאָוויעטען איז נויטיג גראד איצט, דריי וואָכען פאר דער ערעפענונג פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג..." דער עולם הילכט, טור־פּעט מיט די פיס און ווערט אלעמאל ווילדער. „די ארמעע רעכענט ניט, אז דער קאָנגרעס פון סאָוויעטען האט דעם נויטהיגען אויטאָרי־טעט..." סאָלדאטען הויבען זיך אָן אויפשטעלען דאָ און דאָרט איבער'ן זאאל.

„אין וועמעס נאָמען רעדט איהר דאָ? וועמען פערטרעט איהר?" שרייען זיי.

„דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם סאָוויעט פון דער 5טער ארמעע, דעם 2טען פ—ער פּאָלק, דעם 1טען נ—ער פּאָלק, דעם 3טען ס—ער שיסער־פּאָלק..."

„ווען האט מען אייך אויסגעקליבען? איהר פארטרעט די אָפיצי־רען, ניט די סאָלדאטען. ווייסט איהר עפּעס, וואָס די סאָלדאטען דענקען וועגען דער פראגע?" דער עולם ברומט און מאכט חוזק.

„מיר, די פראָנט־גרופּע, נעהמען אראָב פון זיך יעדע פעראנט־וואָרטליכקייט פאר אלסדינג וואָס האט זיך געטהאָן און טהוט זיך איצט. מיר האלטען פאר נויטיג צו מאָביליזירען אלע זעלבסט־בעוואוסטע קרעפטען, כדי צו ראטעווען די רעוואָלוציע! די פראָנט־גרופּע וועט פערלאָזען דעם קאָנגרעס... אונזער פּלאץ צו קעמפּפען געגען אייך איז אין גאס!"

אַן אונגעהייערער שפּאָטישער טומעל האט זיך דערהויבען אין זאאל. „איהר רעדט פאר דעם שטאב, ניט פאר דער ארמעע!"

„איך רוף אלע אויפגעקלעהרטע סאָלדאטען, אז זיי זאָלען פער־לאָזען דעם קאָנגרעס!"

„קאָרנילאָוועץ, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, פּראָוואָקאטאָר!" שרייט מען צו איהם. אין נאָמען פון די מענשעוויקעס ערקלעהרט הינטשוק, אז די איינציגע מעגליכקייט פאר א פריעדליכער לעזונג איז אנצור־הויבען פערהאנדלונגען מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, כדי צונויפצושטעלען א נייעם קאבינעט, וועלכער וועט געפינען צוטרוי אין אלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. עטליכע מינוט האט ער ניט געקענט רעדען צוליעב דעם טומעל. ער האט געמוזט דערהויבען זיין

שטימע און אויסשרייען די ווערטער, ווען ער האָט געלייענט די מענשעוויסטישע דעקלאַראַציע:

„אזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבען געמאַכט אַ מיליטערישע קאָנ־ספּיראַציע מיט דער הילף פונ׳ם פּעטראָגראַדער סאָוויעט און האָבען זיך דערביי ניט קיין עצה געהאַלטען מיט אַנדערע גרופּפּען און פּאַר־טייען, געפינען מיר פאַר אונמעגליך צו פערבלייבען אין קאָנגרעס און ציהען זיך צוריק. מיר לאַדען איין די איבריגע גרופּפּען, זיי זאָלען פאָלגען אונזער ביישפּיעל און זאָלען זיך פערזאַמלען אין אַן אַנדער פּלאַץ צו בעטראַכטען די לאַגע!"

„דעזערטיר!" הערט זיך פון אַלע זייטען. אין דעם גרויסען טומעל און גערודער האָט מען קוים געקענט הערען הענדעלמאַנ׳ען, ווען ער האָט אין נאָמען פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען פּראָ־טעסטירט געגען באָמבאַרדירען דעם ווינטער־פּאַלאַץ. „מיר זיינען געגען אַזעלכע אַנאַרכיסטישע מעטהאָדען..."

נאָר וואָס ער האָט געענדיגט, איז אַ יונגער סאָלדאַט ארויפגע־שפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט געהאַט אַן איידעל פּנים מיט ברענענדיגע אויגען, און האָט דראַמאַטיש אויפגעהויבען זיין האַנד:

„חברים", האָט ער אויסגעשריען, און באַלד איז געוואָרען שטילער אין זאַאַל, „מיין פאַמיליע איז פּעטערסאָן. איך רעד אינ׳ם נאָמען פון דעם 2טען לעטישען שיסער־באַטאַליאָן. איהר האָט געהערט די ערקלעהרונגען פון צוויי פאַרטרעטער פון אַרמעע־קאָמיטעטען. די דאָזיגע ערקלעהרונגען וואָלטען געהאַט אַ ווערט, אויב די רעדנער וואָלטען געווען פאַרטרעטער פון דער אַרמעע". בעגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען. „זיי פאַרטרע־טען אָבער ניט די סאָלדאַטען". דער רעדנער דראָהט מיט זיין פויסט. „די צוועלפטע אַרמעע האָט שוין לאַנג געפאָדערט, אַז מען זאָל אויסקלייבען אַ נייעם גרויסען סאָוויעט און אַ נייעם אַרמעע־קאָמיטעט, אָבער פּונקט ווי אייער צענטראַלער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט האָט ניט געוואָלט רופען די פערטרעטער פון די מאַסען, אזוי האָט אונזער קאָמיטעט ביז ענדע סעפּטעמבער זיך אָב־געזאָגט צו רופען סאָלדאַטען־פאַרטרעטער. אויף אַזאַ אופן האָבען די רעאַקציאָנערען געהאַט אַ מעגליכקייט אויסצוקלייבען זייערע

בלומר׳שטדיגע דעלעגאטען צו דעם קאָנגרעס. איך זאָג אייך איצטער עפּענטליך: די לעטישע סאָלדאטען האָבען שוין ניט איינמאָהל ער־קלעהרט: „אוים רעזאָלוציעס, אוים דיסקוסיעס, מיר ווילען מעשים, מיר מוזען האָבען די מאכט אין אונזערע אייגענע הענד!“ זאָלען אָט די אויך־מיר־דעלעגאטען פּערלאָזען דעם קאָנגרעס! האָט קיין מורא ניט, די ארמעע איז אָט מיט זיי!“

דער זאאל וויגט זיך פון ווילדע בעגייסטערטע געשרייען. נאָך צוריק מיט עטליכע מינוט האָבען די דעלעגאטען זיך געוואקעלט. די געשעהענישען זיינען געגאנגען צו שנעל. אין דרויסען האָט זיך געהערט דאס קראכען פון קאנאָנען. אין א משך פון א גאנצער שעה איז אויף זיי געפאלען פון דער טריבונע איין קלאפּ נאך דעם אנדערען. די קלעפּ האָבען זיי צוזאמענגעשמידט אין איין קערפּער, די זעלביגע קלעפּ האָבען זיי אָבער אויך געבויגען צו דער ערד. איז דאָס אמת, אז זיי זיינען אליין? איז דאָס אמת, אז רוסלאנד דערהויבט זיך געגען זיי? איז דאָס אמת, אז די ארמעע געהט אויף פּעטראָגראד? איז געקומען אָט דער יונגער סאָלדאט מיט די ליכטיגע אויגען און האָט גערעדט וואָס ער האָט געדארפט רעדען, און אין איין רגע האָבען זיי אלע געוואוסט, אז דאָס איז אמת... דאס איז געווען די שטימע פון די סאָלדאטען! די אונרוהיגע מיליאָנען ארבייטער און פּויערים אין סאָלדאטסקע קליידער זיינען געווען פּונקט די זעלביגע מענשען, ווי די פּערזאמעלטע דעלעגאטען דאָ אין זאאל. זיי האָבען געפיהלט גלייך ווי זיי, און האָבען געטראכט דאָס זעלביגע וואס זיי...

נייע סאָלדאטען רעדען. גזשעלשאַך רעדט וועגען די פראָנט־דעלעגאטען. ער זאָגט, אז נאָר מיט א זעהר קליינע מעהרהייט האָבען זיי בעשלאָסען צו פערלאָזען דעם קאָנגרעס. ער דערצעהלט אויך, אז די באָלשעוויסטישע מיטגליעדער האָבען זיך איבערהויפּט ניט בע־טהייליגט אין דער אבשטימונג, ווייל לויט זייער מיינונג האט מען זיך געדארפט פאנאנדערטהיילען וועדליג די פּאָליטישע פארטייען און ניט וועדליג די פארשיעדענע גרופּפּען. „הונדערטע דעלעגאטען“, האָט ער געזאָגט, „וועלען אויסגעקליבען ביים פראָנט אָהן דעם אנטהייל פון די סאָלדאטען, ווייל די ארמעע־קאָמיטעטען זיינען שוין מעהר ניט קיין אמת׳ע פארטרעטער פון די סאָלדאטישע מאססען“. לוקיאנאָוו רופט אוים: „אזוינע אָפיצירען, ווי האראש און חינטשוק, קענען אויף

אזא קאָנגרעס ניט פאַרטרעטען די אַרמעע. זיי פאַרטרעטען נור די העכערע קאָמאַנדירען. די אמת'ע איינוואָהנער פון די טראַנשעען פערלאַנגגען מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז די מאַכט זאָל איבערגעהן אין די הענד פון די סאָוויעטען. זיי לייגען דערויף גרויסע האָפנונגען".

עס איז געווען קלאָהר, אַז די שטימונג ענדערט זיך.

אבראַמאָוויטש, אינ'ם נאָמען פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציאָן „בונד", איז אַרויף אויף דער טריבונע. זיינע אויגען האָבען געבליצט הינטער שווערע ברילען און אַליין האָט ער אַזש געציטערט פאַר כעס.

„דאָס וואָס ס'טהוט זיך איצט אין רוסלאַנד, איז אַ מורא'דיגער אומגליק. דער „בונד" איז איינפערשטאַנען מיט דער דעקלאַראַציע פון די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. די בונדיסטען וועלען פערלאָזען דעם קאָנגרעס!" אבראַמאָוויטש האָט אויפגעהויבען זיין קול און געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד. „אונזער פפליכט פאַר'ן רוסישען פּראָלעטאַריאַט ערלויבט אונז ניט צו בלייבען דאָ און צו טראָגען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזוינע פאַרברעכענס. צוליעב דער שיסעריי אויף'ן ווינטער־פּאַלאַץ האָט די שטאָדט־דומאַ, צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם פּויערים־סאָוויעט, בעשלאָסען אומצוקומען מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, און ביי איהר בלייבען מיר! אונבעוואָפענטע וועלען מיר אַרויסשטעלען אונזערע בריסט פאַר די מאַשין־האַרמאַטען פון די טעררעָריסטען... מיר לאַדען איין אַלע דעלעגאַטען צו דעם קאָנגרעס..." זיינע לעצטע ווערטער זיינען דערטרונקען געוואָרען אין אַ שטורם פון געשרייען, דראָהונגען און קללות. דער טומעל האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ העלישען אויסברוך, ווען 50 דעלעגאַטען האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער און זיך געלאָזט געהן צום טהיר.

קאַמענעוו האָט געקלונגען אין גלאָק און געשריען: „זיצט אויף די ערטער, חברים, מיר וועלען פאָרטזעצען אונזער ארבייט!" טראָצקי האָט זיך אויפגעהויבען, אַ קאַלטער מיט אַ אומדערבאַרעמדיגען אויסדרוק אויף'ן פּנים, און זיין רייכע שטימע איז געווען פול מיט גיפטיגער פעראַכטונג: „די אַלע פּשרה־מאַכער, די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטען, די אַלע דערשראָקענע מענשעוויקעס, סאָציאַליסטען־

רעוואָלוציאָנערען, בונדיסטען... זאָלען זיי געהן, זיי זיינען ניט מעהר ווי מיסט, וואָס וועט אַריינגעוואָרפען ווערען אין דעם מיסט־קאַסטען פון דער געשיכטע..."

אינ׳ם נאָמען פון די באָלשעוויקעס האָט ריאַזאַנאָוו ערקלעהרט, אַז לויט דעם פערלאַנג פון דער שטאָדט־דומא האָט דער מיליטערי־שער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געשיקט אַ דעלעגאַציע אָנצוהויבען פריעדענס־פערהאַנדלונגען מיט׳ן ווינטער־פּאַלאַץ. „אויף אַזאַ אופן האָבען מיר געטהאָן אַלעס מעגליכע צו פערמיידען בלוט־פערגיסונג".

מיר האָבען זיך געלאָזט געהן פונ׳ם סמאָלני אינסטיטוט. אויף אַ רגע האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אינ׳ם צימער, וואו עס האָט גע־אַרבייט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען מיט וואהנזיניגער שנעלקייט. פאַרסאָפּעטע קוריערען זיינען אַלעמאָל אָנגעקומען און אַרויסגעלאָפען פונ׳ם צימער; קאָ־מיסאַרען זיינען געשיקט געוואָרען אין די פערשיעדענע טהיילען פון שטאָדט מיט אַ מאַכט פון לעבען און טויט. די טעלעפאָנאַגראַפען האָבען גערוישט און געהודזשעט. אין אַ רויך פון פּאַפּיראָסען זיינען געזעסען צושויבערטע מענשען איבער אַ קאַרטע פון פּעטראָגראַד. נאָר נידריג איז געהאַנגען אַ עלעקטריש לעמפּעל אונטער אַ טונקעלען אַבאַזשור... טאָוואַרישטש יאָזעפאָוו דוכווינסקי, אַ שמייכלענדיגער יונגער מענש מיט אַ מאַסע ליכטיג־געלבליכע האָר, האָט אונז אָנ־געשריעבען נייע דאָקומענטען. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אינדרויסען. די נאַכט איז געווען קאַלט. דער פּלאַץ פאַר׳ן סמאָלני איז געווען אָנגעפילט מיט אויטאָמאָבילען, וואָס זיינען אָנגעקומען און אָבגעפאָהרען יעדע רגע. דאָס ווייטע קראַכען פון האַרמאַטען האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן נאָהענטען גערויש פון אויטאָמאָבילען. אַ גרויסער מאָטאָר־וואָגען איז געשטאַנען ניט ווייט און געציטערט פון דעם אָטהעמען פון דער מאַשין. אויפ׳ן וואָגען האָט מען געלייגט גרויסע בינטלאַך. „וואוהין פאָהרט איהר?" האָב איך אויסגעשריען. „מיר פאָהרען איבער דער גאַנצער שטאָדט, אומעטום", האָט געענטפערט אַ ניעדריגער אַרבייטער מיט אַ פרעהליכען שמייכעל און מיט ברייטע בעגייסטערטע בעוועגונגען.

מיר האָבען איהם געוויזען אונזערע דאָקומענטען. „קומט מיט אונז", האָט ער געזאָגט, „אָבער געדענקט, מען וועט מסתמא שיסען".

מיר האָבען זיך ארויפגעדראפּעט אויפ׳ן וואָגען. דאס הענטעל האָט געגעבען א קנאק, דער גרויסער אויטאָמאָביל האָט זיך א ריס געטהאָן פאָראוים, מיר אַלע האָבען זיך א בויג געטהאָן אויף הינטען און שיער ניט אומגעפאַלען אויף די וועלכע זיינען געזעסען הינטער אונז. שנעל, שנעל איז די מאַשין דורכגעפאָהרען לעבען גרויסען פייער ביים טויער, לעבען דעם אנדערען פייער ביים אויסוועניגסטען טויער, לעבען די בעוואפענטע ארבייטער, וואָס זיינען געזעסען ארום די ברענענדיגע שייטלאך האַלץ מיט גליהענד־רויטע פּנימ׳ער. שנעל האָט די מאַשין זיך א לאָז געטהאָן איבער סואוואָראָווסקי פּראָספּעקט. איינער פון די ארבייטער האָט אראָבגעריסען די שטריקלאך פון א בינטעל און אָנגעהויבען ווארפען הויפענס פּאַפּיער אין דער לופט אריין. מיר האָבען געטהאָן דאס זעלבינע. און אזוי זיינען מיר געפאָהרען: די מאַשין האָט זיך געוויעגט פון איין זייט אויף דער אנדערער, זיך אריינגעריסען אין די פינסטערע גאסען און געלאָזט הינטער זיך א שטראָם פון פּאַפּיער, וואָס האָט זיך געדרעהט און געווירבעלט. די שפּעטע פערבייגעהער האָבען זיך אבגעשטעלט און אויפגעהויבען די פּאַפּירלעך. די פּאַטרולען, וואָס זיינען געשטאַנען ארום די פייערס אויף די ווינקלען גאסען, זיינען ארויסגעלאָפען מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו כאַפּען די פּראָקלאַמאַציעס. פון צייט צו צייט זיינען פאר דעם אויטאָמאָביל אויסגעוואַקסען בעוואָפענטע מענשען, וואָס האָבען אויפגעהויבען די ביקסען און געשריען: „סטאָי!“ אָבער אונזער שאָפער האָט זיי עפּעס געשריען, וואָס מיר האָבען ניט געקענט פער־שטעהן, און האָט געאיילט ווייטער.

איך האָב גענומען איינע פון די פּראָקלאַמאַציעס און האָב דורכ־געלעזען ביי׳ם ליכט פון די לאַמטערנס:

„צו די בירגער פון רוסלאַנד.

„די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג איז אראָבגעזעצט. די מלוכה־מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענד פון דעם מיליטערישען רע־וואָלוציאָנערען קאָמיטעט, וואָס ער איז אַן אָרגאַן פון דעם פּעטראָ־גראַדער סאָוויעט פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען. דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט שטעהט אַן דער שפּיץ פון דעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און גאַרניזאָן.

„די זאַך, פאַר וועלכע דאס פאָלק האָט געקעמפּפט: אז מען

**Отъ Военно-Революціоннаго Комитета при Петроградскомъ Совѣтѣ Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.**

---

# Къ Гражданамъ Россіи.

**Временное Правительство низложено. Государственная власть перешла въ руки органа Петроградскаго Совѣта Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ Военно-Революціоннаго Комитета, стоящаго во главѣ Петроградскаго пролетаріата и гарнизона.**

**Дѣло, за которое боролся народъ: немедленное предложеніе демократическаго мира, отмѣна помѣщичьей собственности на землю, рабочій контроль надъ производствомъ, созданіе Совѣтскаго Правительства — это дѣло обезпечено.**

**ДА ЗДРАВСТВУЕТЪ РЕВОЛЮЦІЯ РАБОЧИХЪ, СОЛДАТЪ И КРЕСТЬЯНЪ!**

*Военно-Революціонный Комитетъ*
*при Петроградскомъ Совѣтѣ*
*Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.*

**25 октября 1917 г. 10 ч. утра.**

Proclamation of the Fall of the Provisional Government, issued by the Military Revolutionary Committee on the night of November 7th (our calendar), which we helped to distribute from a motor-truck just after the surrender of the Winter Palace.

זאָל תיכף פאַרשלאָגען אַ דעמאָקראַטישען פריעדען, אָבשאַפען דאָס פריוואַט'ישע אייגענטום אויף דער ערד, איינפיהרען אַן ארבייטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציאָן, בעשאַפען אַ סאָוויעט־רעגירונג, — דאָס איז איצט געזיכערט.

„זאָל לעבען די רעוואָלוציע פון ארבייטער, סאָלדאַטען און פויערים!

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט בייים פּעטראָגראַדער סאָוויעט פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען".

לעבען מיר אויפ'ן אוטאָמאָביל איז געזעסען אַן ארבייטער, אַ קאַסאָקער יונג, מיט אַ מאָנגאָלישען פּנים און מיט אַ קאַווקאַזישער פּאַפּאַכע אויפ'ן קאָפּ, האָט ער אויסגעשריען: „פאַרזיכט, אָט אַ דאָ שיסען די פּראָוואָקאַטאָרס שטענדיג פון די פענסטער". מיר האָבען זיך אויסגעדרעהט צום זנאַמענסקי פּלאַץ, וואו אַלעס איז געווען פינסטער און אומבעוועגליך. מיר האָבען זיך פאַרקירעוועט לעבען טרובעצקאָי'ס מגושמ'דיגער סטאַטוע און זיך אריינגעלאָזט אין דעם ברייטען נעווסקי. דריי פון אונז זיינען געשטאַנען פאַרטיג מיט ביקסען אין די הענד און געקוקט אין די פענסטער פון די הייזער. הינטער אונז זיינען די גאַסען איצט געווען פול מיט לעבען. מענשען זיינען געלאָפען, זיך אָנגעבויגען און געכאַפּט די פּאַפּירלעך. מיר האָבען שוין מעהר ניט געקענט הערען דאָס קראַכען פון די האַרמאַטען. וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעפאָהרען צום ווינטער־פּאַלאַץ, אַלץ רוהיגער און פאַרלאָזענער האָבען אויסגעזעהן די גאַסען. די שטאָדט־דומא איז געווען העלל־בעלויכטען. הינטער איהר האָבען מיר דערזעהן אַ טונקעלע מאַסען־מענשען און אַ שורה מאַטראָזען. די מאַטראָזען האָבען אויפגעהויבען אַ ווילדען געשריי, אַז מיר זאָלען זיך אָבשטעלען. די מאַשין האָט אָנגעהויבען פאָהרען לאַנגזאַמער, און מיר זיינען אַראָבגעקראָכען. דאָס וואָס מיר האָבען אויסגעפונען איז באמת געווען מערקווירדיג. פּונקט אויפ'ן ווינקעל פון דעם יעקאַטערינינסקי קאַנאַל, אונטער אַ העלער עלעקטרישער זונן, האָט אַ קאָרדאָן פון בעוואַפענטע מאַטראָזען זיך אויסגעצויגען איבער נעווסקי פון איין זייט צו דער אַנדערער און פערשפּאַרט דעם וועג פאַר אַן עולם פון אַזוינע פיער הונדערט מענער און פרויען. אייניגע פון די מענער זיינען געווען

אנגעטהאָן אין פראַקען, די פרויען אין רייכע קליידער. דאָ און דאָרט האָבען זיך דורכגעוואָרפען אָפיצירען. הכלל, דאָס איז געווען אַ פער־שיידענאַרטיגער עולם פון פערשיידענע קלאַסען מענשען. צווישען עולם האָבען מיר דערקענט אַ סך דעלעגאַטען פונ׳ם קאָנגרעס, פיהרער פון די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. דאָרט איז געווען דער מאַגערער אווקסענטיעוו מיט דער רויטער באָרד, דער פאָרזיצענדער פון דעם פויערים־סאָוויעט; סאָראָקין, קערענסקי׳ס רעכטע האנד; חינטשוק; אבראמאָוויטש; אָן דער שפּיץ פון אַלע איז געווען דער אַלטער גראָהער שריידער, דער שטאָדט־גאָלאָווא (מעיאָר) פון פעטראָגראַד, און פּראָקאָפּאָוויטש, דער שפּייז־מיניסטער אין דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג. פּראָקאָפּאָוויטש׳ן האָט מען דעם פריה־מאָרגען געהאַט געווען אַרעסטירט און נאָכדעם ווידער בעפרייט. איך האָב בעמערקט מאַלקינ׳ען, אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג. „מיר געהען צום ווינטער־פּאַלאַץ צו שטאַרבען דאָרט“, האָט ער אויסגע־שריען מיט אַ מאָדנער שמחה. דער עולם איז געשטאַנען שטיל, נאָר די פאָדערשטע האָבען עפּעס גערעדט מיט אויפגערעגטע שטימען. שריידער און פּראָקאָפּאָוויטש האָבען גע׳טענה׳ט מיט אַ געזונדען מאַטראָז, וואָס האָט, קענטיג, געקאָמאַנדעוועט איבער די איבעריגע.

„מיר פערלאַנגען פון אייך איהר זאָלט אונז דורכלאָזען“, האָבען זיי געשריען: „איהר זעהט דען ניט, אַז די חברים קומען פונ׳ם סאָוויעטען־קאָנגרעס. אָט זיינען זייערע בילעטען. מיר געהען צום ווינטער־פּאַלאַץ“.

דער מאַטראָס האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער האָט געקראַצט דעם קאָפּ מיט זיין גרויסער לאַפּע און געקנייטשט דעם שטערען. „עס איז דאָ אַ בעפעהל פונ׳ם קאָמיטעט, אַז מען זאָל קיינעם ניט דורכלאָזען צום ווינטער־פּאַלאַץ“, האָט ער געוואָרטשעט. „וואָס זשע טהוט מען, וועל איך שיקען אַ טאָוואַרישטש טעלעפאָ־נירען אין סמאָלני“.

„אָבער לאָזט אונז דורך, איהר זעהט דאָך — מיר זיינען ניט בעוואָפענט. מיר וועלען סיי ווי דורכגעהן, צו איהר לאָזט אונז צו ניט“, — האָט דער אַלטער שריידער געשריען אין גרויס אויפרעגונג. „עס איז דאָ אַ בעפעהל...“ האָט דער מאַטראָס אונצופריעדען איבערגע׳חזר׳ט.

„נו, טאַ שיסט אונז, אויב איהר ווילט! מיר׳ן סיי ווי געהן! פאָרווערטס!‟ האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען. „מיר זיינען גרייט צו שטאַרבען, אויב איהר האָט דעם מוטה צו שיסען אויף רוסישע, אויף חברים! מיר וועלען אויפדעקען אונזערע ברוסט פאַר אייערע ביקסען!‟

„ניין‟, האָט דער מאַטראָס געזאָגט מיט עקשנות, „איך קען אייך ניט דורכלאָזען‟.

„וואָס וועט איהר פאָהרט טהאָן, אויב מיר געהען ווייטער? וועט איהר שיסען?‟

„ניין, איך קען ניט שיסען אויף אונבעוואָפענטע מענשען. איך קען ניט שיסען אויף רוסישע, וואָס האָבען ניט קיין ביקסען...‟

„מיר וועלען געהן ווייטער, וואָס קענט איהר טהאָן?‟

„מיר וועלען עפּעס טהאָן‟, האָט דער מאַטראָס געענטפערט, קענטיג אַליין ניט וויסענדיג ווי זיך אויסצודרעהען. מיר קענען אייך ניט דורכלאָזען. מיר וועלען עפּעס טהאָן‟.

„וואָס וועט איהר טהאָן, נו, אדרבא, וואָס וועט איהר טהאָן?‟

אַן אַנדערער איז צוגעקומען. ער איז געווען זעהר בייז. „מיר׳ן אייך שמייסען, אָט וואָס!‟ האָט ער אויסגערופען מיט אַ סך ענערגיע, „און אויב מען וועט דאַרפען, וועט מען שיסען אויך. געהט אַהיים און לאָזט אונז צורוה‟.

אַ געשריי פון צאָרן און עמפּערונג האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען. פּראָקאָפּאָוויטש איז אַרויפגעקראָכען אויף עפּעס אַ מין קעסטעל, געמאַכט מיט׳ן שירם און געהאַלטען אַ רעדע:

„חברים און בירגער‟, האָט ער געזאָגט, „מען ניצט געגען אונז גראָבע געוואַלט. מיר קענען ניט דערלאָזען, אַז אונזער אונשולדיג בלוט זאָל פאַלען אויף די הענד פון אָט די אונוויסענדע מענשען. עס איז נידריגער פון אונזער ווירדע, אַז מיר זאָלען זיך לאָזען שיסען אין מיטען גאַס דורך די ערשטע בעסטע סטרעלאָטשניקעס *). לאָמיר

*) דזשאָן ריעד בעמערקט דערביי אין זיין בוך, אַז ער פערשטעהט ניט וואָס פּראָקאָפּאָוויטש האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „סטרעלאָטשניק‟. סטרעלאָטשניק איז אויף ענגליש אַ סוויטשמען, אַ פּשוט׳ער אַרבייטער, וועלכער פיהרט איבער די צוגען פון איין פּאָר רעלסען אויף די צווייטע. זיין אַרבייט איז ניט מעהר ווי אָנקוועטשען אַ הענטעל, וואָס פעראייניגט

זיך אוממקעהרען צו דער דומא און לאָמיר בעטראַכטען די בעסטע מיטלען, ווי צו ראַטעווען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע״.

אין ווירדיגער שטילקייט האָט די פּראָצעסיע זיך אויסגעדרעהט איז אַוועק איבער נעווסקי, פיער אין אַ רייה. מיר האָבען אויסגעניצט דעם מאָמענט, ווען די וועכטער זיינען געווען פערנומען מיט שריידער׳ן און זיינע חברים, מיר האָבען זיך דורכגע׳גנב׳עט דורך דעם קאָרדאָן און אַוועקגעלאָזט צום ווינטער־פּאַלאַץ. דאָ איז געווען פינסטער, חושך, קיין לעבעדיגען מענשען האָט מען ניט געזעהן, נאָר גרופּען סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדעיצעס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, און אין זייער האַלטונג איז געווען טיעפער ערנסט און געשפּאַנטע אויפמערקזאַמקייט. פאַר׳ן קאַזאַנסקי סאָבאָר איז אַ דריי־אינטשיגער פעלד־האַרמאַט געלעגען אינמיטען גאַס, אַביסעל אויסגעדרעהט אָן אַ זייט נאָך דעם לעצטען שאָס, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט איבער די דעכער. לעבען יעדער טהיר זיינען געשטאַנען סאָלדאַטען און שטיל גערעדט און געקוקט צו דער פּאָליצייסקי בריק. איך האָב געהערט אַ שטימע זאָגענדיג: „מעגליך, אַז מיר האָבען שלעכט געהאַנדעלט...״ אויף יעדען ראָג האָבען פּאַטרולען אָבגעשטעלט אַלע פאַרבייגעהער. די פּאַטרולען זיינען בעשטאַנען פון געוועהנליכע סאָלדאַטען; דער קאָמאַנדיר איז כסדר געווען אַ רויטער גוואַרדעיעץ.

קיין שיסערייי האָט זיך מעהר ניט געהערט. ווען מיר זיינען געקומען צו מאָרסקאַיאַ, האָט אימיצער אויסגעשריען: „די יונקערס האָבען געלאָזט וויסען, אַז מיר זאָלען קומען צו זיי און זיי פאַרנעהמען״. עס האָבען זיך געהערט קאָמאַנדע־רופען. אין דער פינסטער האָב איך געזעהן, ווי עס רוקט זיך אַ דונקעלע מאַססע. אַלע האָבען

---

די רעלסען. אין דעם אַלטען רוסלאַנד, אונטער ניקאָלאַי׳ען, איז געווען אַ מנהג, אַז טאָמער האָט זיך געטראָפען אַן אייזענבאַהן־קאַטאַסטראָפע, האָט מען בעשולדיגט ניט די באַהן־פערוואַלטונג און ניט דאָס גאַנצע סיסטעם, נאָר דעם סטרעלאָטשניק. אַ פּנים דאָס זעלביגע האָט פּראָקאָפּאָוויטש אויך געמיינט מיט דעם סטרעלאטשניק פון דער רעוואלוציע: אַ מענש פון דער מאַסע, וועלכער פערשטעהט ניט וואָס ער טהוט, און קען ניט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די בעפעהלען פון די פיהרער. דער איבערזעצער.

געשוויגען, נור די פיס האָבען געקלאַפּט אָן בריק און די ביקסען האָבען זיך געשטויסען איינע אָן דער צווייטער. מיר האָבען זיך אוועקגע־לאָזט מיט די סאָלדאַטען.

ווי אַ שווארצע טייך האָבען מיר זיך אריינגעגאָסען דורך דעם רויטען טויער. ניט געווען ניט קיין פריידגעשריי, ניט קיין געזאַנג. איינער אין די פאָדערשטע רייהען האָט שטיל געזאָגט: „פאַרזיכט, חברים. גלויבט זיי ניט; זיי וועלען געוויס שיסען". ווען מיר זיינען ארויס אויפ'ן פּלאַץ, האָבען מיר זיך געלאָזט לויפען. די קעפּ האָבען מיר געהאַלטען אָנגעבויגען, און אַליין האָבען מיר זיך גע־טוליעט איינער צום צווייטען. פּלוצלונג האָבען מיר זיך אַלע צו־נויפגעקוועטשט הינטער דעם פּיעדעסטאַל פון דער אַלעקסאַנדראָווסקע קאָלאָנע.

„וויפיעל פון אייך האָבען זיי געטויט?" האָב איך זיי געפרעגט.

„איך ווייס ניט. עפּעס אַ צעהן..."

געווען איז אויפ'ן פּלאַץ עטליכע הונדערט מאַן. אייניגע מינוט זיינען זיי אַזוי געשטאַנען צונויפגעפּרעסט אין דער פינסטער. פּלוצ־לונג האָבען זיי זיך דערפיהלט זיכערער און האָבען זיך ווידער אַ לאָז געטהאָן פאָרווערטס. קיינער האָט ניט געקאָמאַנדעוועט, אַלעס האָט זיך געטהאָן פון זיך אַליין. ביים שיין פון די לאָמפּען, וואָס האָט ארויסגעשטראַהלט דורך אַלע פענסטער פונ'ם ווינטער־פּאַלאַץ, האָב איך געזעהן, אַז די ערשטע צוויי אָדער דריי הונדערט זיינען געווען רויטע גוואַרדעיצעס. נאָר עטליכע סאָלדאַטען האָבען זיך דורכגעוואָר־פען אין די ערשטע רייהען. מיר האָבען ארויפגעקלעטערט אויף אַ באַריקאַדע פון געהילץ, נאָכדעם זיינען מיר אַראָבגעשפּרונגען און זיך אָנגעשטויסען אָן אַ הויפען ביקסען, וואָס די יונקערס האָבען אוועק־געוואָרפען. מיר האָבען אַלע אויסגעשריען אין אַ זיעגס־פרייד. אויף ביידע זייטען פון דעם הויפּט־אריינגאַנג זיינען אַלע טהירען געווען ברייט געעפענט. ליכט האָט זיך געגאָסען דורך זיי, און פון דעם גרויסען בנין האָט זיך ניט געהערט קיין איינציגע שטימע.

אַ כוואַליע מענשען האָט אונז אריינגעצויגען רעכטס אין אַ גרוי־סען לעדיגען צימער מיט אַ געוועלבטער דעק. דאָס איז געווען דער קעלער פונ'ם מזרח־פליגעל, פון וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצער קנויל פון קאָרידאָרען און טרעפּ. עטליכע ריעזיגע קאַסטענס

זיינען געשטאנען ארום און ארום. די רויטע גווארדעיצעס און די סאלדאטען האבען זיך מיט ווילדער ענערגיע א ווארף געטהאן אויף די קאסטענס, זיי אויפגעבראכען מיט די די פריקלאדען פון זייערע ביקסען און גענומען ארויסשלעפען טעפיכער, פארהענגען, ליינווענד, פארצעלייענע טאצען, גלאזווארג... איינער האט ארומגעשפאצירט מיט גרויס גאוה, האלטענדיג א בראנזענעם זייגער אויף זיין אקסעל; אן אנדערער האט געפונען א בוקעט פון פאווע־פעדערען און האט איהם אריינגעשטעקט אין זיין קארטוז. חברה האבען זיך נור וואס געהאט גענומען צום פאגראם, ווען אימיצער האט אויסגעשריען: „חברים, טשעפעט ניט קיין זאך! נעהמט ניט קיין זאך! דאס איז אייגענטהום פון פאלק!" באלד האבען צוואנציג שטימען גענומען איבערחזר'ן: „טשעפעט ניט, טשעפעט ניט! לייגט אוועק צוריק וואס איהר האט גענומען... דאס אייגענטום פונ'ם פאלק..." הענד האבען זיך אויפגעהויבען און אנגעכאפט די רויבער. די טהייערע טעפיכער און גאבלענע האט מען ארויסגעריסען פון די הענד. צוויי סאלדא־טען האבען צוגענומען דעם בראנזענעם זייגער. שנעל, אהן א סדר, האט מען אריינגעשטופט די זאכען צוריק אין די קאסטענס אריין; איינעגע האבען זיך אוועקגעשטעלט היטען דאס אייגענטהום פונ'ם פאלק. אלצדינג איז פארגעקומען אהן א שום בעפעהל, נור דורכ'ן פרייען ווילען פון די דערביינגעוועזענע מענשען. איבער די קארי־דארען און אויף די טרעפ האט מען געקענט הערען שטימען, וואס האבען פערקלונגען אין דער ווייט: „רעוואלוציאנערע דיסציפלין", „אייגענטהום פונ'ם פאלק..."

מיר האבען זיך אוועקגעלאזט צום לינקען אריינגאנג אין דעם מערב־פליגעל פונ'ם פאלאץ. אויך דארט איז שוין געווען איינגעפיהרט ארדנונג. „רייניגט אב דעם פאלאץ", — האט געשריען א רויטער גווארדעיעץ, ארויסשטעקענדיג זיין קאפ דורך אן אינוועניגסטער טהיר. „קומט, חברים, לאמיר ווייזען, אז מיר זיינען ניט קיין גנבים און באנדיטען. זאל יעדער איינער פערלאזען דעם פאלאץ, א חוץ די קאמיסארען, און זאל מען ווארטען, ביז מיר וועלען אויפשטעלען א וואך!"

צוויי רויטע גווארדעיצעס, א סאלדאט און אן אפיציר, זיינען געשטאנען מיט די רעוואלווערען אין די הענד. אן אנדער סאלדאט

איז געזעסן ביי א טיש הינטער זיי מיט א פען און פאפיער. געשרייען: „ארויס פונ׳ם פאלאץ“, האבן זיך געלאזט הערן איינוועניג פון אלע זייטן. די רעוואלוציאנערע ארמעע האט זיך גענומען ארויסגיסן דורך דער טהיר, זיך געשטויסן, גערעדט, געאמפערט. יעדן איינעם האט דער זעלבסט־בעשטימטער קאמיטעט אבגעשטעלט, ארומגעטאפט פון אלע זייטן, אויסגעליידיגט זיינע קעשענעס און ארונטערגעקוקט הינטער זיין שינעל. אויב מען האט געפונען א זאך, וואס האט על פי שכל ניט געקענט געהערן דעם רעוואלוציאנער, האט דער סאלדאט ביים טיש דאס פארשריבען אויף פאפיער און דעם מאן האט מען אוועקגעשלעפט אין א קליינעם רערבייאיגען צימערל. אויף אזא אופן האט מען פארכאפט א מאסע העכסט מערקווירדיגע זאכען: סטאטועטקעס, פלעשלעך מיט טינט, בעט־דעקען מיט אויסגענעהטע קייזערליכע מאנאגראמען, ליכט, א קליינע אויל־געמעלד, קלעק־פאפיער פאר א שרייב־טיש, שווערדען מיט גילדערנע הענטלעך, שטיקלעך זייף, אלערליי קליידער, קאלדרעס. איין רויטער גווארדעיעץ האט געהאט מיט זיך דריי ביקסען, — איינע זיינע און צוויי האט ער צוגענומען ביי די יונקערס; אן אנדערער האט געטראגען פיער דיקע פארטפעלען אנגעשטאפט מיט געשריבענע דאקומענטען. די שולדיגע האבען ענטוועדער אבגעגעבען די זאכען מיט א ברוגז׳ער מינע, אדער זיי האבען זיך געבעטען ווי קליינע קינדער. דער קאמיטעט האט גע׳טענה׳ט, אז גנב׳ענען איז ניט ווירדיג פאר די קעמפפער פונ׳ם פאלק. די מיטגליעדער פונ׳ם קאמיטעט האבען גערעדט אלע מיט אמאל. אפט האט געטראפען, אז א בחור, וואס מ׳האט איהם אקארשט געכאפט ביי דער האנד, איז טאקע אויפ׳ן שטעל געווארען א חטאים זוכער און גענומען העלפען בעטאפען זיינע חברים.

יונקערס האבען אנגעהויבען ארויסגעהן, דריי און פיער אין א גרופע. דער קאמיטעט האט זיך צו זיי גענומען מיט א בעזונדערען חשק, בעזוכט זייערע קליידער און דערביי געמאכט אלערליי בעמערקונגען, ווי „אה, פראוואקאטארס! קארנילאווצעס! קאנטר־רעוואלוציאנערען! פאלקס־מערדער!“ אבער קיין שלעכטס האט מען די יונקערס ניט געטהאן, כאטש יענע האבען זיך דערפאר זעהר געשראקען. אויך ביי די יונקערס זיינען די קעשענעס געווען אנגעשטאפט

מיט פערכאפּטע זאכען. אַלעס האָט דער שרייבער פּערצייכענט אויף פּאַפּיער, און די זאכען האָט מען אוועקגעטראָגען אין דעם קליינעם צימערל... די יונקערס האָט מען ענטוואפּענט. „נו, וועט איהר איצט אויפהויבען אייער געוועהר געגען פּאָלק?" האָבען שטימען צו זיי געשריען. „ניין", האָבען די יונקערס געענטפערט איינער נאָכ'ן אַנ־דערען. דאַן האָט דער קאָמיטעט זיי געלאָזט געהן. מיר האָבען געפּרעגט, צו מיר קענען אריינגעהן אינווענינ. דער קאָמיטעט האָט זיך געוואקעלט, אָבער איינער, אַ געזונדער רויטער גווארדעיעץ, האָט פעסט געענטפערט, אַז מען טאָר ניט. „ווער זייט איהר אייגענט־ליך?" האָט ער געפּרעגט. „פון וואנען ווייס איך, אַז איהר זייט ניט קערענסקיי'ס?" (מיר זיינען געווען פינף קאָרעספּאָנדענטען, צוויי פון אונז פרויען).

„פּאָזשאַלויסטא, טאָווארישטשי" (זייט זיך מטריח, חברים). אַ סאָלדאט און אַ רויטער גווארדעיעץ האָבען זיך בעוויזען אין טהיר און געבעטען דעם עולם אָבטרעטען אָן אַ זייט. הינטער זיי האָבען זיך בעוויזען אנדערע וואך־לייט מיט באַיאָנעטען אויף די ביקסען. נאָכ־דעם זיינען דורכגעגאַנגען איינער נאָכ'ן אנדערען אַ האַלב טוץ ארעסטירטע אין ציווילע קליידער. דאָס זיינען געווען די מיטגליעדער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג. דער ערשטער איז ארויסגעגאַנגען קישקין מיט אַן אויסגעצויגענעם בלייכען פּנים; נאָך איהם רוטענ־בערג, אַ בייזער, מיט די אויגען צו דער ערד; הינטער איהם איז געגאַנגען טערעשטשענקאָ און געוואָרפען שארפע בליקען ארום און ארום; פערבייגעהענדיג האָט ער אויף אונז אָנגעשטעלט זיינע קאַל־טע אויגען... די ארעסטירטע זיינען אַלע דורכגעגאַנגען לעבען אונז; די זיעגרייכע רעוואָלוציאָנערען זיינען זיך צונויפגעלאָפען קוקען אויף זייער בייז וואונדער. מען האָט אונצופריעדען געוואָרטשעט דאָ און דאָרט, אָבער קיין שלעכטס האָט מען די מיניסטאָרען ניט געטהאָן. שפּעטער זיינען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז ערשט אין גאס האָט זיי דער עולם געוואָלט לינטשען און מען האָט אויף זיי געשאָסען אויך, נאָר די מאטראָסען האָבען זיי געראַטעוועט און זיי בשלום געבראַכט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג.

מיר האָבען אויסגעניצט די געלעגענהייט און אריינגעשפּאַצירט אין פּאַלאַץ. מענשען זיינען נאָך ארומגעגאַנגען אהין און אהער.

ארומגעזוכט אלץ נייע צימערען אין דעם ריזיגען בנין, געוואלט אויס־געפינען, צו עס איז ניטא קיין בעהאלטענע יונקערס, וואס זאלען נאך גרייט זיין צו שיסען. אזוינע איז ניט געווען. מיר האבען זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ און געוואנדערט פון איין צימער אין צווייטען. אין יענעם טייל פאלאץ האבען זיך געפונען אויך אנדערע אבטהיילונגען פון רעוואלוציאנערען, וועלכע זיינען אריינגעגאנגען פון דער זייט פון דער נעווא. די בילדער, סטאטועז, גאבעלענען און טעפיכער פון די גרויסע אפיציעלע זאלען זיינען געבליבען אונגע־רירט. אבער אין די קאנצעלאריעס האט מען אויסגעלעדיגט אלע שרייב־טישען און שרענק, פאפיערען זיינען געווען פאנאנדערגעוואר־פען איבער דער פאדלאגע, און אין די וואוין־צימערען האט מען אראב־גענומען די דעקען פון די בעטען און געעפענט די גארדעראבען. גיכער פון אלצדינג האט מען זיך געווארפען אויף קליידונג, ווייל די ארביי־טער האבען דאס זעהר שטארק געדארפט האבען. אין איינעם פון די צימערען איז געווען אנגעשטעלט א סך מעבעל. ווען מיר זיינען אריינגעקומען, האבען מיר געזעהן ווי צוויי סאלדאטען רייסען אראב דעם טהייערען שפאנישען לעדער פון די פאטעלען. זיי האבען אונז געזאגט אז פון דעם לעדער וועלען זיי מאכען שטיוועל.

די אלטע באדיענטע פון דעם פאלאץ, אין זייער בלאה־רויט־גאלדענע מונדירען, זיינען געשטאנען ארום און ארום און נערוועז איבערגע׳חזר׳ט, אויס לויטער געוואהנהייט: „ניין,באַרין. ניין, באַרין. איהר טארט ניט אריינגעהן, עס איז פארבאטען...“ ענדליך זיינען מיר אריינגעקומען אין דעם גרויסען זאאל, בעפוצט מיט גאלד און מאלאכיט און רויטע פלושענע פארהאנגען, וואו די מיניסטארען האבען אבגעהאלטען זייער זיצונג א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט און וואו די שווייצארען האבען זיי ארויסגעגעבען די רויטע גווארדעיצעס. דער לאנגער טיש אונטער׳ן גרינעם געוואנד האט אויסגעזעהן פונקט ווי אין דער מינוט, ווען מען האט זיי ארעסטירט. פאר יעדען לעדי־גען שטוהל איז געווען טינט, פעדער און פאפיער. די בויגענס זיינען געווען בעשריעבען דא און דארט: דאס האט מען נאך געפלאנעוועט, וואס צו טהאן, געפראוווט שרייבען אויפרופען און מאניפעסטען. מעהרסטענס האט מען דאס אלעס ווידער אויסגעמעקט, ווייל מען האט איינגעזעהן, אז עס איז נוצלאז. אויף איניגע בויגענס האבען

מיר געזעהן געאָמעטרישע פיגורען. דאָס האָבען די מיניסטאָרען זיי געמאָהלען, אַליין ניט וויסענדיג וואָס זיי טהוען, בשעת זיי זענען געזעסען און זיך איינגעהערט אין די רעדעס פון זייערע קאָלעגען און אין זייערע פאַנטאַסטישע פּלענער. צום אנדענקען האָב איך גענומען איינעם אַזאַ בויגען מיט קאָנאָוואַלאָוו׳ס האַנדשריפט. דער בויגען האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „די פּראָוויזאָרישע רע־גיערונג רופט אַלע קלאַסען צו אונטערשטיצען די פּראָוויזאָרישע רע־גיערונג...“

מען דאַרף געדענקען, אַז כאָטש דער ווינטער־פּאַלאַץ איז געווען בעלאַגערט, איז די רעגיערונג די גאַנצע צייט געשטאַנען אין פערבינ־דונג מיט דעם פראָנט און מיט די רוסישע פּראָווינציאָנעלע שטעדט. די באָלשעוויקעס האָבען איינדערפריה געהאַט פערכאַפּט דאָס קריעגס־מיניסטעריום, אָבער זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז אַ מיליטערישע טעלעגראַף־סטאַנציע האָט זיך געפונען אויפ׳ן בוידעם, און זיי האָבען אויך ניט געוואוסט, אַז אַ פּריוואַטע־טעלעפאָן־ליניע האָט פערבונדען די סטאַנציע מיט׳ן ווינטער־פּאַלאַץ. אויף דעם בוידעם איז אַ יונגער אָפיציר געזעסען אַ גאַנצען טאָג און פערפלייצט דאָס לאַנד מיט אויפ־רופען און פּראָקלאַמאַציעס. ווען ער האָט געהערט, אַז דער פּאַלאַץ איז געפאַלען, האָט ער אָנגעטהאָן זיין הוט און איז זיך רוהיג ארויס־געגאַנגען פון דעם פּאַלאַץ...

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיר זיינען געווען פעראינטערעסירט אין אַלצדינג, וואָס מיר האָבען געהערט און געזעהן. דעריבער האָבען מיר ניט באמערקט, ווי די סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדעיצעס האָבען גענומען קוקען אויף אונז מיט חשד. עטליכע סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדעיצעס זיינען אונז נאָכגעגאַנגען פון צימער צו צימער. ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דער גרויסער בילדער־גאַלערעע, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט דעם לעצטען נאָכמיטאָג מיט די יונקערס, האָט אונז ארומגערינגעלט אַ מאַסע פון אַזוינע הונדערט רעוואָלו־ציאָנערען. אַ סאָלדאַט אַ ריעז האָט אונז פאַרשטעלט דעם וועג, ווען איך האָב אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָב איך דערזעהן, אַז זיין פּנים איז געווען שוואַרץ פון טונקעלען פערדאַכט. „ווער זייט איהר?“ האָט ער געברומט, „וואָס טהוט איהר דאָ?“ די איבריגע האָבען זיך צוגעשטופּט נעהנטער, געקוקט אויף אונז און עפּעס געוואָרטשעט.

„פראָוואָקאַטאָרס", האָב איך געהערט ניט ווייט פון מיר, „רויבער!" איך האָב ארויסגענומען די דאָקומענטען, וואָס דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אונז ארויסגעגעבען. דער סאָלדאַט האָט זיי אריינגעכאַפּט אין די הענד, אויסגעדרעהט מיט'ן קאָפּ אראָב, געקוקט און ניט פערשטאַנען. קענטיג, ער האָט ניט געקענט לעזען. ער האָט אונז אומגעקערט די דאָקומענטען און אויסגעשפּיגען אויף דער פּאָדלאָגע: „בומאַגי" (פּאַפּיערען), האָט ער געזאָגט מיט פער־אַכטונג. די מאַססע האָט זיך אָנגעהויבען צוזאַמענשליסען ארום אונז ווי וועלף ארום א שעפּעלע. איבער די קעפּ פון די סאָלדאַטען האָב איך דערזעהן אַן אָפיציר און האָב איהם צוגערופען. דער אָפיציר האָט זיך דורכגעשטופּט צו אונז.

„איך בין דער קאָמיסאַר", האָט ער צו מיר געזאָגט, „ווער זייט איהר? וואָס איז דאָס?" די סאָלדאַטען האָבען זיך אָבגערוקט און געבליבען שטעהן וואַרטענדיג. איך האָב ארויסגענומען אונזערע פּאַ־פּיערען.

דער אָפיציר האָט זיי איבערגעקוקט און האָט געזאָגט די סאָל־דאַטען, אַז קיינער זאָל אונז ניט טשעפּען, ווייל מיר זיינען ניט גע־פעהרליך.

„ווי קענט איהר דאָס וויסען?" האָט דער געזונדער סאָלדאַט געפרעגט, „איך זאָג אייך, אַז זיי זיינען פּראָוואָקאַטאָרס. זיי זאָגען, אַז זיי זיינען געקומען אהער אָנצוקוקען די רעוואָלוציאָנערע דיסציפּ־לין פון דער פּראָלעטארישער ארמעע, און איך זאָג אייך, אַז זיי האָבען זיך די גאַנצע צייט ארומגעשלייעט איבער'ן פּאַלאַץ און מסתמא האָבען זיי פולע קעשענעס מיט גוטע זאַכען".

„פּראַווילנאָ". האָבען די איבריגע אונטערגעכאַפּט און זיך גע־נומען שטופּען צו אונז.

„טאָוואַרישטשי! טאָוואַרישטשי!" האָט דער אָפיציר זיך גע־בעטען, און איך האָב געזעהן ווי א שוויים האָט זיך בעוויזען אויף זיין שטערען. „איך בין א קאָמיסאַר פון דעם מיליטערישען רעוואָלו־ציאָנערען קאָמיטעט. גלויבט איהר מיר אויך ניט? איך זאָג אייך, אַז אויף זייערע פּאַפּיערען זיינען אונטערגעשריעבען דיזעלביגע נעמען, וואָס אויף מיינע פּאַפּיערען".

ער האָט אונז דורכגעפיהרט דורכ'ן פּאַלאַץ און האָט אונז ארויס־געלאָזט דורך דעם טויער, וואָס עפענט זיך צו דער נעוואַ צו. פאַר דער טהיר איז געשטאַנען דער געוועהנליכער קאָמיטעט וואָס האָט יעדען בעזוכט. „אייער גליק, וואָס איהר האָט זיך געראַטעוועט", האָט דער אָפיציר נאָכאַנאַנד איבערגע'חזר'ט און זיך געווישט דעם שוויים פונ'ם פּנים.

„וואָס איז געוואָרען מיט'ן פרויען־באַטאַליאָן?" האָבען מיר גע־פרעגט.

„אָה, די פרויען", האָט ער געלאַכט, „זיי האָבען זיך אַלע פער־קליבען אין אַ הינטערשטען צימער. מיר האָבען מיט זיי געהאַט צו זינגען און צו זאָגען. אַ סך זיינען געלעגען אין היסטעריקע, אַנדערע האָבען איבערהויפּט געהאַט אַ פּנים פון חוזק. האָבען מיר זיי אוועק־געפיהרט צום פינלענדער וואָקזאַל און זיי ארויפגעזעצט אויף אַ צוג, מען זאָל זיי אָבפיהרען קיין לעוואַשאָוואָ. דאָרט איז זייער לאַגער..."

אין גאַס איז די קאַלטע נאַכט געווען פולל מיט נערוועזער אויפ־רעגונג; זי האָט געמורמעלט מיט די שטימען פון דונקעלע אַרמעען, וואָס רוקען זיך אַהין און אַהער; זי איז געווען עלעקטריזירט דורך פּאַטרולען. פון יענער זייט טייך, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקע פעסטונג, האָט זיך געהערט אַ הייזעריגער גע־שריי. דער טראָטואַר אונטער די פיס איז געווען פאַרוואָרפען מיט שטוקאַטורקע. דאָס האָט אַ באָמבע פון דער קריעגס־שיף „אַווראָראַ" געטראָפען דעם קאַרניז פון דעם פּאַלאַץ. מעהר קיין שאָדען האָט דאָס באָמבאַרדירען ניט אָנגעמאַכט. עס איז שוין געווען נאָך דריי פאַרטאָג. אויף נעווסקי האָבען איצט ווידער געברענט אַלע לאַמ־טערנעס; די האַרמאַטען זיינען פערשוואונדען, און די איינציגע סמנים פון קריעג זיינען געווען די רויטע גוואַרדעיצעס און די סאָל־דאַטען, וואָס זיינען געלעגען אַרום די פייערס. די שטאָדט איז גע־ווען שטיל — אפשר איז זי קיינמאָל אַזוי שטיל ניט געווען דורך איהר גאַנצער געשיכטע. קיין איינציגער אָנפאַל, קיין איינציגע רויבעריי איז ניט פאָרגעקומען יענע נאַכט.

אָבער די געביידע פון דער שטאָדט־דומע איז געווען בעלויכטען. מיר זיינען ארויפגעגאַנגען אין אַלעקסאַנדראָווסקי זאַאַל, וואו די גרויסע קייזערליכע פּאָרטרעטען אין גאָלדענע ראַהמען זיינען געווען אַי־

בערגעצויגען מיט רויטען. ארום דער פּלאַטפאָרמע איז געווען פער־זאמעלט אַן ערך הונדערט מאַן. סקאָבעלעוו האָט גערעדט. לויט זיין פּלאַן האָט מען געדאַרפט פארגרעסערען דעם קאָמיטעט פאר עפּענט־ליכע זיכערהייט, אַזוי ער זאָל ארומנעהמען אַלע אַנטי־באָלשעוויסטי־שע עלעמענטען. די נייע גרויסע אָרגאַניזאַציע זאָל הייסען „דער קאָ־מיטעט צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע". זיין פּאָרשלאַג ווערט אָנגענומען. טאַקי באַלד אויפ'ן שטעל ווערט געגרינדעט דער רעטונגס־קאָמיטעט — יענע בעוואוסטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען דער מעכטיגער שונא פון די באָלשעוויקעס און וועלכע איז אמאָל ארויסגעטראָטען אונטער איהר אייגענעם פּארטיי־אישען נאָמען, און אַמאָל אונטער דעם שטרענג אונפּאַרטייאישען נאָ־מען פון „קאָמיטעט פאר עפענטליכע זיכערהייט".

אין זאאל זיינען געווען דאָן, גאָטץ, אווקסענטיעוו, אייניגע פון די סאָוויעטען דעלעגאַטען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען פון דעם קאָנגרעס, מיטגליעדער פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם פויע־רים־סאָוויעט, דער אַלטער פּראָקאָפּאָוויטש און אפילו מיטגליעדער פון דעם ראטה פון דער רוסישער רעפּובליק, צווישען זיי ווינאַווער און אַנדערע קאַדעטען. ליבער האָט גע'טענה'ט, אַז דער קאָנגרעס פון די סאָוויעטען איז ניט קיין געזעצליכע פערזאמלונג, אַז דער אַל־טער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט נאָך ניט אָנגעוואָרען זיין רעכט... מען האָט אָנגעוואָרפען אַן אויפרוף צום לאַנד.

מיר זיינען ארויס אין גאַס. מיר האָבען צוגערופען אַן איזוואָש־טשיק. „וואוהין?". דערהערט דאָס וואָרט „סמאָלני", האָט ער גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. „אהין קען מען ניט פאָהרען, דאָרט זיינען טייוואָלים"...

מיר האָבען לאַנג ארומגעוואַנדערט, ביז מיר האָבען געפונען אַ פוהרמאַן, וואָס זאָל אונז אָבפיהרען אין סמאָלני. גענומען האָט ער דרייסיג רובעל און אָבגעשטעלט האָט ער זיך צוויי קווארטאַלען פאר דעם סמאָלני אינסטיטוט.

די הויפּט־קוואַרטיר פון די זיגרייכע רעוואָלוציאָנערען איז גע־ווען העל בעלויכטען. ווי פריהער זיינען אויטאָמאָבילען אָנגעקומען און אָבגעפאָהרען אַלע ווייל. ארום די ברענענדיגע פייערען זיינען

געשטאנען די וואכליים אין ענגע גרופּעס און זיך נאָכגעפרעגט אויף די לעצטע נייעס. אין די קאָרידאָרען זיינען אומגעלאָפּען מיעדע מענ־שען מיט בלאָע רעדער אונטער די אויגען. אין איינינע פון די קאַנ־צעלאריעס זיינען מענשען געשלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע, מיט ביק־סען אין די הענד. דער פערזאמלונגס־זאאל איז געווען פול און גע־רוישט ווי דער ים. ווען מיר זיינען אריינגעקומען, האָט קאמענעוו געלעזען דעם צעטעל פון די ארעסטירטע מיניסטאָרען. ביי׳ם נאָמען טערעשטשענקאָ האָבען זיך דערהערט רווישיגע אפּלאָדיסמענטען, צור פריעדענע געשרייען, געלעכטער. רוטענבערג׳ס נאָמען האָט ארויס־גערופען װעניגער התפעלות; ווען עס איז אָבער געקומען צו פּאל־טשינסקי׳ן, האָט אויסגעבראָכען א שטורם פון זידעל־ווערטער, ברור־מערייען, פרעהליכע אויסרופען. מען האָט געלאָזט וויסען דעם עולם, אז טשורנאָווסקי איז בעשטימט געוואָרען קאָמיסאר איבער׳ן ווינ־טער־פּאלאץ.

דאָ האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשפּיעלט א דראמאטישע סצענע. א הויכער ברייט־ביינינער פויער מיט א גרויסער באָרד און מיט א צאָרענדיגען פּנים איז ארויפגעשפּרונגען אויף דער פּלאטפּאָרמע און אראָבגעלאָזט א שווערען קולאק אויף דעם טיש פונ׳ם פאָרזיצענדען.

„מיר, סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, פאָדערען, אז מען זאָל באלד ארויסלאָזען די סאָציאליסטישע מיניסטאָרען, וואָס זיינען ארעס־טירט געוואָרען אין ווינטער־פּאלאץ. חברים, ווייסט איהר, אז פיער פון אונזערע מענשען, וואָס האָבען איינגעשטעלט זייער לעבען אין קאמף געגען דער זעלבסטהערשאפט, זיינען איצט אין פּעטראָ־פּאוו־לאָווסקי פעסטונג, אין דעם שרעקליכען קבר פון רוסישע פרייהייט?"
דער עולם האָט געליארעמט, און דער פויער האָט געקלאפּט איבער׳ן טיש און געהאלטען אין איין שרייען. אן אנדער דעלעגאט איז ארויף אויף דער פּלאטפּאָרמע און גענומען טייטלען מיט א פינגער אויפ׳ן פּרעזידיום:

„איז דאָס מעגליך, אז די פערטרעטער פון די רעוואָלוציאָנערע מאסען זאָלען זיך זיצען רוהיג און לאָזען די באָלשעוויסטישע אָכראַנע מוטשען זייערע פיהרער?"

טראָצקי האָט געמאכט מיט די הענד עס זאָל זיין שטיל. „די

דאָזיגע „חברים", ווי איהר רופט זיי, האָבען דאָך געמאַכט אַ קאָנס־פּיראַציע מיט דעם אַוואַנטוריסט קערענסקי צו ברעכען די סאָוויעטען. מיר האָבען זיי געכאַפּט ביי דער האַנד. זאָלען מיר זיי בעהאַנדלען ווי ציטעריגע קינדער? נאָך דעם 16טען און 18טען יולי האָבען זיי זיך מיט אונז ווענינ צערעמאָניעט!" מיט אַ זיגעס־קלאַנג אין זיין שטימע האָט ער אויסגעשריען: „איצט, ווען די אָבאָראָנצעס און די שוואַכהערציגע האָבען אָבגעטראָטען, און די אויפגאַבע צו פאַרטהיידי־גען און צו רעטען די רעוואָלוציע איז געפאַלען אויף אונזערע פּליי־צעס, איצט, מעהר ווי אַלעמאָל, איז נויטיג צו ארבייטען — ארביי־טען — ארבייטען... בעסער שטארבען איידער זיך אונטערגעבען!"...

אַ קאָמיסאַר פון צארסקאָיע סעלאָ, אַ פּערסאָפּעטער און אַ פּער־שפּריצטער מיט בלאָטע, איז ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. „דער גאַרניזאָן פון צארסקאָיע סעלא האַלט וואַך ביי די טהויערען פון פּעט־ראָגראַד און איז גרייט צו פאַרטהיידיגען דעם סאָוויעט און דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט". עס הערען זיך ווילדע פרייד־געשרייען. „דער מאָטאָ־ציקלעטען קאָרפּוס איז אָנגעקומען פון פראָנט קיין צארסקאָיע. די סאָלדאַטען זיינען איצט מיט אונז. זיי אַנערקענען די מאַכט פון די סאָוויעטען, די נויטהווענדיגקייט אָי־בערצוגעבען די ערד אין די הענד פון די פּויערים און איינצופיהרען דעם קאָנטראָל פון די ארבייטער איבער די פאַבריקען. דער פינפטער באַטאַליאָן פון ציקליסטען, וועלכער שטעהט אין צארסקאָיע, איז אונזערער..."

אַ דעלעגאַט פון דעם 3טען באַטאַליאָן פון ציקליסטען האָט גע־נומען רעדען. ער האָט ארויסגערופען אַ וואַהנזיניגע בעגייסטערונג ווען ער האָט דערצעהלט, אַז נאָך צוריק מיט דריי טעג האָט דער ציקליסטען־קאָרפּוס בעקומען אַ בעפעהל צו פערלאָזען דעם דרום־מערב'דיגען פראָנט און צו געהן „פאַרטהיידיגען פּעטראָגראַד" . יענע האָבען זיך אָבער אָנגעשטויסען, וואָס דער בעפעהל מיינט. לעבען דער סטאַנציע פּערעדאָלסק האָבען זיי זיך געטראָפען מיט פערטרעטער פון דעם 5טען באַטאַליאָן, וואָס שטעהט אין צארסקאָיע. עס איז אָב־געהאַלטען געוואָרען אַ פערזאַמלונג פוןביידע אָבטהיילונגען, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז „קיין איינציגער פון די ציקליסטען האָט

ניט געוואָלט פארגיסען דאָס בלוט פון זיינע ברידער אָדער פערטיידי־גען די רעגיערונג פון דער בורזשואזיע און די פּריצים!“

אינ׳ם נאָמען פון די מענשעוויקעס אינטערנאציאָנאַליסטען שלאָגט קאפּעלינסקי פאָר, אז מען זאָל אויסקלייבען א ספּעציעלען קאָמיטעט צו געפינען א פריעדליכען אויסוועג פונ׳ם בירגער־קריעג. „עס איז ניטאָ קיין פריעדליכער אויסוועג“, האָט דער עולם געברומט, „זיעג איז דער איינציגער וועג“. א ריזיגע מאיאָריטעט זאָגט זיך ארויס געגען פאָרשלאָג, און די מענשעוויקעס אינטערנאציאָנאַליס־טען פערלאָזען דעם קאָנגרעס אונטער א שטורם פון בעליידיגונג און לצנות. דער פּאַנישער שרעק איז שוין געהאַט פערשוואונדען. דער עולם האָט זיך געפיהלט רוהיגער. קאמענעוו האָט נאָכגעשריען די מענשעוויקעס פון זיין פּלאַץ אויף דער פּלאטפאָרמע: „די מענשע־וויקעס־אינטערנאציאָנאַליסטען האָבען נאָכאנאנד גע׳טענה׳ט, אז די פראגע וועגען א „פריעדליכען וועג“ איז „דרינגענד“, אָבער זיי האָבען נאָכאנאנד געשטימט פאר אָבהאַלטען די טאגעס־אָרדנונג כדי אויס־צוהערען די ערקלעהרונגען פון פראקציעס, וואָס ווילען פערלאָזען דעם קאָנגרעס. עס איז קלאָהר“, האָט קאמענעוו געענדיגט, „אז אויב אָט די אַלע דעלעגאטען פערלאָזען דעם קאָנגרעס, איז דאָס אן אָב־געמאכטע זאך!“

די פערזאמלונג בעשליסט צו איגנאָרירען די פראקציעס, וואָס האָבען זיך צוריקגעצויגען פונ׳ם קאָנגרעס. עס ווערט אָנגענומען דער פאָלגענדער אויפרוף צו די ארבייטער, סאָלדאטען און פויערים פון גאנץ רוסלאנד:

„צו די ארבייטער, סאָלדאטען און פויערים.

דער צווייטער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון ארביי־טער־ און סאָלדאטען־ דעפּוטאטען האָט זיך געעפענט. ער פערטרעט די גרעסטע מערהייט פון די סאָוויעטען. פאראן אויך א געוויסע צאָהל פויערים־דעפּוטאטען. געשטיצט אויפ׳ן ווילען פון דער גרוי־סער מערהייט פון ארבייטער, סאָלדאטען און פויערים, געשטיצט אויף דעם זיעגרייכען אויפשטאנד פון די פּעטראָגראַדער ארבייטער און סאָלדאטען, נעהמט דער קאָנגרעס איבער די מאכט אין זיינע הענד. די

פראָוויזאָרישע רעגיערונג איז אראָבגעזעצט. די מיטגליעדער פון דער פראָוויזאָרישער רעגיערונג זיינען שוין מעהרסטענטהיילס ארעסטירט.

די סאָוויעט־רעגיערונג וועט תיכף פאָרשלאָגען אלע פעלקער א באלדיגען דעמאָקראטישען פרידען און א באלדיגען וואפען־שטיל־שטאנד אויף אלע פראָנטען. זי וועט זיבערען, אז די גאנצע ערד, וואָס בעלאנגט צו די פריצים, דער קרוין און די מאָנאסטירען, זאָלען איבערגעהן אין די הענד פון לאנד־קאָמיטעטען; זי וועט פערטהיי־דיגען די רעכט פון די סאָלדאטען, דורכפיהרען א פאָלשטענדיגע דעמאָ־קראטיזאציע פון דער ארמעע, איינפיהרען דעם קאָנטראָל פון די ארביי־טער איבער דער פראָדוקציאָן, גאראנטירען דאָס צוזאמענרופען פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג אין דער ריכטיגער צייט, זאָרגען וועגען ברויט פאר די שטעדט און נויטווענדיגע ארטיקלען פאר די דערפער, און גאראנטירען אלע נאציאָנאליטעטען פון רוסלאנד דאָס ווירקליכע רעכט און אונאבהענגיגע לעבען.

דער קאָנגרעס בעשליסט, אז אויף די ערטער זאָל די גאנצע מאכט איבערגעהן אין די הענד פון די סאָוויעטען פון ארבייטער־סאָלדאטען־ און פויערים־דעפוטאטען, וועלכע מוזען האלטען רעוואָלו־ציאָנערע אָרדנונג. דער קאָנגרעס רופט אלע סאָלדאטען אין די טראנשעען צו שטעהן אויף דער וואך פון זייערע אייגענע אינטערע־סען. דער קאָנגרעס פון סאָוויעטען איז זיכער, אז די רעוואָלוציאָנערע ארמעע וועט וויסען ווי אזוי צו פערטהיידיגען די רעוואָלוציע געגען אלע אימפעריאַליסטישע אָנפאלען, ביז די נייע רעגיערונג וועט שלי־סען א דעמאָקראטישען פריעדען, וועלכען זי וועט פאָרשלאָגען אלע פעלקער. די נייע רעגיערונג וועט אָננעהמען מיטלען, אז די רעוואָלו־ציאָנערע ארמעע זאָל האָבען אלעס נויטיגע. זי וועט דעריבער ענער־גיש פערפאָלגען א פאָליטיק פון רעקוויזיציעס און בעשטייערונג פון די פערמעגליכע קלאסען. זי וועט אויך פערבעסערען די לאגע פון די סאָלדאטישע פאמיליעס.

דער קאָרנילאָווער קערענסקי, קאלעדין און אנדערע פרואווען פיהרען אן ארמעע געגען פעטראָגראד. אייניגע פאָלקען האָט קע־רענסקי געפרואווט נארען, אבער זיי זיינען שוין אריבערגעגאנגען אויפ׳ן צד פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען פאָלק.

סאָלדאַטען! ווייזט אַרוים אַן אַקטיווען ווידערשטאַנד דעם קאָרנילאָוועץ קערענסקי! האַלט וואַך!

אייזענבאַהן־אַרבייטער! שטעלט אָב אַלע מיליטערישע צוגען, וואָס קערענסקי שיקט געגען פּעטראָגראַד!

סאָלדאַטען, אַרבייטער, אַנגעשטעלטע! דער גורל פון דער רע־וואָלוציע און פון אַ דעמאָקראַטישען פריעדען איז אין אייערע הענד!

עס לעבע די רעוואָלוציע!

דער אַלל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון אַרבייטער און סאָלדאַטען דעפּוטאַטען. דעלעגאַטען פון די פּויערים סאָוויעטען.״

עס איז געווען פּונקט 17 מינוט נאָך 5, ווען קרילענקאָ, האַלב טויט פון מידקייט, איז אַרויף אויף דער טריבונע מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנד:

„חברים! דאָס איז פון׳ם צפון־פראָנט. די 12טע אַרמעע שיקט גרוסען דעם קאָנגרעס פון סאָוויעטען און מעלדעט, אַז עס האָט זיך געבילדעט אַ מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וועלכער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער׳ן צפון־פראָנט!״ ווילדע ענטהו־זיאַסטישע סצענעס; פּיעלע וויינען, נעהמען זיך אַרום. „גענעראַל טשערעמיסאָוו האָט אַנערקענט דעם קאָמיטעט. דער קאָמיסאַר פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג וואָיטינסקי האָט רעזיגנירט!״

עס איז שוין געווען 6 אַ זייגער אין דער פריה, אָבער די נאַכט איז נאָך געלעגען איבער פּעטראָגראַד, שווער און קאַלט. נאָר אַ שוואַכע פאַנטאַסטישע בלאַסקייט האָט זיך לאַנגזאַם פער׳גנב׳עט אין די שוויי־גענדיגע גאַסען און פערנעבעלט די פייערען פון די וואַך־לייט. גראָה און שטיל איז געקראָכען דער שאָטען פון אַ שרעקליכען מאָרגען איבער רוסלאַנד...

## קאפיטעל פינף

## פאָרווערטס, מוטהיג פאָרווערטס!

דאָנערשטאג, דער אכטער נאָוועמבער. דער טאָג האָט געפונען די גאנצע שטאָדט אין א שטורם פון אויפרעגונג, אין א תהו ובהו. א גאנץ פאָלק האָט זיך געהויבען אין מעכטיגע רוישענדע כוואַליעס. פון אויסווענינ האָט אָלצדינג אויסגעזעהן רוהיג. הונדערטער טויזענדער מענשען האָבען זיך צו דער צייט געלעגט שלאָפען און זיינען צו דער צייט אויפגעשטאַנען און אוועק צו זייער ארבייט. אין פעטראָגראַד זיינען די טראַמווייען געלאָפען איבער די גאסען, קראָמען און רעסטאָראַנען זיינען געווען אָפען, טהעאַטערס האָבען געשפּיעלט, א קונסט־אויסשטעלונג איז געווען אַנאָנסירט... די פערוויקעלטע אלטעגליכקייט פונ'ם געוועהנליכען לעבען, לאַנגווייליג אפילו אין קריעגס־צייט, האָט זיך געצויגען ווי כסדר. קיין זאַך איז ניט אזוי מערקווירדיג, ווי אָט די לעבענס־קראַפט פונ'ם סאָציאַלען אָרגאַניזם: מיט אונגעוועהנליכער עקשנות זעצט ער פאָרט זיין ארבייט, שפּייזט זיך, קליידט זיך, פערווײַלט זיך, אפילו ווען ער איז פנים אל פנים מיט די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפען...

די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קלאַנגען וועגען קערענסקי'ן. מען האָט געזאָגט, אז ער האָט אויפגעהויבען די פראָנט־ארמעען געגען פעטראָגראַד און אז ער האָט געפיהרט מיט זיך שטארקע קרעפטען. די צייטונג „וואָליא נאַראָדא" האָט פערעפענטליכט א פּריקאַז, וואָס ער האָט ארויסגעלאָזט אין פּסקאָוו:

„די באָלשעוויקעס האָבען געמאכט א וואהנזיניגען פערזוך. זיי האָבען ארויסגערופען אזוינע אונאָרדנונגען, וואָס שטעלען אוועק דאָס לאַנד אויפ'ן ראַנד פון אן אָבגרונד. עס איז נויטיג די אָנשטרענגונג פון אונזער גאנצען ווילען, אונזער מוטה, עס איז נויטיג די געטרייַשאַפט פון יעדען איינעם, כדי צו זיעגען אין דעם גרויסען נסיון, וואָס

שטעהט פאר אונזער פאטערלאנד... עס וועט ארויסגעהן א דעקלאראַ־ציע מיט די נעמען פון די נייע מיניסטארען, — אויב א נייע רעגיערונג וועט בכלל געבילדעט ווערען — דערווייל דארף יעדער איינער בלייבען אויף זיין פאסט און ערפילען זיין פפליכט צום פאטערלאנד, וואס געהט אוים מיט בלוט. מען מוז געדענקען, אז דער מינדסטער פער־זוך צו מישען זיך אין די עקזיסטירענדע ארגאניזאציעס פון דער ארמעע קען עפענען דעם פראנט פאר'ן שונא און ברענגען אזא אונגליק, וואס מען וועט איהם קיינמאל ניט קענען פעררירכטען. אום יעדען פרייז איז נויטיג צו האלטען די ארמעע אין א פעסטער קאמפפס־שטימונג. מען מוז דעריבער זיכערען פאלשטענדיגע ארדנונג, בעוואַ־רענען די סאלדאטען פאר יעדער נייער אויפרעגונג, בעפעסטיגען דעם צוטרוי צווישען די אפיצירען און זייערע אונטערגעגעבענע. אינ'ם נאמען פון דער זיכערהייט פונ'ם לאנד בעפעהל איך אלע עלטסטע און אלע קאמיסארען, אז זיי זאלען בלייבען אויף זייערע פאסטענס, אזוי ווי איך אליין בלייב אויף מיין פאסטען אלס דער העכסטער קאמאנ־דיר, ביז די פראוויזארישע רעגיערונג פון דער רעפובליק וועט ערקלעה־רען איהר ווילען..."

אלס ענטפער האבען אויף אלע וועגט זיך בעוויזען אזוינע פלאַ־קאטען:

„פונ'ם אל־רוסישען סאוויעטען־קאנגרעס.

„די געוועזענע מיניסטארען קאנאוואלאוו, קישקין, טערעשטשענ־קא, מאליאנטאוויטש, ניקיטין און אנדערע זיינען ארעסטירט געוואַ־רען דורך דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט. קערענסקי איז אנטלאפען. אלע ארמעע־ארגאניזאציאנען זאלען אננעהמען אלע מעגליכע מיטלען צו ארעסטירען קערענסקי'ן וואס גיכער און צו ברענ־גען איהם קיין פעטראגראד.

„אויב אימיצער וועט העלפען קערענסקי'ן, וועט אזא האנדלונג בעשטראפט ווערען אלס אן ערנסטער פערברעכען געגען שטאאט."

איצט, ווען אלע צאמען זיינען געפאלען, ווען דער מיליטערישער רעוואלוציאנערער קאמיטעט האט דערפיהלט זיין מאכט, האט ער גענומען שיטען, ווי פונקען, אלערליי בעפעהלען, פעראָרדנונגען, אויפרו־פען... קארנילאוו'ן האט מען געהייסען ברענגען קיין פעטראגראד.

מיטגליעדער פון די פויערשע לאנד־קאָמיטעטען, וואָס די פּראָוויזאָ־רישע רעגיערונג האָט זיי געהאט אריינגעזעצט אין טורמע, האָט מען ארויסגעלאָזט פריי. טויט־שטראַף אין דער ארמעע איז אָבגעשאַפט געוואָרען, שטאאטס־בעאַמטע האָט מען געהייסען פאָרטזעצען זייער ארבייט, און טאָמער האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט, האָט מען זיי גע־סטראַשעט מיט שווערע שטראַף. רויבערייען, אונאָרדנונג, ספּעקולאַ־ציע האָט מען פערבאָטען, און די וואָס זיינען עובר דעם פערבאָט, האָט מען געסטראָשעט מיט טויט־שטראַף. צייטווייליגע קאָמיסאַרען זיינען בעשטימט געוואָרען צו פערוואַלטען די פערשידענע מיניסטע־ריומס: פאַר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען אוריצקי און טראָצקי; פאַר אינוועניגסטע אנגעלעגענהייטען און יוסטיץ — ריקאָוו; פאַר'ן ארבייטס־מיניסטעריום — שליאַפּניקאָוו; פאַר פינאַנסען — מענ־זשינסקי; פאַר געזעלשאַפּטליכע הילף — מאַדאַם קאָלאָנטאַי; פאַר האנדעל, וועגען און פערקעהר — ריאַזאַנאָוו; פאַר'ן פלאָט — דער מאַטראָז קאָרביר; פאַר פּאָסט און טעלעגראַף — ספּירא; פאַר טהעאַטער — מוראַוויאָוו; פאַר דער שטאַאטס־דרוקעריי — הער־ביטשעוו; פאַר פּעטראָגראַד — לייטענאַנט נעסטעראָוו; פאַר'ן צפון־פראָנט — פּאָזערן.

צו דער ארמעע האָט מען ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אז זי זאָל גרינדען רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע קאָמיטעטען. צו די אייזענ־באהן־ארבייטער האָט מען ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אז זיי זאָלען האַלטען אָרדנונג, און דער עיקר זאָלען זיי ניט אָבלעגען דעם טראנס־פּאָרט פון שפּייז צו די שטעדט און צום פראָנט. פון דער אנדערער זייט האָט מען זיי פערשפּראָכען פערטרעטערשאַפט אין די מיניסטע־ריומס פון וועגען און פערקעהר. א פּראָקלאַמאַציע צו די קאָזאַקען האָט זיך געלייענט אזוי:

„ברידער־קאָזאַקען! מען פיהרט אייך אויף פּעטראָגראַד. מען וויל אייך צווינגען מלחמה האַלטען מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָל־דאַטען און ארבייטער פון דער הויפּט־שטאָדט. גלויבט ניט, וואָס עס זאָגען אייך אונזערע געמיינזאַמע שונאים, די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטען.

„אין אונזער קאָנגרעס זיינע פערטראָטען אַלע בעוואוסטזיניגע

אָרגאַניזאַציעס פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים אין רוסלאַנד. דער קאָנגרעס וואָלט געוואָלט בעגריסען צווישען זיינע מיטגליעדער אויך די אַרבייטער־קאָזאַקען. די גענעראַלען פון דער שוואַרצער מאַה, די משרתים פון ניקאָלאַי דעם בלוטיגען זיינען אונזערע שונאים.

„זיי דערצעהלען אייך, אַז די סאָוויעטען ווילען צונעהמען די ערד פון די קאָזאַקען. דאָס איז אַ ליגען. נאָר פון די גרויסע קאָזאַקישע לאַנד־בעזיצער וויל די רעוואָלוציע אַוועקנעהמען די ערד, כדי זי איבער־געבען דעם פאָלק.

„אָרגאַניזירט סאָוויעטען פון קאָזאַקען־דעלעגאַטען! פעראייניגט זיך מיט די סאָוויעטען פון אַרבייטער און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען!

„ווייזט דער שוואַרצער מאַה, אַז איהר זייט ניט קיין פאָלקס־פעררעטהער, אַז איהר ווילט ניט לאָזען פאַלען אויף אייך די קללות פון דעם גאַנצען רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד.

„ברידער־קאָזאַקען, פאָלגט ניט וואָס עס הייסען אייך די פאָלקס־פיינד. שיקט אייערע דעלעגאַטען קיין פּעטראָגראַד. זאָלען זיי איבער־רעדען מיט אונז... לויב און עהרע צו די קאָזאַקען פון דעם פּעט־ראָגראַדער גאַרניזאָן, וואָס זיי האָבען ניט ערפילט די האָפנונגען פון די פאָלקס־פיינד...

„ברידער־קאָזאַקען! דער אַלל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוויע־טען שטרעקט אייך אויס אַ ברידערליכע האַנד. לעבען זאָל די ברודער־שאַפט צווישען די קאָזאַקען און די סאָלדאַטען, אַרבייטער און פּויערים פון גאַנץ רוסלאַנד."

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אַ גאָס געטהאָן אַ גאַנצער שטראָם פון פּראָקלאַמאַציעס, פּלאַקאַטען און אַנדערע אויפרופען, וואָס האָבען געשריען און געשאָלטען און געזעהן אין דער צוקונפט נאָר צרות מיט שלעק. עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה צווישען דרוקערייען — קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען, ווארום דאָס אמת׳ע געוועהר האָט זיך געפונען אין די הענד פון די סאָוויעטען.

צום אַלעם ערשטען איז געקומען דער אויפרוף פון דעם קאָמיטעט צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע. דער אויפרוף איז ברייט פארשפּרייט געוואָרען אי אין רוסלאַנד, אי אין איירפּאָפּא:

„צו די בירגער פון דער רוסישער רעפּובליק!

„דעם 7טען נאָוועמבער האָבען די פּעטראָגראַדער באָלשעוויקעס געגען דעם ווילען פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסען, אַרעסטירט אַ טהייל פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, פונאַנדערגעטריעבען דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק און אונגעזעצליך פערכאַפּט די מאכט. אַזוינע געוואַלדטהאַטען געגען דער רעגיערונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד אין דער צייט פון דער גרעסטער אויסערליכער געפאַהר זיינען אַן אונבעשרייבליך פאַרברעכען געגען פאַטערלאַנד.

דער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דער נאַציאָנאַלער פערטהיידיגונג און לעגט אָב אויף אַ לאַנגע צייט דעם געווינשטען מאָמענט פון פריעדען.

דער בירגער־קריעג, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען אָנגעהויבען, דראָהט אריינצוואַרפען דאָס לאַנד אין די שרעקען פון אַנאַרכיע און קאָנטער־רעוואָלוציע; ער מאכט צו נישט די גרינדונגס־פערזאַמלונג, וועלכע וואָלט געדאַרפט בעשטעטיגען די רעפּובליקאַנישע אָרדנונג און אויף אייביג איבערגעבען דעם פאָלק דאָס רעכט צו בעזיצען די ערד.

„דער קאָמיטעט צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין דער נאַכט פונ׳ם 7טען נאָוועמבער און וועלכער איז די פאָרטזעצונג פון דער איינציגער געזעצליכער רעגיערונגס־מאכט אין רוסלאַנד, נעהמט אויף זיך די איניציאַטיווע צו בילדען אַ נייע פּראָוויזאָרישע רעגיערונג. געשטיצט אויף די קרעפטען פון דער רויטער דעמאָקראַטיע, וועט די נייע רעגיערונג פיהרען דאָס לאַנד צו אַ גרינדונגס־פערזאַמלונג און וועט עס ראַטעווען פון אַנאַרכיע און קאָנטער־רעוואָלוציע. דער רעטונגס־קאָמיטעט רופט אייך,בירגער, איהר זאָלט ניט אנערקענען די מאכט פון געוואַלד. פאָלגט ניט איהרע בעפעהלען!

„הויבט זיך אויף צו בעשיצען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע!

„אונטערשטיצט דעם רעטונגס־קאָמיטעט!

(אונטערגעשריבען)

דער ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק, די פּעטראָגראַדער שטאָדט־דומאַ, דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט

(פונ'ם ערשטען קאָנגרעס), דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די פויערשע סאָוויעטען.
פונ'ם קאָנגרעס גופא: די פראָנט־גרופּע, די פּראַקציעס סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, מענשעוויקעס, פּאָלקס סאָציאַליסטען, פעראייניגטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און „יעדינסטווא."

ווייטער זיינען ערשיענען אויפרופען פון דער פּארטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, פון די מענשעוויקעס־אָבאָראָנצעס, פון די פויערים־סאָוויעטען, פון דעם צענטראַלען ארמעע־קאָמיטעט, פון דעם צענטראָ־פלאָט...

„...הונגער וועט פערניכטען פּעטראָגראַד", האָבען זיי געיאָמערט, „די דייטשע ארמעען וועלען צוטרעטען אונזער פרייהייט. שוואַרץ־מאה'דיגע פּאָגראָמען וועלען זיך פערשפּרייטען איבער רוסלאַנד, אויב מיר אַלע, בעוואוסטזיניגע ארבייטער, סאָלדאַטען, בירגער, וועלען זיך ניט פעראייניגען. גלויבט ניט די הבטחות פון די באָלשעוויקעס! מען זאָגט אייך צו באַלדיגען פריעדען, דאָס איז א ליגען! מען זאָגט אייך צו ברויט, דאָס איז א שווינדעל! מען זאָגט אייך צו לאַנד, ערד, דאָס איז א בבא־מעשה...!"

און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

„חברים, מען האָט אייך נידערטרעכטיג אָבגענאַרט! די מאַכט איז פערכאַפּט געוואָרען נאָר פון די באָלשעוויקעס... זיי האָבען געהאַלטען זייערע פּלענער בסוד פון די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אינ'ם סאָוויעט... זיי האָבען אייך צוגעזאָגט ערד און פרייהייט, דער סוף וועט זיין, אז נאָר די קאָנטר רעוואָלוציע וועט געווינען פון דער אנאַרכיע, וואָס די באָלשעוויקעס בעשאַפען. די קאָנטר־רעוואָלוציע וועט ביי אייך צונעהמען אי די ערד אי די פרייהייט..."

די צייטונגען זיינען געווען פּונקט אזוי אויפגעקאָכט.

„עס איז אונזער פפליכט", האָט געשריבען די „דיעלאָ נאַראָדאַ", „אראָבצונעהמען די מאַסקע פון אָט די פעררעטהער פון דעם ארבייטער־קלאַס. עס איז אונזער פפליכט צו מאָביליזירען אַלע קרעפטען און אויפצושטעלען וועכטער, וואָס זאָלען היטען די זאַך פון דער רעוואָלוציע...!"

די „איזוועסטיא" האט דעם לעצטען מאל גערעדט אינ'ם נאמען פונ'ם אלטען צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט. די ציימונג האט פאראויסגעזעהן א שרעקליכען ענדע.

„וואס איז שייך דעם קאנגרעס פון סאוויעטען, זאגען מיר קלאהר און שארף, אז עס איז גאר ניט פארגעקומען קיין קאנגרעס פון סאוויעטען! מיר ערקלעהרען, אז דאס איז געווען נאר א פריוואטע קאנפערענץ פון דער באלשעוויסטישער פראקציע. אויב אזוי, האבען זיי קיין רעכט ניט אבצושאפען די מאכט פון דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט."

די „נאוואיא זשיזן" האט אגיטירט פאר א נייער רעגיערונג, וואס זאל פעראייניגען אלע סאציאליסטישע פארטייען. דערביי האט די ציימונג זעהר שארף קריטיקירט די האלטונג פון די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און מענשעוויקעס, וועלכע האבען פערלאזען דעם קאנגרעס. איין זאך, האט די ציימונג געשריבען, איז איצט קלאהר נאך דעם באלשעוויסטישען אויפשטאנד: מען מוז אויפגעבען יעדע האפנונג אויף א קאאליציע מיט דער בורזשואזיע.

דער „ראבאטשי פוט" האט זיך פערוואנדעלט אין „פראוודא" — אזוי האט געהייסען ליענין'ס ציימונג, וועלכע מען האט אבגעשטעלט אין יולי. די ציימונג האט שטאלץ געזונגען:

„ארבייטער, סאלדאטען און פויערים! אין מערץ האט איהר אומגעווארפען די שקלאפעריי פון א באנדע פריצים. נעכטען האט איהר אומגעווארפען די שקלאפעריי פון דער רויבערישער בורזשואזיע...

„די ערשטע אויפגאבע איז איצט צו היטען די וועגען, וואס פיהרען קיין פעטראגראד.

„די צווייטע אויפגאבע איז תיכף צו ענטוואפנען די קאנט־רעוואלוציאנערע עלעמענטען פון פעטראגראד.

„די דריטע אויפגאבע איז צו ארגאניזירען די רעוואלוציאנערע מאכט און דורכצופיהרען דאס פראגראם פונ'ם פאלק..."

קאדעטישע ציימונגען און איבערהויפט בורזשואזע ציימונגען איז געווען זעהר ווייניג. די וואס זיינען יא ארויסגעגאנגען האבען זיך פערהאלטען כלומר'שט גאנץ געלאסען, ווי איינער וואלט איראניש געשמייכעלט: „אהא, מיר האבען דאך פריהער אזוי געוואוסט".

בעקאנטע קאדעטישע פיהרער האבען זיך נאך געדרעהט ארום דער שטאדט־דומא, איינזיגע האבען זיך נאך צייטענווייז בעוויזען אינ׳ם רעטונגס־קאמיטעט, אבער אין אלגעמיין האט די בורזשואזיע געשוויגען, זיך ווי בעהאלטען, געווארט אויף א געלעגענהייט, געגלויבט, אז די געלעגענהייט וועט באלד קומען. קיינער האט זיך ניט פארגעשטעלט, אז די באלשעוויקעס זאלען בלייבען אין קראפט מעהר ווי דריי טעג — קיינער ניט, א חוץ אפשר לענין, טראצקי, די פעטראגראדער ארבייטער און די פשוט׳ערע סאלדאטען.

אין דעם הויכען אמפיטהעאטרישען ניקאלאיעווסקי זאאל האב איך דעם נאכמיטאג געזעהן די דומא. זי האט געהאלטען א פערמאנענטע זיצונג. די שטימונג איז געווען א היציגע, א ברענענדיגע. אלע קרעפטען פון דער אפאזיציע האבען זיך אין דעם טאג פעראייניגט ארום דער דומא. דער שטאדט־גאלאווא, דער אלטער שריידער מיט זיין פראכטפאלער ווייסער בארד און גראהע האר, האט דערצעהלט, ווי ער האט די לעצטע נאכט בעזוכט דעם סמאלני אינסטיטוט צו פראטעסטירען אינם׳ם נאמען פון דער שטאדטישער זעלבסט־פערוואלטונג. די דומא, האט ער געזאגט, איז די איינציגע געזעצליכע רעגירונג פון דער שטאדט; זי איז ערוועהלט געווארען אויפ׳ן גרונד פון גלייכען, דירעקטען און געהיימען שטים־רעכט — און זי וועט ניט אנערקענען די נייע מאכט. אויף דערויף האט טראצקי קאלטבלוטיג געענטפערט, אז עס איז דא א קאנסטיטוציאנעלע רפואה צו אזא מכה: מען קען פונאנדערלאזען די דומא און אויסקלייבען א נייע... צארענדיגע געשרייען האבען זיך געלאזט הערען, ווען שריידער האט דאס איבערגעגעבען. דער גאלאווא האט פארטגעזעצט: „אויב א רעגירונג וואס שטיצט זיך אויף באיאנעטען איז א רעגירונג — נו, וואס זשע, האבען מיר אזא מין ברואה. מיר אבער אנערקענען נאר אזא רעגירונג, וואס שטיצט זיך אויפ׳ן ווילען פון דער פאלקס־מעהרהייט, ניט אזוינע, וואס איז בעשאפען געווארען דורך אן אויפשטאנד פון א מינדערהייט!" ווילדע אפלאדיסמענטען האבען זיך דערהערט פון אלע בענק, א חוץ די באלשעוויסטישע. דער גאלאווא ערקלעהרט, אז די באלשעוויקעס פערגוואלטיגען שוין די אויטאנאמיע פון דער שטאדט־פערוואלטונג: זיי האבען בעשטימט קאמי־

סארען אין פערשיעדענע דעפּארטמענטען פון דער פערוואלטונג. די מעלדונג רופט ארויס א נייעם טומעל.

א באָלשעוויסטישער רעדנער פּראוואוט איבערשרייען דעם עולם. דער בעשלוס פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס, זאָגט ער, איז א בעווייז, אז גאנץ רוסלאנד שטיצט די באָלשעוויקעס. „איהר — רופט ער אויס — זענט ניט קיין אמת׳ע פערטרעטער פון דער פּעטראָגראדער בעפעלקערונג!" געשרייען: „בעליידיגונג! בעליידיגונג!" דער אלטער גאלאָוואַ דערמאָנט איהם מיט א ווירדיגען טאָן, אז די דומא איז אויסגעקליבען געוואָרען אויפ׳ן גרונד פון דעם גרעסטען דעמאָקראַטישסטען וואהל־רעכט. יענער ענטפערט: „יא, אָבער דאָס איז דאָך געווען צוריק מיט א צייט — ווי דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט — ווי די ארמעע־קאָמיטעטען."

„קיין נייער קאָנגרעס פון סאָוויעטען איז גאָר ניט פארגעקומען!" שרייט מען איהם.

„די באָלשעוויסטישע פראקציע בלייבט מעהר ניט אין אָט דעם נעסט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע — " טומעל. „ — און מיר פערלאנגען, אז די דומא זאָל אויסגעקליבען ווערען אויף דאָס ניי..." די באָלשעוויקעס פערלאָזען דעם זאאל. מען שרייט זיי נאָך: „דייטשע אגענטען! ניעדער מיט די פאררעטהער!"

דער קאַדעט שינגארעוו מאכט דאָן א פאָרשלאָג, אז אלע שטאָדט־בעאמטע, וואָס האָבען איינגעוויליגט צו ווערען קאָמיסארען פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, זאָלען ענטלאָסען ווערען פון זייערע שטעלעס און איבערגעגעבען ווערען צום געריכט. שריידער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט. ער שלאָגט פאָר, אז די דומא זאָל פּראָטעסטירען געגען דער דראָהונג פון די באָלשעוויקעס זי פאנאנדערצולאָזען. אלס א געזעצליגע פערטרעטערין פון דער בעפעלקערונג, — זאָגט ער, — וועט די דומא ניט פערלאָזען איהר פּאָסטען.

דער אלעקסאנדראָווסקי זאאל אין דער זעלביגער געביידע איז אויך געווען פול מיט מענשען. דאָרט האָט דער רעטונגס־קאָמיטעט אָבגעהאלטען זיין זיצונג. סקאָבעלעוו האָט געהאלטען א רעדע. „קיינמאָל", האָט ער געזאָגט, „איז דער קריזיס פון דער רעוואָלוציע ניט געווען אזוי שטארק, קיינמאָל האָט דער גורל פון רוסלאנד ניט ארויס־

גערופען אזא פחד, קיינמאל האט די געשיכטע ניט אוועקגעשטעלט אזוי שארף און קלאהר די פראגע: זאל רוסלאנד לעבען, אדער זאל זי ניט לעבען! די גרויסע שטונדע צו רעטען די רעוואלוציע האט געשלאגען, און מיר זעהען טאקע, ווי אלע לעבעדיגע קרעפטען פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע האבען זיך ענג צוזאמענגעשלאסען און געבילדעט א צענטר צו ראטעווען דאס לאנד און די רעוואלוציע..." סקאבעלעוו האט נאך לאנג גערעדט אינ׳ם זעלביגען זינן. „מיר וועלען גיכער שטארבען, איידער פערלאזען אונזער פאסטען!"

א מעלדונג איז אנגעקומען, אז די אייזענבאהן־ארבייטער האבען זיך פעראייניגט מיט דעם רעטונגס־קאמיטעט. די מעלדונג האט ארויסגערופען געוואלדיגע אפלאדיסמענטען. א ביסעל שפעטער זיינען אנגעקומען די פאסט־ און טעלעגראף־אנגעשטעלטע. שפעטער זיינען אייניגע מענשעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטען אריינגעקומען אין זאאל. מען האט זיי פרעהליך בעגריסט. די אייזענבאהן־ארבייטער האבען ערקלעהרט, אז זיי אנערקענען ניט די באלשעוויקעס און וועלען אריינ־נעהמען דעם גאנצען אייזענבאהן־אפאראט אין זייערע הענד. די דעלע־גאטען פון די טעלעגראף־ארבייטער האבען דערצעהלט, אז די טעלע־גראפיסטען האבען אין קורצע דבורים זיך אבגעזאגט צו ארבייטען ביי זייערע אפאראטען אזוי לאנג, ווי דער באלשעוויסטישער קאמיסאר וועט פערבלייבען אין זיין אמט. די בריעף־טרעגער ווילען ניט אבטרא־גען בריעף אין סמאלני אדער נעהמען פון דארט די פאסט... אלע טעלעפאנען פון דעם סמאלני אינסטיטוט זיינען איבערגעריסען געווא־רען. מיט א בייזוויליגען געלעכטער האט מען דערצעהלט, אז אוריצקי איז געוועזן אין אויסלאנדס־מיניסטעריום און געוואלט נעהמען די גע־היימע אבמאכונגען (טריטים), אבער נעראטאוו האט איהם געגעבען דעם וועג. אלע רעגירונגס־אנגעשטעלטע האבען זיך אבגעזאגט צו טהאן זייער ארבייט...

דאס האט געהייסען קריעג. א געפלאנעוועטער, ארגאניזירטער קריעג, — מיט סטרייקס און סאבאטאזש. בשעת מיר זיינען געזע־סען אין זאאל האט דער פארזיצענדער פארגעלייענט א רשימה, וואס יעדערער זאל טהאן: דער און דער זאל בעזוכען די מיניסטעריומס; דער און דער זאל געהן אין די בענק; א צעהן־צוועלף האבען געדארפט

ארבייטען אין די קאַזאַרמעס, איינריידען די סאָלדאַטען זיי זאָלען בלייבען נייטראַל — „רוסישע סאָלדאַטען, פערגיסט ניט דאָס בלוט פון אייערע ברידער“ — אַ קאָמיטעט האָט געזאָלט געהן זיך בעראַטען מיט קערענסקי׳ן; אַנדערע האָט מען געשיקט אין די פּראָווינציאַנעלע שטעדט צו בילדען דאָרטען אָבטהיילונגען פונ׳ם רעטונגס־קאָמיטעט צו פעראייניגען די אַנטי־באָלשעוויסטישע עלעמענטען.

דער עולם איז געווען אויפגעלעגט. „די באָלשעוויקעס מיינען טאַקע באמת, אַז זיי קענען דיקטירען דער אינטעליגענץ? מיר וועלען זיי ווייזען!“...

מערקווירדיג איז געווען דער אונטערשיד צווישען דעם סאָוויעטען קאָנגרעס און דער איצטיגער פערזאַמלונג. דאָרט — גראָהע מאַסען, אָבגעריסענע סאָלדאַטען, שמוציגע ארבייטער, פּויערים, אָרימע מענשען, געבויגען און געקנייטשט אונטער דער משא פון אַ ביטערען קאַמפּף פאַר׳ן לעבען; דאָ — האָבען מענשעוויסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פיהרער — אַזוינע אווקסענטיעוס, דאַנס, ליבערס, — געוועזענע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען ווי סקאָבעלעוו און טשערנאָוו — זיך גע׳חבר׳ט מיט אַזוינע קאַדעטען ווי דער בוימעל־ווייכער שאַצקי און דער פלינקער ווינאַווער, מיט זשורנאַליסטען, סטודענטען, אינטעליגענטען פון כל המינים. דער עולם אין דומאַ איז געווען שעהן אָנגעטהאָן און האָט געהאַט וואָס צו עסען. ניט מעהר ווי דריי פּראָלעטאַריער האָב איך געזעהן אין זאַאל.

עס קומען אָן נייע ידיעות. קאָרנילאָוו׳ס געטרייע טעקינצעס *) האָבען אויסגעקוילעט זיינע שומרים לעבען ביכאָוו, און איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען. קאַלעדין האָט געפיהרט אַן ארמעע קיין צפון... דער מאָסקווער סאָוויעט האָט געבילדעט אַ מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט און געפיהרט פערהאַנדלונגען מיט דעם שטאָדט־קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל אָבגעבען דעם ארסענאַל, כדי די ארבייטער זאָלען זיך קענען בעוואַפנען.

די דאָזיגע פאַקטען זיינען געווען איבערגעמישט מיט אַן אונגעהייערער מאַסע קלאַנגען, פערדרעהטע מעלדונגען און גאָר פאַלשע

*) ווילדע סאָלדאַטען פון מיטעל־אַזיען.

ידיעות. אנ׳אינטעליגענטער יונגער קאדעט, א געוועזענער פּריוואטער סעקרעטער פריהער ביי מיליוקאָוו׳ן, נאכדעם ביי טערעשטשענקאָ׳ן, האָט אונז גענומען אויף א זייט און האָט אונז דערצעהלט דעם סוד, ווי אזוי מען האָט גענומען דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

„די באָלשעוויקעס האָבען זיך געפונען אונטער דער קאָמאנדע פון דייטשע און עסטרייכישע אָפיצירען“, האָט ער אונז געזאָגט.

„אזוי!, האָבען מיר העפליך געענטפערט, „פון וואנען ווייסט איהר?“

„מיינער א פריינד איז דאָרט געוועזען און האָט זיי אליין געזעהן.“

„ווי אזוי האָט איהר דערקענט, אז זיי זיינען דייטשע אָפיצירען?“

„גאנץ איינפאך, זיי האָבען געטראָגען דייטשע פאָרמעס!“

הונדערטער אזוינע אומגעלומפּערטע מעשיות האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען. הונדערטער אזוינע בבא־מעשיות האָט די אנטי־באָלשעוויסטישע פרעסע געדרוקט יעדען טאָג. אפילו די סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס, וואָס האָבען שטענדיג געקוקט אויף דער ווירקליכקייט מיט ניכטערע אויגען, — אפילו זיי האָבען אויך געגלויבט די לעגענדען.

אז מיר זיינען ארויסגעגאנגען פון דער דומא, האָבען מיר געטראָפען צוויי אינגלעך אין סאָלדאטסקע פאָרמעס, טהיילענדיג פראָקלאַ־מאַציעס צווישען א גרויסען עולם אויף נעווסקי, טאקי לעבען דער טהיר פון דער דומא. דער עולם איז בעשטאנענ פון כמעט לויטער געשעפטס־לייט, קרעמער, טשינאָווניקעס, אָנגעשטעלטע. איינע פון די פּראָקלאַמאַציעס האָט זיך געלייענט אזוי:

„פון דער שטאָדט־דומא.

צוליעב די געשעהענישען פון די לעצטע טעג, האָט די דומא דעם 26טען אָקטאָבער אָנגענומען דעם פאָלגענדען בעשלוס: די אונבעריהר־בארקייט פון פּריוואטע וואָהנונגען ווערט אָפיציעל פראָקלאָמירט. טאָמער פרוווט אימיצער מיט געוואלד אריינדרינגען אין א פּריוואטע וואָהנונג, ערקלעהרט די דומא דורך די הויז־קאָמיטעטען, אז די בעפעלקערונג דאַרף ארויסווייזען א ענטשידענעם ווידערשטאנד. עס איז ערלויבט אפילו צו געברויכען געוועהר, כדי צו פערטהיידיגען זיך געגען די אונגעבעטענע געסט!

א ביסעל ווייטער, אויפ׳ן ראָג ליטייני, האָבען פינף־זעקס רויטע

גוואַרדייצעס און עטליכע מאַטראָזען אַרומגערינגעלט אַ צייטונגס־פערקויפער און איהם געהייסען אָבגעבען די נומערען פון דער מענ־שעוויסטישער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ! (אַרבייטער צייטונג). יענער האָט עפּעס בייז געשריען און געמאַכט מיט די הענד. איינער פון די סאָלדאַטען האָט אַראָבגעוואָרפען די צייטונגען פון דעם טישעל און זיי געגנומען צורייסען. אַן אונפּריינדליכער עולם האָט זיך פער־זאַמעלט אַרום די סאָלדאַטען און געזידעלט דעם פּאַטרול. אַ ניעדע־ריטשקער אַרבייטער האָט מיט גרויס עקשנות אַלץ דערצעהלט דעם עולם און דעם צייטונגס־פערקויפער, אַז אין דעם נומער איז דאָ אַ פּראָקלאַמאַציע פון קערענסקי׳ן. „ער זאָגט, מיר האָבען געקוילעט דאָס רוסישע פּאָלק. דאָס קען אַרויסרופען בלוט־פערגיסונג...“

די שטימונג אין סמאָלני איז געווען נאָך געשפּאַנטער ווי פריהער, אויב דאָס איז איבערהויפּט מעגליך. גרופּען מענשען זיינען אַלץ געלאָפען הין און צוריק איבער די טונקעלע קאָרידאָרען; גרופּען אַרבייטער זיינען געשטאַנען מיט ביקסען אין די הענד; באָלשעוויס־טישע פיהרער מיט אָנגעשטאָפּטע פּאָרטפּעלען האָבען גע׳טענה׳ט, ערקלעהרט, געגעבען בעפעהלען, לויפענדיג פון איין גרופּע צו דער אַנ־דערער, בעגלייט פון פריינד און העלפער. די אַלע זיינען געוועזען ווי ניט אין זיך. זיי האָבען אַרויסגעוויזען אַן אונגעהויערע פעהיגקייט צו אַרבייטען אָהן שלאָף און אָהן רוה. זיי זיינען אַלע געווען אומגע־וואַשען, אומגעגאָלט, שמוציג, אָבער זייערע אויגען האָבען געברענט, און אויף די פליגעל פון בעגייסטערונג האָבען זיי זיך געטראָגען צו זייער ציעל מיט געוואַלדיגער שנעלקייט. זיי האָבען געהאַט אַזוי פיעל אַרבייט, אַזוי פיעל אַרבייט! איבערנעהמען די רעגיערונג, אָרגאַניזירען די שטאָדט, שטעהן אין פריינדליכער פערבינדונג מיט׳ן גאַרניזאָן, קעמפּפען מיט דער דומאַ און מיט דעם רעגירונגס־קאָמיטעט, שטערן דעם אָנפאַל פון די דייטשען, גרייטען זיך צו אַ מלחמה מיט קערענסקי׳ן, שיקען ידיעות אין די איבעריגע רוסישע שטעדט וועגען די פּאַסירונגען אין פּעטראָגראַד, פיהרען אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדאַ פון אַרכאַנגעלסק ביז וולאַדיוואָסטאָק... דערווייל האָבען רעגירונגס־בעאַמ־טע און שטאָדטישע אָנגעשטעלטע זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען די בע־פעהלען פון זייערע קאָמיסאַרען. די פּאָסט און דער טעלעגראַף האָבען זיי ניט געוואָלט דיענען; די אייזענבאַהנען האָבען זיך געמאַכט

ניט וויסענדיג אויף זייערע בעפעהלען צו שיקען וואגאנעס; קערענסקי האט זיך גערוקט אויף פעטראגראד; דער גארניזאן איז ניט געווען אין גאנצען זיכער; די קאזאקען האבען געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו מאכען אַן אַנפאַל. געגען דער נייער מאכט איז געווען ניט נאַר די אָרגאַניזירטע בורזשואזיע, נאַר אויך אַלע איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַ חוץ די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אייניגע מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען־אינ־טערנאַציאָנאַליסטען. אָבער אויך זיי האָבען זיך געוואַקעלט און ניט גע־וואוסט, צו זאָלען זיי העלפען, צו ניט. אמת, הינטער דער נייער מאכט זיינען געשטאַנען די מאַסען ארבייטער און סאָלדאַטען — וועגען די פּויערים האָט מען דאָך ניט געוואוסט בעשטימט — אָבער נאָך אַלע זאַכען זיינען דאָך די באָלשעוויקעס געווען נאַר אַ פּאָליטישע גרופּע אָהן ערפאַהרענע און געבילדעטע אינטעליגענטען...

אויף די טרעפּ האָבען מיר בעגעגענט ריאַזאַנאָוו'ן. האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ביטערען ערנסט האָט ער אונז געזאָגט, אַז מען האָט איהם געמאַכט פאַר האַנדעלס־מיניסטער, בשעת ער האָט גאָר אַ קנאַפּע ידיעה אין געשעפט. אויפ'ן אויבערשטען שטאָק איז געזעסען אין אַ ווינקעל איינער אַליין דער פינאַנץ־קאָמיסאַר מענזשינסקי. ער האָט געטראָגען אַ ציגענעם פּעלץ, און זיינע קליידער זיינען געווען אַזוי צושויבערט, אַז איך האָב שיער ניט געוואָלט אָנשרייבען: „ער איז געשלאָפען אין זיי", ווייס איך אָבער, אַז ער איז איבערהויפּט ניט געשלאָפען. זיין פּנים איז געווען דריי טאָג ניט געגאָלט. ער האָט געהאַלטען אַ בלייפעדער אין האַנד און איז געווען פערזונקען אין עפּעס חשבונות. געשריבען האָט ער אויף דער לינקער זייט פון אַ קאָנווערט און אַלע מאָל געביסען דעם עק פון זיין בלייפעדער. זיין גאַנצע ער־פאַהרונג אין פינאַנצען האָט ער בעקומען אין אַ פראַנצויזישען באַנק, וואו ער האָט אַמאָל געאַרבייט אַלס אָנגעשטעלטער. און אָט די פיער מענשען, וואָס זיינען אָקאָרשט אַרויסגעלאָפען פונ'ם מיליטערי־שען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט און יאָגען זיך אַראָב איבער די טרעפּ, פערשרייבענדיג עפּעס אויף ברעקלעך פּאַפּיער, — דאָס זיינען פיער קאָמיסאַרען, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעשיקט אין אַלע פיער עקען פון רוסלאַנד צו פערשפּרייטען ידיעות, צו פיהרען פּראָפּאַגאַנדאַ, אויב נויטיג צו קעמפּפען — מיט אַלע מעגליכע מיטלען...

די זיצונג פונ׳ם קאנגרעס האט געזאלט פארקומען איינס א זייגער. דער זאאל איז שוין לאנג געווען פול, אבער עס איז שוין געווען זיבען א זייגער פארנאכט, און דעם פרעזידיום האט מען נאך ניט געזעהן אין די אויגען... די פראקציעס פון די באלשעוויקעס און די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען האבען אבגעהאלטען זייערע זיצונגען יעדע אין א בעזונדערען צימער. דעם גאנצען נאכ־מיטאג האבען לענין און טראצקי ניט אויפגעהערט טענה׳ן געגען פשרות. א געוויסער טהייל באלשעוויקעס האט געהאלטען, אז עס וואלט געווען כדאי נאכצוגעבען און בילדען א פעראייניגטע רעגירונג פון אלע סאציאליסטישע פראקציעס. „מיר קענען דאס ניט דורכ־פיהרען אליין", האבען זיי געזאגט. „עס איז צו פיעל. מיר האבען ניט די גוויסיגע מענשען, מיר װעלען זיין איזאלירט און פון דער גאנצער אונטערנעהמונג וועט ווערען א תל". אזוי האבען אפילו גערעדט קאמענעוו, ריאזאנאוו און אנדערע...

אבער לענין איז געווען הארט ווי א שטיין, און טראצקי האט געהאלטען מיט איהם.

„אויב די פשרה־מאכער ווילען, זאלען זיי אננעהמען אונזער פראגראם און זאלען זיי קומען ארבייטען מיט אונז! מיר ווילען ניט אבטרעטען א האר. אויב עס געפינען זיך חברים, וואס האבען ניט דעם מוטה און דעם ווילען צו טהאן דאס וואס מיר טהוען, זאלען זיי אוועקגעהן מיט די איבעריגע טרוסען און פשרה־מאכערס. מיר וועלען בלייבען, מיר וועלען פארטזעצען אונזער ארבייט, געשטיצט אויף די ארבייטער און סאלדאטען."

פינף מינוט נאך זיעבען האבען די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען געלאזט וויסען, אז זיי בלייבען אין דעם מיליטערישען רעוואלוציאנער־רען קאמיטעט.

„אהא! איהר זעהט! האט לענין געזאגט, זיי געהען אונז נאך."

א ביסעל שפעטער זיינען מיר געזעסען ביים פרעס־טיש אין גרויסען זאאל און געווארט אויפ׳ן אנהויב פון דער זיצונג. איינער א קאר־רעספאנדענט, וואס אליין איז ער געווען אן אנארכיסט און געשריבען האט ער פאר א בורזשואזער צייטונג, האט זיך צו אונז געווענדעט מיט א פארשלאג, אז מיר זאלען געהן אויסגעפינען, וואוהין איז פערפאלען געווארען דער פרעזידיום. מיר זיינען אוועק אין דער קאנצעלאריע

פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אָבער דאָרט איז קיינער ניט געווען. אין דעם ביוראָ פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט איז אויך קיינער ניט געווען. מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ סך צימערען אין דעם ריעזיגען סמאָלני, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט די מינדעסטע פאָרשטעלונג, וואו עס געפינט זיך די רעגירענדע קערפּערשאַפט פון דעם קאָנגרעס. מיין בעגלייטער האָט מיר דערוויל געשילדערט זיין פּאַרצייטיגע רעוואָלוציאָנערע אַרבייט, זיין לאַנגען, ניט אונאַנגענעהמען גלות אין פראַנקרייך. ער האַלט ניט פון די באָלשעוויקעס, — האָט ער געזאָגט, — לויט זיין מיינונג זיינען זיי גראָבע, מגושם׳דיגע, אונוויסענדע פאַרשוינען, אָהן עסטהעטישער פיינקייט. מיין בעגלייטער איז געווען אַ טיפּישער רוסישער אינטעליגענט... ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען אין צימער נומער 17, וואו עס איז געווען די קאַנצעלאַריע פון דעם מיליטערישען קאָמיטעט. אַ שטראָם מענשען האָט זיך דאָרט אַריינ־ און אַרויסגעגאָסען יעדע מינוט. די טהיר האָט זיך געעפענט און עס האָט זיך אַריינגעקוועטשט אַ ניעדריגער מאַן מיט אַ פלאַכען פּנים, אָנגעטהאָן אין אַ מיליטערישער פאָרמע אָהן עפּאָלעטען. אַ קוק טהאָן אויף איהם, האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז ער שמייכעלט, אָבער דאָס האָט זיך נאָר זיין פּנים געקרימט פון אונמענשליכער מיעדקייט. דאָס איז געווען קרילענקאָ.

מיין קאָמפּאַניאָן, אַ פראַנטעוואַטער יונגערמאַן מיט אַ זעהר ציוויליזירטען אויסזעהן, האָט געגעבען אַ פרעהליכען געשריי און זיך אַ רוק געטהאָן פאָרוועדטס.

„ניקאָלאַי וואַסילעוויטש!“ האָט ער אויסגערופען און האָט אויס־געשטרעקט זיין האַנד. „געדענקט איהר מיך גאָר ניט, טאָוואַרישטש? מיר זיינען דאָך אינאיינעם געזעסען אין טורמע!“

קרילענקאָ האָט אָנגעשטרענגט זיין זכרון און זיין אויג. „יאָ, יאָ“, האָט ער ענדליך געענטפערט, בעטראַכטענדיג דעם אַנדערען פון קאָפּ ביז די פיס מיט גרויס פריינדליכקייט. „איהר זייט ס... זדראַוווסט־וואויטיע!“ זיי האָבען זיך צוקושט. „וואָס טהוט איהר דאָ?“ האָט ער געפרעגט און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אַרום און אַרום.

„אָה, איך קוק זיך נאָר צו... קענטיג איהר האָט ערפאָלג.“

„יאָ“, האָט קרילענקאָ געענטפערט, און אין זיין טאָן איז געווען אַ געוויסע עקשנות. „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע זיעגט...“ ער

האט א לאך געטהאן. „און דאך — און דאך איז מעגליך, אז מיר זאלען זיך ווידער בעגעגענען אין טורמע".

אז מיר זיינען ארויסגעגאנגען אין קארידאר, האט מיין קאמפאניאן מיר ערקלעהרט זיין שטאנדפונקט. „איהר פערשטעהט", האט ער געזאגט, „איך בין קראפאטקין'ס א תלמיד. אין אונזערע אויגען איז די רעוואלוציע א גרויסער דורכפאל. זי האט ניט אויפגעוועקט דעם פאטריאטיזם פון די מאסען. דאס בעווייזט נאר, אז דאס פאלק איז נאך ניט פארטיג פאר א רעוואלוציע."

עס איז געווען 40 מינוטען נאך 8, ווען א דונער פון אויסגעשרייען האט אנגעזאגט, אז דער פרעזידיום איז אריינגעקומען אין זאאל. אין פרעזידיום איז אויך געווען לענין. א קורצער, דיקליכער מענש מיט א גרויסען פליכוואטען קאפ, וואס איז טיעף אריינגערוקט צווישען די אקסלען. קליינע אויגען, א שפאטישע נאז, א ברייטער פריינדליכער מויל און א שווערע גאמבע. איצטיגעס מאל איז ער געווען אבגעראזירט, אבער עס האבען זיך שוין ווידער אנגעהויבען בעווייזען האר אויף זיין פנים — די בעריהמטע באָרד פון זיין פערגאנגענהייט און זיין צוקונפט. געקליידעט איז ער געווען אין אן אבגעריבענעם קאסטיום מיט צו לאנגע הויזען. אויסגעזעהן האט ער אזוי, אז ער האט גאר, דאכט זיך, ניט געקענט מאכען קיין איינדרוק, ניט געקענט זיין דער אבגאט פון מאסען, און דאך איז ער געווען געליעבט און געשעצט ווי ווייניג פיהרער אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. א מערקווירדיגער פאלקס-פיהרער, וואס זיין קראפט איז נאר אין זיין מח. א מאן אהן פארב, אהן וויץ, אהן נאהנטקייט צו מענשען, אהן א פעהיגקייט צו מאכען פשרות, אהן מאדנע אייגענשאפטען, וואס לאזען זיך ווארפען אין די אויגען, אבער א מאן מיט א קראפט צו ערקלעהרען טיעפע געדאנקען אין פשוט'ע ווערטער, צו אנאליזירען א געגעבענע לאגע. דערצו א מאן מיט אונגעוועהנליכען גייסטיגען מוטה — און דערביי כיטרע אויך.

קאמענעוו לייענט א בעריכט וועגען דער טהעטיגקייט פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט: אבגעשאפט טויט-שטראף אין דער ארמעע, איינגעפיהרט דאס רעכט פון פרייער פראפאגאנדא, בעפרייט אלע אפיצירען און סאלדאטען, וואס זיינען ארעסטירט געווארען פאר פאליטישע פערברעכענס; קאנפיסקירט אלע זאפאסען

פון שפייז אין פריוואטע מאגאזינען; ארויסגעגעבען א בעפעהל צו ארעסטירען קערענסקי'ן... הילכיגע אפּלאָדיסמענטען.

ווידער בעווייזט זיך א פערטרעטער פון „בונד“. די האלטונג פון די באָלשעוויקעס, וואָס ווילען ניט איינגעהן אויף קיין פשרות מיט די איבעריגע פּארטייען, ערקלעהרט ער, וועט ברענגען אן אונגליק אויף דער רעוואָלוציע. דעריבער קענען די בונדיסטען ניט אנטהייל נעהמען אין די זיצונגען פון אָט דעם קאָנגרעס. געשרייען פונ'ם עולם: „מיר האָבען גערעכענט, אז איהר האָט נאָך נעכטען פערלאָזען דעם זאאל! וויפיעל מאָל נאָך וועט איהר פערלאָזען אונזער זיצונג?“

ווידער בעווייזט זיך א פערטרעטער פון די מענשעוויקעס־אינטערנאציאָנאליסטען. געשרייען: „וואָס, איהר זענט נאָך אלץ דאָ?“ דער רעדנער ערקלעהרט, אז נאָר א טהייל פון די מענשעוויקעס־אינטערנאציאָנאליסטען האָבען פערלאָזען דעם קאָנגרעס, די איבעריגע ווילען בלייבען.

„מיר האלטען, אז עס איז געפעהרליך פאר דער רעוואָלוציע און עס איז אפשר א טויט־קלאַפּ פאר רוסלאנד איבערצוגעבען די מאכט אין די הענד פון די סאָוועטען (געשרייען, אונרוהע), אָבער מיר האלטען פאר אונזער פפליכט צו בלייבען אין קאָנגרעס און צו שטימען דאָרטען געגען פערכאַפּען די מאכט“.

אנדערע רעדנער נעהמען דאָס וואָרט, אָבער, קענטיג, אָהן א שום אָרדנונג. א דעלעגאַט פון די קויהלען־גרעבער פון דעם דאָנער געגענד בעט דעם קאָנגרעס, ער זאָל אָננעהמען שריט געגען קאַלעדינ'ען, וועלכער קען אָבשניידען פּעטראָגראַד פון די קויהלען־געגענדען און פון די דרום'דיגע זאַפּאַסען פון תבואה. עטליכע סאָלדאַטען פון דעם פראָנט ברענגען בעגייסטערטע גרוסען פון זייערע פּאָלקען. איצט בעווייזט זיך לענין. ער האלט זיך מיט דער האנד ביים ראַנד פונ'ם שטענדער. זיינע קליינינקע אויגען וואַנדערען איבער'ן גרויסען עולם, ער שטעהט און וואַרט און בעמערקט, דאכט זיך, ניט די געוואלדיגע אָוואַציע, וואָס דויערט עטליכע מינוט. ווען עס ווערט שטיל, זאָגט ער איינפאַך: „איצט וועלען מיר זיך נעהמען אויפבויען די סאָציאליסטישע אָרדנונג.“ ווידער הערט זיך א געוואלדיגער אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטען.

„די ערשטע זאַך איז אָננעהמען פּראַקטישע שריט צו מאַכען

שלום. מיר וועלען זיך ווענדען מיט א פריעדענס־פארשלאג צו אלע פעלקער פון די קריעגס־פיהרענדע לענדער, אויפ׳ן גרונד פון די בע־דינגונגען, וואס די סאוויעטען האבען אויסגעארבייט: קיינע אנעקסיעס קיינע קאנטריבוציעס, דאס רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסט־בעשטימונג. מיר וועלען פערעפענטליכען און פערווארפען אלע געהיימע אבמאכונגען, ווי מיר האבען פעשפראכען... די פראגע וועגען קריעג און פריעדען איז אזוי קלאהר, אז איך רעכען, איך קען גלייך, אהן אקדמות, פארלעזען דעם פראיעקט פון אן אויפרוף צו די פעלקער פון אלע קריעגס־פיהרענדע לענדער..."

ווען לענין האט גערעדט, האט ער ברייט געעפענט זיין מויל און ס׳האט אויסגעזעהן, ווי ער שמייכעלט; זיין שטימע איז געווען הייזעריג, אבער ניט אונאנגענעהם, אקוראט ווי זי וואלט א ביסעל פערהארטעוועט געווארען פון לאנג־יעהריגען ריידען. געלעזען האט ער דעם אויפרוף מאנאטאן, און ס׳האט אויסגעזעהן, אז ער וואלט אזוי געקענט לייענען אהן אן עק. ווען ער האט געוואלט בעטאנען די אדער יענע פראזע, האט ער זיך א ביסעלע איבערגעבויגען פארווערטס. קיין זשעסטען האט ער ניט געמאכט. טויזענד פשוט׳ע פנים׳ער האבען געקוקט ארויף צו איהם מיט טיעפער ליעבע און פערגעטערונג.

## אויפרוף צו די פעלקער און רעגירונגען פון אלע קריעיגס־פיהרענדע שטאאטען.

„די רעגירונג פון די ארבייטער און פויערים, וועלכע די רעוואלוציע פון דעם 6טען און 7טען נאוועמבער האט בעשאפען אויפ׳ן פונדאמענט פון די סאוויעטען פון ארבייטער־ סאלדאטען־ און פויערים־דעפוטאטען, שלאגט פאר אלע קריעגס־פיהרענדע פעלקער און זייערע רעגירונגען צו אנהויבען באלדיגע פערהאנדלונגען וועגען א גערעכטען און א דעמאקראטישען פריעדען.

אונטער א גערעכטען און א דעמאקראטישען פריעדען פערשטעהט די רעגיערונג אזא פריעדען, ווי עס פערלאנגט די גרויסע מעהרהייט פון די ארבייטער און אונטערדריקטע קלאסען, וועלכע זיינען ערשעפט

און אויסגעמאַטערט פון קריעג — אַזאַ פריעדען ווי עס האָבען ניט אויפגעהערט פערלאַנגען די רוסישע אַרבייטער און פויערים נאָכדעם ווי זיי האָבען אומגעוואָרפען די צאַרישע מאָנאַרכיע — אַ באַלדיגער פריעדען אָהן אַנעקסיעס (דאָס הייסט אָהן ערָאָבערונג פון פרעמדע טעריטאָריעס, אָהן אַ געוואַלדזאַמען אַנעקסירען פון פרעמדע נאַציאָנען) און אָהן קאָנטריבוציעס.

די רוסישע רעגירונג שלאָגט פאָר אַלע קריעגס־פיהרענדע לענדער, אַז זיי זאָלען באַלד שליסען אַזאַ פריעדען. זיי זאָלען תיכף נעהמען ענטשידענע שריט צו פיהרען פערהאַנדלונגען וועגען אַזאַ פריעדען טאַקע באַלד, אָהן אַ שום שיהות, נאָך איידער אַלע בעדינגונגען פון דעם פריעדען וועלען ראַטיפיצירט ווערען דורך די געזעצליכע פערטרעטונגען פון אַלע פעלקער און אַלע נאַציאָנען.

אונטער אַנעקסיע אָדער ערָאָבערונג פון פרעמדע טעריטאָריעס פערשטעהט די רעגירונג — לויט דעם בעגריף פון דעמאָקראַטישען רעכט בכלל און דעם רעכט פון דעם אַרבייטער־קלאַס בפרט — יעדע פערבינדונג פון אַ קליינעם אָדער שוואַכען שטאַאט מיט אַ גרויסען און שטאַרקען אָהן דעם פרייוויליגען, קלאָהרען און דייטליכען ווילענס־אויסדרוק פון דעם קלענערען שטאַאט. עס מאַכט ניט אויס, ווען אַזאַ געוואַלדזאַמע אַנעקסיע קומט פאָר, אויף וואָס פאַר אַ שטופע פון ציוויליזאציע עס שטעהט דאָס אַנעקסירטע פאָלק אויסער די גרענעצען פון אַן אַנדער שטאַאט, און צי דאָס פאָלק געפינט זיך אין אייראָפּאַ אָדער אין אַ פרעמדען לאַנד אויף יענעם זייט ים. אַנעקסיע הייסט ווען אַ פאָלק ווערט מיט געוואַלד איינגעהאַלטען אין די גרענעצען פון אַן אַנדער שטאַאט, ווען ניט קוקענדיג אויף דעם אויסגעדריקטען ווילען פון דעם פאָלק (צו דער ווילען איז אויסגעדריקט אין דער פרעסע, אין פאָלקספערזאַמלונגען, אין בעשליסען פון פאָליטישע פאַרטייען אָדער אין אומרוהען, דעמאָנסטראַציעס געגען נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג) ווערט דעם פאָלק ניט געגעבען דאָס רעכט צו ענטשיידען דורך אַ פרייער אַבשטימונג — אָהן שום בעגרענצונגען און אָהן שום אַריינמישונג פון דער זייט, און נאָכדעם ווי עס ווערען אין גאַנצען דערווייטערט די בעוואַפענטע קרעפטען פון דעם שטאַאט, וואָס האָט אַנעקסירט אָדער געוואָלט אַנעקסירען דאָס פאָלק אָדער איז איבערהויפּט שטאַרקער ווי דאָס בעוואַפענטע פאָלק — די פאָרמע פון זיין נאַציאָנאַלער און פאָ־

ליטישער אָרגאַניזאַציע. אין אַזאַ פאַל איז דאָס עראָבערונג און פערגוואַלדיגונג.

די רעגירונג האַלט, אַז פאַרזועצען דעם קריעג, כדי מעגליך צו מאַכען פאַר שטאַרקע און רייכע שטאַאטען צו טהיילען זיך מיט די שוואַכע און עראָבערטע נאַציאָנען, איז דאָס גרעסטע פערברעכען געגען דער מענשהייט. די רעגירונג ערקלעהרט פייערליך, אַז זי האָט בעשלאָסען אונטערצושרייבען אַ פריעדענס-אָבמאַך, וואָס וועט מאַכען אַן ענד צו קריעג אויף די אויבענדערמאָהנטע בעדינגונגען, און וואָס זאָל בעהאַנדלען אַלע נאַציאָנען אָהן אַן אויסנאַהם אויף דעם זעלביגען אופן.

די רעגירונג שאַפט אָב געהיימע דיפּלאָמאַטיע. פאַר'ן גאַנצען לאַנד ערקלעהרט זי איהר פעסטען בעשלוס צו פיהרען אַלע פערהאַנדלונגען אין דעם ליכט פון דעם טאָג פאַר די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק. זי וועט באַלד פערעפענטליכען דעם פולען טעקסט פון אַלע געהיימע אָבמאַכונגען, וואָס די רעגירונג פון פריצים און קאַפּיטאַליסטען האָט בעשטעטיגט אָדער געשלאָסען צווישען מערץ און דעם 7טען נאָוועמבער 1917. אַלע פּונקטען פון די געהיימע אָבמאַכונגען, וועלכע שטרעבען צו בעשאַפען פּריווילעגיעס און גינסטיגע בעדינגונגען פאַר די רוסישע קאַפּיטאַליסטען, צו שטיצען אָדער צו פאַרגרעסערען די אַנעקסיעס פון די רוסישע אימפּעריאַליסטען, ווערען באַלד און אָהן שום דעבאַטען פערוואָרפען פון דער רעגירונג.

פאָרשלאָגענדיג אַלע רעגירונגען און אַלע פעלקער אָנצוהויבען עפענטליכע פריעדענס-פערהאַנדלונגען, ערקלעהרט די רעגיערונג, אַז זי איז גרייט אָנצופיהרען אזוינע פערהאַנדלונגען טעלעגראַפיש, דורך דער פּאָסט, אָדער דורך מינדליכע אונטעררעדונגען צווישען פערטרעטער פון פערשיעדענע לענדער אָדער אויף אַ קאָנפערענץ פון אזוינע פערטרעטער. כדי מעגליך צו מאַכען אזוינע אונטעררעדונגען, בעשטימט די רעגיערונג איהרע בעפאָלמעכטיגטע פערטרעטער אין די נייטראַלע לענדער.

די רעגירונג לעגט פאָר אַלע רעגירונגען און אַלע פעלקער פון די קריגס-פיהרענדע לענדער צו שליסען אַ באַלדיגען וואַפענשטילשטאַנד, דער וואַפענשטילשטאַנד זאָל געדויערען דריי חדשים. אין די דריי חדשים וועט מעגליך זיין ניט נאָר צו פיהרען די נויטיגע אונטער־

האנדלונגען צווישען די פערטרעטער פון אלע שטאאטען און נאציא־נען, וועלכע זיינען אריינגעצויגען געווארען אין קריעג אדער גע־צוואונגען געווען צו בעטהייליגען זיך אין איהר, נאר אויך צוזאמענ־רופען בעפאלמעכטיגטע פערזאמלונגען פון פאלקס־פארטרעטער פון אלע לענדער, כדי זיי זאלען ענדגילטיג אננעהמען די בעדינגונגען פון פריעדען. מאכענדיג דעם פארשלאג צו די רעגירונגען און די פעלקער פון אלע קריעגס־פיהרענדע לענדער, ווענדעט זיך די רוסישע פראָ־וויזארישע רעגירונג פון ארבייטער און פויערים בעזונדערס צו די בעוואוסטזיניגע ארבייטער פון די דריי שטאאטען, וואס זיינען אמ־מעהרסטען איבערגעגעבען די אינטערעסען פון מענשליכקייט, און צו די דריי וויכטיגסטע פון אלע שטאאטען, וואס נעהמען אנטהייל אין דעם איצטיגען קריעג: ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד. די אר־בייטער פון די דאזיגע לענדער האבען געטריי געדיענט די אינטערעסען פון פראגרעס און סאציאליזם. דער גלענצענדער ביישפיעל פון דער טשארטיסטישער בעוועגונג אין ענגלאנד; די רייהע רעוואלוציאנען פון אל־וועלטליכער היסטארישער בעדייטונג, וואס דער פראנצויזישער פראלעטאריאט האט דורכגעמאכט; דער היסטארישער קאמפף אין דייטשלאנד געגען די אויסנאהמס־געזעצען, — א מערקווירדיגער ביי־שפיעל פון לאנג־דויערענדער אויסגעהאלטענער טהעטיגקייט, וואס האט ארויסגערופען די בעוואונדערונג פון אלע ארבייטער אויף דער וועלט; די שאפונג פון גרויסארטיגע ארגאניזאציעס פון דעם דייט־שען פראלעטאריאט — די אלע ביישפיעלען פון פראלעטארישער העלדישקייט, די דאזיגע גרויסע דענקמעהלער פון דער מענשליכער געשיכטע, זיינען פאר אונז א זיכערע גאראנטיע, אז די ארבייטער פון די דאזיגע לענדער וועלען פערשטעהן די פפליכט וואס ליעגט אויף זיי צו בעפרייען די מענשהייט פון אלע שרעקען און די פאלגען פון'ם קריעג, און אז די דאזיגע ארבייטער וועלען דורך א ענטשיע־דענער, ענערגישער און דויערענדער האנדלונג אונז העלפען שליסען אן ערפאלגרייכען פריעדען — און זיי וועלען אונז אויך העלפען צו בעפרייען די עקספלואטירטע ארבייטער מאסען פון יעדער שקלאפעריי און יעדער עקספלואטאציע".

ווען דער שווערער דונער פון אפלאדיסמענטען איז שטילער גע־ווארען, האט לענין פארטגעזעצט:

„מיר שלאָגען פאָר, אז דער קאָנגרעס זאָל ראַטיפיצירען אָט די דעקלאַראַציע. מיר ווענדען זיך ניט נאָר צו די פעלקער, נאָר אויך צו די רעגיערונגען פון די פערשיעדענע לענדער, ווייל אויב מיר וואָלטען זיך געווענדעט נאָר צו די פעלקער פון די קריעגס־פיהרענדע לענדער, וואָלט דאָס אָבגעלעגט דעם פריעדענס־שלום. די פריעדענס־בעדינגונגען, וואָס וועלען אויסגעאַרבייט ווערען אין דער צייט פונ׳ם וואפען־שטילשטאַנד, וועט אונזער גרינדונגס־פערזאמלונג נאָכדעם ראַטיפיצירען. מיר שלאָגען פאָר אַ דריי־חדשים׳דיגען וואפען־שטילשטאַנד, כדי די פעלקער זאָלען זיך קענען אָברוהען ווי ווייט מעגליך נאָך אָט דער בלוטיגער שחיטה און זאָלען האָבען גענוג צייט אויסצוקלייבען זייערע פאַרטרעטער. מיר נאַרען זיך ניט, מיר ווייסען אז אונזער פרידענס־פאָרשלאַג וועט בעגעגענען אַ ווידערשטאַנד מצד די אימפעריאַליסטישע רעגירונגען...

„די רעוואָלוציע פון דעם 6טען און 7טען נאָוועמבער — האָט לענין געענדיגט — עפענט די ערא פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע... די אַרבייטער־בעוועגונג וועט אַרויסגעהן זיעגרייך און וועט ערפילען איהר שליחות אינ׳ם נאָמען פון פריעדען און סאָציאַליזם...״

אַ געוויסע רוהיגקייט און שטאַרקע קראַפט האָט זיך געפיהלט אין די רייד, און זיי האָבען אויפגעריהרט אַלעמענס נשמות. מען האָט געקענט פאַרשטעהן, פאַר וואָס מענשען גלויבען, ווען לענין רעדט...

דורך אַן אַלגעמיינער אבשטימונג בעשליסט מען באַלד, אז נאָר פאַרטרעטער פון פּאָליטישע גרופּפּען זאָלען האָבען דאָס רעכט צו דיסקוטירען דעם פאָרשלאַג און אז די צייט פון די רעדנער זאָל זיין בעשרענקט מיט 15 מינוט.

דער ערשטער רעדט קארעלין אינ׳ם נאָמען פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. „אונזער פראַקציע — זאָגט ער — האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אריינצוטראָגען אויסבעסערונגען צו דעם טעקסט פון דעם אויפרוף. דאָס איז אַ פּריוואַטער באָלשעוויסטישער דאָקומענט. דאָך וועלען מיר פאַר איהם שטימען, ווייל מיר זיינען איינפערשטאַנדען מיט זיין גייסט...״

אינ׳ם נאָמען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען־אינטערנאַציאָנאַליסטען רעדט קראַמאַראָוו, אַ דינער, איינגעבויגענער, קורצזיכטיגער מענש, וואָס איז געוואָרען מיט דער צייט בעקאַנט אַלס דער קלאָון פון

דער אפאזיציע. „נאר א רעגירונג וואס בעשטעהט פון אלע סאציא־ליסטישע פארטייען — זאגט ער — וואלט געקענט האבען דעם אויטאריטעט צו אונטערנעמען אזא וויכטיגען טריט. אויב ער וואלט זיך געבילדעט א סאציאליסטישע קאאליציע, וואלט זיין פראקציע גע־קענט אונטערשטיצען דאס גאנצע פראגראם, אז ניט, וועט זי אונטער־שטיצען נאר א טהייל. וואס איז שייך דעם אויפרוף, זיינען די איג־טערנאציאנאליסטען אין פולען הסכם מיט זיינע וויכטיגסטע פונק־טען...״

אנדערע רעדנער מאכען זייערע ערקלעהרונגען, און די בעגייס־טערונג וואקסט: די אוקראינישע סאציאל־דעמאקראטיע — פאר; די ליטווישע סאציאל־דעמאקראטען — פאר; די פאלקס־סאציאליס־טען — פאר; די פוילישע סאציאל־דעמאקראטיע — פאר; די פוילי־שע סאציאליסטען — פאר, נאר זיי וואלטען געוואלט א סאציאליס־טישע קאאליציע; די לעטישע סאציאל־דעמאקראטיע — פאר... עט־וואס האט זיך אנגעצונדען אין די אלע מענשען. איינער רעדט וועגען „דער קומענדער וועלט־רעוואלוציע, וואו מיר זיינען דער אוואנגארד״; אן אנדערער רעדט וועגען „דער נייער עפאכע פון ברודערשאפט, ווען אלע פעלקער וועלען ווערען איין גרויסע משפחה״. א מיטגליעד פון קאנגרעס בעט דאס ווארט אין זיין אייגענעם נאמען: „איך זעה דא א ווידערשפרוך, — זאגט ער — פריהער שלאגט איהר פאר א פריע־דען אהן אנעקסיעס און קאנטריבוציעס, און נאכדעם זאגט איהר, אז איהר וועט בעטראכטען אלע פרידענס־פארשלאגען. בעטראכטען הייסט דאך אננעהמען...״

לענין שפרינגט אויף פון זיין פלאץ: „מיר ווילען א גערעכטען פרידען. מיר שרעקען זיך אבער ניט פאר א רעוואלוציאנערען קריעג... מעגליך אז די אימפעריאליסטישע רעגירונגען וועלען ניט ענטפערען אויף אונזער אויפרוף, מיר ווילען אבער ניט שטעלען קיין אולטימא־טום, וואס זאל גרינגער מאכען צו זאגען ניין... אויב דער דייטשער פראלעטאריאט ווייסט, אז מיר זיינען גרייט צו בעטראכטען יעדען פרידענס־פארשלאג, וועט דאס אפשר זיין דער לעצטער טראפען וואס וועט איבערפילען די מאס פון זיין געדולד — דאן וועט א רעוואלו־ציע זיך אנהויבען אין דייטשלאנד...

„מיר זיינען גרייט צו בעטראכטען אלע פרידענס־בעדינגונגען,

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר וועלן אָננעהמען אַלע בעדינגונגען, וואָס אימיצער וועט פאָרשלאָגען. פאַר אייניגע וועלען מיר זיין גרייט מלחמה צו האַלטען ביז'ן סוף, מעגליך אָבער אַז פאַר אַנדערע וועלען מיר ניט קענען קעמפפען... קודם כל ווילען מיר ענדיגען דעם קריעג...“

עס איז געווען פונקט 35 מינוט נאָך צעהן, ווען קאַמענעוו האָט געבעטען, אַז יעדערער, ווער עס איז פאַר דעם אויפרוף, זאָל אויפהויבען זיין בילעט. איין דעלעגאַט האָט געהאַט די העזה אויפצוהויבען זיין האַנד געגען, אָבער די אומצופרידענהייט אַרום איהם איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זי באַלד אַראָבגעלאָזט... דער פאָרשלאַג געהט דורך — איינשטימיג.

מיר האָבען אַליין ניט געוואוסט, ווי דאָס איז געשעהן, אָבער פּלוצלונג האָבען מיר דערפיהלט, אַז מיר זינגען אַלע אין איין קול די מונטערע טענער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אַ בעוואַקסענער אַלטער סאָלדאַט האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי האָט שנעל אָבגעווישט אַ טרעהר. דער געוואַלדיגער כאָר האָט אָנגעפּיללט דעם זאַאַל מיט זיינע הייסע כוואַליעס, וואָס האָבען אַרויסגעפּלאַצט דורך די פענסטער און טהירען און זיך אויפגעהויבען צום רוהיגען הימעל. „דער קריעג איז געענדיגט, דער קריעג איז געענדיגט!“ האָט אַ יונגער אַרבייטער לעבען מיר געזאָגט און זיין פּנים האָט געשיינט. ווען דאָס ליעד האָט פערקלונגען און מיר זיינען אַלע געשטאַנען אין אַ מאָדנער שטילער שטימונג, האָט אימיצער אין עק זאַאַל אויסגעשריען: „חברים, לאָמיר געדענקען די וואָס זיינען געשטאָרבען פאַר פרייהייט!“ מיר האָבען אָנגעהויבען זינגען דעם טרויער־מאַרש, דאָס לאַנגזאַמע, מעלאַנכאָלישע און דאָך קאַמפּפסלוסטיגע געזאַנג, וואָס איז אַזוי טיעף, אַזוי ריהרענד און דערביי אַזוי עכט רוסיש. נאָך אַלע זאַכען איז דער „אינטערנאַציאָנאַל“ אַן אויסלענדישע מעלאָדיע. דער טרויער־מאַרש איז געקומען פון דער טיעפסטער טיעפעניש פון אַט די טונקעלע מאַסען, וועמעס דעלעגאַטען זיינען איצט געזעסען אין דעם זאַאַל און פון זייערע נעבעלהאַפטע חלומות און ווייטע זעהונגען געפּרואווט אויפבויען אַ ניי רוסלאַנד — און אפשר נאָך מעהר.

אַט דערפאַר זיינען די מאַרטירער פון דער מערץ־רעוואָלוציע געלעגען אין זייער קאַלטען ברידער־קבר אויף דעם מאַרס־פעלד; אַט

דערפאר זיינען טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער געשטארבען אין די טורמעס, אין ססילקע אין קאלטען סיביר. די פרייהייט איז גע־קומען ניט אויף דעם וועג וואס זיי האבען געהאפט און ניט אזוי ווי די אינטעליגענץ האט געח׳לומ׳ט, — אבער געקומען איז זי — פעסט, רויה, אומגעדולדיג — מיט ווייניג דרך ארץ פאר טעאריעס און מיט א פעראכטונג צו סענטימענטאלע געפיהלען: זי איז געקומען — און זי איז דא...

לענין לייענט דאס געזעץ וועגען דער ערד:

1) אלע רעכט פון פריוואט־אייגענטהום אויף דער ערד ווערט תיכף אבגעשאפט אהן בעלוינונג.

2) אלע פריצישע מאיאנטקעס, אלע ערדען וואס בעלאנגען צו דער קרוין, צו מאנאסטירען און צו דער קירכע, מיט דעם גאנצען פיה און דעם איבריגען אינווענטאר, מיט די געביידעס און אלעס וואס געהער צו זיי, ווערען איבערגעגעבען אין דעם רשות פון די דארפי־שע ערד־קאמיטעטען און די סאוויעטען פון פויערים־דעפוטאטען אין יעדען בעצירק — ביז די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט זיך צונויפ־קומען.

3) אויב עמיצער שעדיגט דאס קאנפיסקירטע פערמעגען, וואס געהער פון היינט אן און ווייטער דעם גאנצען פאלק, ווערט דאס גערעכענט פאר אן ערנסט פארברעכען, וואס די רעוואלוציאנערע טריבונאלען וועלען בעשטראפען. די סאוויעטען פון פויערים־דעפו־טאטען אין יעדען בעצירק דארפען נעהמען די נויטהיגע שריט צו היטען די שטרענגסטע ארדנונג אין דער צייט ווען מען וועט אי־בערנעהמען די פריצ׳ישע מאיאנטקעס, צו בעשטימען די שטרעקעס וואס מען דארף קאנפיסקירען, צו מאכען א רייסטער פון דעם גאנ־צען קאנפיסקירטען פארמעגען און צו היטען אויף א שטרענגסטען אופן דאס גאנצע לאנדווירטשאפטליכע פארמעגען מיט אלע געביי־דעס, געצייגען, פיה, פראדוקטען און אנדערע זאכען, וואס געהען איצט איבער אין די הענד פון׳ם פאלק.

4) ביז די גרויסע ערד־רעפארם וועט דורכגעפיהרט ווערען דורך דער גרינדונגס־פערזאמלונג זאל מען זיך האלטען אין דעם פאל־גענדען פויערים־נאקאז (אינסטרוקציעס) וואס איז אויסגעארבייט גע־ווארען אויפ׳ן סמך פון 242 ארטיגע פויערישע נאקאזען דורך דער

רעדאַקציע פון די „איזוועסטיא“ פון דעם אַל־רוסישען סאָוויעט פון פויערים־דעפּוטאַטען און וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין דעם נומער 88 פון די זעלביגע „איזוועסטיא“ (פּעטראָגראַד, נומער 88, 19טען אויגוסט, 1917).

די ערד פון די פויערים און קאָזאַקען, וואָס דיענען אין דער אַרמעע, זאָל ניט ווערען קאָנפיסקירט.“

לעגין ערקלעהרט: „דאָס איז ניט דער פּראָיעקט פון דעם געוועזענעם מיניסטער טשערנאָוו, וועלכער האָט אַלץ געשמועסט וועגען „אויפבויען אַ פּלאַן“ און האָט געוואָלט דורכפיהרען די רעפאָרמען פון אויבען. די פראַגע וועגען צוטהיילען די ערד וועט ענטשיידען ווערען פון אונטען, אויפ׳ן פּלאַץ. ניט אַלע פויערים וועלען בעקומען אַ גלייכע שטרעקע ערד. דאָס וועט זיך ווענדען לויט דער געגענד...

„אונטער דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג האָבען די פּאָמיעשטשיקעס זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען די באַפעהלען פון די ערד־קאָמיטעטען — די זעלביגע ערד־קאָמיטעטען, וואָס לוואָוו האָט זיי פאַרגעשלאָגען, שינגאַרעוו האָט זיי דורכגעפיהרט און קערענסקי האָט זיי פערוואַלטעט“.

מען האָט געהאַלטען ביים אָנהויבען דעבאַטירען דעם פּראָיעקט, ווען איינער האָט זיך מיט געוואַלד דורכגעשטופּט דורכ׳ן עולם צווישען די שורות בענק און איז אַרויף אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. דאָס איז געווען פּיאַניך, אַ מיטגליעד פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם פויערים סאָוויעט. ער איז געווען מלא רציחה.

„דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם אַל־רוסישען סאָוויעט פון די פויערים־דעפּוטאַטען פּראָטעסטירט נעגען דעם אַרעסט פון אונזערע חברים, די מיניסטאָרען סאַלאַזקין און מאַסלאָוו!“ האָט ער הייזעריג אַ וואָרף געטהאָן די דעלעגאַטען אין פּנים אַריין. „מיר פערלאַנגען, אַז מען זאָל זיי תיכף בעפרייען. זיי זיינען איצט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג. מען מוז זיי בעפרייען אויפ׳ן שטעל. מען טאָר ניט פאַרלירען קיין רגע“.

אַן אַנדער רעדנער איז אַרויף אויפ׳ן פּלאַטפאָרם — אַ סאָלדאַט מיט אַ צושויבערטער באָרד און מיט גליהענדע אויגען. „איהר זיצט דאָ און רעדט וועגען איבערגעבען די פויערים די ערד, און אין דער

זעלביגער צייט האנדעלט איהר ווי טיראַנען און אונטערדריקער געגען די אויסגעקליבענע פויערים־פארטרעטער. איך זאָג אייך — האָט ער דראָהענד אויפגעהויבען זיין פויסט — אויב עס וועט זיי געריהרט ווערען אַ האָר, וועט איהר האָבען אַן אויפשטאַנד גאָר אין גיכען".

אַ בעוועגונג איז דורכגעגאַנגען איבער'ן זאַאַל. דער עולם איז געווען ווי פארשעהמט. טראָצקי האָט זיך אויפגעהויבען, קאַלט, גיפטיג, אין פולען בעוואוסטזיין פון זיין קראַפט. דער עולם האָט איהם היים בעגריסט. ער ערקלעהרט: „נעכטען האָט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט בעשלאָסען צו בעפרייען די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע און די מענשעוויסטישע מיניסטאָרען: מאַסלאָוו, סאַלאַזקין, גוואָזדעוו און מאַליאַנטאָוויטש. אויב זיי זיינען נאָך איצט אין פעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג, איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר האָבען געהאַט צופיעל ארבייט. ווען מיר וועלען זיי ארויסלאָזען, וועלען מיר זיי פונדעסטוועגען האַלטען אונטער אַ הויז־ארעסט, ביז מיר וועלען אונטערזוכען זייער שייכות צו קערענסקי'ס פעררעטהערישען אַנטהייל אין מעשה קאָרנילאָוו..."

„קיינמאָל", שרייט פיאַניך, „אין קיין רעוואָלוציע אין דער וועלט האָבען זיך אַזוינע זאַכען ניט געטראָפען".

„איהר האָט אַ טעות", ענטפערט טראָצקי, „אַזוינע זאַכען האָבען זיך געטראָפען אפילו אין דער איצטיגער רעוואָלוציע. הונדערטער פון אונזערע חברים האָט מען ארעסטירט אין די יולי־טעג. ווען די חבר'טע קאָלאָנטאַי איז בעפרייט געוואָרען פון טורמע צוליעב אומגעזונדקייט, האָט אַווקסענטיעוו אַוועקגעשטעלט פאַר איהר טהיר צוויי אַמאָליגע שפּיאָנען פון ניקאָלאַי'ס אָכראַנקע". די צוויי פויערים זיינען ארויסגעגאַנגען פונ'ם זאַאַל ברומענדיג פאַר זיך. דער עולם האָט זיי בעגלייט מיט שפּאָטישע אויסרופען.

די פארטרעטער פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען נעהמען רעדען וועגען דעם ערד־געזעץ. אין פּרינציפּ זיינען זיי איינפערשטאַנדען, זייער פראַקציע קען אָבער ניט שטימען, זאָגען זיי, ביז זיי וועלען די פראַגע דעבאַטירען. מען דאַרף זיך אַן עצה האַלטען מיט דעם פויערים־סאָוויעט.

די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטען ווילען אויך אָבהאַלטען אַ בעזונדערע זיצונג.

דער פיהרער פון די מאקסימאליסטען, דעם אנארכיסטישען פליגעל פון די פויערים, זאגט: „ליוב און עהרע צו א פאליטישער פארטיי, וואס פיהרט דורך אזא אקט דעם ערשטען טאג און וויל ניט מעלה גרה׳ן די פראגע“.

א טיפּישער פויער שטעהט אויף דער טריבונע. לאנגע האר, גראבע שטיוועל, א שמויסענער פעלץ. ער נויגט זיך אין אלע זייטען. „איך ווינש אייך אלס דאס גוטס, חברים און בירגער“, זאגט ער. „איך וויל אייך נאר זאגען, אז אין דרויסען דרעהען זיך נאך ארום עטליכע קאדעטען. איהר האט ארעסטירט סאציאליסטישע פויערים — פאר וואס זאלט איהר ניט ארעסטירען די קאדעטען?“

די ווערטער רופען ארויס א היציגע דיסקוסיע צווישען די פויערים — פונקט אזא דיסקוסיע, ווי איך האב געהערט צווישען די סאלדאטען ביי נאכט. מען האט געקענט זעהן, אז דאס זיינען די אמת׳ע פראלעטאריער פונ׳ם דארף.

„אט די אלע מיטגליעדער פון אונזער עקזעקוטיוו־קאמיטעט, די אוואקסענטיעוס און זייערע חברים, וואס פריהער האבען מיר זיי געהאלטען פאר אונזערע גוטע פריינד, — זיי זיינען דאך אויך ניט מעהר ווי קאדעטען. זאל מען זיי ארעסטירען! זאל מען זיי ארעסטירען!“

א שטימע רופט: „ווער זיינען די אלע פּיאניכם, די אלע אוואקסענטיעווס? זיי זיינען גאר ניט קיין פויערים! זיי דרעהען נאר מיט זייערע עקען.“

מען האט גערארפט זעהן, ווי אזוי די ווערטער זיינען אויפגענומען געווארען אין קאנגרעס! מענשען האבען דערקענט זייערע אייגענע ברידער.

די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען שלאגען פאר, מען זאל איבעררייסען די זיצונג אויף א האלבע שעה. ווען די דעלעגאטען זיינען געגאנגען צו דער טהיר, האט זיך לענין אויפגעהויבען פון זיין פלאץ:

„מיר טארען ניט פערליערען קיין צייט, חברים! גאנץ רוסלאנדווארט אויף אונזער בעשלוס. די נייעס דארף אריין אין דרוק מארגען אינדערפריה. זאמט זיך ניט.“

אין דעם גערויש פון געשפּרעכען, דיסקוסיעס און דעם הילכען

פון טריט הערט זיך די שטים פון א שליח פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. ער שרייט: „פונפצעהן אגיטאטאָרס פערלאַנגט אין צימער 17! קומט באלד! מען דאַרף געהן צום פראָנט!"

ערשט שפּעטער מיט דריטהאלבען שעה האָבען זיך די דעלע־גאטען ווידער אריינגעשלעפּט אין זאאל; דאָס פּרעזידיום האָט פערנומען די פּלאַטפאָרמע, און די זיצונג האָט זיך ווידער אָנגעהויבען. מען האָט פאָרגעלייענט טעלעגראַמען פון איין פּאָלק נאָך דעם אנדערען. אלע האָבען געמעלדעט, אז זיי שליסען זיך אָן אָן דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. לאַנגזאַם האָט די פערזאַמלונג זיך גענומען צו דער ארבייט. א דעלעגאַט פון די רוסישע סאָלדאַטען ביים מאַקעדאָנישען פראָנט האָט זיך ביטער בעקלאָגט אויף זייער לאַגע. „מיר ליידען דאָרט מעהר דורך דער פריינדשאַפט פון אונזערע פריינד, איידער פונ'ם שונא", האָט ער געזאָגט. פערטרעטער פון דער 10טער און 12טער ארמעען, אָקאָרשט אָנגעקומען אין גרוים איילעניש, מעלדען: „מיר אונטערשטיצען אייך מיט אונזער גאַנצען כח". א סאָלדאַט, א פּויער, פּראָטעסטירט געגען בעפרייען „די פּערעטעהערישע סאָציאַליסטען מאַסלאָוו און סאַלאַזקין." וואָס איז שייך דעם עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט פונ'ם פּויערים־סאָוויעט, מיינט ער, אז מען דאַרף איהם איינגאַנצען ארעסטירען, ווי ער שטעהט און געהט... דאָס זיינען געווען עכטע רעוואָלוציאָנערע שמועסען... א דעפּוטאַט פון דער רוסישער ארמעע אין פּערסיען ערקלעהרט, אז מען האָט איהם בע־אויפטראַגט צו פערלאַנגען די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוויעטען. א אוקראַאינער אָפיציר רעדט אין זיין מוטער־שפּראַך: „עס איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַליזם אינ'ם איצטיגען קריזיס... זאָל לעבען די פּראָלע־טאַרישע דיקטאַטור אין אלע לענדער!"

אזא מבול הויכע און היציגע געדאַנקען האָט זיך ארויסגעגאָסען אין יענעם זאאל, אז רוסלאַנד, דאַכט זיך, קען שוין קיינמאָל ניט ווערען שטום.

קאַמענעוו בעמערקט, אז די אַנטי־באָלשעוויסטישע קרעפטען האָ־בען געפּרואווט ארויסרופען אונאָרדנונגען אומעטום. ער שלאָגט פאָר, אז דער קאָנגרעס זאָל ארויסלאָזען דעם פאָלגענדען אויפרוף צו אלע סאָוויעטען פון רוסלאַנד:

„דער אַלל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, צוזאַמען מיט איינינע פּויערים־דעפּוטאַטען, ווענדט זיך צו אַלע אָרטיגע סאָוויעטען, זיי זאָלען תיכף נעהמען ענער־גישע שריט צו אונטערדריקען אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אידען־פיינדליכע בעוועגונגען און אַלע פּאָגראָמען. די עהרע פון דער רעוואָ־לוציע, די עהרע פון ארבייטער, פּויערים און סאָלדאַטען פאָדערט, אַז קיין שום פּאָגראָמען זאָלען ניט ווערען געדולדעט.

„די רויטע ארמעע, דער רעוואָלוציאָנערער גארניזאָן און די מאַט־ראָזען האָבען אָנגעהאַלטען פּאָלשטענדיגע אָרדנונג אין פּעטראָגראַד.

„ארבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים! איהר דאַרפט אומעטום פּאָלגען דעם ביישפּיעל פון די פּעטראָגראַדער ארבייטער און סאָלדאַ־טען!

„חברים־קאָזאַקען און סאָלדאַטען! אויף אונז פאַלט די פּפליכט צו גאַראַנטירען אמת׳ע רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג.

„דאָס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד און די גאַנצע וועלט קוקט אויף אונז...״

ערשט צוויי ביינאַכט איז מען איבערגעגאַנגען צו שטימען וועגען דעם ערד־געזעץ. נאָר איין דעלעגאַט איז געווען נעגען. די פּויערים־דעלעגאַטען זיינען געווען וואַהנזיניג פאַר פרייד.

א סאָלדאַט הויבט זיך אויף פון זיין אָרט. ער איז דאַר, צושווי־בערט, אָנגעטהאָן אין צוריסענע קליידער, אָבער זיין רעדע גיסט זיך גלאַט און קרעפטיג. ער פּראָטעסטירט געגען דעם פּונקט פונ׳ם נאַקאַז, וואָס בערויבט די מיליאָנען דעזערטירען פון זייערע חלקים ערד. פון אָנפאַנג שרייט מען און מען פייפט איהם אויס, אָבער זיין איינ־פאַכע ריהרענדע רעדע ציהט אַלע מאָל מעהר אויפמערקזאַמקייט. „וואָס איז דער דעזערטיר שולדיג?״ פרעגט ער. „געגען זיין ווילען האָט מען איהם געטריעבען אין די גראַבענס, ווי מען טרייבט אַ בהמה צו דער שחיטה. איהר אַליין אין אייער פריעדענס־אויפרוף האָט דאָך געזאָגט, אַז דער קריעג איז זינלאָז און שרעקליך. ער, דער דעזערטיר, האָט בעגריסט די רעוואָלוציע, ווייל ער האָט געהאָפט אויף פריעדען און פרייהייט. פריעדען? קערענסקי׳ס רעגירונג האָט איהם ווידער געצוואונגען צו געהן פּאָרווערטס אין גאַליציע, צו קוילען און צו ווערען געקוילעט; ווען ער האָט געבעטען פריעדען, האָט איהם טערעש־

טשענקאָ נאָר אויסגעלאַכט... פרייהייט? אונטער קערענסקי׳ס אָרדנונג האָט ער געזעהן, אז מען אונטערדריקט זיינע קאָמיטעטען, מען פער־מאַכט זיינע צייטונגען, מען ארעסטירט זיינע פּארטיי־רעדנער... אין זיין אייגענעם דאָרף האָבען די פּריצים זיך אויסגעלאַכט פון זיינע ערד־קאָמיטעטען און ארעסטירט זיינע חברים... אין פעטראָגראַד האָט די בורזשואזיע מיט דער הילף פון די דייטשען פּראַקטיצירט סאַבאָטאַזש, ניט דערלאָזט קיין שפּייז און אַמוניציע צו דער ארמעע... ער האָט ניט געהאַט קיין שטיוועל, ער האָט ניט געהאַט קיין קליידער... ווער האָט איהם געצוואונגען צו דעזערטירען? קערענסקי׳ס רעגיערונג, וואָס איהר אַליין האָט זי אומגעוואָרפען!" צום שלום פון דער רעדע האָבען זיך אפילו געהערט אַפּלאָדיסמענטען.

אָבער אַן אַנדער סאָלדאַט האָט היציג גע׳טענה׳ט געגען אַזאַ פאָרשלאָג. „קערענסקי׳ס רעגירונג טאָר ניט דיענען פאַר אַ ווענטעל, הינטער וועלכען מען וועט בעהאַלטען אַלע מיאוסע מעשים! דעזער־טירען זיינען פּאסקודניאַקעס, וועלכע זיינען אַנטלאָפען און האָבען געלאָזט זייערע חברים שטאַרבען אין די גראַבענס. יעדער דעזערטיר איז אַ פערברעכער און דאַרף ווערען בעשטראָפט..." אַ טומעל; געשרייען: „געגוג! שטילער!" קאַמענעוו שלאָגט פאָר איבערצור־געבען דעם ענין דער רעגירונג. זי וועט בעשליסען.

האַלב דריי פאַרטאָג איז אין זאַאל ווידער געוועזן שטיל. קאַמע־נעוו האָט געלייענט דאָס געזעץ וועגען דער נייער מאַכט:

„ביז ס׳וועט זיך צונויפקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג, ווערט געבילדעט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון ארבייטער און פויערים, מיט׳ן נאָמען „דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען."

„די פערוואַלטונג איבער די פערשיעדענע צווייגען פון דער שטאַאטס־טהעטיגקייט וועט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון קאָמיסיעס. די קאָמיסיעס וועלע אַזוי צונויפגעשטעלט ווערען, אַז די דורכפיהרונג פון דעם קאָנגרעס־פּראָגראַם זאָל זיין גאַראַנטירט — אין ענגער פערבינדונג מיט די מאַסען־אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער, אַרבייטערינס, מאַטראָזען און סאָלדאַטען, פויערים און אַנגעשטעלטע. די רעגירונגס־מאַכט געפינט זיך אין די הענד פון אַ קאָלעגיום, וואָס בעשטעהט פון די פּאַרזיצענדע פון די פערשיעדענע קאָמיסיעס. דאָס קאָלעגיום איז דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען.

„דער קאָנטראָל איבער דער טהעטיגקייט פון די פאָלקס-קאָמי־סארען און דאָס רעכט זיי אָראָבצוזעצען און פערבייטען מיט אנדערע געהערט דעם אָלל־רוסישען קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון ארבייטער, פויערים־ און סאָלדאטען־דעפּוטאטען און זיין צענטראַלען עקזעקוטיווע קאָמיטעט.“

אין זאאל איז שטיל. ווען קאָמענעוו לייענט דעם צעטעל פון קאָמיסארען, ברעכען אויס אַפּלאָדיסמענטען נאָך יעדען נאָמען, דער־הויפּט נאָך די נעמען פון לענין און טראָצקי.

פּאָרזיצענדער פונ׳ם ראטה: וולאַדימיר אוליאנאָוו (לענין).

אינוועניגסטע אנגעלעגענהייטען: א. ע. ריקאָוו.

לאַנד־ווירטשאַפט: וו. פּ. מיליוטין.

ארבייט: א. ג. שליפּניקאָוו.

מיליטער און פלאָט: אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל בעשטעהן פון וו. א. אווסעיענקאָ (אנטאָנאָוו), נ. וו. קרילענקאָ און פּ. מ. דיבענ־קאָ.

האנדעל און אינדוסטריע: וו. פּ. נאָגין.

פאָלקס-בילדונג: א. וו. לונאטשארסקי.

פינאַנץ: ע. ע. סקווארצאָוו (סטעפּאנאָוו).

אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען: ל. ד. בראָנשטיין (טראָצקי).

יוסטיץ: ג. ע. אָפּפּאָקאָוו (לאָמאָוו).

שפּייז: ע. א. טהעאָדאָראָוויטש.

פּאָסט און טעלעגראַף: נ. פּ. אווילאָוו (גליעבאָוו).

פּאָרזיצענדער פון נאציאָנאליטעטען: י. וו. דזשוגאשווילי (סטא־לין).

אייזענבאהנען: וועט בעשטימט ווערען שפּעטער.

באַיאָנעטען האָבען זיך געזעהן אין די ווינקלען פונ׳ם זאאל, באַיאָנעטען האָבען זיך געהויבען פון צווישען די דעלעגאטען. דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט בעוואָפענט יעדען איינעם. באָלשעוויזם האָט זיך בעוואָפענט צו דער ענטשיידענדער שלאַכט מיט קערענסקי, ווען קריעגס-טרומייטען עס האָבען זיך שוין געטראָגען אויף די פליגלען פון דעם צפון-מערב׳דיגען ווינד... קיינער איז ניט געגאַנגען אהיים. פערקעהרט, הונדערטער נייע מענ־שען האָבען זיך געגאָסען אין סמאָלני. דער גרויסער זאאל איז געווען

געפּאקט פון עק צו עק מיט סאָלדאטען און ארבייטער, וואָס זיינען שטונדען־לאנג געשטאנען אין ערנסטען שווייגען און זיך צוגעהערט צו אַלצדינג, וואָס עס קומט פאָר. די לופט איז געווען אָנגעזעטיגט מיט רויך, שוויים, מיט מענשליכען אָטהעם און מיט דעם ריח פון אומריינע קליידער.

אינ׳ם נאָמען פון די סאָציאַל־דעמאָקראטען־אינטערנאציאָנאַליס־טען און די געבליבענע מענשעוויקעס־אינטערנאציאָנאַליסטען האָט אַווילאָוו, א מיטגליעד פון דער רעדאקציע פון דער „נאָוואיא זשיזן“, געהאַלטען א רעדע. א יונגערמאַן מיט א אינטעליגענטען פּנים, האָט ער זיך זעהר וועניג געפּאַסט אהער אין זיין שפּאָגעל־נייעם פּראַק.

„מיר מוזען זיך פרעגען, וואוהין געהען מיר? אויב די קאָאַלי־ציאָנס־רעגירונג איז אַזוי גרינג אָראָבגעזעצט געוואָרען, איז דאָס נאָך גאָר ניט קיין סמן, אַז דער לינקער פליגעל פון דער דעמאָקראטיע איז אַזוי שטאַרק. דאָס בעווייזט נאָר, אַז די רעגירונג איז ניט פעהיג צו געבען דעם פאָלק ברויט און פריעדען. ווייסען מיר אָבער, אַז אויך דער לינקער פליגעל וועט ניט קענען בלייבען אין מאכט, אויב ער וועט ניט לעזען די דאָזיגע פראגען. נו, זענט איהר זיכער, אַז איהר קענט געבען ברויט דעם פאָלק? ס׳איז א דוחק אין תבואה, די מעהר־הייט פּויערים וועלען אייך ניט שטיצען, ווייל איהר קענט זיי ניט געבען די נויטיגע אינסטרומענטען, די נויטיגע מאשינען; הייצונג און אַנדערע לעבענס־נויטווענדיגקייטען זיינען כמעט ניט בנמצא...

„וואָס איז שייך צו פרידען, וועט דאָס זיין נאָך שווערער. די אַליאירטע ווילען ניט רעדען מיט סקאָבעלעוו׳ן. וועלען זיי קומען אויף א קאָנפערענץ צו רעדען מיט אייך? איהר וועט ניט אנערקענט ווערען ניט אין לאָנדאָן און פּאַריז און ניט אין בערלין...

„איהר קענט ניט רעכענען אויף אַן אַקטיווער הילף מצד דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אַליאירטע לענדער. דאָרט איז דער פּראָלעטאַ־ריאַט נאָך זעהר ווייט פון רעוואָלוציאָנערען קאמפף. פערגעסט ניט, אַז די דעמאָקראטיען פון די אַליאירטע לענדער האָבען אפילו קיין כח ניט געהאט צוזאַמענצורופען די סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ. וואָס איז שייך צו די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטען, האָב איך אָקאָרשט גע־רעדט מיט חבר גאָלדענבערג, איינער פון אונזערע דעלעגאַטען קיין סטאָקהאָלם. האָט איהם א פערטרעטער פון דעם לינקען דייטשען

פליגעל פערזיכערט, אז א רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז אונמעגליך אזוי לאַנג ווי עס דויערט דער קריעג.״

דער עולם האָט אָנגעהויבען איבעררייסען אווילאָוו'ן כמעט אויף יעדען וואָרט, אָבער ער האָט פאָרטגעזעצט:

„רוסלאַנד וועט בלייבען איזאָלירט. דער סוף וועט זיין, אז ענט־וועדער וועט די רוסישע אַרמעע בעזיעגט ווערען פון די דייטשען, און די דייטש־עסטרייכישע קאָאַליציע וועט שליסען אַ פריעדען מיט דער פראַנצויזיש־ענגלישער קאָאַליציע אויף ד ע ם ח ש ב ו ן פ ו ן ר ו ס ל א נ ד, אָדער מיר וועלען מוזען שליסען אַ סעפּאַראַטען פריעדען מיט דייטשלאַנד.

„איך בין אָקאָרשט געוואָהר געוואָרען, אז די אַמבאַסאַדאָרס פון די אַליאירטע לענדער גרייטען זיך צו פערלאָזען רוסלאַנד און אַז קאָמיטעטען צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע בילדען זיך אין אַלע רוסישע שטעדט.

„איין איינציגע פּאַרטיי קען ניט גובר זיין די אַלע אונגעהייערע שוועריגקייטען. נאָר אַ מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק, מיט אַ רעגירונג פון אַלע פעראייניגטע סאָציאַליסטען קען פיהרען די רעוואָלוציע צו אַן ענדגילטיגען זיעג.״

אווילאָוו לייענט דאַן די רעזאָלוציע פון די צוויי פראַקציעס:

„נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז כדי צו רעטען די ערהאַבערונגען פון דער רעוואָלוציע איז אונבעדינגט נויטיג צו בילדען אַ רעגירונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע ווי זי איז אָרגאַניזירט אין די סאָוויעטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פויערים־דעפּוטאַטען; נעהמענדיג ווייטער אין אַנבעטראַכט, אַז די אויפגאַבע פון אַזאַ רעגירונג איז וואָס גיכער צו שליסען פריעדען, צו איבערגעבען די ערד אין די הענד פון די אַגראַרישע קאָמיטעטען, צו אָרגאַניזירען אַ קאָנטראָל איבער אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן און צו רופען די גרינדונגס־פערזאַמלונג אויף דעם בעשטימטען טאָג — וועהלט דער קאָנגרעס אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך שטעלען אין פערבינדונג מיט די דעמאָקראַטישע גרופּען, וואָס בעטהיי־ליגען זיך אין קאָנגרעס, כדי צו בילדען אַזאַ רעגירונג.״

ניט קוקענדיג אויף דער געהויבענער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון דער מאַסע האָבען אווילאָוו'ס רוהיגע און געדולדיגע ווערטער

אויף איהר געמאכט א טיעפען איינדרוק. צום שלום האבען די גע־שרייען און פייפערייען אין גאנצען אויפגעהערט. ווען ער האט גע־ענדיגט, האבען זיך אפילו געהערט אפלאדיסמענטען.

נאך איהם האט גערעדט קארעלין, אויך א יונגער, א מוטהיגער און א איבערצייגטער מענש, אין וועמעס אויפריכטיגקייט קיינער האט ניט געצווייפעלט. ער האט גערעדט אינ׳ם נאמען פון די לינקע סאָ־ציאליסטען־רעוואלוציאנערען — דער פארטיי פון מאריא ספירידאנאָ־ווא, דער איינציגער פארטיי, וואס איז געגאנגען מיט די באלשעוויקעס און וואס האט פערטראטען די רעוואלוציאנערע פויערים.

„מיר האבען זיך אבגעזאגט אנטהייל צו נעהמען אין דעם ראטה פון די פאלקס־קאמיסארען, ווייל מיר ווילען זיך ניט דערווייטערען פון יענעם טהייל פון דער רעוואלוציאנערער ארמעע, וואס האט פער־לאזען דעם קאנגרעס. אויב מיר וואלטען אריין אין דער נייער רעגי־רונג, וואלט פאר אונז געווארען אונמעגליך צו זיין פארמיטלער צווישען די באלשעוויקעס און די איבעריגע גרופען פון דער רוסישער דעמאָ־קראטיע, און דאס ווילען מיר גראד דערגרייכען. מיר קענען אונטער־שטיצען נאר אזא רעגירונג, וואס פעראייניגט אלע סאציאליסטען. נאך מעהר: מיר פראטעסטירען געגען דער טיראנישער האלטונג פון די באלשעוויקעס. אונזערע קאמיסארען האט מען פערטריעבען פון זייערע פלעצער. אונזער איינציגע צייטונג „זנאמיא טרודא" (די פאהן פון ארבייט) האט נעכטען ניט געקענט ארויסגעהן...

„די צענטראלע שטאדט־דומא בילדעט א מעכטיגען קאמיטעט צו רעטען דאס לאנד און די רעוואלוציע. דער קאמיטעט גרייט זיך צו א מלחמה מיט אייך. איהר זייט שוין איצט אויך איזאלירט. אייער רעגירונג האט ניט די שטיצע פון קיין איינציגער דעמאָקראַ־טישער גרופע..."

טראצקי שטעלט זיך אויף. זיין אויסדרוק איז זיכער און קראפט־פאל. אויף די ליפען שלענגעלט זיך דאס בעקאנטע סארקאסטישע שמייכעלע, וואס איז פול מיט גיפט. ער רעדט מיט א קלינגענדיגער שטימע, און דער עולם ווערט הינגעריסען.

„די אלע שמועסען זיינען ניט ניי. מיר האבען שוין ניט איינמאל געהערט, אז מיר זיינען איזאלירט. ערב אונזער אויפשטאנד האט מען נבואה געזאגט, אז א שרעקליכע מפלה איז אונפערמיידליך.

דעמאָלט זיינען אויך אַלע געווען געגען אונז. נאָר אַ טהייל פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען איז געווען פערטראָטען מיט אונז אין דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. ווי זשע קומט עס, וואָס מיר האָבען געקענט אומוואַרפען די רעגירונג כמעט אָהן בלוט־פארגיסונג? דער פאַקט אַליין בעווייזט גענוג קלאָהר, אַז מיר זיינען ניט איזאָלירט. דער אמת איז, אַז ניט מיר נאָר די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג איז איזאָלירט. די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע טרעטען אַרויס געגען אונז, זיינען געווען איזאָלירט, זיי זיינען איזאָלירט און זיי האָבען זיך אויף אייביג איזאָלירט פון דעם אַרבייטער־קלאַס.

„זיי רעדען וועגען אַ קאָאַליציע. פאַראַן נאָר איין קאָאַליציע, וואָס איז באמת נויטהווענדיג — די קאָאַליציע פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און די אָרימסטע פּויערים. אונזער פּאַרטיי האָט אויפגעטהאָן אַ גרויסע זאַך: זי האָט געבילדעט אַזאַ קאָאַליציע... וואָס פאַר אַ קאָאַליציע שטעלט זיך אַוויל' אָוו פאַר? אַ קאָאַליציע מיט די, וועלכע האָבען אונטערשטיצט די רעגירונג פון פאָלקס־פעררעטה? ניט נויטהווענדיג ווערט מען שטאַרקער דורך אַ קאָאַליציע. וואָלטען מיר, אַ שטייגער, געקענט אָרגאַניזירען דעם אויפשטאַנד, ווען מיר וואָלטען געהאַט דאַנ'ען און אַווקסענטיעוו'ן אין אונזערע רייהען?" דער עולם לאַכט.

„אַווקסענטיעוו האָט געגעבען ווייניג ברויט. שטעלט אייך פאָר, אַז מיר האָבען אַ קאָאַליציע מיט די אַבאַראָנצעס — וועלען זיי האָבען מעהר ברויט? אויב מיר דאַרפען אויסקלייבען צווישען די פּויערים און אַווקסענטיעוו'ן, וועלכער האָט געהייסען אַרעסטירען די ערד־קאָמיטעטען, וועלען מיר שוין בעסער אויסקלייבען די פּויערים. אונזער רעוואָלוציע וועט בלייבען די קלאַסישע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע.

„זיי בעשולדיגען אונז, אַז מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַן אָבמאַך מיט די איבעריגע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אָבער ווער איז שולדיג? זאָלען מיר רעכענען מיט קאַרעלינ'ען, אַז דאָס איז נאָר אַ „מיספערשטענדניס"? ניין, חברים, אַט איז אַ פּאַרטיי, וואָס שווימט אויף דער העכסטער כוואַליע פון אַ פאָלקס־רעוואָלוציע, אַ פּאַרטיי, וואָס איז נאָך אַרומגעוויקעלט מיט'ן רויך פון פולווער; זי קומט צו

איך און זאָגט אייך: אָט איז די מאַכט, נעהמט זי; און איהר, אַנשטאָט צו נעהמען דאָס, וואָס מען גיט אייך, געהט איהר אריבער אויפ'ן צד פונ'ם שונא. פרעג איך אייך: איז דאָס אַ מיספערשטענדניס? דאָס איז אַ קריעגס־ערקלעהרונג. און געדענקט, אַז ניט מיר האָבען ערקלעהרט דעם קריעג...

„אוויל‏אָוו סטראַשעט אונז, אַז אונזערע פריעדענס־פערהאַנדלונגען וועלען צו גאָר ניט פיהרען, אויב מיר וועלען זיין „איזאָלירט", זאָג איך אייך נאָך אַ מאָל: איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי אַ קאָאַליציע מיט סקאָבעלעוו'ן אָדער אפילו מיט טערעשטשענקאָ'ן קען אונז העלפען ברענגען פריעדען. אוויל‏אָוו סטראַשעט אונז, אַז מען וועט מאַכען פריעדען אויף אונזער חשבון. זאָג איך אייך, אַז אויב אייראָפּאַ וועט נאָך אַלץ שטעהן אונטער דער הערשאַפט פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, איז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד סיי ווי פערפאַלען...

„איינס פון די צוויי. ענטוועדער די רוסישע רעוואָלוציע וועט בעשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין אייראָפּאַ, אָדער די אייראָפּאַישע מעכטע וועלען פערניכטען די רוסישע רעוואָלוציע."

דער זאַאַל האָט איהם אַפּלאָדירט מיט אַ געוואַלדיגען אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטען. די מוטהיגסטע פראַגע אין דער געשיכטע, די אידעע, אַז רוסלאַנד וועט ווייזען אַ וועג די איבעריגע לענדער, האָט אָנגעצונדען אַלעמענס הערצער. פון דעם מאָמענט אָן איז געווען עטוואָס בעוואוסטזיניגעס און ענטשלאָסענעס אין די רעוואָלוציאָנערע מאַסען און אין אַלע זייערע האַנדלונגען. די דאָזיגע שטימונג האָט זיי שוין קיינמאָל ניט פערלאָזט.

דער אַנדערער צד האָט זיך אָבער אויך געגרייט צום קאַמפּף. קאַמענעוו גיט דאָס וואָרט אַ דעלעגאַט פון דעם פעראיין פון אייזענבאַהן־ארבייטער. דאָס איז אַ ניעדריגער, דיקליבער מאַן מיט אַ שטרענגען פּנים און מיט אַן אויסדרוק פון אונדערבאַרעמדיגער פיינדשאַפט. ער וואַרפט אַ באָמבע.

„אינ'ם נאָמען פון דער שטאַרקסטער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד פערלאַנג איך דאָס וואָרט און איך מעלד אייך: דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די אייזענבאַהן־ארבייטער זאָגט זיך אָב צו אונטערשטיצען די באָלשעוויקעס, אויב זיי בלייבען אָבגעשיידט פון דער גאַנצער רוסישער דעמאָקראַטיע." אַ גרויסער טומעל הויבט זיך אויף אין זאַאַל.

„אין יאָהר 1905 און אין די טעג פון קאָרנילאָוו׳ן זיינען די אייזענבאהן־ארבייטער געווען די בעסטע קעמפפער פאר דער רעוואָלו־ציע. איהר האָט אונז אָבער ניט איינגעלאַדען צו אייער קאָנגרעס.“ געשריייען: „דאָס האָט דער אַלטער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אייך ניט איינגעלאַדען.“ דער רעדנער מאכט זיך ניט וויסענדיג. „מיר אנערקענען ניט די געזעצליכקייט פון אָט דעם קאָנגרעס. זינט עס זיינען פון אייך אוועק די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען, האָט איהר ניט קיין געזעצליכען קוואָרום. דער אייזענ־באהן־פעראיין אונטערשטיצט דעם אַלטען צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, און ערקלעהרט, אז דער קאָנגרעס האָט ניט געהאַט דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַ נייעם קאָמיטעט.

„די מאכט דאַרף זיין אַ סאָציאַליסטישע און אַ רעוואָלוציאָנערע, פעראנטוואָרטליך פאר די געזעצליכע אָרגאַנען און פאר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. ביז אזא מאכט וועט זיך גרינדען, האָט דער פערבאַנד פון אייזענבאהן־ארבייטער בעשלאָסען: ערשטענס, ניט פיהרען קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמעען קיין פעטראָגראַד; צווייטענס, ניט פאָלגען קיין שום בעפעהל אָהן דער צושטימונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם פעראיין. דער פעראיין נעהמט אויך איבער אין זיינע הענד די גאַנצע פערוואַלטונג איבער די אייזענ־באהנען פון רוסלאַנד.“

זיינע לעצטע ווערטער האָט מען קוים געקענט הערען אין דעם שטורם פון זידעל־ווערטער, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין זאַאל. עס איז אָבער געווען אַ שווערער קלאַפּ. דאָס האָט מען געקענט זעהן אויף די פּנים׳ער פון פּרעזידיום. קאַמענעוו האָט זיך בעגרענעצט מיט אַן ענטפער, אַז די געזעצליכקייט פון דעם קאָנגרעס איז אויסער צווייפעל, ווארום אפילו נאָכדעם ווי עס האָבען זיך צוריקגעצויגען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, איז נאָך אַלץ געבליבען מעהר ווי דער קוואָרום, וואָס דער אַלטער צענטראַלער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט האָט בעשטימט.

די פראגע וועגען אָרגאַניזירען די מאכט ווערט אָבגעשטימט, און אַן אונגעהייערע מאַיאָריטעט זעצט ארויף דעם ראַטה פון די פאָלקס קאָמיסאַרען אויף זיין טהראָן.

די וואהלען פונ׳ם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דעם נייעם

פארלאמענט פון דער רוסישער רעפובליק, האבען קוים געדויערט פונפצעהן מינוט. טראצקי ערקלעהרט, אז ער וועט בעשטעהן פון הונדערט מיטגליעדער, זיעבציג פון זיי באלשעוויקעס. וואס איז שייך די פויערים און די יעניגע פראקציעס, וואס האבען זיך צוריקגעצויגען פון קאנגרעס, וועט מען פאר זיי לאזען א פלאץ. „מיר ווילען בעגריסען אלע פארטייען און גרופען וואס ווילען אננעהמען אונזער פראגראם און זיך ווילען בעטהייליגען אין דער רעגירונג", האט טראצקי געענדיגט.

און דערמיט האט זיך דער אלל־רוסישער קאנגרעס פון סאוויעטען געשלאסען, כדי זיינע מיטגליעדער זאלען זיך וואס גיכער פונאנדערפאהרען אין אלע פיער עקען פון רוסלאנד און דערצעהלען די גרויסע נייעס.

עס איז שוין געווען ארום 7 א זייגער אין דער פריה, ווען מיר האבען אויפגעוועקט די פערשלאפענע קאנדוקטארען און מאטאר־לייט פון די טראם־וואגאנען, וואס דער פעראיין פון טראמוואי־ארבייטער האט שטענדיג געהאלטען פאר דעם סמאלני אינסטיטוט, כדי אבצופיהרען אהיים די סאוויעט־דעלעגאטען. אין די וואגאנעס, האט זיך אונז אויסגעדאכט, איז איצט געווען וועניגער פרייד און וועניגער בעגייסטערונג, ווי נעכטען. פיעלע האבען אויסגעזעהן פערזארגט. אפשר האבען זיי זיך געפרעגט שטילערהייד: „אמת, מיר זיינען איצט מאקי די הערשער, אבער ווי קענען מיר דורכפיהרען אונזער ווילען?"

לעבען אונזער וואהנונג האט אונז אבגעשטעלט א פאטרול פון בעוואפענטע בירגער און האט גענוי דורכגעקוקט אונזערע פאפיערען. די פראקלאמאציע פון דער דומא האט געטהאן איהר ארבייט...

די בעל־הבית'טע האט געהערט, אז מיר זיינען געקומען, האט זי זיך בעוויזען אין א ראזאווען זיידענעם פעניואר.

„דער הויז־קאמיטעט האט אייך וויעדער געבעטען, איהר זאלט זיך שטעלען אין אטשערעד צו היטען דאס הויז גלייך מיט די איבעריגע מענער", האט זי געזאגט.

„צוליעב וואס זאל מען דאס היטען?"

„כדי צו בעשיצען דאס הויז, די פרויען און די קינדער."

„פון וועמען?"

„פון רויבער און מערדער."

„אבער וואס טהוט מען, אויב עס קומט א קאמיסאר פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט צו זוכען געוועהר?"

„אה, דאס וועלען זיי נאר זאגען, אז זיי זיינען קאמיסארען... און ווידער צוריק, וואס איז דער אונטערשיעד?"

איך האב פייערליך ערקלעהרט, אז דער קאנסול האט פערבאטען אלע אמעריקאנער בירגער צו טראגען געוועהר — דערהויפט אין שכנות מיט דער רוסישער אינטעליגענץ...

---

קאפיטעל זעקס

## דער רעטונגס־קאמיטעט

פרייטאג, דער 9טער נאוועמבער...

„נאוואטשערקאסק, דעם 8טען נאוועמבער.

„אזוי ווי עס איז פארגעקומען אן אויפשטאנד פון די באלשע־וויקעס און אזוי ווי זיי האבען גענומען א פראבע ארויפצוזעצען די פראוויזארישע רעגירונג איין צו פערכאפען די מאכט אין פעטראָ־גראד... ערקלעהרט די קאזאקען־רעגירונג, אז זי האלט אזוינע טהאטען פאר א פארברעכען וואס טאר ניט דערלאזען ווערען. די קאזאקען וועלען געבען זייער גאנצע שטיצע דער פראוויזארישער רעגירונג וואס איז א קאאליציאנס־רעגירונג. צוליעב די אויבענדערמאנטע אומשטענ־דען און ביז די פראוויזארישע רעגיערונג וועט צוריקגעווינען איהר מאכט און ס'וועט איינגעפיהרט ווערען ארדנונג אין רוסלאנד, נעהם איך איבער די מאכט, אנהויבענדיג פונ'ם זיעבעטען נאוועמבער, אין אלע אנגעלעגענהייטען, וואס זיינען שייך צו דער דאנער געגענד.

(אונטערגעשריבען)

א ט א מ א ן ק א ל ע ד י ן

דער פרעזידענט פון דער רעגירונג

פון קאזאקישע ארמייען.

**א פריקאז** פון דעם מיניסטער־פרעזידענט קערענסקי, ארויסגע־געבען אין גאטשינא:

„איך, דער מיניסטער־פרעזידענט פון דער פראוויזארישער רע־

גירונג און דער הויפט־קאָמאַנדיר איבער אַלע בעוואָפּענטע קרעפטען פון דער רוסישער רעפּובליק, ערקלעהר, אַז איך געפין זיך אָן דער שפּיץ פון די פאָלקען ביים פראָנט, וועלכע זיינען געבליבען טריי דעם פאָטערלאַנד.

„איך בעפעהל אַלע סאָלדאַטען פון דעם פּעטראָגראַדער מיליטערי־שען ראיאָן, וועלכע האָבען דורך אַ טעות אָדער אונוויסענהייט זיך געלאָזט פערפיהרען פון די פעררעטהער פון דעם לאַנד און דער רע־וואָלוציע, אַז זיי זאָלען זיך באַלד אומקעהרען און טהאָן זייער פפליכט.

„דער דאָזיגער בעפעהל זאָל געלייענט ווערען אין אַלע פאָלקען, באַטאַליאָנען און עסקאַדראָנען. אונטערגעשריבען:

מיניסטער־פּרעזידענט פון דער פּראָוויזאָרישער

רעגירונג און הויפּט־קאָמאַנדיר,

א. פּ. קערענסקי.“

אַ טעלעגראַם פון קערענסקי'ן צו דעם גענעראַל, וואָס קאָמאַנ־דעוועט איבער'ן צפון־פראָנט:

„גאַטשינאַ איז גענומען געוואָרען פון די לאָיאַלע פאָלקען אָהן בלוט־פארגיסונג. אַבטהיילונגען פון קראָנשטאַדטער מאַטראָזען, פון דעם סעמיאָנאָווסקי און איזמאַאילאָווסקי פאָלקען האָבען אָבגעגעבען זייער געוועהר אָהן אַ ווידערשטאַנד און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער רעגירונגס־אַרמיי.

„איך בעפעהל אַלע אונטען־אויסגערעכענטע אַבטהיילונגען, זיי זאָלען אַרויסטרעטען פאָרווערטס אַזוי שנעל ווי מעגליך. דער מיליטער־רישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט בעפוילען זיין אַרמעע אָבצו־טרעטען...“

גאַטשינאַ, אַ 30 קילאָמעטער קיין דרום־מערב צו, איז געפאַלען אין משך פון דער נאַכט. עס איז אמת, אַז אַבטהיילונגען פון די צוויי אויבענדערמאָהנטע פאָלקען (אָבער ניט קיין מאַטראָזען) זיינען אַרומ־גערינגעלט געוואָרען פון קאָזאַקען און האָבען אָבגעגעבען זייער גע־וועהר. די דאָזיגע אַבטהיילונגען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין יענער געגענד אָהן קאָמאַנדירען און אָהן אָרדנונג. עס איז אָבער ניט אמת, אַז זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעגירונגס־אַרמעע. אין דעם זעלביגען מאָמענט, ווען קערענסקי האָט אַרויסגעגעבען זיין בע־פעהל, זיינען פיעלע פון זיי געקומען אין סמאָלני, פערוואונדערט און

פערשעהמט, און געפּרואווט ערקלעהרען, וואָס מיט זיי איז געשעהן. זיי האָבען ניט געוואוסט, אז די קאָזאקען זיינען אזוי נאָהענט. זיי האָבען זיך געפּרואווט אויס׳טענה׳ן מיט די קאָזאקען.

עס איז געווען קלאָהר, אז דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פראָנט איז צומישט. די גאַרניזאָנען פון אַלע קליינע שטעדטלעך קיין דרום צו האָבען זיך צושפּאָלטען אויף צוויי אָדער דריי גרופּען, וואָס האָבען בשום אופן ניט געקענט דורכקומען. די העכערע קאָמאַנדירען זיינען דערוויילע געווען אויף קערענסקי׳ס צד, ווייל קיין שטאַרקערע מאַכט איז ניט געווען; די מעהרהייט פון די פּשוט׳ע סאָלדאַטען זיינען געווען אויפ׳ן צד פון די סאָוויעטען, און די איבעריגע האָבען זיך געוואַקעלט און האָבען אליין ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי.

אין גרויס איילעניש האָט דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער קאָמיטעט בעשטימט מוראַוויאָוו׳ן פאַר דעם קאָמאַנדיר צו פערטהיידיגען פּעטראָגראַד. מוראַוויאָוו איז געווען אַ קאַפּיטאַן פון דער אַלטער אַרמעע, אַ מאַן מיט אַ גרויסען עהר־גייץ. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט די טויט־באַטאַליאָנען אינ׳ם משך פון דעם זומער; דאָס האָט ער איינמאָל בעשולדיגט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, אז „זי איז צו ווייך מיט די באָלשעוויקעס“ און אז „מען דאַרף זיי אַלע אָבּווישען פון דעם פּנים פון דער ערד.“ דאָס איז געווען אַ פערברענטער מיליטאַריסט, מיט אַלע מיליטערישע טראַדיציעס. ער האָט געהאַט דרך ארץ פאַר מאַכט און מוטה. אפשר איז ער טאַקי געווען אויפריכטיג אין דעם פּרט...

אינדערפריה ווען איך בין אַראָבגעגאַנגען אין גאַס, האָב איך געפונען צוויי נייע פּריקאַזען פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט אָנגעקלעפּט אויף די ווענד. איינער האָט בעפוילען, אז אַלע קראָמען און געשעפטען זאָלען זיין אָפען ווי געוועהנליך, און אַנדערער — אז אַלע לעדיגע צימערען אין פּריוואַטע וואָהנונגען זאָלען איבערגעגעבען ווערען אינ׳ם רשות פונ׳ם קאָמיטעט.

זעקס און דרייסיג שטונדען זיינען די באָלשעוויקעס געווען אָבּגעשניטען פון דעם לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. די אייזענבאַהןבעאַמטע און טעלעגראַפיסטען האָבען זיך אָבגעזאָגט איבערצוגעבען זייערע דעפּעשען; די פּאָסט־בעאַמטע האָבען ניט געוואָלט בעזאָרגען זייער פּאָסט. נאָר דער דראָטלאָזער טעלעגראַף פון דער רעגירונג,

אין צארסקאָיע סעלאָ האָט אַרויסגעשיקט אַלע האַלבע שעה ביולעטענען און מאַניפעסטען אין אַלע פיער עקען פון דער וועלט; די קאָמיסארען פון סמאָלני האָבען זיך געיאָגט מיט די קאָמיסארען פון דער שטאָדט־דומא איבער׳ן שטח פון א האַלבען ערד־קוגעל, און צוויי אעראָפּלאנען אנגעלאָדען מיט אגיטאציאָנס־ליטעראטור זיינען געפלויגען אין דער לופטען צום פראָנט צו...

אָבער די כוואַליעס פון אויפשטאַנד האָבען זיך געשפּרייט איבער רוסלאַנד מיט אזא שנעלקייט, וואָס קיין אייזענבאהן און קיין פליה־מאשין וואָלט ניט געקענט דעריאָגען. דער העלסינגפאָרסער סאָוויעט האָט אנגענומען א רעזאָלוציע צו שטיצען די פעטראָגראדער רעגירונג; די קיעווער באָלשעוויקעס האָבען פערכאפּט דעם ארסענאַל און די טעלעגראף־סטאנציע און נאָר די דעלעגאטען פון דעם קאזאקען־קאָנגרעס, וועלכער איז גראד דעמאָלט אָבגעהאַלטען געוואָרען אין קיעוו, האָבען זיי פערטריעבען פון זייערע פּאָזיציעס; אין קאזאן האָט א מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ארעסטירט דעם אָרטיגען שטאב פון דעם גארניזאָן און דעם קאָמיסאר פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג; פון דעם וויטען קראסנאָיארסק אין סיביר איז אנגעקומען די ידיעה, אז די סאָוויעטען קאָנטראָלירען די אָרטיגע שטאָדט־פערוואַלטונג; אין מאָסקווא, וואו די לאַגע איז געווען זעהר געשפּאַנט צוליעב א גרויסען סטרייק פון לעדער־ארבייטער פון איין זייט און דער געפאהר פון אן אַלגעמיינעם לאָק־אוט פון דער אנדערער, האָבען די סאָוויעטען מיט א ריעזיגער מעהרהייט בעשלאָסען צו שטיצען די פעטראָגראדער באָלשעוויקעס. ס׳האָט זיך שוין דאָרט געגרינדעט א מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.

די זעלביגע זאך האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אומעטום. דער פּשוט׳ער סאָלדאט און דער פאבריק־ארבייטער האָבען אונטערשטיצט די סאָוויעטען: די אָפיצירען, די יונקערס און די בורזשואזיע זיינען געוועהנליך געשטאנען אויפ׳ן צד פון דער רעגירונג. דאָס זעלביגע מיט די קאדעטען און מעסיגע סאָציאַליסטען. אין די אַלע דערמאָנטע שטעדט האָבען זיך געבילדעט קאָמיטעטען צו ראטעווען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע. זייער אויפגאבע איז געווען אנצופיהרען א בירגער־קריעג.

רוסלאַנד איז זיך פונאנדערגעפאלען אויף איהרע עלעמענטען,

אנגעהויבען האָט זיך דאָס נאָך אין דעם יאָהר 1905. די מערץ־רעוואָלוציע האָט נאָר פערשנעלערט דעם פּראָצעס. עס האָבען זיך דעמאָלט בעוויזען סמנים פון אַ נייער אָרדנונג, אָבער געבליבען איז נאָך דער אַלטער אויסגעהוילטער גוף פון דער פּאַרצייטיגער אָרדנונג. איצט האָבען איהם די באָלשעוויקעס אין איין נאכט אומגעוואָרפען און צושאָטען ווי מען שיט פונאַנדער שטויב. דאָס אַלטע רוסלאַנד איז פערשוואונדען. די מענשליכע געזעלשאַפט האָט זיך פונאַנדערגעשמאָלצען אין שטאַרקער, פּרימיטיווער היץ. פון דעם קאָכעדיגען פייער־ים האָט זיך געהויבען דער קלאַסען־קאַמפף, שאַרף, אומדער־בּאַרעמדיג. אויף דער אויבער־פלאַך האָט זיך לאַנגזאַם פערצויגען דאָס זאַנפטע, שוואַכע הייטעל פון נייע פּלאַנעטען.

אין פּעטראָגראַד האָבען 16 מיניסטעריומס געסטרייקט אונטער דער פיהרונג פון דעם ארבייטס־מיניסטעריום און שפּייז־מיניסטעריום — די איינציגע צוויי, וואָס זיינען בעשאַפען געוואָרען דורך דער סאָציאַליסטישער קאָאַליציע פון אויגוסט.

אויב מענשען זיינען אמאָל געווען אַליין, האָט יענעם גראָהען קאַלטען פריהמאָרגען דאָס „הייפעל באָלשעוויקעס" געווים אויסגעזעהן אַליין. אַלע שטורמס האָבען זיך געהויבען ארום זיי. דער מיליטערי־שער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט דערפיהלט, אַז ער איז צוגע־שפּאַרט מיט'ן רוקען צום וואַנד, האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי קעמפּפען פאַר זיין לעבען. ער האָט דערלאַנגט אַ שווערען קלאַפּ. „מוטה, מוטה, און נאָכאמאָל מוטה!" פינף אַ זייגער פאַר־טאָג זיינען די רויטע גוואַרדייצעס אריינגעקומען אין דער דרוקעריי פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג, קאָנפיסקירט טויזענדער עקזעמפּלאַרען פון דעם פּראָטעסט־אויפרוף פון דער דומא און אונטערדריקט דעם אָפיציעלען דומא־אָרגאַן, דעם „וויעסטניק גאָראָדסקאָווא סאַמאָאָר־פּראַוולעניא" (ביולעטען פון דער שטאָדטישער זעלבסט־פערוואַלטונג). אַלע בורזשואזע צייטונגען האָט מען ארויסגעוואָרפען פון די דרוקע־רייען, אפילו דעם „גאָלאָס סאָלדאַטאַ", אַ צייטונג פון דעם אַלטען צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. די לעצטע האָט אָבער באַלד גע־ענדערט איהר נאָמען אויף „סאָלדאַטסקי גאָלאָס" און איז ארויס אין הונדערט טויזענד עקזעמפּלאַרען. איהר אַרטיקעל איז געווען פול מיט צאָרן און גאַל:

„די חברה, וואָס האָבען אָנגעהויבען זייער אָנפאַל אין דער פינ־סטערניש פון דער נאַכט, די פעררעטהער וואָס האָבען אונטערדריקט די ציימונגען, וועלען ניט קענען לאַנג האַלטען דאָס לאַנד אין אונוויסענ־הייט. דאָס לאַנד וועט וויסען דעם אמת! עס וועט אייך דערקענען, הערען באָלשעוויקעס, עס וועט פערשטעהן ווער איהר זייט. מיר וועלען נאָך זעהן...“

קורץ נאָכמיטאָג זיינען מיר ארויסגעגאַנגען אויף נעווסקי. די גאַנצע פאַר דעם בנין פון דער דומא איז געווען פערפלייצט מיט מענשען. דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען רויטע גוואַרדייצעס און מאַטראָזען מיט באַיאָנעטען אויף די ביקסען. ארום יעדען האָט זיך פערזאַמעלט א המון פון א הונדערט מענער און פרויען — אָנגע־שטעלטע, סטודענטען, קרעמער, טשינאָווניקעס, — וואָס האָבען גע־דראָהט מיט די פויסטען און געשאָטען קללות און זידלערייען. אויף די טרעפּ זיינען געשטאַנען אָפיצירען און יונגע אינגלעך אין מילי־טערישע קליידער און האָבען פונאַנדערגעטהיילט עקזעמפּלאַרען פון דעם „סאָלדאַטסקי גאָלאָס“. אונטען, לעבען די טרעפּ, איז געשטאַנען אַן ארבייטער מיט א רויטען באַנד ארום זיין ארבעל און א רעוואָלווער אין האַנד און פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם אָבגעבען די ציימונגען. דער ארבייטער האָט געציטערט פון כעס און אויפרעגונג, און דער עולם ארום איהם איז געווען זעהר פיינדליך... מיר דאַכט זיך, אַז קיינמאָל האָט די געשיכטע אַזוינע סצענעס ניט געזעהן. פון איין זייט א הייפעל ארבייטער און געוועהנליכע סאָלדאַטען מיט וואָפען אין די הענד, פאַרטרעטער פון א זיעגרייכער רעוואָלוציע, און דאָך ניעדער־געשלאָגען און איינגעצוואַנגען פערלוירען; פון דער אַנדערער זייט אַן אויפגערודערטער, בייזער המון פון אַזוינע מענשען ווי מען קען זעהן אויף די טראָטואַרען פון 5טער עוועניו ארום מיטאָג־צייט — אַלע אויפ־געבראַכט, צאָרנדיג, שרייענדיג אין איין קול: „פערעטהער! פּראָוואָקאַטאָרס! אפּריטשניקעס!“

סטודענטען און אָפיצירען האָבען געהיט די טהירען פון דער דומא. אויף זייערע ארבעל האָבען זיי געטראָגען ווייסע בענדער מיט רויטע אותיות: „מיליץ פון דעם קאָמיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט.“ עטליכע אינגלעך אין מיליטערישע מונדירען זיינען אריינגעקומען און ארויסגעגאַנגען דורך דער טהיר פון דער דומא.

אויבען איז דער עולם געווען שטארק אויפגערעגט. מיר האָבען בעגעגענט קאַפּיטאַן גאַמבערג, געהענדיג פון די טרעפּ. „זיי ווילען פונאַנדערלאָזען די דומא“, האָט ער געזאָגט, „דער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר איז איצט ביים גאָלאָווא“. ווען מיר זיינען ארויפגעגאַנגען ארויף, האָבען מיר געזעהן ריאַזאַנאָוו'ן ארויסגעהן. ער איז דאָס געקומען פאָדערען, אַז די דומא זאָל אנערקענען דעם ראטה פון די פאָלקס קאָמיסארען, און דער גאָלאָווא האָט איהם קורץ און שארף געענטפערט: „ניין.“

אין די קאַנצעלאַריעס איז א גרויסער עולם ארומגעלאָפען אהין און אהער, געשריען, געמאַכט מיט די הענד. דאָס זיינען געווען רע־גירונגס־בעאַמטע, אינטעליגענטען, זשורנאַליסטען, אויסלענדישע קאָ־רעספּאָנדענטען, פראַנצויזישע און ענגלישע אָפיצירען. דער שטאָדט־אינזשיניר האָט אָנגעוויזען אויף די ענגלישע אָפיצירען מיט א מינע פון נצחון. „די אַמבאַסאַדאָרס אנערקענען איצט די דומא אָלס די איינציגע קראַפט“, האָט ער ערקלעהרט. „די דאָזיגע באָלשעוויסטישע מערדער און רויבער זיינען ניט מעהר ווי א פראַגע פון עטליכע שטונ־דען. גאַנץ רוסלאַנד איז מיט אונז...“

אין אַלעקסאַנדראָווסקי זאַאַל איז פאָרגעקומען א ריעזיגע פער־זאַמלונג פון דעם רעטונגס־קאָמיטעט. פיליפּאָווסקי איז געווען פאָר־זיצענדער, און סקאָבעלעוו איז ווידער געווען אויף דער טריבונע. אונטער שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען מעלדעט ער, אַז נייע קרעפטען זיינען צוגעקומען צום קאָמיטעט: דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונ'ם פּויערים־סאָוויעט, דער אַלטער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דער צענטראַלער אַרמעע־קאָמיטעט, דער צענטראָ־פלאָט, די מענשע־וויסטישע, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע און פּראָנט־דעלעגאַטען פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס, די צענטראַל־קאָמיטעטען פון די מענשעוויקעס, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און פאָלקס־סאָציאַליסטען, די גרופּע „יעדינסטוואָ“, דער פּויערים־פעראַיין, קאָאָפּעראַטיוון, זעמסטוואָס, שטאָדט־פערוואַלטונגען, פּאָסט און טעלעגראַפען־פעראַיינען, דער אַלל־רוסישער פעראַיין פון אייזענבאַהן־ארבייטער, דער ראטה פון דער רוסי־שער רעפּובליק, דער פעראַיין פון פעראַיינען, דער פעראַיין פון סוחרים און פאַבריקאַנטען...

„...די מאַכט פון די סאָוויעטען איז ניט קיין דעמאָקראַטישע

מאכט, נאָר אַ דיקטאַטור, און ניט אַ דיקטאַטור פוּנ׳ם פּראָלעטאַריאַט, נאָר ג ע ג ע ן דעם פּראָלעטאַריאַט. יעדער איינער, וואָס האָט אַ רעוואָלוציאָנערע נשמה, מוז איצט צושטעהן צו אונז, כדי צו פערטהיידיגען די רעוואָלוציע...״

„די אויפגאַבע איז איצט ניט נאָר צו בעשאַפען אַזאַ לאַגע, אַז אונפעראַנטוואָרטליכע דעמאַגאָגען זאָלען ניט קענען ברענגען קיין שאָדען, נאָר אויך קעמפּפען געגען דער קאָנטר רעוואָלוציע. אויב עס איז אמת, אַז געוויסע גענעראַלען ווילען אויסניצען די געלעגענהייט און מאַרשירען אויף פּעטראָגראַד מיט רעאַקציאָנערע אויסזיכטען, איז דאָס נאָך אַן איבעריגער בעוויז, אַז מיר דאַרפען לעגען דעם פונדאַמענט פאַר אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג. אויב ניט, וועט דער רעכטער פליגעל נעהמען אונטערגראָבען אונטער דער רעוואָלוציע, ווי עס טהוט דער לינקער פליגעל.

„דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן קען ניט בלייבען רוהיג, ווען מען אַרעסטירט בירגער, וואָס קויפען דעם „גאָלאָס סאָלדאַטאַ“ און צייטונגס פערקויפער, וואָס פערקויפען די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“...

„די צייט פון רעזאָלוציעס איז שוין אַריבער. ווער עס האָט מעהר קיין בטחון ניט אין דער רעוואָלוציע, זאָל בעסער געהן אַהיים. כדי צו בילדען אַ פעראייניגטע קראַפט, מוזען מיר צוריק אויפהויבען דעם פּרעסטיזש פון דער רעוואָלוציע...

„לאָמיר שווערען, אַז אָדער די רעוואָלוציע וועט געראַטעט ווערען, אָדער מיר וועלען אַלע שטאַרבען!״

אַלע שטעלען זיך אויף די פיס. פריידי־געשרייען, אויגען ברענען. אין דעם גאַנצען זאַאַל האָב איך ניט געזעהן קיין איינציגען פּראָלעטאַריער...

וויינשטיין רעדט:

„מיר מוזען בלייבען רוהיג. מיר מוזען זיך אָבהאַלטען פון יעדען שריט, ביז די געזעלשאַפטליכע מיינונג וועט ניט ווערען אָרגאַניזירט אַרום דעם רעטונגס־קאָמיטעט. דאַן וועלען מיר איבערגעהן פון פערטהיידיגונג צו אַן אָנפאַל!״

דער פערטרעטער פון דעם אַלל־רוסישען אייזענבאַהן־פעראיין מעלדעט, אַז זיין אָרגאַניזאַציע נעהמט אויף זיך די איניציאַטיווע צו בילדען אַ נייע רעגירונג און אַז איהרע דעלעגאַטען פערהאַנדלען

איצט די פראגע מיט סמאָלני. עס הויבט זיך אָן א הייסע דיסקוסיע, צו זאָל מען אריינגעהמען די באָלשעוויקעס אין דער נייער רעגירונג, צו ניט. מארטאָוו זאָגט זיך ארוים פאר. סוף כל סוף, מיינט ער, זיינען זיי דאָך א וויכטיגע פּאָליטישע פּארטיי. די מיינונגען זיינען צוטהיילט. דער רעכטער פליגעל פון די מענשעוויקעס און סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען ווי אויך די פּאָלקס־סאָציאַליסטען, די קאָאָפּעראַ־טיווען און די בורזשואזע עלעמענטען, זיינען אַלע אויסדריקליך געגען.

„זיי האָבען פערראַטהען רוסלאַנד", זאָגט איין רעדנער. „זיי האָ־בען אָנגעהויבען א בירגער־קריעג און אויפגעעפענט דעם פראָנט פאר די דייטשען. מען מוז זיי ברעכען אָהן שום צערעמאָניעס..."

סקאָבעלעוו האַלט, אז מען דארף אויסשליסען סיי די באָלשעווי־קעס, סיי די קאַדעטען.

מיר האָבען זיך אריינגעלאָזען אין א שמועס מיט א יונגען סאָציאַ־ליסט־רעוואָלוציאָנער, איינער פון די, וואָס האָבען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס פערלאָזט די דעמאָקראַטישע קאָנפערענץ אין יענער בעריהמטער נאַכט, ווען צערעטעלי און די „פּשרה־מאַכער" האָבען ארויפגעצוואונגען א קאָאַליציע אויף דער רוסישער דעמאָקראַטיע. „ווי קומט איהר אַהער?" האָב איך געפרעגט.

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. „יא", האָט ער אויסגע־שריען. „איך האָב פערלאָזט דעם קאָנגרעס צוזאַמען מיט מיין פּאַרטיי. מיר זיינען ארויסגעטראָטען מיטוואָך בייגאַכט. ניט צוליעב דעם האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבען צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד, אז איך זאָל זיך איצט אונטערוואַרפען אונטער דער טיראַניע פון דעם טשאָרני נאַראָד. זייערע מעטהאָדען זיינען אונערטרעגליך, אָבער זיי האָבען ניט גענומען אין בעטראַכט די פּויערים... ווען די פּויערים וועלען זיך א ריהר טהאָן, וועט אין עטליכע מינוט פון זיי קיין זכר ניט בלייבען."

„אָבער זייט איהר זיכער, אז די פּויערים וועלען זיין געגען? איז דען ניטאָ א האָפנונג, אז דאָס לאַנד־געזעץ וועט בעפריעדיגען די פּויערים? וואָס נאָך קענען זיי וועלען?"

„אָה, דאָס לאַנד־געזעץ!" האָט ער אויסגעשריען מיט גיפטיגען צאָרן. „יא, ווייסט איהר, וואָס פאר א לאַנד־געזעץ דאָס איז? עס

איז אונזער געזעץ, — עס איז דאָס פּראָגראַם פון די סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען מיט אַלע פּרטים. דאָס האָט מיין פּאַרטיי זאָרגפעלטיג אַנאַליזירט די פאָדערונגען פון די פּויערים אין די פערשיעדענע געגענדען. דאָס האָט מיין פּאַרטיי אָנגעמערקט אָט די פּאָליטיק. עס איז אַן אמת׳ע רציחה...״

„אויב דאָס איז טאַקי באמת אייער פּאָליטיק, טאָ וואָס זייט איהר ברוגז? אויב דאָס זיינען טאַקי די פאָדערונגען פון די פּויערים, טאָ פאַר וואָס זייט איהר געגען?״

„איהר פערשטעהט ניט! זעהט איהר דען ניט, אַז די פּויערים וועלען באַלד דערקענען דעם שווינדעל? מיינט איהר, אַז מען קען פון זיי בעהאַלטען דעם פאַקט, אַז מען האָט פּשוט גע׳גנב׳עט דעם פּראָגראַם ביי די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען?״

איך האָב געפרעגט, צו עס איז אמת, אַז קאַלעדין רוקט זיך קיין צפון. יענער האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ אויף יא און האָט זיך גע־ריבען די הענד מיט בייזער צופריעדענהייט. „יא, איצט זעהט איהר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען אָנגעמאַכט? זיי האָבען אויפגעהויבען די קאָנטער־רעוואָלוציע געגען אונז. די רעוואָלוציע איז פערלוירען. די רעוואָלוציע איז פערלוירען!

„אָבער וועט איהר גאָר ניט פערטהיידיגען די רעוואָלוציע?״

„געוויס וועלען מיר זי פערטהיידיגען — ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. אָבער מיר וועלען ניט אַרבייטען בשותפות מיט די באָלשעווי־קעס. דאָס געוויס ניט...״

„אָבער שטעלט אייך פאָר, אַז קאַלעדין קומט קיין פּעטראָגראַד און די באָלשעוויקעס פערטהיידיגען די שטאָדט. וועט איהר ניט אַר־בייטען מיט זיי צוזאַמען?״

„געוויס ניט. מיר וועלען אויך פערטהיידיגען די שטאָדט, אָבער מיר וועלען ניט שטיצען די באָלשעוויקעס. קאַלעדין איז אַ שונא פון דער רעוואָלוציע, אָבער די באָלשעוויקעס זיינען אויך שונאים פון דער רעוואָלוציע.״

„ועמען וואָלט איהר אויסגעקליבען פון די צוויי: קאַלעדינ׳ען אָדער די באָלשעוויקעס?״

„דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם״, האָט ער אונגעדולדיג אַרויס געפּלאַצט. „איך זאָג אייך, אַז די רעוואָלוציע איז פערשפּיעלט, און

ווער איז שולדיג? — די באָלשעוויקעס! אָבער וואָס טויג אונז בכלל רעדען וועגען אַזוינע זאַכען? קערענסקי קומט דאָך צוריק... איבערמאָרגען וועלען מיר אָנהויבען אַן אָפּענסיווע... סמאָלני האָט שוין געשיקט צו אונז דעלעגאַטען מיט אַ פאָרשלאַג צו בילדען אַ נייע רעגירונג. אָבער וואָס הערען מיר זיי — זיי זיינען אין גאַנצען מאַכט־לאָז... מיר ווילען מיט זיי ניט קיין שותפות..."

אַ שאָס האָט זיך דערהערט אין דרויסען. מיר זיינען צוגעלאָפען צום פענסטער. אַ רויטער גווארדייעץ האָט, קענטיג, ניט געקענט אויס־האַלטען די זידלערייען און דאָס געשפּעט פון דעם המון, האָט ער אויסגעשאָסען און פערוואונדעט אַ יונג מיידעל אין אָרעם. מיר האָבען געזעהן, ווי מען האָט זי אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעט. דער אויפגערעגטער עולם האָט זי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. שטימען האָבען זיך געלאָזט הערען, געשרייען, געפּילדער. ווי מיר זיינען אַזוי געשטאַנען ביים פענסטער, האָט זיך פּלוצלונג אַ געפּאַנצערטער אויטאָ־מאָביל בעוויזען אויפ'ן ראָג מיכאַילאָווסקי. זיינע האַרמאַטען האָבען זיך געקירעוועט אַהין און אַהער. דער עולם האָט זיך באַלד געלאָזט לויפען, ווי דאָס טהוט מען שטענדיג אין פּעטראָגראַד אין אַזאַ פאַל. מענשען האָבען זיך געוואָרפען אויף דער ערד און געלעגען אונבעוועגליך אין גאַס, אין די רינשטאָקען, הינטער טעלעפאָן־סלופּעס. די מאַשין איז צוגעפאָהרען צו די טרעפּ פון דער דומאַ. אַ מאַן האָט אַרויסגע־שטעקט זיין קאָפּ פון דעם טהורם און האָט זיך געהייסען אָבגעבען די נומערען „סאָלדאַטסקי גאָלאָס". די אינגלעך אין מיליטערישע קליי־דער האָבען געמאַכט חוזק פון דעם מאַן און זיינען אַנטלאָפען אין דער געביידע. אין אַ מינוט אַרום איז דער אויטאָמאָביל לאַנגזאַם אָבגעפאָהרען אַרויף נעווסקי. עטליכע הונדערט מענער און פרויען האָבען זיך אויפגעהויבען און גענומען רייניגען זייערע קליידער.

אינוועניג זיינען מענשען אַרומגעלאָפען אַהין און אַהער מיט פּעק נומערען „סאָלדאַטסקי גאָלאָס" און געזוכט אַ פּלאַץ וואו זיי צו בעהאַלטען...

אַ זשורנאַליסט איז אַריינגעלאָפען אין זאַל מיט אַ פּאַפּיער אין האַנד.

„אָט איז אַ פּראָקלאַמאַציע פון קראַסנאָוו'ן, האָט ער אויסגעשריי־ען צום עולם, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. „דרוקט

עס אָב, דרוקט עס אָב וואָס גיכער, און לאָז מען עס פערשפּרייטען אין די קאַזאַרמעס!"

דאָס איז דער טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע:

„לויט אַ בעפעהל פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר בין איך געוואָרען קאָמענדאַנט פון אַלע אַרמעען, וואָס געפינען זיך אַרום פּעטראָגראַד.

„בירגער, סאָלדאַטען, העלדישע קאַזאַקען פון דאָן, קובאַן, טראַנס־באַיקאַל, אַמור, יעניסיי, איהר אַלע וואָס זייט געבליבען טריי צו אייער שבועה, איהר אַלע וואָס האָט געשוואָרען צו היטען אייער קאַזאַקישע עהרע, אייך אַלע רוף איך, איהר זאָלט ראַטעווען פּעט־ראָגראַד פון אַנאַרכיע, פון הונגער, פון שקלאַפעריי, איהר זאָלט ראַטעווען רוסלאַנד פון דער אייביגער שאַנד, אין וועלכע אַ הייפעל אונוויסענדע מענשען, געקויפט דורך ווילהעלם'ס גאָלד, ווילען זי אַריינוואַרפען.

„די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, וועמען איהר האָט געשוואָרען טריי־הייט אין די גרויסע טעג פון מערץ, איז ניט אַרונטערגעוואָרפען. זי איז נאָר מיט געוואַלד פערטריעבען געוואָרען פון דער געביידע, וואו זי האָט געהאַט איהרע זיצונגען. די רעגירונג האָט געשוואָרען, אַז מיט דער הילף פון די פראָנט־אַרמעען וואָס זיינען געבליבען געטריי צו זייער פּפליכט, מיט דער הילף פון דעם קאַזאַקען־ראַטה, וואָס האָט פעראייניגט אונטער איין קאָמאַנדע אַלע קאַזאַקען און וואָס איז שטאַרק דורך דער דיסציפּלין אין די רייהען פון די קאַזאַ־קען און האַנדעלט אין איינקלאַנג מיט דעם ווילען פון'ם רוסישען פאָלק, וועט זי דינען דעם לאַנד, פּונקט אַזוי ווי איהרע עלטער־זיידעס האָבען געדיענט דעם לאַנד אין די אומרוהיגע צייטען פון 1612, ווען די דאָנער קאַזאַקען האָבען געראַטעוועט מאָסקווא פון די שוועדען, די פּאָליאַקען, די ליטאָווצעס. אייער רעגיערונג לעבט נאָך...

„די אַקטיווע אַרמעע קוקט אויף די פערברעכער מיט שרעק און פעראַכטונג. זייערע רויבערישע מעשים, זייערע פערברעכענס, זייער דייטשער קוק אויף רוסלאַנד, וועלכע איז אונטערדריקט, אָבער ניט געבראָכען, — דאָס אַלעס האָט זיי געמאַכט פערהאַסט ביים גאַנצען פאָלק.

„בירגער, סאָלדאַטען, העלדישע קאַזאַקען פון דעם פּעטראָגראַ־

דער גאַרניזאָן, שיקט צו מיר אייערע דעלעגאַטען, כדי איך זאָל וויסען ווער עס איז אַ פערטעהער פון זיין פאַטערלאַנד און ווער ניט, כדי איך זאָל פערשפּאָרען פערגיסען אומשולדיגע בלוט.“

אַ נייע ידיעה איז דורכגעלאָפען ווי אַן עלעקטרישער שטראָם פון גרופּע צו גרופּע: די דומא איז אַרומגערינגעלט מיט רויטע גוואַרדייצעס. עס איז אריינגעקומען אַן אָפיציר מיט אַ רויטען באַנד ארום אַרבעל און געפרעגט אויפ׳ן גאָלאָווא. אין עטליכע מינוט ארום איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דעם גאָלאָוואַ׳ס צימער. שריידער איז אויך אַרויסגעגאַנגען, און זיין פּנים האָט זיך געביטען פון רויט צו וויים.

„אַן אויסעראָרדענטליכע זיצונג פון דער דומא!“ האָט ער אויסגעשריען. „די מינוט!“

די זיצונג אינ׳ם גרויסען זאַאַל איז גלייך איבערגעריסען געוואָרען.

„אַלע מיטגליעדער פון דער דומא זאָלען קומען צו אַן אויסעראָרדענטליכער זיצונג!“

„וואָס איז?“

„איך ווייס ניט — זיי ווילען אונז אַרעסטירען — זיי ווילען פונאַנדערלאָזען די דומא — זיי אַרעסטירען די מיטגליעדער ביים טהיר —“ אַזוינע ערקלעהרונגען האָבען זיך געהערט דאָ און דאָרט.

אין ניקאָלאַיעווסקי זאַאַל איז געווען אַזוי ענג, אַז עס איז אפילו ניט געווען וואו צו שטעהן. דער גאָלאָוואַ האָט געמעלדעט, אַז סאָלדאַטען שטעהען לעבען יעדער טהיר און לאָזען קיינעם ניט אריין און אַרויס. אַ קאָמיסאַר האָט געסטראַשעט צו אַרעסטירען און פונאַנדערלאָזען די שטאָדט־דומאַ. אַ שטראָם היציגע רעדעס האָט זיך אַ גאָס געטהאָן פון צווישען די מיטגליעדער און אפילו פון דער גאַלערעע. די פריי־ערוועהלטע שטאָדט־רעגירונג האָט ק י י נ ע ר ניט דאָס רעכט פונאַנדערצולאָזען; די פּערזאָן פון דעם גאָלאָוואַ און די גלאַסני איז אונבעריהרבאַר; די טיראַנען, די פּראָוואָקאַטאָרס, די דייטשע אַגענטען, טאָרען קיינמאָל ניט אַנערקענט ווערען; און וואָס זיי סטראַשען צו פונאַנדערלאָזען אונז, זאָלען זיי, אדרבא, פּרואווען. נאָר איבער אונזערע טויטע קערפּערס וועלען זיי אַריינקומען אין דעם זאַאַל. מיר וועלען שטאַרבען ווי די פאַרצייטיגע רוימי־

שע סענאטאָרס, ווען זיי האָבען מיט ווירדע געוואָרט אויף דעם אָנפאַל פון די גאָטהען...

עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז די נייעס זאָל תיכף טעלעגראַפירט ווערען צו די דומאַס און די זעמסטוואָס פון גאַנץ רוסלאַנד. עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז דער גאָלאָווא אָדער דער פאָרזיצענדער פון דער דומא קענען ניט האָבען קיין שום בעציהונגען מיט די פערטרעטער פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט אָדער מיט דעם אַזוי גערופענעם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען. עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַרויסצולאָזען אַ נייעם אויפרוף צו דער בעפעלקערונג פון פעטראָגראַד און זי אויפפאָדערען צו פערטהיידיגען איהר ערוועהלטע שטאָדט־רעגירונג. עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו בלייבען אין אַ פערמאַנענטע זיצונג...

דערווייל קומט אריין אַ גלאַסני און מעלדעט, אַז ער האָט אָקאָרשט טעלעפאָנירט אין סמאָלני, האָט איהם דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געזאָגט, אַז ער האָט ניט אַרויסגעגעבען קיין שום בעפעהלען אַרומצורינגלען די דומא און אַז די סאָלדאַטען וועלען צוריקגעצויגען ווערען...

ווען מיר זיינען געגאַנגען פון די טרעפּ צום טהיר, האָט ריאַזאַנאָוו זיך אריינגעריסען פון גאַס, שרעקליך אויפגערעגט.

„גאָט אין הימעל, ניין", האָט ער געענטפערט. „עס איז אַלעס אַ טעות. איך האָב געזאָגט דעם גאָלאָווא היינט אין דער פריה, אַז מיר וועלען ניט טשעפּען די דומא"...

אין גאַס איז שוין געוואָרען טונקעל. צוויי לאַנגע רייהען ציקליסטען זיינען אָנגעקומען אויף זייערע מאַשינען מיט ביקסען אויף די פּלייצעס. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט, און דער עולם האָט זיי אַרומגערינגעלט און בעשאָטען מיט פראַגען.

„ווער זייט איהר, פון וואַנען קומט איהר?" האָט געפרעגט אַ דיקער אַלטער מאַן מיט אַ ציגאַר אין מויל.

„די 12טע אַרמעע. פונ׳ם פראָנט. מיר זיינען געקומען אונטערשטיצען די סאָוויעטען געגען דער פערפלוכטער בורזשואזיע!"

„אַה!" האָבען זיך דערהערט צאָרענדיגע געשרייען. „באָלשעוויסטישע זשאַנדאַרמען! באָלשעוויסטישע קאָזאַקען!"

א ניעדעריטשקער אָפיציר אין א לעדערנעם מאַנטעל איז אראָב־געלאָפען פון די טרעפּ אין גאַס אריין. „דער גארניזאָן ענדערט זיין האַלטונג", האָט ער מיר אריינגעראַמט אין אויער. „עס הויבט זיך אָן דער סוף פון די באָלשעוויקעס. ווילט איהר זעהן, ווי אַזוי עס ענדערט זיך די שטימונג? קומט מיט מיר!" ער האָט זיך געלאָזט שנעל געהן איבער מיכאַילאָווסקי, מיר מיט איהם.

„וואָס פאר א פּאָלק איז דאָס?"

„די בראָנעוויקעס..."

דאָס האָט טאַקי אויסגעזעהן גאַנץ ערנסט. די בראָנעוויקעס זיינען געווען די סאָלדאַטען פון די בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען. אָן זיי האָט זיך געווענדעט די גאַנצע לאַגע. ווער עס האָט געהאַט אויף זיין צד די בראָנעוויקעס, איז געווען דער הערשער פון פּעטראָגראַד. דער אָפיציר האָט געזאָגט:

„די קאָמיסאַרען פון דעם רעטונגס־קאָמיטעט און פון דער דומא האָבען זיך געשטעלט מיט זיי אין פערבינדונג. זיי האַלטען איצט א פערזאַמלונג, וואו זיי דאַרפען בעשליסען..."

„וואָס בעשליסען: אויף וועמעס צד צו קעמפּפען?"

„אָה, ניין, דאָס קען מען פון זיי ניט פערלאַנגען. זיי וועלען קיינ־מאָל ניט קעמפּפען געגען די באָלשוויקעס. זאָלען זיי נאָר שטימען צו בלייבען נייטראַל — דאַן וועלען די יונקערס און קאָזאַקען — "

די טהיר פון דעם גרויסען מיכאַילאָווסקי מאַנעזש (רייט־שוהלע) איז געשטאַנען אָפען און האָט אויסגעזעהן ווי א שוואַרצע לאָך. צוויי וואַכלייט האָבען אונז געפּרואווט אָבשטעלען, אָבער מיר האָבען זיך שנעל אריינגערוקט, ניט הערענדיג זייערע אונצופריעדענע טענות. אינ־ווענדיג האָט נאָר איין גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ געברענט אונטער'ן באַלקען. דער ריעזיגער זאַאל איז געווען אָנגעפּילט מיט שאָטענס. די שלאַנקע קאָלאָנען און די רייהען פענסטער זיינען צושוואומען געוואָרען אין דער פינסטער. אַרום און אַרום האָבען זיך קוים געזעהן די געשטאַל־טען פון די גרויסע מאָדנע בעשעפעניסען — די בעפּאַנצערטע אויטאָ־מאָבילען. איין מאַשין איז געשטאַנען אין מיטען זאַאל אָבגעטהיילט פון די איבריגע. אַרום איהר זיינען געווען פערזאַמעלט אַזוינע צוויי טויזענד גראָהליבע סאָלדאַטען. די גרופּע האָט אויסגעזעהן ווי פער־בלאָנדזשעט אין מיטען דער געוואַלדיגער קייזערליכער געביידע. אויפ'ן

דאך פון דער מאשין זיינען געזעסען אזוינע צעהן צוועלף מענשען, אָפיצירען, פּאַרזיצענדע פון סאָלדאטען־קאָמיטעטען און רעדנער. פון דעם מיטעלסטען טהורם האָט אַ סאָלדאַט געהאַלטען אַ רעדע. דאָס איז געווען חאנזשונאָוו, וועלכער איז דעם לעצטען זומער געווען פּרעזי־דענט פון דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס פון בראָנעוויקעס. ער איז געווען אַ שלאַנקער מאַן מיט אָפּיצערסקע עפּאָלעטען אויף זיין לעדערנעם מאַנטעל. ער האָט געהאַלטען אַ ווארימע רעדע פאַר נייטראַליטעט.

„עס איז שרעקליך", האָט ער געזאָגט, „אַז רוסישע מענשען זאָ־לען טויטען זייערע ברידער. עס טאָר ניט זיין קיין בירגער־קריעג צווי־שען סאָלדאטען, וואָס זיינען געשטאַנען אין געשלאָסענע רייהען געגען צאַר און האָבען בעזיעגט דעם אויסוועניגסטען שונא אין היסטאָרישע מלחמות. וואָס קעהרען מיר, סאָלדאטען, זיך אָן מיט די אַלע צאַנקער־רייען פון פּאָליטישע פּארטייען? איך וויל ניט זאָגען, אַז די פּראָוויזאָ־רישע רעגיערונג איז געווען אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג. מיר ווילען ניט קיין קאָאַליציע מיט דער בורזשואזיע, — דאָס ניט, אָבער מיר מוזען האָבען אַ רעגירונג פון דער פֿעראייניגטער דעמאָקראַטיע, אַז ניט איז רוסלאַנד פערשפּיעלט! מיט אַזאַ רעגירונג וועלען מיר פערשפּאָרען בירגער־קריעג און מיר וועלען פערשפּאָרען, אַז איין ברודער זאָל טויטען אַ צווייטען!"

עס האָט אויסגעזעהן, אַז דער רעדנער רעדט צו דער זאַך. דער גרויסער זאַאַל האָט אָבגעקלונגען מיט אויסרופען און אַפּלאָדיסמענטען.

אַ בלאַסער סאָלדאַט מיט איינגעפאַלענע באַקען איז ארויפגעקראָ־כען אויפ'ן טהורם. „חברים", האָט ער געזאָגט, „איך קום פונ'ם רומע־נישען פראָנט צו זאָגען אייך אָהן טענות: מיר מוזען האָבען פריעדען! באַלדיגען פריעדען! ווער ס'קען אונז נאָר געבען פריעדען, צו די באָלשעוויקעס צו אַ נייע רעגירונג, וועלען מיר זיין מיט זיי. פריעדען! מיר ביים פראָנט קענען מעהר ניט קעמפפען. מיר קענען ניט קעמפפען ניט געגען די דייטשען, ניט געגען רוסען —" דער סאָלדאַט איז אראָבגעשפּרונגען. אומרוהיגע קולות האָבען זיך געלאָזט הערען איבער דער מאַסע. עפּעס אַ מין פיינדליכע שטימונג האָט זיך געפיהלט ארום און ארום. ווען אַ מענשעוויק־אָבאָראָנעץ האָט געפּרואווט טענה'ן, אַז מען דאַרף פאָרטזעצען דעם קריעג ביז די אַליאירטע וועלען זיעגען, האָט זיך דערפיהלט אַ צאָרענדיגע כוואַליע.

„איהר רעדט ווי קערענסקי״, — האָט אַ גראָבע שטימע אויסגע־
שריען.

אַ דעלעגאַט פון דער דומאַ איז אויפגעשטאַנען. ער האָט גערעדט פאַר נייטראַליטעט. די סאָלדאַטען האָבען זיך איינגעהערט, אָבער פון צייט צו צייט געוואָרטשעט. זיי האָבען געפיהלט: ער איז ניט זייערער. קיינמאָל האָב איך ניט געזעהן אַזאַ אָנגעשטרענגטע פערזאַמלונג. מענשען האָבען טאַקע געוואָלט פערשטעהן די לאַגע, געוואָלט בעשליסען מיט שכל. זיי זיינען געשטאַנען אונבעוועגליך, געקוקט דעם רעדנער אין מויל אריין מיט אַ שרעקליכער אויפמערקזאַמקייט, זייערע שטערענס האָבען זיך געקנייטשט פון שווערע טראַכטען, שוויס האָט זיך בעוויזען אויף זייערע פּנים׳ער. גרויסע ריעזען מיט אונשולדיגע קלאָהרע קינ־דערשע אויגען און מיט פּנים׳ער פון עפּישע קריעגס־לייט...

אַ באָלשעוויק האָט גערעדט. איינער פון זייערע אייגענע. גע־רעדט מיט קראַפט, מיט האַס. ער איז זיי ניט בעסער געפעלען, ווי דער פריהערדיגער רעדנער. ער האָט ניט אויסגעדריקט זייער שטימונג. אויף איין מינוט האָבען זיי זיך דערהויבען איבער דעם אַלל־טעגליכען געדאַנקען־גאַנג. זיי האָבען געטראַכט וועגען רוסלאַנד, וועגען סאָציאַ־ליזם, וועגען דער וועלט. אַקוראַט ווי אַן זיי וואָלט זיך געווענדעט צו די רעוואָלוציע זאָל לעבען, צו שטאַרבען...

אַ רעדנער נאָך אַ רעדנער האָבען בעהאַנדעלט די פראַגע. אַמאָל האָט געהערשט אָנגעשטרענגטע שטילקייט, אַמאָל האָבען אויסגעבראָכען שטימען פון צופריעדענהייט, פון כעס. זאָל מען ארויסטרעטען אָדער ניט? חאַנזשונאָוו האָט ווידער גערעדט. ער איז אַ סימפּאַטישער מענש מיט ווייכע מאַניערען. אָבער איז ער דען ניט אַן אָפיציר, אַן אַבאַראָנעץ, כאָטש ער רעדט פון פריעדען? אָט איז אַן ארבייטער פון וואַסילעאָסטראָווסקי שטאָדט־טהייל. צו איהם רופען זיי: „קענט איהר, ארבייטער, אונז געבען פריעדען?״ לעבען אונז האָבען עטליכע אָפיצירען און אַ פּאָר סאָלדאַטען געבילדעט אַ מין גרופּע צו אַפּלאָדירען די נייטראַליסטען. זיי האָבען נאָכאַנאַנד געשריען: „חאַנזשונאָוו, חאַנזשונאָוו!״ ווען אַ באָלשעוויק האָט געפּרואווט רעדען, האָבען זיי געפייפט.

די קאָמיטעטשיקעס און די אָפיצירען אויפ׳ן דאַך פונ׳ם אויטאָ־מאָביל האָבען עפּעס אָנגעהויבען דיסקוטירען צווישען זיך מיט גרויס

היץ. דער עולם אין זאאל האט אנגעהויבען שרייען, אז מען זאל דערצעהלען וועגען וואס זיי ריידען. די גרויסע מאסע האט זיך גע־נומען וויעגען אהין און אהער. א סאלדאט האט זיך ארויסגעדרעהט פון די הענד פון אן אפיציר, וואס האט איהם געוואלט צוריקהאלטען. דער סאלדאט האט אויפגעהויבען זיין האנד.

„חברים", האט ער אויסגעשריען, „טאוואַרישטש קרילענקא איז דא און ער וויל צו אייך רעדען". די סאלדאטען שרייען, פייפען, רופען: „פראסים! פראסים! דאלאי!" (מיר בעטען! מיר בעטען! ניעדער!) אינמיטען אט דעם טומעל קריכט דער פאלקס־קאמיסאר פאר מיליטערישע אנגעלעגענהייטען ארויף איבער דער זייט פון דער מאשין. עטליכע מענשען העלפען איהם פון פארענט און פון הינטען. הענט שטרעקען זיך צו איהם פונ׳ם דאך פונ׳ם אויטאמאביל. ער שטעלט זיך אויף, שטעהט א מינוט, געהט דאן אריבער צו דעם ראדי־אטאר, שטעלט אן די הענד פאד באקאם, קוקט ארום און ארום און שמייכעלט. ער איז א ניעדריגער, מיט קורצע פיס, אהן א היטעל, אהן שום צייכענס אדער מעדאלען אויף זיין פארמע.

די גרופע לעבען מיר שרייט נאכאנאנד: „חאנזשונאוו! מיר ווילען חאנזשונאוו'ן! ניעדער מיט איהם! שווייג! ניעדער מיט דעם פעררעטהער!" דער גאנצער פלאץ זידט און שטורעמט. דער עולם הויבט זיך אן ריהרען, עפעס ווי א שטורם רוקט זיך פון אלע זייטען. מענשען מיט גרימיגע פנים׳ער שטופען זיך דורך נעהנטער.

„ווער וויל דאס ארונטעררייסען די פערזאמלונג?" שרייען זיי. „ווער פייפט דא?" די גרופע ווערט פונאנדערגעטהיילט, צושפרייט זיך איבער׳ן זאאל און פערזאמעלט זיך שוין ניט מעהר...

„חברים־סאלדאטען", הויבט קרילענקא אן, און זיין שטימע איז הייזעריג פון מיעדקייט, „איך קען ניט גוט רעדען; עס טהוט מיר זעהר לייד; איך בין שוין ניט געשלאפען פיער נעכט...

„איך דארף אייך ניט דערצעהלען, אז איך בין א סאלדאט. איך דארף אייך ניט דערצעהלען, אז איך וויל פריעדען. וואס איך מוז אייך יא זאגען איז, אז די באלשעוויסטישע פארטיי, וועלכע האט אקארשט געוואונען אין דער ארבייטער־ און סאלדאטען־רעוואלוציע מיט אייער הילף און מיט דער הילף פון אלע איבעריגע מוטהיגע חברים, וועלכע האבען אויף אייביג געבראכען די קראפט פון דער בלוט־דורש־

טיגער בורזשואזיע, — אז אַט די פּאַרטיי האָט פערשפּראָכען זיך וועגדען מיט אַ פריעדענס־פּאָרשלאַג צו אַלע פעלקער, און זי האָט עס טאַקע שוין געטהאָן אויך, היינט!״ טומעלדיגע אַפּלאָדיסמענטען.

„מען בעט אייך בלייבען נייטראַל, בלייבען נייטראַל אין אַזאַ צייט, ווען די יונקערס און די טויט־באַטאַליאָנען זיינען נ י ט נייט־ראַל, ווען זיי שיסען אויף אונז אין די גאַסען און ווילען ברענגען קיין פּעטראָגראַד ענטוועדער קערענסקין אָדער אַן אַנדערען פון דער באַנדע. קאַלעדין רוקט זיך פון׳ם דאָן. קערענסקי קומט פון׳ם פראָנט. קאָר־נילאָוו אָרגאַניזירט זיינע טעכינצעס כדי איבערצו׳חזר׳ן זיין פּראָבע פון לעצטען אויגוסט. די אַלע מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען, וועלכע בעטען אייך איהר זאָלט פערהיטען אַ בירגער־קריעג — ווי האָבען זיי איינגעהאַלטען זייער מאַכט ביז אָהער אויב ניט דורך אַ בירגער־קריעג? וואָס איז דען ביי אונז פאָרגעקומען פון יולי אָן, אויב ניט אַ בירגער־קריעג? און פערגעסט ניט, אז אין דעם קריעג זיינען זיי געשטאַנען און שטעהען נאָך איצט אויף דעם צד פון דער בורזשואזיע!

„ווי קען איך אייך איינרעדען, אויב איהר האָט שוין אָנגענומען אַ בעשלוס? די פראַגע איז זעהר איינפאַך. פון איין זייט קערענסקי, קאַלעדין, קאָרנילאָוו, די מענשעוויקעס, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנע־רען, קאַדעטען, דומאַס, אָפיצירען — זיי דערצעהלען אייך, אז זייערע כוונות זיינען צו גוטען! פון דער אַנדערער זייט זעהט איהר די אַרבייטער, די סאָלדאַטען, די מאַטראָזען, די אָרימסטע פּויערים. די רעגיערונג איז אין אייערע הענד. איהר זייט די בעלי בתים פון דער לאַגע. גרויס רוסלאַנד איז אייערס. ווילט איהר עס אָבגעבען צוריק?״

קרילענקאָ, האָט מען געקענט זעהן, שטעהט קוים אויף די פיס. ער מוז אָנשטרענגען זיין לעצטען ווילען. אָבער ניט קוקענדיג אויף זיין מיעדקייט האָט דאָס טיעפע געפיהל ארויסגעקלונגען פון זיינע ווערטער. צום שלוס האָט ער זיך אָנגעהויבען וואַקלען, ער איז כמעט אומגעפאַלען. אַ הונדערט הענד האָבען זיך אויפגעהויבען צו העלפען איהם. מען האָט איהם ארונטערגענומען פון׳ם אויטאָמאָביל, אין אַלע ווינקלען פון׳ם גרויסען זאַאַל האָבען אָבגעקלונגען בעגייסטערטע שטימען.

חאנזשונאוו האט ווידער געוואלט נעהמען דאס ווארט, אבער פון אלע זייטען האט מען געשריען: „אבשטימען!" אבשטימען! אבשטימען!" ענדליך האט ער נאכגעגעבען און פארגעלייענט זיין רעזאלוציע, אז די בראנעוויקעס זאלען צוריקציהען זייערע פערטרעטער פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט און זיך ערקלעהרען נייטראל אין דעם איצטיגען בירגער־קריעג. די וואס זיינען פאר דער רעזאלוציע, האט ער געזאגט, זאלען געהן רעכטס; די וואס זיינען געגען, זאלען געהן לינקס. א רגע האט דער עולם זיך ווי געוואקעלט, ווי אויף עפעס שטיל געווארט. נאכדעם האט די מאסע זיך אנגעהויבען וויעגען, מען האט זיך גערוקט שנעלער און שנעלער לינקס, זיך אנגעשטויסען איינער אן אנדערען. הונדערטער הויכע געזונדע סאלדאטען האבען ווי איין גרויסע כוואליע זיך גערוקט איבער דער שמוציגער פאדלאגע צווישען די טונקעלע שאטענס. לעבען אונז איז געבליבען א גרופע פון א 50 מענשען, איינגעשפארטע אנהענגער פון דער רעזאלוציע. ווען דער זאאל האט גענומען הילכען מיט זיעגרייכע געשריייען, האבען זיי זיך אויסגעקירעוועט און שנעל פערלאזען דעם מאנעזש. איינינע פון זיי האבען אזוי אויף אייביג פערלאזען די רעוואלוציע...

שטעלט אייך פאר, אז דער זעלביגער קאמפף האט זיך איבערגעחזר'ט אין יעדער קאזארמע, אין יעדער שטאדט, אין יעדען ראיאן, איבער'ן גאנצען פראנט, איבער גאנץ רוסלאנד. שטעלט אייך פאר די אלע ניט־דערשלאפענע קרילענקאס, ווי זיי האלטען וואך איבער די פאלקען, ווי זיי איילען פון פלאץ צו פלאץ, טענה'ן, בעטען זיך, סטראשען. שטעלט אייך פאר, אז דאס זעלביגע קומט פאר אין אלע ארטיגע פראפעסיאנעלע פעראיינען, אין די פאבריקען, אין די דערפער, אויף אלע קריעגס־שיפען פון דעם ווייט פונאנדערגעווארפענעם רוסישען פלאט. שטעלט אייך פאר הונדערטער טויזענדער רוסען, הערענדיג רעדנער איבער דעם גאנצען געוואלדיגען לאנד, הונדערטער טויזענדער ארבייטער, פויערים, סאלדאטען, מאטראזען, וואס יעדער טהוט זיך אן דעם גרעסטען כח צו פערשטעהן און צו וועהלען דעם ריכטיגען וועג. יעדער איינער דענקט מיט אלע זיינע קרעפטען — און נאכדעם נעהמט מען אן איינשטימיגען בעשלוס. אט דאס איז געווען די רוסישע רעוואלוציע.

אין סמאָלני איז דער נייער ראטה פון פאָלקס־קאָמיסאַרען ניט געזעסען ליידיג. דער ערשטער בעפעהל איז שוין געווען אין דרוק. מען האָט איהם געזאָלט פענאָנדערשפּרייטען די זעלביגע נאַכט איבער דער שטאָדט אין טויזענדער עקזעמפּלאַרען און מען האָט איהם געלאָזט פונאַנדערשיקען אין גרויסע פּעק מיט אַלע צוגען, וואָס געהען קיין דרום און קיין מזרח.

דאָס איז זיין טעקסט:

„אינ׳ם נאָמען פון דער רעגירונג פון דער רוסישער רעפּובליק, אויסגעקליבען דורך דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון אַרבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, מיט דעם אַנטהייל פון פּויערים־דעפּוטאַטען, בעפעהלט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען:

„1) די וואַהלען צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג זאָלען פאָרקומען דעם בעשטימטען טאָג, דעם 12טען נאָוועמבער.

„2) אַלע וואַהל־קאָמיסעס, אָרגאַנען פון אָרטיגער זעלבסט־פערוואַלטונג, סאָוויעטען פון אַרבייטער־, סאָלדאַטען־ און פּויערים־דעפּוטאַטען, ווי אויך די סאָלדאַטען־אָרגאַניזאַציעס ביים פראָנט, זאָלען אָנשטרענגען אַלע זייערע כחות צו גאַראַנטירען פרייע און אָרדענטליכע וואַהלען אין דעם בעשטימטען טאָג.

„אין נאָמען פון דער רעגירונג פון דער רוסישער רעפּובליק,

פאָרזיצענדער פונ׳ם ראַטה פון פאָלקס־קאָמיסאַרען

וולאַדימיר אוליאַנאָוו — לענין.

אין דער שטאָדט־דומא האָט זיך געטהאָן חושך. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אהינצו, האָט גראַד גערעדט אַ מיטגליעד פון דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק. דער ראַטה זאָגט ער, איז ניט פונאַנדערגעלאָזט. ער האָט נאָר ניט די מעגליכקייט פאָרטצוזעצען זיין אַרבייט, וואָרום ער האָט ניט קיין פּלאַץ וואו זיך צו פערזאַמלען. דערווייל האָט דער קאָמיטעט פון סטאַרשינעס (עלטערע) פון דעם ראַטה בעשלאָסען זיך פעראייניגען מיט דעם רעטונגס־קאָמיטעט... איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס די געשיכטע דערמאָהנט דעם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק...

עס ציהט זיך אַ רייהע פון אַלט־בעקאַנטע רעדנער: דעלעגאַטען פון די מיניסטעריומס, פון דעם אַלל־רוסישען אייזענבאַהן־פער־

איין, פון דעם פּאָסט־ און טעלעגראַפען־פעראיין. דאָס הונדערטסטע מאָל חזר׳ט מען איבער דעם אַלטען בעשלוס ניט צו ארבייטען מיט די באָלשעוויסטישע באַנדיטען. אַ יונקער, אָקאָרשט אָנגעקומען פונ׳ם ווינטער־פּאַלאַץ, דערצעהלט אַ פּראַכטפאָלע געשיכטע וועגען זיין העלדישקייט און דער העלדישקייט פון זיינע חברים און בעשרייבט די מיאוס׳ע טהאַטען פון דער רויטער גוואַרדיע. דער עולם שלינגט זיינע ווערטער ווי הייליגען אמת. אימיצער לייענט אויף אַ קול דעם בעריכט פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער צייטונג „נאַראָד" וועגען דעם שאָדען, וואָס מען האָט אָנגעמאַכט אין ווינטער־פּאַלאַץ. דער שאָדען זאָל בעטרעפען פינף הונדערט טויזענד רובעל. די צייטונג בעשרייבט באריכות די צערשטערונגען און רויבערייען...

אַלע מאָל קומט אַ קוריער פונ׳ם טעלעפאָן און מעלדעט נייעס. מען האָט ארויסגעלאָזט פון טורמע די פיער סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען. קרילענקאָ איז אַוועקגעפאָהרען אין פעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג צו דערצעהלען אַדמיראַל ווערדערעווסקי, אַז קיינער איז ניט געבליבען אין פלאָט־מיניסטעריום; קרילענקאָ האָט איהם געבעטען אינ׳ם נאָמען פון רוסלאַנד, אַז ער זאָל איבערנעהמען די קאָמאַנדע איבער׳ן פלאָט אונטער דער אויפזיכט פון דעם ראטה פון פאָלקס־קאָמיסאַרען; דער אַלטער ים־העלד זאָל האָבען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג... קערענסקי מאַרשירט קיין צפון פון גאַטשינאַ, די באָלשעוויסטישע גאַרניזאָנען טרעטען פאַר איהם אָב. סמאָלני האָט ארויסגעלאָזט אַן אַנדער בעפעהל, וואָס פערגרעסערט דאָס רעכט פון די שטאָדט־דומאס צו זאָרגען וועגען שפּייז פאַר דער בעפעלקערונג.

דאָס לעצטע שטיקעל נייעס רופט ארויס אַ שטיקעל אונצופריעדענהייט. ער, לענין, דער טיראַן, דער באַנדיט, וועמעס קאָמיסאַרען האָבען פּגערכאַפּט דעם שטאָדט־גאַראַזש, ארייגגעדרונגען אין די שטאָדט־מאַגאַזינען, זיך געמישט אין דער ארבייט פון די שטאָדט־קאָמיטעטען און אין דער פונאַנדערטהיילונג פון שפּייז־פּראָדוקטען, — ער האָט דאָס די העזה צו בעשטימען, וואָס עס זאָל טהאָן און וואָס עס זאָל ניט טהאָן די פרייע, אונאַבהענגיגע, אויטאָנאָמע שטאָדט־רעגירונג! איין גלאַסני דראָהט מיט דער פויסט און שלאָגט פאָר, אַז מען זאָל איבערהויפּט ניט דערלאָזען קיין שפּייז אין שטאָדט אריין.

אויב די באָלשעוויקעס האָבען די העזה צו מישען זיך אין דער ארבייט פון די שפייז־קאָמיטעטען. אָן אנדערער, אַ פערטרעטער פון דעם ספּעציעלען שפייז־קאָמיטעט, מעלדעט, אז די לאַגע איז זעהר טרויעריג, קיין שפייז איז ניטאָ. ער שלאָגט פאָר, אז מען זאָל פונאנדערשיקען שלוחים צו ברענגען וואָס מעהר שפייז־צוגען אין שטאָדט אריין.

דיעראָנענקאָ מעלדעט דראמאטיש, אז דער גארניזאָן איז ניט זיכער. דער סעמיאָנאָווסקי פּאָלק האָט שוין בעשלאָסען צו פאָלגען די בעפעהלען פון די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען; די מאָטראָזען פון די טאָרפּעדאָ־שיפען אויף דער נעווא וואַקלען זיך. מען בעשטימט תיכף זיבען מיטגליעדער, זיי זאָלען פאָרטזעצען די פּראָפּאגאנדא.

דער אלטער גאָלאָווא געהט ארויף אויף דער טריבונע: „חברים און בירגער! אָקאָרשט ווער איך געוואָהר, אז די ארעסטירע אין פעטראָפּאוולאָווסקער פעסטונג געפינען זיך אין גרויס סכנה. פעהר־צעהן יונקערס פון דער פּאוולאָווסקער שוהל האָבען די באָלשעוויסטישע וועכטער אויסגעטהאָן נאקעט און געפייניגט. איינער איז אראָב פון זינען. זיי סטראשען, אז זיי וועלען לינטשען די מיניסטאָרען!"

שטורעמס פון שרעק און עמפּערונג הויבט זיך אויף אין זאאל. די שטימונג ווערט נאָך הייסער, ווען אַ ניעדריגע דיקליכע פרוי אין גראָהע קליידער פארלאנגט דאָס וואָרט און הויבט אויף איהר הארטע מעטאַ־לענע שטימע. דאָס איז געווען ווערא סלוצקאיא, אַן אלטע רעוואָ־לוציאָנערקע און אַ באָלשעוויסטישער מיטגליעד פון דער דומאַ.

„דאָס איז אַ ליגען און אַ פּראָוואָקאציע!" שרייט זי אויס, ניט קוקענדיג אויפ׳ן שטראָם פון זידלערייען. „די רעגירונג פון ארבייטער און פּויערים, וועלכע האָט אָבגעשאפט טויט־שטראָף, קען ניט ערלויבען אזוינע מעשים. מיר פערלאנגען, אז די געשיכטע זאָל תיכף אונטער־זוכט ווערען, און אויב עס איז אין איהר דאָ כאָטש אַ שפּור פון אמת, וועט די רעגירונג באלד אָננעהמען ענערגישע מיטלען!"

מען בעשטימט אויפ׳ן שטעל אַ קאָמיסיע פון פערטרעטער פון אלע פארטייען צוזאמען מיט׳ן גאָלאָווא און מען שיקט זיי אוועק אין פעטראָפּאוולאָווסקע פעסטונג צו אונטערזוכען די געשיכטע. בשעת מיר פערלאָזען דעם זאאל, האלט די דומאַ אין בעשטימען אַן אנדער קאָמיסיע — צו בעגעגענען קערענסקי׳ן און זעהן אויסמיידען בלוט־פארגיסונג, ווען ער וועט ארייִנקומען אין פעטראָגראַד...

עס איז געווען אַרום האַלבע נאַכט, ווען אונז איז געלונגען אָבצונאַרען די וועכטער און אַריינגעהן דורכ'ן טויער אין דער בעריהמטער פעסטונג. אין הויף האָבען דאָ און דאָרט געבלישטשעט שוואַכע עלעקטרישע לאָמפּען. אין איין זייט האָט זיך געהויבען די קירכע, וואו עס ליעגען בעגראָבען די רוסישע צאַרען. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען לעבען דינעם הויכען טהורם, וואו די גלעקער האָבען שוין נאָך דער רעוואָלוציע עטליכע חדשים נאַכאַנאַנד ניט געשפּיעלט אַלע טאָג דעם רוסישען הימן „באָזשע, צאַריאַ כראַני" (גאָט, היט דעם קייזער). אין הויף איז קיינער ניט געווען. אין די פענסטער האָט זיך זעלטען וואו געזעהן אַ ליכט. טאָמער האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אָן אַ טונקעלע פיגור, האָט זי אונז געוועהנליך געענטפערט: „יאַ ניע זנאַיו" (איך וויים ניט).

לינקס האָט זיך געצויגען דער ניעדריגער טונקעלער טרובעטסקאָי באַסטיאָן, דער לעבעדיגער קבר, אין וועלכען אַזוי פיעל פרייהייטס מאַרטירער האָבען פערלאָרען זייער לעבען אָדער זייער פערשטאַנד אין די טעג פון זעלבסט־הערשאַפט, אין וועלכען די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט שפּעטער פערשפאַרט דעם צאַר'ס מיניסטאָרען, און אין וועלכען די באָלשעוויקעס האָבען איצט פערשפאַרט די מיניסטאָרען פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג.

אַ פריינדליכער מאַטראָז האָט אונז געוויזען דעם וועג צו דער קאַנצעלאַריע פון דעם קאָמענדאַנט, — אַ קליין שטיבעל ניט ווייט פון דער פאַבריק, וואו מען שמידט געלד. אַ האַלב טוץ רויטע גוואַרדייצעס, מאַטראָזען און סאָלדאַטען זיינען געזעסען אין אַ הייסען רויכיגען צימער אַרום אַ פרעהליך־זידענדיגען סאַמאָוואַר. זיי האָבען אונז זעהר פריינדליך בעגריסט און אָנגעבאָטען גלעזער טהעע. דער קאָמענדאַנט, האָבען זיי געזאָגט, איז ניטאָ: ער איז אַוועק מיט אַ קאָמיסיע סאַבאָטאַזשניקעס פון דער שטאָדט־דומאַ, וואָס האָבען דערצעהלט מעשיות, אַז מען האָט געטויטעט עפּעס יונקערס. קענטיג, די געשיכטע האָט ביי די סאָלדאַטען אויסגעזעהן זעהר לעכערליך. אין אַ ווינקעל צימער איז געזעסען עפּעס אַ נפש מיט אַ פליכעוואַטען קאָפּ, אין אַ פראַק און אין אַ רייכען פוטער. ער האָט געביסען זיינע וואָנצעס און געקוקט אַרום און ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע. מען האָט איהם נאָר וואָס אַרעסטירט, האָט מען מיר געזאָגט. דער

סאָלדאַט האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און בעמערקט פאַרבייגעהענ־דיג, אַז דאָס איז אַ מיניסטער אָדער אַן אַנדער חיה פון דעם זעלביגען סאָרט. עס האָט אויסגעזעהן, אַז דער מאַן הערט ניט וואָס מען רעדט, אַזוי איבערגעשראָקען איז ער געווען, כאָטש די סאָלדאַטען האָבען איהם ניט אַרויסגעוויזען קיין שום פיינדשאַפט. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויף פראַנצויזיש. „גראַף טאָלסטאָי", האָט ער געענטפערט און זיך שטייף אַ נייג געטהאָן. „איך ווייס ניט פאַר וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט. איך בין געגאַנגען אַהיים איבער דער טראָיצקי בריק, ווען אָט די — אָט די ברואים — האָבען מיך פערהאַלטען. איך בין געווען אַ קאָמיסאַר פון דער פּראָ־וויזאָרישער רעגירונג, פערבונדען מיט דעם גענעראַל־שטאַב, אָבער איך בין בשום אופן ניט געווען קיין מיטגליעד פון דער רעגירונג..."

„לאָזט איהם אָב", האָט געזאָגט אַ מאַטראָז, „ער איז ניט שעדליך".

„ניין", האָט געענטפערט דער סאָלדאַט, וואָס האָט איהם אַרעס־טירט. „מיר מוזען פרעגען דעם קאָמענדאַנט".

„אָה, דער קאָמענדאַנט!" האָט דער מאַטראָז אָבגעענטפערט מיט פעראַכטונג, „צוליעב וואָס האָבען מיר געמאַכט אַ רעוואָלוציע? צו פאָלגען די אָפיצירען, ווי אין די אַלטע גוטע צייטען?"

אַ פּראָפּאָרשטשיק פון דעם פּאַוולאָווסקי פּאָלק האָט אונז דער־צעהלט, ווי אַזוי דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען. „דער פּאָלק האָט געהאַלטען וואַך ביים גענעראַל־שטאַב אין דער נאַכט אויף'ן זעקס־טען נאָוועמבער. איך און אייניגע פון מיינע חברים זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. איוואַן פּאַוולאָוויטש און נאָך איינער, איך געדענק ניט זיין נאָמען, האָבען זיך בעהאַלטען הינטער די פאָרהאַנגען אין דער זאַאַל, וואו דער שטאַב האָט אָבגעהאַלטען אַ זיצונג. נו, האָבען זיי געהערט זעהר אינטערעסאַנטע זאַכען. למשל, זיי האָבען געהערט, אַז מען האָט געהייסען ברענגען ביינאַכט קיין פּעטראָגראַד די יונקערס פון גאַטשינאַ, מען האָט געהייסען די קאָזאַקען זיך גרייטען צו מאַרשי־רען אין שטאָדט אריין אין דער פריה... מען האָט געזאָלט פאַר־נעהמען די וויכטיגסטע פונקטען אין פּעטראָגראַד נאָך איידער עס וועט ווערען ליכטיג. ווייטער האָט זיך געהאַנדעלט וועגען עפענען די בריקען. אָבער אַז זיי האָבען אָנגעהויבען שמועסען וועגען אַרומ־רינגלען סמאָלני, האָט איוואַן פּאַוולאָוויטש שוין מעהר ניט געקענט

אויסהאַלטען. גראד אין דער מינוט האָבען אַ סך סאָלדאַטען און אָפיצירען זיך גערדרעהט אהין און אהער, האָט ער זיך ארויסגערוקט פונ'ם צימער און איז אראָבגעגאַנגען אין דער וואך־שטוב. דעם אנדערען האָט ער געלאָזט אויבען, כדי ער זאָל הערען וואָס ס'וועט איהם געלינגען.

„איך פערזענליך האָב שוין פריהער געהאַט אַ חשד, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אַלעמאָל זיינען אָנגעקומען אויטאָמאָבילען אָנגעפּאַקט מיט אָפיצירען, און אַלע מיניסטאָרען זיינען געווען אין שטאַב. איוואַן פּאוולאָוויטש האָט מיר דערצעהלט, וואָס ער האָט געהערט. עס איז גע־ווען האַלב דריי פּאַרטאַג. דער סעקרעטער פון דעם פּאָלקאָווע קאָמי־טעט איז געווען אויפ'ן פּלאַץ, האָב איך איהם דערצעהלט און געפרעגט וואָס מיר זאָלען טהאָן.

„ארעסטיר יעדען איינעם, ווער עס קומט אָן אָדער ווער עס געהט ארויס!" האָט ער געזאָגט. האָבען מיר טאַקע אָנגעהויבען אַזוי צו טהאָן. אין משך פון אַ שעה האָבען מיר שוין געהאַט עטליכע אָפי־צירען און אַ פּאָר מיניסטאָרען. אַלע האָבען מיר גלייך אוועקגעשיקט אין סמאָלני. דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט איז אָבער נאָך ניט געווען גרייט; ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. באַלד איז אָנגעקומען אַ בעפעהל, אַז מיר זאָלען אַלעמען ארויסלאָזען און קיינעם מעהר ניט ארעסטירען. מילא, זיינען מיר אוועקגעפאָהרען אין סמאָלני און מיר האָבען גע'טענה'ט, דאַכט זיך, מעהר ווי אַ שעה, ביז דער קאָמיטעט האָט ענדליך איינגעזעהן, אַז מען מיינט טאַקי קריעג. ערשט ארום 5 אַ זייגער האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטאַב. אָבער דעמאָלסט איז שוין כמעט קיינער ניט געווען. פונדעסט־וועגען האָבען מיר נאָך עטליכע פערכאַפּט, און דער גאַרניזאָן איז שוין געווען גרייט..."

אַ רויטער גוואַרדייעץ פון וואסיליאָסטראָוו האָט באריכות דער־צעהלט, וואָס עס האָט זיך געטהאָן אין יענעם טהייל פון דער שטאָדט אין דעם גרויסען טאָג פון אויפשטאַנד. „מיר האָבען ניט געהאַט קיין מאַשין־ביקסען אין יענע מקומות", האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „פון סמאָלני האָבען מיר קיין ביקסען ניט געקענט בעקומען. טאָווארישטש זאַלקינד, אַ מיטגליעד פון דעם צענטראַל־ביוראָ פון דער ראַיאָנע דומא, דערמאָהנט זיך פּלוצלונג, אַז עס איז דאָ אַ מאַשין־

ביקס אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם ביוראָ. די מאַשין־ביקס האָט מען געהאַט פערכאַפּט ביי די דייטשען. נו, בין איך מיט נאָך איינעם אוועקגעגאַנגען אין קאַנצעלאַריע. גראַד האָבען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען דאָרט געהאַט אַ זיצונג. מילא, עפענען מיר די טהיר און מאַרשירען אַריין אינעווייניג, זעהען מיר ווי די חברה זיצען אַרום טיש, צוועלף אָדער פופצעהן. מיר זיינען סך הכל זאַלבעדריט. אַז זיי האָבען אונז דערזעהן, האָבען זיי אויפגעהערט רעדען און נאָר אָנגעשטעלט אויף אונז די אויגען. מיר זיינען גלייך אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערען עק צימער, פונאַנדערגעשרויפט די מאַשין־ביקס, טאָוואַרישטש זאַלקינד האָט גענומען איין טהייל, איך האָב גענומען אַן אַנדערען, מיר האָבען זי אויפגעהויבען אויף די פּלייצעס און מאַרש — קיין לעבעדיגער מענש האָט אונז אַ וואָרט ניט געזאָגט!"

„ווייסט איהר, ווי אַזוי מען האָט פערכאַפּט דעם ווינטער־פּאַלאַץ?" האָט אַ דריטער, אַ מאַטראָז, געפרעגט. „עס איז געווען אַרום 11 אַ זייגער, ווען מיר זיינען געוואָהר געוואָרען, אַז אויף דער נעוואַ־זייט איז ניטאָ מעהר קיין יונקערס. האָבען מיר אויפגעבראָכען די טהירען און איינציגווייז אָדער אין קליינע גרופּקעס זיך אַריינגעגנב'עט איבער די טרעפּ. ווען מיר זיינען אַרויף אויבען, האָבען די יונקערס אונז פערהאַלטען און אָבגענומען אונזערע ביקסען. אָבער אונזערע חברה זיינען אַלץ געגאַנגען איינער נאָכ'ן צווייטען ביז אונזער צאָהל איז געוואָרען גרעסער ווי די צאָהל פון די יונקערס. וואָס האָבען מיר געטהאָן? מיר האָבען זיך אויסגעדרעהט און צוגענומען ביי די יונקערס די ביקסען..."

ווי מיר האָבען אַזוי גערעדט איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט אַ פרעהליכער, אַ לעבעדיגער יונגער אונטער־אָפיציר מיט איין אָרעם אין אַ באַנדאַזש און מיט טיעפע רעדער אונטער די אויגען — סמנים פון אַ סך שלאָפלאָזע נעכט. זיין אויג איז קודם כל געפאַלען אויפ'ן אַרעסטירטען, וועלכער האָט תיכף אָנגעהויבען ערקלעהרען ווער ער איז.

„אָה, יאָ", האָט דער קאָמענדאַנט איהם איבערגעשלאָגען. „איהר זענט געווען איינער פון דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט איבערצוגעבען דעם שטאַב מיטוואָך ביי טאָג. פונדעסטוועגען דאַרפען מיר אייך ניט, בירגער! ענטשולדיגט" — ער האָט געעפענט די

טהיר און א מאך געטהאן גראף טאָלסטאָי'ען מיט דער האנד, אז ער זאָל געהן. אייניגע פון די אנוועזענדע, דערהויפּט די רויטע גוואר־דיעצעס, האָבען אונצופריעדען געברומט, און דער מאַטראָז האָט מיט נצחון אויסגערופען: „אהא, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?"

דער קאָמענדאַנט האָט זיך איצט געווענדעט צו צוויי סאָלדאַטען. דאָס איז געווען א קאָמיטעט, וואָס דער גארניזאָן פון דער פעסטונג האָט זיי אויסגעקליבען און געשיקט צו איהם מיט א פּראָטעסט. די ארעס־טאַנטען, האָבען זיי געזאָגט, בעקומען פּונקט אזויפיעל שפּייז, ווי די וועכטער. עס איז אָבער דאָ ווייניג שפּייז, און אלע זיינען הונגעריג. „פאר וואָס זאָל מען אזוי גוט בעהאַנדלען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנע־רען?"

„מיר זיינען רעוואָלוציאָנערען, חבר, ניט קיין באנדיטען", האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו אונז. מיר האָבען איהם דערצעהלט וועגען די קלאַגען, אז מען פּייניגט די יונקערס און אז מען סטראַשעט די מיניסטאָרען מיט'ן טויט. אפשר וואָלטען מיר געקענט, פרעגען מיר, זעהן די ארעסטירטע כדי מיר זאָלען קענען דערצעהלען דער וועלט?

„איך וועל ניט געהן נאָכאַמאָל וועקען די ארעסטאַנטען. איך בין אָקאָרשט געצוואונגען געווען זיי אויפצואוועקען. האָבען זיי גע־גלויבט, אז מיר געהען זיי פּייניגען אָדער טויטען... די מעהרסטע יונקערס האָבען מיר שוין סיי ווי סיי בעפרייט, און די איבעריגע וועלען מיר בעפרייען מאָרגען." דער קאָמענדאַנט האָט זיך שנעל אָבגעדרעהט פון אונז.

„קענען מיר אפשר רעדען מיט דער קאָמיסיע פון דער דומע?"

דער קאָמענדאַנט האָט זיך געהאַט אָנגעגאָסען א גלאָז טהעע. ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. „זיי זיינען נאָך אין זאאל", האָט ער זאָרגלאָז געענטפערט.

מיר האָבען זיי טאַקע געפונען אויף יענער זייט טהיר. זיי זיינען געשטאַנען אלע ארום דעם גאָלאָווא און נערוועז גערעדט. א קעראָ־סין־לאָמפּ האָט שוואך געלויכטען.

„הערר גאָלאָווא", האָב איך געזאָגט, „מיר זיינען אמעריקאנישע קאָרעספּאָנדענטען. קענט איהר זיין אזוי גוט און אונז מעלדען אָפיציעל דעם רעזולטאַט פון אייער אונטערזוכונג?"

ער האָט צו אונז געווענדעט זיין פּנים מיט ערנסטער ווירדע.

„ניטאָ קיין שפּור פון אמת אין די אַלע שמועסען", האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגערעדט. „אַ חוץ אַ פּאָר אינצידענטען, וואָס האָט געטראָפען, ווען מען האָט אהער געבראַכט די מיניסטאָרען, האָט מען זיי אין אַלגעמיין בעהאַנדעלט זעהר פריינדליך. וואָס איז שייך צו די יונקערס, האָט מען קיינעם פון זיי ניט געטשעפּעט"...

איבער'ן נעווסקי, אין דער לעדיגער פינסטערניש פון טיעפער נאַכט האָט זיך געהערט דאָס טופּען פון פיס. דאָס האָבען סאָלדאַטען מאַרשירט, אַן אָבטהיילונג נאָך אַן אָבטהיילונג, צו בעגעגענען קערענסקי'ס חיל. אין די זייטיגע גאַסען האָבען אויטאָמאָבילען מיט אויסגעלאָשענע לאַמטערנעס זיך געגליטשט אהין און אהער; עפּעס איז אָנגעגאַנגען אַ געהיימניספולע ארבייט אויף פאָנטאַנקאַ נומער 6, דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם פויערים־סאָוויעט; עפּעס האָט זיך געטהאָן אין אַ געוויסער וואָהנונג אין איינער פון די ריעזיגע געביידעס אויף נעווסקי און אין דעם אינזשינערסקי זאַמאָק (אינזשינערען־שוהל). די דומא איז געווען בעלויכטען. אין סמאָלני אינסטיטוט האָט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געשמידט אונהיימליכע פונקען און געהאַמערט ווי אַן איבערגעלאָדענע דינאַמאָ־מאַשין...

---

קאַפּיטעל זיעבען.

## דער רעוואָלוציאָנערער פראָנט.

שבת דעם 10טען נאָוועמבער.

„בירגער!

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ערקלעהרט, אַז ער וועט ניט דערלאָזען מען זאָל שטערען די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג.

„גנבה, רויבעריי, אָנפאַלען אויף פערזאָנען און אַלערליי פערזוכען פון פּאָגראָמען וועלען ווערען בעשטראָפט אויפ'ן שטרענגסטען אופן.

„מיר וועלען נאָכפאָלגען דעם ביישפּיעל פון דער פאַריזער קאָ־מונע. יעדער רויבער, יעדער איינער וואָס העצט צו אומרוהען, וועט ווערען פערניכטעט אָהן רחמנות...״

שטיל איז געלעגען די שטאָדט. קיין איינציגער אָנפאַל, קיין איינציגע רויבעריי, אפילו ניט קיין שטרייט פון שכורים. ביינאַכט זיינען בעוואָפענטע פּאַטרולען ארומגעגאַנגען איבער די שטילע גאַ־סען, און אומעטום זיינען סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדייצעס געזע־סען ארום פייערען, געלאַכט און געזונגען. ביי טאָג האָבען זיך גרויסע מאַסען מענשען אָנגעזאַמעלט אויף די טראָטואַרען און זיך איינגעהערט אין די אונענדליכע היציגע דעבאַטען צווישען סטודענטען און סאָל־דאַטען, געשעפטס־לייט און אַרבייטער. מענשען האָבען אָבגעשטעלט איינער דעם אַנדערען אין די גאַסען.

„די קאָזאַקען קומען?״

„ניין״...

„וואָס איז די לעצטע נייעס?״

„איך ווייס ניט. וואו איז קערענסקי?״

„מ׳זאָגט אַז ער איז סך הכל 8 ווערסט פון פּעטראָגראַד.. איז דאָס אמת אַז די באָלשעוויקעס זיינען אַנטלאָפען אויפ׳ן קריעגס־שיף אווראָרא?״

„אַזוי זאָגט מען״.

נאָר די ווענט האָבען געשריען אויף קולות. דאָס זעלביגע האָ־בען געטהאָן די ציימונגען. בעשולדיגונגען, אויפרופען, בעפעהלען...

א ריעזיגער פּלאַקאַט האָט ענטהאַלטען דעם היסטערישען מאַני־פעסט פונ׳ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם פּויערים־סאָוויעט:

... „זיי, די באָלשעוויקעס, האָבען די העזה צו זאָגען, אַז זיי האָבען מיט זיך די סאָוויעטען פון די פּויערים־דעפּוטאַטען און אַז זיי ריידען אינ׳ם נאָמען פון די סאָוויעטען פון די פּויערים־דעפּוטאַטען...

„זאָל דער גאַנצער אַרבייטער־קלאַס פון רוסלאַנד וויסען, אַז דאָס איז אַ ליגען און אַז אַלע אַרבייטענדע פּויערים אין דער פּערזאָן פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם אַלל־רוסישען פּויערים־סאָוויעט וואַרפט אַראָב מיט צאָרן יעדען אַנטהייל פון אָרגאַניזירטע פּויערים אין אָט דעם פערברעכערישען פערזוך צו פערגוואַלדיגען דעם ווילען פון די אַרבייטער־קלאַסען...״

אן אויפרוף פון דער סאָלדאטען־סעקציע פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען:

„דער וואהנזיניגער פערזוך פון די באָלשעוויקעס האלט שוין ביים פאלען. דער גארניזאָן איז צוטהיילט. די מיניסטאָרען סטרייקען, און ברויט ווערט אלץ וועניגער. אַלע פראקציעס האָבען פערלאָזט דעם קאָנגרעס א חוץ אייניגע באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס זיינען אליין. מיר רופען אַלע געזונדע עלעמענטען צו פעראייניגען זיך ארום דעם קאָמיטעט צו רעטען דאָס לאנד און די רעוואָלוציע. זאָל יעדערער זיין גרייט צו פאָלגען דעם ערשטען רוף פון דעם צענטראל־קאָמיטעט...“

אין א האנד־אפּישע האָט דער ראטה פון דער רעפּובליק זיך בע־קלאָגט:

„דער ראטה פון דער רוסישער רעפּובליק האָט אָבגעטרעטען פאר דער קראפט פון באיאָנעטען. ער איז געווען געצוואונגען אויף דער־וויל זיך פונאנדערצוגעהן און אויף דערווייל אָבשטעלען זיינע זיצונ־גען.

„די פערכאפּער האָבען די ווערטער „פרייהייט און סאָציאַליזם“ אויף זייערע ליפּען, אָבער אין אמת׳ען האָבען זיי איינגעפיהרט די אָרדנונג פון געוואלד־טהאטען און ווילקיר. זיי האָבען ארעסטירט די מיטגליעדער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, זיי האָבען פערמאכט די צייטונגען, זיי האָבען פערכאַפּט די דרוקערייען... זייער מאכט דארף בעטראכט ווערען אַלס דער פיינד פונ׳ם פאָלק און פון דער רעוואָלוציע. מען דארף נעגען איהר שטרייטען און זי צושטערען.

„דער ראטה פון דער רעפּובליק רופט אַלע בירגער פון דער רוסישער רעפּובליק, זיי זאָלען זיך פאראייניגען ארום די אָרטיגע קאָמיטעטען צו רעטען דאָס לאנד און די רעוואָלוציע. זיי אָרגאני־זירען זיך, כדי אומצוואווארפען די באָלשעוויקעס און בעשאפען א רעגירונג, וואָס זאָל האָבען א מעגליכקייט צו פיהרען דאָס לאנד צו דער גרינדונגס־פערזאמלונג.“

די „דיעלאָ נאראָדאַ“ האָט געשריבען:

„א רעוואָלוציע קומט געוועהנליך פונ׳ם גאנצען פאָלק... אָבער וואו איז דאָ דאָס פאָלק? א הייפעל נאראָנים אָבגענארט פון לענין און טראָצקי... זייערע בעפעהלען און אויפרופען ווערען נאָר פער־

גרעסערען די צאהל פון טשיקאווע זאכען אין דעם מוזעאום פון דער געשיכטע..."

די „נאראָדנאָיע סלאָוואָ" (דאָס וואָרט פונ'ם פאָלק, אָרגאַן פון די פאָלקס-סאָציאַליסטען) האָט געשריבען:

„א רעגירונג פון פויערים און סאָלדאַטען? דאָס איז אַ נאַרישער חלום. קיינער וועט ניט אנערקענען די דאָזיגע רעגירונג — ניט אין רוסלאנד, ניט אין די לענדער פון אונזערע אַליאירטע, און אַפילו ניט אין די לענדער פונ'ם שונא."

די בורזשואזע פרעסע איז אויף אַ ווייל איינגאַנצען פערשוואונדען...

די „פראוודא" האָט געדרוקט אַ בעריכט וועגען דער ערשטער זיצונג פונ'ם נייעם צענטראַלען עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, דעם איצטיגען פּאַרלאַמענט פון דער רוסישער סאָוויעט-רעפּובליק. מיליוטין, דער קאָמיסאַר פון לאַנד-ווירטהשאַפט, האָב בעמערקט, אַז דער פויערשער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט רופט אַן אַלל-רוסישען פויערים-קאָנגרעס אויפ'ן 13טען דעצעמבער.

„מיר קענען אָבער ניט וואַרטען", האָט ער געזאָגט „מיר מוזען האָבען די שטיצע פון די פויערים. דעריבער שלאָג איך פאָר, צו רופען טאקע באלד." די לינקע סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען האָבען איינגעשטימט מיט דעם פאָרשלאָג. מען האָט שנעל אָנגעוואָרפען אַן אויפרוף צו די פויערים פון רוסלאנד און מען האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון פינף, וואָס זאָל דורכפיהרען דעם פאָרשלאָג.

די איינצעלהייטען וועגען פונאנדערטהיילען די ערד און די פראַגע וועגען דעם ארבייטער-קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע האָט מען אָבגעלעגט ביז דער צייט, ווען די עקספּערטען, וואָס בעאַרבייטען די פראַגען, וועלען פאַרטיג ווערען מיט זייער בעריכט.

מען האָט געלייענט און אָנגענומען דריי פאָראָרדנונגען: ערשטענס, לעניז'ס „אַלגעמיינע כללים פאַר דער פרעסע." לויט די דאָזיגע כללים ווערען אונטערדריקט אַלע צייטונגען, וואָס אַגיטירען מען זאָל ניט פאָלגען די נייע רעגירונג אָדער ארויסווייזען אַ ווידערשטאַנד, אָדער וואָס רופען צו פערברעכערישע האנדלונגען, אָדער וואָס פערדרעהען מיט אַ כיוון די נייעס; צווייטענס, דער בעפעהל, וואָס

שאפט אב אלע חובות פאר ניט בעצאהלטע דירה־געלד (רענט); דריטענס, דער בעפעהל, וואס פיהרט איין אן ארבייטער־מיליץ. עס איז אויך ארויסגעגעבען געוואָרען א בעפעהל, וואס גיט א רעכט דער שטאָדט־דומא איבערצונעהמען לעדיגע דירות און הייזער, און אן אנדער בעפעהל, לויט וועלכען מען מעג פונאנדערלאָדען פראכט־וואגאנעס אין פאסאזשירסקע וואקזאלען, כדי מען זאל גיכער פונאנדערטהיילען די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען און אויסלעדיגען די נויטיגע וואגאנעס...

שפעטער מיט צוויי שעה האט דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון דעם פויערים־סאוויעט ארויסגעשיקט איבער רוסלאנד אזא טעלעגראמע:

„א מוטהווילליגע דעלעגאציע פון באלשעוויקעס, וועלכע רופט זיך „דאס ביורא צו ארגאניזירען אן אלל־רוסישען פויערים־קאנגרעס", רופט אלע פויערים־סאוויעטען, זיי זאלען שיקען דעלעגאטען צו א קאנגרעס אין פעטראגראד...

„דער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון די פויערים־סאוויעטען ערקלעהרט, אז לויט זיין מיינונג וואלט געווען געפעהרליך אוועקצושיקען פון די ערטער די קרעפטען, וועלכע זיינען נויטיג צו ארגאניזירען די וואהלען פאר דער גרינדונגס־פערזאמלונג. די גרינדונגס־פערזאמלונג איז די איינציגע רעטונג פונ'ם ארבייטער־קלאס און פונ'ם לאנד. דעריבער בעשטעטיגען מיר נאכאמאל, אז דער טאג פאר דעם פויערים־קאנגרעס בלייבט ווי פריהער, דער 13טער דעצעמבער."

אין דומא האט געהערשט גרויסע אויפרעגונג. אפיצירען זיינען אלע מאל אנגעקומען און אבגעפאָהרען. דער גאלאָווא האט געהאלטען אין איין בעראטען זיך מיט די פיהרער פון דעם רעטונגס־קאמיטעט. א גלאסני איז אריינגעלאָפען מיט אן עקזעמפלאר פון קערענסקי'ס א פראקלאמאציע. די פראקלאמאציע איז אנגעקומען מיט אן עראפלאן, וועלכער איז געפלויגען איבער נעווסקי און זי פערשפרייט אין די הונדערטער. קערענסקי האט געסטראשעט מיט שרעקליכע שטראף אויב מען וועט איהם ניט פאלגען. ער האט בעפוילען די סאלדאטען תיכף אוועקצולעגען זייער געוועהר און זיך פערזאמלען אויפ'ן מארס־פעלד.

מען האָט אונז דערצעהלט, אז דער מיניסטער־פּרעזידענט האָט גענומען צארסקאָיע סעלאָ און איז שוין געווען פינף מייל פון פּעט־ראָגראַד. ער וועט, האָט מען געזאָגט, אריין אין שטאָדט מאָרגען, אפשר נאָך היינט, אין עטליכע שטונדען ארום. די סאָוויעטס־סאָל־דאטען האָבען זיך כלומר׳שט פעראייניגט מיט די קאָזאקען און שטע־לען זיך אויפ׳ן צד פון דער פּראָוויזארישער רעגירונג. טשערנאָוו איז געווען א מעקלער צווישען ביידע, ער האָט, זאָגט מען, געפּרואווט אָרגאַניזירען די „נייטראַלע" סאָלדאטען, כדי צו פערהיטען א בירגער־קריעג.

אין שטאָדט האָבען די פּאָלקען פונ׳ם גארניזאָן שוין אָנגעהויבען פערלאָזען די באָלשעוויקעס, האָט מען אונז דערצעהלט. סמאָלני איז שוין לעדיג... די גאַנצע מאשינעריע פון דער רעגירונג האָט אויפגעהערט ארבייטען. די אָנגעשטעלטע פון דער שטאאטס־באנק האָבען זיך אָבגעזאָגט צו ארבייטען אונטער דער אויפזיכט פון די באָלשעוויסטישע קאָמיסארען, זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געבען זיי געלד. אַלע פּריוואַטע בענק זיינען געשלאָסען. די מיניסטעריומס סטרייקען. א קאָמיטעט פון דער דומא איז געגאַנגען פון איין גע־שעפטס־הויז צום אַנדערען צו זאמלען א פאָנד, פון וועלכען מען זאָל צאָהלען די סטרייקער...

טראָצקי איז אוועק אין אויסלאַנדס־מיניסטעריום און האָט גע־הייסען די אָנגעשטעלטע, זיי זאָלען איבערזעצען דעם פריעדענס־פּאָרשלאַג אויף פרעמדע שפּראַכען. זעקס הונדערט בעאַמטע האָבען איהם א שליידער געטהאָן אין פּנים זייערע רעזיגנאציעס... שליאפּ־ניקאָוו, דער ארבייטס־קאָמיסאר, האָט געהייסען אַלע בעאמטע פונ׳ם מיניסטעריום, זיי זאָלען זיך אומקעהרען צו דער ארבייט אין א משך פון 24 שעה, אז ניט וועלען זיי פערליערען זייערע שטעלעס און זייער רעכט אויף פּענסיע; נאָר די טהיר־שליסער האָבען זיך אומגעקעהרט. אייניגע אָבטהיילונגען פון דעם ספּעציעלען שפּייז־קאָמיטעט האָבען אָבגעשטעלט זייער ארבייט, ווייל זיי ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען די באָלשעוויקעס... די ארבייטער פון דער טעלעפאָן־סטאַנציע ווילען ניט פעראייניגען דאָס באָלשעוויסטישע הויפּט־קווארטיר מיט דער שטאָדט, כאָטש מען האָט זיי צוגעזאָגט פיעל בעסערע בעדינגונגען און העכערע שכירות...

די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען אָנגענומען אַ בע־שלוס, אַז אַלע מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי, וועלכע זיינען געבליבען אינ׳ם קאָנגרעס פון די סאָוויעטען אָדער וועלכע האָבען זיך בעטהיי־ליגט אין דעם אויפשטאַנד, זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי.

נייעס פון דער פּראָווינץ. מאָהילעוו האָט זיך ארויסגעזאָגט געגען די באָלשעוויקעס. אין קיעוו האָבען די קאָזאַקען אומגעוואָרפען די סאָוויעטען און ארעסטירט אַלע פיהרער פונ׳ם אויפשטאַנד. אין לוגא האָט דער סאָוויעט און דער גארניזאָן, דרייסיג טויזענד סאָל־דאַטען, ערקלעהרט, אַז זיי בלייבען געטריי דער פּראָוויזאָרישער רע־גירונג און האָבען ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו גאַנץ רוסלאַנד, אַז מען זאָל שטיצען די רעגיערונג. קאַלעדין האָט פונאַנדערגעטריעבען אַלע סאָוויעטען און פעראיינען אין דער דאָנער געגענד, און זיינע ארמעען רוקען זיך קיין צפון...

אַ פערטרעטער פון דעם אייזענבאהן־פעראיין האָט געזאָגט: „נעכטען האָבען מיר ארויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע איבער גאַנץ רוס־לאַנד. מיר פאָדערען, אַז דער קריעג צווישען די פערשיעדענע פּאָלי־טישע פעראיינען זאָל תיכף אָבגעשטעלט ווערען. מיר פאָדערען, אַז עס זאָל געבילדעט ווערען אַ קאָאַליציאָנס־רעגירונג פון אַלע סאָ־ציאַליסטען. אז ניט וועלען מיר ערקלעהרען אַ סטרייק מאָרגען ביינאַכט... מאָרגען אינדערפריה וועט פּאָרקומען אַ זיצונג פון אַלע פראַקציעס צו בעטראַכטען די פראַגע. עס ווייזט אויס, אַז די באָל־שעוויקעס ווילען אַן אויסגלייך...״

„אויב זיי וועלען זיך נאָר לאַנג האַלטען!״ האָט געלאַכט דער שטאָדט־אינזשענער, אַ דיקער מאַן מיט אַ געזונדען רויטען פּנים...

ווען מיר זיינען געקומען אין סמאָלני אינסטיטוט, האָבען מיר געזעהן, אַז ער איז דוקא ניט לעדיג. פערקעהרט, דאָרט איז די ארבייט געגאַנגען נאָך האסטיגער ווי פריהער; הויפענס ארבייטער און סאָלדאַטען זיינען געקומען און ארויסגעגאַנגען פון דער געביידע, אַ דאָפּעלטע וואַך איז געשטאַנען אומעטום. אונטען האָבען מיר גע־טראָפען די רעפּאָרטערס פון דער בורזשואזער און מעסיג־סאָציאַליס־טישער פּרעסע.

„זיי האָבען אונז ארויסגעוואָרפען!״ האָט איינער אַ פערטרעטער

פון דער „וואָליא נאַראָדא“ אויסגעשריען. „באַנטש־ברויעוויטש איז אַרונטערגעקומען אין פּרעס־ביוראָ און האָט אונז געהייסען געהן! ער האָט געזאָגט, מיר זיינען שפּיאָנען!“ די צייטונגס־לייט האָבען אַלע געערדט מיט אַמאָל: „בעליידיגונג! אונערהערט! פּרעס־פרייהייט!“

אין קאָרידאָר לעבען אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען טישען בעלאַדען מיט אויפרופען, פּראָקלאַמאַציעס און בעפעהלען פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. אַרבייטער און סאָלדאַטען האָבען געטראָגען די שווערע בינטלעך אין דרויסען און זיי אַרויפגעלעגט אויף אויטאָמאָבילען. איין אויפרוף האָט געלויטעט:

„צום שאַנד־סלופּ!

„אין דעם איצטיגען טראַגישען מאָמענט אין דעם לעבען פון די רוסישע מאַסען האָבען די מענשעוויקעס מיט זייער כנופיא און די רעכטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען פאַרראַטהען דעם אַרבייטער־קלאַס. זיי האָבען זיך פעראייניגט מיט קאָרנילאָוו, קערענסקי און סאַווינקאָוו...

„זיי דרוקען בעפעהלען פון דעם פעררעטהער קערענסקי און רופען אַרויס אַ פּאַניק אין שטאָדט. זיי פערשפּרייטען די לעכערליכסטע קלאַנגען וועגען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זיעגען פונ'ם רענעגאַט.

„בירגער, גלויבט ניט די אַלע פאַלשע קלאַנגען. ניטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל קענען בעזיעגען די פאָלקס־רעוואָלוציע... דער פּרעמיער קערענסקי און זיינע נאָכפאָלגער וועלען בעקומען אַ שנעלע און פערדיענטע שטראָף...

„מיר שטעלען זיי צום שאַנד־סלופּ. מיר גיבען זיי איבער צום האַס פון אַלע אַרבייטער, סאָלדאַטען, מאַטראָזען און פויערים, אויף וועמען זיי ווילען ווידער פערשמיעדען די קייטען. קיינמאָל וועלען זיי ניט קענען אָבוואַשען פון זייערע קערפּערס דעם פלעק פון פאָלקס־האַס און פאָלקס־פעראַכטונג.

„שאַנד און פלוך אויף די פעררעטהער פונ'ם פאָלק!...“

דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט זיך געהאַט אַריבערגעקליבען אין אַ גרעסערען צימער, נומער 17, אויפ'ן אויבערשטען שטאָק. ביי דער טהיר זיינען געשטאַנען רויטע גוואַרדייצעס.

די קאָנצעליאַריע איז געווען איבערגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם באַריער. אין דעם שמאָלען שטיקעל פּלאַץ אויף ד ע ר זייט באַריער איז געווען אַ גרויסע צאָהל פיין־געקליידעטע פּערזאָנען מיט אַ רעספּעקטאַבלען אויסזעהן, אָבער מיט אַ פערביסענעם כעס אין דער נשמה, — דאָס זיינען געווען בורזשויען, וואָס האָבען געוואָלט ערלויבנישען פאַר זייערע אויטאָמאָבילען אָדער פּאַספּאָרטען צו פערלאָזען די שטאָדט. געווען אויך אַ סך אויסלענדער... בילל שאַטאָוו און פּעטערס זיינען געזעסען ביים טיש און געטהאָן די אַרבייט. אויף אַ קורצע צייט האָבען זיי אָבגעלעגט אַלע געשעפטען און האָבען אונז פאָרגעלעזען די לעצטע בולעטענען.

דער הונדערט ניין און זיעבציגטער רעזערוו־פּאָלק איז גרייט צו שטיצען די באָלשעוויקעס. פינף טויזענד אַרבייטער פון פּוטילאָווער האַפען בעגריסען די נייע רעגירונג. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען גיט איהר זיין בעגייסטערטע אונטערשטיצונג. דער גאַרניזאָן און דער פלאָט אין רעוועל קלייבען אויס מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען צו אַרבייטען מיט דער רעגירונג און זיי שיקען סאָלדאַטען קיין פּעטראָגראַד. מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען האַלטען אין זייערע הענד פּסקאָוו און מינסק. גרוסען פון די סאָוויעטען אין צאַריצין, ראָוויענסקי אויפ׳ן דאָן, טשאַרנאָגאָרסק, סעוואַסטאָפּאָל... די פינישע דיוויזיע, די נייע קאָמיטעטען פון דער 5טער און 12טער אַרמעע זיינען מיט דער נייער רעגירונג...

אין מאָסקווא איז די לאַגע ניט זיכער. סאָלדאַטען פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט פערנעהמען די סטראַטעגישע פּונקטען אין שטאָדט. צוויי ראָטעס, וואָס האָבען געהיט דעם קרעמל, זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די סאָוויעטען, אָבער דער אַרסענאַל געפינט זיך נאָך אין די הענד פון פּאָלקאָווניק ריאַבצעוו און די יונקערס. דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט פערלאַנגט געוועהר פאַר די אַרבייטער, און ריאַבצעוו האָט אָבגעלעגט די פראַגע ביז היינט אינדערפריה. פּלוצלונג האָט ער געשיקט דעם קאָמיטעט אַן אולטימאַטום, אַז אַלע סאָלדאַטען פון דעם סאָוויעט זאָלען זיך אונטערגעבען און דער קאָמיטעט זאָל פונאַנדערגעלאָזט ווערען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמפף...

אין פעטראָגראד האָט דער שטאַב זיך באַלד אונטערגעגעבען דעם קאָמיסאַר פון סמאָלני. דער צענטראָ־פלאָט האָט זיך אָבגעזאָגט, האָט דיבענקאָ בראָש פון א ראָטע קראָנשטאַדטער מאַטראָזען איהם געגומען מיט שטורעם. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרען א נייער צענטראָ־פלאָט, וואָס שטיצט זיך אויף די קריעגס־שיפען אין באַלטישען און שווארצען ים.

די לאַגע האָט אויסגעזעהן גינסטיג. גערעדט האָט מען מיט גרויס זיכערהייט. אָבער אונטער דעם אַלעם האָט זיך געפיהלט א שטילער פחד. די לופט איז געווען פול מיט אומרוהיגקייט און שווערע ערוואַרטונג. קערענסקי׳ס קאָזאַקען האָבען זיך שנעל גערוקט אויף פעטראָגראַד, און מען האָט געוואוסט, אז זיי האָבען ארטילעריע. סקריפניק, דער סעקרעטער פון די פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקע קאָמיטעטען, א מאַן מיט אַן איינגעפאַלענעם געלבליכען פנים, האָט מיר געזאָגט, אז עס איז דאָ א גאַנצער קאָרפּוס פון קאָזאַקען מיט ארטילעריע. ער האָט צוגעגעבען מיט ברענענדיגער ענערגיע: „אָבער זיי וועלען אונז קיינמאָל ניט נעהמען לעבעדיגערהייט!“ פעטראָווסקי האָט מיעד געשמייכעלט: „ס׳קען זיין, אז מאָרגען וועלען מיר שוין האָבען א מעגליכקייט צו שלאָפען — א לאַנגען שלאָף...“ לאָזאָווסקי, מיט זיין אויסגעמאָגערטען פנים אונטער א רויטער באָרד, האָט געזאָגט: „וואָס פאַר א אויסזיכטען האָבען מיר! איינע אליין... אַן אונאָרגאַניזירטע מאַסע געגען פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטען!“

אין דרום און דרום־מערב האָבען די סאָוויעטען אָבגעטרעטען פאַר קערענסקי׳ן. די גאַרניזאָנען פון גאַטשינאַ, פאַוולאָווסק, צאַרסקאָיע סעלאָ זיינען געווען צוטהיילט: א העלפט האָבען געשטימט צו בלייבען נייטראַל, די איבריגע, אָהן אָפיצירען, אָהן אָרדנונג, האָבען אָבגעטרעטען צו פעטראָגראַד צו.

אין די זאַלען האָט מען געקלעפּט פאָלגענדע בולעטענען:

„פון קראַסנאָיע סעלאָ, 10טען נאָוועמבער, 8 אין דער פריה.

„זאָל מען דאָס איבערגעבען אַלע שטאַדט־קאָמאַנדירען, הויפּט־קאָמאַנדירען און קאָמאַנדירען אומעטום. זאָל מען דאָס איבערגעבען אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען.

„דער געוועזענער מיניסטער קערענסקי האָט מיט א כיון ארויס־

געשיקט א פאלשע טעלעגראמע, וואו ער דערצעהלט, אז די ארמעע פון רעוואלוציאנערען פעטראגראד האט פרייוויליג אבגעגעבען איהר געוועהר און זיך פעראייניגט מיט די ארמעען פון דער געוועזענער רעגירונג — די רעגירונג פון פערראטה — און אז דער מיליטערישער רעוואלוציאנערער קאמיטעט האט געהייסען זיינע סאלדאטען אבטרעטען. די ארמעע פון א פרייען פאלק טרעט ניט אב און גיט זיך ניט אונטער. אונזערע סאלדאטען האבען פערלאזט גאטשינא, כדי אויסצומיידען בלוט-פארגיסונג צווישען זיי און זייערע אבגענארטע ברידער-קאזאקען און כדי צו פערנעהמען א גינסטיגערע פאזיציע. די פאזיציע איז איצט אזוי שטארק, אז אויב אפילו קערענסקי מיט זיינע קריענס-חברים זאלען פערשטארקען זייערע קרעפטען צעהן מאל אזוי פיעל, וועט עס אונז אויך ניט אארען. דער גייסט פון אונזערע סאלדאטען איז פראכטפאל.

אין פעטראגראד איז אלעס רוהיג.

דער קאמאנדיר פון דער פערטהיידיגונג פון פעטראגרא-דער ראיאן,

פאדפאלקאווניק מוראוויאוו".

ווען מיר האבען געהאלטען אין ארויסגעהן פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט, איז אריינגעגאנגען אנטאנאוו מיט א פאפיער אין האנד. געוועזן איז ער ווי א מת.

„שיקט דאס ארויס", האט ער געזאגט.

צו אלע ראיאנע סאוויעטען פון ארבייטער-דעפוטאטען און פאבריטשנא-זאוואדסקע קאמיטעטען

בעפעהל

„די קארנילאווסקע באנדעס פון קערענסקי'ן דראהען צו פערנעהמען די וועגען, וואס פיהרען קיין פעטראגראד. אלע נויטווענדיגע בעפעהלען זייען ארויסגעגעבען געווארען צו ברעכען אהן רחמנות יעדען קאנטר-רעוואלוציאנערען פערזוך געגען דעם פאלק און זיינע עראבערונגען.

„די רעוואָלוציאָנערע אַרמעע און די רויטע גוואַרדיע דאַרפֿען האָבען די באַלדיגע הילף פון די אַרבייטער.

„מיר בעפעהלען אַלע ראַיאָנע סאָוויעטען און פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקע קאָמיטעטען:

„1) מען זאָל שיקען אַזוי פיעל אַרבייטער ווי נאָר מעגליך צו גראָבען טראַנשעען, צו בויען באַריקאַדען און צו פערשטאַרקען די דראָט־צאַמען.

„2) אויב עס וועט נויטיג זיין אָבצושטעלען די אַרבייט אין פאַבריקען צוליעב דעם צוועק, זאָל מען דאָס טהאָן אָהן אָן אויפהאַלט.

„3) דראָט, גלאַטע און שפּיציגע, זאָל אָנגעזאַמעלט ווערען וואו מען קען דאָס נאָר קריגען. אויך זאָל מען אָנזאַמלען אַלע איבּ־סטרומענטען וואָס מען דאַרף האָבען צו גראָבען טראַנשעען און צו בויען באַריקאַדען.

„4) מען זאָל פערנעהמען אַלערליי געוועהר וואו דאָס געפינט זיך.

„5) מען זאָל היטען די שטרענגע דיסציפּלין. יעדער איינער זאָל זיין גרייט צו העלפען דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע מיט וואָס ער קען נאָר.

פאָרזיצענדער פונ׳ם פעטראָגראַדער סאָוויעט פון אַרבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, פאָלקס־קאָמיסאַר לעוו טראָצקי.

פאָרזיצענדער פונ׳ם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, הויפּט־קאָמאַנדיר פּאָדוואָיסקי.

דער טאָג איז געווען כמורנע און אומעטיג. אַ גרויער נעבעל האָט זיך געשפּרייט. ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָבען אַרום און אַרום געפייפט די פאַבריטשנע פייפלעך. פון אַלע זייטען האָט זיך געהערט דאָס הייזעריגע נערוועזע געשריי פון דער פּאַרע, און ס׳האָט זיך אויסגעדראַכט: מען זאָגט אָן אַ בייזע בשורה. צעהנדליגע טויזענדע אַרבייטער, מענער און פרויען, האָבען זיך געגאָסען פון די פאַבריקען; צענדליגע טויזענדער אָרימע, גראָהע, דערשלאָגענע מענ־שען פון סאַמע דעק האָבען זיך אויפגעהויבען און געוויסט ווי אַ ביהנשטאָק. „דאָס רויטע פּעטראָגראַד איז אין געפאַהר! קאָזאַקען

קומען!" אין דרום און אין דרום־מערב האָבען זיי זיך געגאָסען דורך די קבצני׳שע גאַסען צום מאָסקווער טויער, מענער, פרויען און קינדער, מיט ביקסען, פיקעס, רידעלס, קנוילען דראָהט, קויהלען־גאַרטלען אָנגעטהאָן אויף זייערע ארבייטער־קליידער... זינט די שטאָדט לעבט האָט זי נאָך ניט געזעהן אַז אַזאַ ריזיגע מאַסע זאָל מיט אַ מאָל זיך אַ לאָז טהאָן איבער די גאַסען! ווי אַ גרויסער ים האָבען זיי פארפלייצט די שטאָדט, מיטגעריסען מיט זיך ראַטעס סאָל־דאַטען, מאַשין־ביקסען, מאָטאָר־וואָגענס... דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויס צו פערטהיידיגען מיט זיין ברוסט די רעפּובליק פון די אַרבייטער און די פּויערים!

פאַר דער טהיר פון סמאָלני איז געשטאַנען אַן אויטאָמאָביל. אַ ניעדריגער מאַן מיט דיקע ברילען, וועלכע האָבען פערגרעסערט זיינע רויטליכע אויגען, איז געשטאַנען אָנגעלעגט אויף אַ סאָלדאַט, געהאַלטען די הענד אין די קעשענעס פון זיין אָבגעטראָגענעם מאַנטעל און געריעדט מיט אונגעהייערער אנשטרענגונג. אַ גרויסער סאָלדאַט מיט אַ באָרד און מיט קלאָהרע אומשולדיגע יונגע אויגען האָט זיך געדרעהט אַהין און אַהער און, אַליין ניט וויסענדיג וואָס ער טהוט, האָט ער זיך געשפּיעלט מיט אַ גרויסען בלויען שטאָלענעם רעוואָל־ווער, וואָס ער האָט איהם אויף אַ מינוט ניט אַרויסגעלאָזען פון האַנד. דאָס זיינען געווען אַנטאָנאָוו און דיבענקאָ.

צוויי סאָלדאַטען האָבען געוואָלט צושעפּען צוויי מיליטערישע וועלאָסיפּעדען צו ביידע זייטען פונ׳ם אויטאָמאָביל. דער שאָפער האָט געמאַכט קולות. דאָס, זאָגט ער, וועט אָבקראַצען די פאַרב. אמת, ער איז אַ באָלשעוויק און דעם אויטאָמאָביל האָט מען קאָנפיס־קירט פון דער בורזשואַזיע; אמת, די וועלאָסיפּעדען זיינען געווען מיליטערישע, אָבער זיין פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ אַלס שאָפער האָט אַזוינס ניט געקענט דערלאָזען... מען האָט געמוזט אויפגעבען דעם פּלאַן מיט די וועלאָסיפּעדען...

דער קאָמיסאַר פאַר מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען און דער קאָמיסאַר פונ׳ם פלאָט זיינען געגאַנגען רעווידירען דעם רעוואָלוציאָ־נערען פראָנט — וואו ער זאָל זיך ניט געפינען. מעגען מיר געהן מיט זיי? — געוויס ניט. אין אויטאָמאָביל איז געווען פּלאַץ נאָר פאַר פינף — די צוויי קאָמיסאַרען, זייערע צוויי קוריערען און דעם

שאפער. פונדעסטוועגען האט מיינער א רוסישער בעקאנטער, לאמיר איהם אנרופען טרוסישקא, זיך רוהיג ארויפגעדראפעט אויפ'ן אויטא־מאביל און אנידערגעזעצט. עס האט ניט געהאלפען רעדען און טענה'ן. ער איז געבליבען...

איך האב ניט קיין שום גרונד צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון טרוסישקא'ס בעריכט וועגען זייער רייזע. ווען זיי זיינען גע־פאהרען איבער סוואווראווסקי פראספעקט, האט אימיצער א רעד געטהאן וועגען שפייז. מעגליך, אז זיי וועלען דארפען ארומפאהרען דריי אדער פיער טעג. שפייז איז אין לאנד פאראן ווייניג. זיי האבען אבגעשטעלט דעם אויטאמאביל. געלד? דער קריעגס־קאמי־סאר האט זיך א טאפ געטהאן אין קעשענע: ער האט ניט א קאפי־קע. דער פלאט־קאמיסאר האט אויך ניט קיין געלד. דאס זעלביגע מיט'ן שאפער. טרוסישקא איז אראבגעגאנגען און געקויפט עסענ־ווארג פאר אלע...

ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צו נעווסקי, האט געפלאצט א שינע (טייר).

„וואס זאלען מיר טהאן?" האט אנטאנאוו געפרעגט.

„מען מוז קאנפיסקירען אן אנדער מאשין", האט דיבענקא פאר־געשלאגען, מאכענדיג מיט'ן רעוואלווער. אנטאנאוו האט זיך אוועק־געשטעלט אין מיטען גאס. א מאשין איז פארבייגעפאהרען מיט א סאלדאט ביים ראד. אנטאנאוו האט זי אבגעשטעלט.

„איך וויל אט די מאשין", האט ער געזאגט.

„מעגסט זי וועלען געזונדערהייד", האט דער סאלדאט געענט־פערט.

„ווייסט, ווער איך בין?" האט אנטאנאוו געזאגט און האט ארויסגענומען א פאפיער וואו עס איז געשטאנען, אז ער איז בע־שטימט געווארען הויפט־קאמאנדיר פון אלע ארמעען פון דער רוסי־שער רעפובליק און אז יעדער איינער דארף איהם פאלגען אהן טענות ומענות.

„מעגסט אפילו זיין דער טייוועל אליין", האט דער סאלדאט היציג געענטפערט. „די מאשין געהער צו דעם ערשטען פאלק פון מאשין־הארמאטען, און מיר פיהרען אין איהר אמוניציע, און איך וועל זי דיר ניט געבען..."

דער סכסוך איז געלעזט געוואָרען אויף אַן אַנדער אופן. עס איז פאַרבייגעפאָהרען אַן אַלטער, צוקריפּעלטער טאַקסי־מאָטאָר מיט אַן איטאַליעניש׳ען פּעהנדעל (אין אומרוהיגע צייטען פלעגט מען רע־גיסטרירען די פּריוואַט־אויטאָמאָבילען אויפ׳ן נאָמען פון אויסלענ־דישע קאָנסולס, כדי קיינער זאָל זיי ניט קאָנפיסקירען). אינגוועניג איז געזעסען אַ פעטער נפש אין אַ טייערען פוטער. מען האָט איהם געהייסען געהן, און דעם אויטאָמאָביל האָט מען צוגענומען און זיך ווייטער געלאָזט פאָהרען.

אָנגעקומען צו נאַרוואָסקאַיאַ זאַסטאַווא, אין ערך 10 מייל פונ׳ם צענטער, האָט אַנטאָנאָוו געפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער קאָמענ־דאַנט פון דער רויטער גוואַרדיע. מען האָט איהם אָוועקגעפיהרט צום עק שטעדטעל, וואו עטליכע הונדערט אַרבייטער האָבען געהאַט אויסגעגראָבען טראַנשעען און האָבען געוואַרט אויף די קאַזאַקען.

„אַלצדינג אין אָרדנונג, טאָוואַרישטש?" האָט אַנטאָנאָוו גע־פרעגט.

„אַלצדינג אויסגעצייכענט. טאָוואַרישטש", האָט דער קאָמענ־דאַנט געענטפערט. „דער גייסט פון די סאָלדאַטען איז פּראַכטפאָל... נאָר איין צרה: מיר האָבען ניט קיין אַמוניציע".

„אין סמאָלני איז דאָ גענוג אַמוניציע פאַר אַלעמען", האָט אַנטאָנאָוו געענטפערט. „איך וועל אייך געבען אַ פאַראָרדנונג".

ער האָט זיך אַ טאַפּ געטהאָן אין די קעשענעס. „האָט אימיצער אַ שטיקעל פּאַפּיער?"

דיבענקאָ האָט ניט געהאַט קיין פּאַפּיער. די קוריערען אויך ניט.

טרוסישקא האָט זיי געמוזט געבען זיין נאָטיץ־בוך...

„צום טייוועל! איך האָב ניט קיין בלייפעדער!" האָט אַנטאָ־נאָוו אויסגעשריען. „ווער האָט אַ בלייפעדער?" עס פערשטעהט זיך, אַז טרוסישקא איז געווען דער איינציגער אין דער גאַנצער קאָמפּאַניע, וועלכער האָט פערמאָגט אַ בלייפעדער...

מיר, די געבליבענע, האָבען זיך געלאָזט צום צאַרסקאָ־סעלסקי וואָגזאַל. ווען מיר זיינען געגאַנגען איבער נעווסקי, האָבען מיר געזעהן, ווי רויטע גוואַרדייצעס האָבען מאַרשירט אַלע מיט ביקסען אויף די פּלייצעס, איניגע האָבען געהאַט באַיאָנעטען אויך. אויפ׳ן

שטאָדט איז שוין געפאַלען דער פריהער ווינטערדיגער בין־השמשות. מיט געהויבענע קעפּ האָבען זיי געשפּאַנט איבער דער קאַלטער בלאָ־טע, פיער אין א רייהע, אָהן מוזיק, אָהן פויקען און אָהן שטרענגער אָרדנונג. איבער זיי האָט זיך געהויבען אַ רויטע פאָהן מיט אומ־געלומפּערט אויסגעמאָהלענע אותיות: „פריעדען! ערד!” די גוואר־דייצעס זיינען געווען זעהר יונג. אויף זייערע פנים׳ער איז געלעגען דער אויסדרוק פון מענשען, וואָס ווייסען, אַז זיי געהען צום טויט. די מאַסן אויף די טראָטוארען האָבען געקוקט אויף זיי, האַלב מיט שרעק, האַלב מיט פעראַכטונג. מען האָט זיי ניט געטשעפּעט, אָבער די שטילקייט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט האַס.

אויפ׳ן וואָגזאַל האָט קיינער ניט געוואוסט, וואו קערענסקי איז אָדער וואו זיין פראָנט איז. צוגען זיינען געגאַנגען ניט ווייטער ווי צאַרסקאָיע. אונזער וואַגאָן איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענ־שען, וואָס וואָהנען הינטער׳ן שטאָדט, און אָנגעלאָדען מיט בינטלעך און אָוועגד־צייטונגען. דער שמועס האָט זיך נאָכאַנאַנד געדרעהט אַרום דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד. ווען ניט דער שמועס, וואָלט מען קוים געקענט בעמערקען, אַז אַ בירגער־קריעג רייסט דאָס גרויסע רוסלאַנד אויף צווייען און אַז דער צוג פאָהרט צו אַ פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אין קריעגס־ראַיאָן. דורך די פענסטער האָבען מיר אין די בין־השמשות׳דיגע שאָטענס געזעהן מאַסען סאָלדאַטען שפּאַנען איבער׳ן בלאָטיגען וועג צו דער שטאָדט צו, ריידענדיג איינער מיט׳ן אַנדערען און מאַכענדיג מיט די הענד. אויף זייטיגע רעלסען איז געבליבען שטעהן אַ פראַכט־צוג אָנגעלאָדען מיט סאָלדאַטען. דער צוג, איז, קענטיג, פערהאַלטען געוואָרען. פאַר איהם האָט געברענט אַ גרויסער ליכטיגער פייער. און דאָס איז געווען אַלעס. הינטען זיינען די פייערען פון דער שטאָדט ביסלעכוויז פערזונקען געוואָרען אין דעם נאַכטיגען האָריזאָנט. ערגעץ ווייט האָט אַ טראַמוויי זיך געשלעפּט איבער דער פונאַנדערגעוואָרפענער פאָרשטאָדט.

אין צאַרסקאָיע סעלאָ איז דער וואָגזאַל געווען שטיל, נאָר גרופּען סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען דאָ און דאָרט, גערעדט מיט שטילע שטי־מען און אומרוהיג געקוקט איבער די לעדיגע רעלסען אין דער ריכ־טונג פון גאַטשינא. איך האָב איינעם פון זיי געפרעגט, אויף וועמעס צד ער איז. „איך קען אייך אַליין ניט זאָגען, ווער עס איז דאָ גע־

רעכט", האָט ער געענטפערט. „אמת, קערענסקי איז טאַקי אַ פּראָ־וואָקאַטאָר, אָבער עפּעס געפעהלט עס אונז ניִשט, אַז רוסישע מענשען זאָלען שיסען אויף רוסישע מענשען..."

אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם וואָגזאַל־קאָמענדאַנט האָבען מיר געפונען אַ הויכען פרעהליכען סאָלדאַט מיט אַ גרויסער באָרד און מיט'ן רויטען באַנד פון אַ פּאָלקאָווע קאָמיטעט אויף זיין ארבעל. מיר האָבען איהם געוויזען אונזערע פּאַפּיערען, וואָס מיר האָבען געהאַט פון סמאָלני. ער האָט אונז אויפגענומען מיט גרויסען אָבשיי. עס איז געווען קלאָר, אַז ער האַלט מיט די סאָוויעטען, נאָר ער איז אינ־גאַנצען צוטומעלט.

„די רויטע גוואַרדייצעס זיינען דאָ געווען צוריק מיט צוויי שעה" האָט ער געזאָגט, „אָבער זיי האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט קיין פּעטראָגראַד. אַ קאָמיסאַר איז געווען היינט אין דער פריה, איז ער אויך אָבגעפאָהרען ווען די קאָזאַקען זיינען געקומען."

„הייסט עס, אַז די קאָזאַקען זיינען דאָ?"

ער האָט פינסטער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. „עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט. די קאָזאַקען זיינען אָנגעקומען היינט גאַנץ פריה. זיי האָבען פערכאַפּט צוויי־דריי הונדערט פון די אונזעריגע, און זיי האָבען געטויט אַזוינע פינף און צוואַנציג."

„וואו זיינען די קאָזאַקען?"

„אהער זיינען זיי ניט דערגאַנגען. איך קען אייך ניט זאָגען גענוי וואו זיי געפינען זיך. ערגעץ דאָרט..." ער האָט אונבעשטימט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד קיין מערב.

מיטאָג האָבען מיר געגעסען אין דעם רעסטאָראַן פונ'ם וואָג־זאַל. דער מיטאָג איז געווען ביליגער און בעסער, ווי מען האָט געקענט קריגען אין פּעטראָגראַד. לעבען אונז איז געזעסען אַ פראַנ־צויזישער אָפיציר, וואָס איז אָקאָרשט געקומען צו פוס פון גאַטשינאַ. אַלצדינג איז דאָרט שטיל, האָט ער געזאָגט, קערענסקי האַלט די שטאָדט. „אַך, די רוסען"... האָט ער פאַרטגעזעצט, „ס'אַ מאָדנער עולם! אַ פיינער בירגער־קריעג! אַלצדינג וואָס איהר ווילט, נאָר ניט קיין שלאַכט!"

מיר האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין שטאָדט אריין. לעבען

דער טהיר פונ'ם וואגזאל זיינען געשטאנען צוויי סאלדאטען מיט באיאנעטען אויף די ביקסען. ארום זיי האט זיך אנגעזאמעלט עפּעס א הונדערט פיינע שטאדט־בעלי־בתים, טשינאווניקעס און סטודענ־טען, וואס האבען מיט די סאלדאטען געפיהרט א היציגען ויכוח און זיי גערופען אלערליי נעמען. די סאלדאטען האבען זיך געפיהלט בעליידיגט און האבען אויסגעזעהען ווי קליינע קינדער וואס מען האט זיי אנגעריבען א מארדע אומזיסט און אומנישט.

א הויכער יונג אין א סטודענטישען מונדיר און מיט א נארישען אויסדרוק אויפ'ן פּנים איז געווען דער ראש המדברים.

„איך רעכען", האט ער געזאגט, „עס איז אייך קלאהר, אז אויב איהר הויבט אויף אייער געוועהר געגען אייערע ברידער, ווערט איהר א געצייג אין די הענד פון מערדער און פעררעטהער?"

„אבער הערט זיך איין, ברודער", האט איינער פון די סאלדא־טען ערנסט געענטפערט, „איהר פערשטעהט ניט; פאראן צוויי קלאסען: דער פּראלעטאריאט און די בורזשואזיע. מיר..."

„אה, איך קען די אלע נארישע רייד", האט איהם דער סטודענט גראב איבערגעהאקט. „איהר זענט א חברה אונוויסענדע פּויערים, איהר הערט עפּעס, אימיצער זאגט א פּאר קלינגענדיגע ווערטער, כאפּט איהר זיי אונטער און מיינט, אז עס איז אמת. איהר פער־שטעהט גאר ניט, וואס די ווערטער בעדייטען. איהר חזר'ט זיי נאר איבער, ווי פּאפּוגאיען." דער עולם לאכט. „איך בין אליין א מארקסיסט. זאג איך אייך, אז דאס וואס איהר פיהרט איצט איין, איז ניט סאציאליזם. דאס איז איינפאכע פּרא־דייטשע אנאר־כיע!"

„אה, יא, איך פערשטעה", ענטפערט דער סאלדאט, און שוויים רינט איבער זיין שטערען. „איהר זייט א געבילדעטער מאן, דאס קען מען זעהן. איך בין א פּראסטער מענש. אבער מיר דאכט זיך..."

דער סטודענט האקט איהם ווידער איבער די רייד. „איהר מיינט דאך מסתמא", זאגט ער מיט פעראכטונג, „אז לענין איז אן אמת'ער פריינד פונ'ם ארבייטער־קלאס?"

„געוויס אזוי", ענטפערט דער סאלדאט מיט אן אויסדרוק פון פּיין אויפ'ן פּנים.

„אויב אזוי, מיין פריינד, צו ווייסט איהר, אז מען האָט לענין׳ען דורכגעלאָזט דורך דייטשלאַנד אין אַ פערשלאָסענעם וואַגאָן? צו ווייסט איהר, אז לענין האָט גענומען געלד פון די דייטשען?"

„דעם אמת זאָגענדיג", ענטפערט דער סאָלדאַט מיט גרויס עקשנות, „ווייס איך ניט קיין סך וועגען די אַלע זאַכען, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אמת... און דאָס זעל־ביגע מיט אַלע פּראָסטע מענשען; פאַראַן צוויי קלאַסען, פערשטעהט איהר מיך, די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט..."

„איהר זייט אַ נאַר! איך האָב דאָך פערבראַכט צוויי יאָהר אין שליסעלבורגער פעסטונג דערפאַר, וואָס איך בין געווען אַ רעוואָ־לוציאָנער, אין יענער צייט האָט איהר און אייער גלייכען נאָך געשאָסען אויף די רעוואָלוציאָנערען און געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראַני". איך הייס וואַסילי געאָרגיעוויטש פּאַנין. האָט איהר קיינ־מאָל ניט געהערט מיין נאָמען?"

„עס טהוט מיר לייד, איך האָב איהם קיינמאָל ניט געהערט", ענטפערט דער סאָלדאַט מיט גרויס ענוות. „איך בין דאָך ניט קיין געבילדעטער. איהר זייט מסתמא אַ גרויסער העלד".

„יאַ, איך בין דאָס", ענטפערט דער סטודענט מיט טיעפער איבערצייגונג. „און איך בין געגען די באָלשעוויקעס, וואָס צושטער־רען אונזער רוסלאַנד, אונזער פרייע רעוואָלוציע. ווי קען דאָס זיין?"

דער סאָלדאַט קראַצט זיך אין קאָפּ. „איך קען ניט פער־שטעהן, ווי דאָס איז מעגליך", זאָגט ער אין אַ גרימאַסע פון וועה־טאָג בעווייזט זיך אויף זיין פּנים: קענטיג, ניט אזוי גרינג קומט איהם אָן דאָס טראַכטען. „מיר דאַכט זיך די גאַנצע געשיכטע איז זעהר פּשוט. אמת, איך בין ניט קיין געבילדעטער מענש, אָבער מיר דאַכט זיך, אז עס איז דאָ נאָר צוויי קלאַסען, דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע..."

„וויעדער אַמאָל די זעלביגע נאַרישע פאָרמולאַ!" שרייט אויס דער סטודענט.

„...נאָר צוויי קלאַסען", טענה׳ט אַלץ דער סאָלדאַט מיט דער

זעלבער עקשנות. „און ווער עס איז ניט אויף איין זייט, איז אויף דער אנדרערער זייט...“

מיר האָבען זיך געלאָזט ווייטער אין גאַס אריין. די לאַמטערנעס זיינען געווען ווייט אָבגעשיידט איינער פון צווייטען, עס איז געווען האַלב טונקעל, און ווייניג פארבייגעהער האָבען זיך געוויזען. א דראָהענדע שטילקייט איז געהאַנגען איבער דעם פּלאַץ. עס האָט אויסגעזעהן ווי א מין ווינסטע שטרעקע צווישען גן־עדן און גיהנום. א פּאָליטישע „נאָ מענ׳ס לענד“ (די שטרעקע צווישען צוויי פיינדליכע טראַנשעען). נור די פאַבריק־מאַכערסקעס זיינען געווען העל בעלויכטען און פול מיט מענשען; און לעבען די עפענטליכע בעדער זיינען מענשען געשטאַנען און געוואַרט אין רייה: עס איז געווען שבת פאַרנאַכט, ווען גאַנץ רוסלאַנד וואַשט זיך און פוצט זיך. ביי מיר איז קיין ספק ניטאָ, אַז סיי רויטע גוואַרדייצעס און סיי קאָזאַקען האָבען זיך יענעם אָבענד אויסגעמישט אין דיזעלבע בעדער און זיך געשמיסען מיט די זעלביגע בעזימלעך.

וואָס נעהנטער מיר זיינען געקומען צום קייזערליכען פאַרק, אַלץ לעדיגער זיינען געווען די גאַסען. א דערשראָקענער גלח האָט אונז געוויזען, וואו עס געפינט זיך די קאַנצעלאַריע פונ׳ם סאָוויעט, און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. די קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען אין א פליגעל פון א גרויס־פירשטליכען פּאַלאַץ, מיט דער טהיר צום פּאַרק צו. די פענסטער זיינען געווען טונקעל, די טהיר פערשלאָסען. א סאָלדאַט האָט זיך ארומגעדרעהט מיט די הענד אין די קעשענעס. ער האָט אונז מיט חשד בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. „דער סאָוויעט האָט זיך ארויסגעקליבען צוריק מיט צוויי טעג“ האָט ער געזאָגט. „וואוהין?“ ער האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס. „ניע זנאיו. איך ווייס ניט.“

א ביסעל ווייטער איז געווען א העל־בעלויכטענע גרויסע געביידע. אינוועניג האָט מען געהאַמערט. ווי מיר זיינען אזוי געשטאַנען און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, האָבען זיך אויפ׳ן גאַס בעוויזען א סאָלדאַט און א מאַטראָז, געהענדיג האַנד אין האַנד. איך האָב זיי געוויזען מיין דאָקומענט פון סמאָלני. „זייט איהר פאַר

די סאָוויעטען?" האָב איך געפרעגט. זיי האָבען ניט געענטפערט און האָבען אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען מיט שרעק.

„וואָס טהוט מען דאָרט אינוועניג?" האָט דער מאַטראָז געפרעגט און אָנגעוויזען אויף דער געביידע.

„איך ווייס ניט".

דער סאָלדאַט האָט שרעקעדיג אויסגעשטרעקט זיין האַנד און אויפגעעפענט אַ ביסעלע די טהיר. דורכ'ן שפּאַלט האָבען מיר געזעהן אַ גרויסען זאַאַל בעהאַנגען מיט פאָהנען און גרינס און אויסגעשטעלט מיט רייהען שטוהלען. אין אַ ווינקעל האָט מען געבויט אַ ביהנע.

אַ דיקע פרוי מיט אַ האַמער אין האַנד און מיט אַ סך טשוועקעס אין מויל איז ארויסגעקומען צו אונז. „וואָס ווילט איהר?" האָט זי געפרעגט.

„וועט היינט זיין אַ פאָרשטעלונג?" האָט דער מאַטראָז נערוועז געזאָגט.

„ס'וועט זיין אַ פּריוואַטע טהעאַטער־פאָרשטעלונג, זונטאָג ביינאַכט", האָט זי שטרענג געענטפערט. „געה אוועק".

מיר האָבען זיך געפּרואווט אריינלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם סאָלדאַט און דעם מאַטראָז, אָבער זיי האָבען אויסגעזעהן דערשראָקען און אומגליקליך און זיינען באַלד פערשוואונדען אין דער פינסטער.

מיר האָבען אוועקגעשפּאַנט ווייטער צו די קייזערליכע פּאַלאַצען, נעגאַנגען פארביי די ריעזיגע טונקעלע גערטנער, וואו פאַנטאַסטישע פּאַוויליאָנען און קונציגע בריקלעך האָבען געהויבען אין דער נאַכט אריין זייערע אונקלאָהרע ליניען, און וואַסער האָט ווייך געשפּריצט פון די פאָנטאַנען. אין איין ווינקעל האָט אַ קאָמישער אייזערנער שוואַן אָהן אַן אויפהער געשפּיגען פון אַ קינסטליכען גראָט. דאָרט האָבען מיר פלוצלונג דערפיהלט, אַז מען קוקט אויף אונז. מיר האָבען אויפגעהויבען די אויגען און בעגעגענט דעם בייזען פערדעכטיגען בליק פון אַ האַלב טוץ ריעזיגע בעוואָפענטע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געקוקט אויף אונז פון אַ הויכער, מיט גראָז בעוואַקסע־

נער טערראסע. איך בין ארויפגעגאנגען צו זיי. „ווער זייט איהר?“ האָב איך געפרעגט.

„מיר זיינען די וועכטער“, האָט איינער געענטפערט. זיי זיינען אַלע, קענטיג, געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט: וואָכען נאָכאַנאַנד, טאָג איין, טאָג אויס, האָט מען מיט זיי איינגע׳טענה׳ט און דיסקוטירט, ביז מען האָט זיי איינגעמאַטערט אויף טויט.

„זייט איהר מיט קערענסקי׳ן אָדער מיט די סאָוויעטען?“

זיי האָבען אַ ווײַלע געשוויגען און האָבען זיך אומרוהיג איבערגעקוקט. „מיר זיינען נייטראַל“, האָט איינער ענדליך געענטפערט.

דורך דער ארקאַדע פון דעם גרויסען יעקאַטערינינסקע פּאַלאַץ זיינען מיר אריינגעקומען אין הויף און זיך געפרעגט אויף דער קאַנצעלאַריע. אַ וואַכמאַן איז געשטאַנען פאַר דער טהיר פון דעם האַלב קיילעכדיגען ווייסען פליגעל. ער האָט אונז געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט איז אינווענינ.

מיר זיינען אריין אין אַ שעהנעם ווייסען צימער, וואָס איז געווען צוטיילט אויף צוויי אונגלייכע טיילען דורך אַ דאָפּעלטען קאַמין. אַ גרופּע אָפיצירען איז געשטאַנען און אומרוהיג גערעדט. זיי זיינען געווען בלאַס און צערשטרייט, און מ׳האָט געקענט זעהן, אַז זיי זיינען שוין לאַנג ניט געשלאָפען. איינער, אַן עלטערער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד און מיט מעדאַלען איבער זיין גאַנצען מונדיר, איז געווען דער פּאָלקאָווניק. מיר האָבען איהם געוויזען אונזערע באָלשעוויסטישע דאָקומענטען.

ער איז געווען איבערראַשט. „ווי איז דאָס מעגליך, איהר זאָלט אַזוי ווייט פאַרגעהן און קיינער זאָל אייך ניט טשעפּען?“ האָט ער העפליך געזאָגט. „אין די גאַסען איז איצט זעהר געפעהרליך. פּאָליטישע ליידענשאַפטען פלאַקערען זעהר הייס אין צאַרסקאָיע סעלאָ. עס איז געווען אַ שלאַכט היינט אין דער פריה, און ס׳וועט זיין נאָך אַ שלאַכט מאָרגען אין דער פריה.

„וואו זיינען די קאָזאַקען?“

„ניט מעהר ווי אַ מייל פון דאַנען“. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

„און איהר וועט פערטהיידיגען די שטאָדט געגען איהם?"

„אָה, ניין, ניין", האָט ער געשמייכעלט. „מיר האַלטען די שטאָדט פאַר קערענסקי'ן." אונז האָט זיך אָבגעריסען אין הארצען. אין אונזערע באָלשעוויסטישע דאָקומענטען איז דאָך געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז מיר זיינען פּרעבערענטע רעוואָלוציאָנערען. דער פּאָל־קאָווניק האָט זיך אויסגעהוסט. „מכח אייערע דאָקומענטען", האָט ער געזאָגט, „זאָלט איהר וויסען, אַז אויב מען כאַפּט אייך מיט זיי, וועט איהר ניט זיכער זיין מיט אייער לעבען. מיין עצה איז, אַז אויב איהר ווילט זעהן די שלאַכט, זאָלט איהר איבערנעכטיגען אין דעם אָפּיצערסקע האָטעל און קומען צוריק זיעבען א זייגער אין דער פריה. איך וועל הייסען, אַז מען זאָל אייך געבען צימערען, און מאָרגען וועל איך אייך אַרויסגעבען נייע דאָקומענטען."

— „הייסט עס, איהר זייט פאַר קערענסקי'ן?" האָבען מיר גע־זאָגט.

— „אייגענטליך, ווי זאָל איך אייך זאָגען? ניט אין גאַנצען פ א ר קערענסקי'ן". דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פערהאַלטען א רגע. „די מעשה איז אזוי. די סאָלדאַטען אין אונזער גאַרניזאָן זיינען מעהר־סטענס באָלשעוויקעס. היינט, נאָך דער שלאַכט, האָבען זיי זיך וועקגעלאָזט קיין פּעטראָגראַד און האָבען מיטגענומען מיט זיך די אַרטילעריע. מען קען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז קיינער פון די ס א ל ד א ט ע ן איז ניט פאַר קערענסקי'ן. אָבער אייניגע פון זיי ווילען איבערהויפּט ניט קעמפּפען. די א פ י צ י ר ע ן האָבען זיך במעט אַלע פעראייניגט מיט קערענסקי'ס קרעפטען אָדער זיי זיינען גאָר אין גאַנצען אַוועקגעגאַנגען. מיר זיינען — הם — אין זעהר א שווע־רער לאַגע, ווי איהר זעהט אַליין..."

דעם אמת זאָגענדיג, האָבען מיר ניט געגלויבט, אַז עס וועט פאָרקומען א שלאַכט... דער פּאָלקאָווניק איז געוועזען אזוי פריינדליך און האָט געשיקט זיין קוריער ער זאָל אונז בעגלייטען צום וואָגזאַל. אַליין איז ער געוועזען פון דרום. זיינע עלטערען זיינען געוועזען פראַנ־צויזישע עמיגראַנטען, וואָס האָבען געלעבט אין בעסאַראַביע. „אה", האָט ער אַלץ געזאָגט, „ס'אַרט מיר ניט אַזוי די געפאַהר אָדער די

ארבייט, ס׳ארט מיך, וואס איך בין שוין דריי יאהר פון דער היים, דריי יאהר ניט געזעהן מיין מוטער...״

מיר האבען גענומען א צוג, וואס איז געפאהרען קיין פעטראגראד. ווען מיר האבען ארויסגעקוקט פון פענסטער אין דער קאלטער פינסטערניש, האבען מיר דא און דארט געזעהן גרופען סאלדאטען ארום ברענענדיגע פייערס, גרופען בעפאנצערטע אויטאמאבילען אויסגעשטעלט אין די ערטער, וואו עס שיידען זיך די וועגען. די סאלדאטען האבען גערעדט איינער צום אנדערען און געמאכט מיט די הענד. די שאפערען האבען זיך ארויסגערוקט פון די טהורעמס און עפעס געשריען אין דער נאכט אריין.

איבער די שווארצע פעלדער האבען א גאנצע נאכט געוואנדערט גרופען סאלדאטען און רויטע גווארדייצעס, אהן פיהרער און אהן ארדנונג. זיי האבען זיך בעגעגענט און אויסגעמישט און ניט געוואוסט וואס צו טהאן, און די קאמיסארען פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט האבען געאיילט פון איין גרופע צו דער אנדערער און געפרואווט ארגאניזירען א ווידערשטאנד.

ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין פעטראגראד, האבען מיר געזעהן ברייטע מאסען געהענדיג ארויף און אראב איבער נעווסקי. עפעס האט זיך געטהאן אין שטאדט. פון דעם ווארשאווער וואגזאל האט מען געקענט הערען דעם וויטען דונער פון הארמאטען. אין די יונקער־שוהלען האט מען זיך פיבערהאפט געגרייט. דומא־מיטגליעדער זיינען געגאנגען פון קאזארמע צו קאזארמע, גע׳טענה׳ט און געבעטען, דערצעהלט מעשה־טורא׳ס וועגען באלשעוויסטישע גוואלדטהאטען — ווי אזוי זיי האבען אומגעבראכט די יונקערס אינ׳ם ווינטער־פאלאץ, ווי אזוי זיי האבען פערגוואלדיגט די פרויען־סאלדאטען, ווי אזוי זיי האבען דערשאסען א מיידעל פאר דער דומא, ווי אזוי זיי האבען דערהרג׳עט קניאז טומאנאוו... אין דומא, אין אלעקסאנדראווסקי זאאל, האט דער רעטונגס־קאמיטעט אבגעהאלטען א ספעציעלע זיצונג; קאמיסארען זיינען אנגעקומען פערסאפעטע און אין איילעניש ארויסגעלאפען... אלע זשורנאליסטען, וואס מען האט זיי געוויזען דעם וועג פון סמאלני, האבען זיך דא, אין דומא, צוזאמענגעטראפען און זיינען געווען בגילופין. אז מיר האבען זיי דערצעהלט, וואס עס טהוט זיך

אין צארסקאָיע, האָבען זיי אונז פשוט ניט געגלויבט. סטייטש, ס׳איז דאָך אַ בעקאַנטער פאַקט, אַז צארסקאָיע געפינט זיך אין קערענסקי׳ס הענד, און אַז די קאָזאַקען זיינען שוין אין פולקאָוואָ. מען האָט שוין אויסגעקליבען אַ קאָמיטעט צו בעגעגענען קערענסקי׳ן אויפ׳ן וואָגזאַל, מאָרגען אין דער פריה...

איינער פון די זשורנאַליסטען האָט מיר בסוד סודות איבערגעגעבען, אַז די קאָנטער־רעוואָלוציע וועט זיך אָנהויבען פונקט האַלבע נאַכט. ער האָט מיר געוויזען צוויי פּראָקלאַמאַציעס, איינע אונטערגעשריבען פון גאָץ׳ן און פּאָלקאָווניקאָוו׳ן. די פּראָקלאַמאַציע האָט אויפגעפאָדערט אַלע יונקער־שוהלען, אַלע סאָלדאַטען אין די האָספּיטאַלס און אַלע געאָרגיעווסקע קאַוואַלערען, אַז זיי זאָלען זיך מאָביליזירען צום קריעג און זאָלען וואַרטען אויף בעפעהלען פונ׳ם רעטונגס־קאָמיטעט. די אַנדערע פּראָקלאַמאַציע איז געווען פונ׳ם רעטונגס־קאָמיטעט גופא און האָט זיך געלייענט אַזוי:

„צו דער בעפעלקערונג פון פּעטראָגראַד!

„חברים, אַרבייטער, סאָלדאַטען און בירגער פון רעוואָלוציאָנערען פּעטראָגראַד!

„די באָלשעוויקעס, וועלכע רעדען וועגען פריעדען ביים פראָנט, רופען צו אַ בירגער־קריעג אין דער היים!

„פאָלגט ניט זייערע פּראָוואָקאַטאָרישע אויפרופען!

„גראָבט ניט קיין טראַנשעען!

„ניעדער מיט די פערעטהערישע באַריקאַדען!

„לעגט אַוועק אייער געוועהר!

„סאָלדאַטען, קעהרט זיך אום אין די קאַזאַרמעס!

„הויבט זיך אָן אַ קריעג אין פּעטראָגראַד — איז דאָס אַ טויט פאַר דער רעוואָלוציע!

„אינ׳ם נאָמען פון פרייהייט, ערד און פריעדען, פעראייניגט זיך ארום דעם קאָמיטעט צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע!“

ווען מיר האָבען פערלאָזט די דומא, האָבען מיר בעגעגענט אַ ראָטע רויטע גוואַרדייצעס מיט זעהר ערנסטע פּנים׳ער און מיט אַן אויסדרוק פון פערצווייפלונג. זיי האָבען געשפּאַנט איבער דער פינסטערער פערלאָזענער גאַס און געפיהרט אַ טוץ געפאַנגענע מיטגליעדער פון דער

אַרטיגער אָבטהיילונג פונ׳ם קאַזאַקען־ראַטה. דאָס האָט מען זיי גע־כאַפּט ביי דער האַנד ווען זיי האָבען געפּלאַנעוועט אַ קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערע ארבייט אין זייער הויפּט־קוואַרטיר.

אַ סאָלדאַט האָט געטראָגען אַ פּאַק מעלדונגען. אַ קליין אינגעלע האָט איהם נאָכגעטראָגען אַן עמער פּאַפּ, און ער האָט געקלעפּט די מעלדונגען מיט די גרויסע ברענענדיגע אותיות : „צוליעב דער איצטי־גער לאַגע איז פּעטראָגראַד און איהרע פאָרשטעדט ערקלעהרט אין אַ בעלאַגערונגס־צושטאַנד. אַלע פערזאַמלונגען אין די גאַסען און בכלל אונטער׳ן פרייען הימעל זיינען ביז אויף ווייטערעס פערבאָטען.

ג. פּ אָ ד וו אָ י ס ק י, פּאָרזיצענדער פונ׳ם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט.״

ווען מיר זיינען געגאַנגען אהיים, איז די לופט געווען פול מיט אַלערליי קלאַנגען, טרובעס פון אויטאָמאָבילען, געשרייען, ווייטע שי־סערייען. די שטאָדט האָט זיך אומרוהיג געוויעגט. די שטאָדט איז ניט געשלאָפען.

פאַרטאָג איז זיך אַ גרופּע יונקערס, איבערגעטהאָן ווי סאָלדאַטען פונ׳ם סעמיאָנאָווסקי פּאָלק, אָנגעקומען צו דער טעלעפאָן־סטאַנציע פּונקט אין דער צייט, ווען מען בייט די וואַך. זיי האָבען געוואוסט די באָלשעוויסטישע פּאַראָלען און האָבען איבערגענומען די וואַך, ניט דערוועקענדיג דעם מינדעסטען חשד. שפּעטער מיט עטליכע מינוט, ווען אַנטאָנאָוו איז אָנגעקומען צו רעווידירען די וואַך, האָבען זיי איהם געכאַפּט און פערשפּאַרט אין אַ קליינעם צימערעל. ווען ס׳איז אָנגע־קומען די נעכסטע וואַך, די באָלשעוויסטישע, האָבען זיי זי בעגעגענט מיט אַ זאַלפּ און געטויט עטליכע סאָלדאַטען.

די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען...

## קאפיטעל אכט.

## קאנטער־רעוואלוציע.

זונטאג אין דער פריה, דעם 11טען נאוועמבער, זיינען די קאזאקען אריינגעקומען אין צארסקאיע סעלא. קערענסקי איז געפאהרען אויף א ווייסען פערד, און אלע קירכען־גלאקען האבען געקלונגען. פון א בערגעל הינטערען שטאדט האט מען געקענט זעהן די גאלדענע טורעמס, פיעל־פארביגע קיילעכדיגע דעכער פון די קירכען, די געוואלדיגע גראהע מאסע פון דער הויפט־שטאדט, וועלכע ליגט אויסגעשפרייט איבער א פלאכען, וויסטען לאנד; הינטער איהר, א ביסעל ווייטער, דעם שטאלענעם פינישען ים־בוזים.

אין צארסקאיע סעלא איז ניט פארגעקומען קיין שלאכט. אבער קערענסקי האט געמאכט א גרויסען פעהלער. זיעבען א זייגער אין דער פריה האט ער געשיקט מעלדען דעם צווייטען צארסקא־סעלסקער שיסער־פאלק, אז ער זאל אוועקלייגען זיין געוועהר. די סאלדאטען האבען געענטפערט, אז זיי וועלען בלייבען נייטראל, אבער ענטוואפענען זיך ווילען זיי ניט. קערענסקי האט זיי געגעבען 10 מינוט צייט אויסצופיהרען זיין בעפעהל. דאס האט אריינגעבראכט די סאלדאטען אין כעס: אכט חדשים נאכאנאנד האבען זיי זיך פערוואלטעט דורך א קאמיטעט, און איצט בעהאנדעלט מען זיי אזוי ווי גאר אין די גוטע ניקאלאיעוועסקע צייטען... אין עטליכע מינוט ארום האט די קאזאקישע ארטילעריע גענומען שיסען אויף די קאזארמען און געטויט אכט סאלדאטען. פון דער מינוט אן איז שוין ניט געבליבען קיין „נייטראלע” סאלדאטען אין צארסקאיע.

אינדערפריה האבען איבער גאנץ פעטראגראד געקנאקט ביקסען, און מענשען האבען מארשירט אין אלע זייטען. דער קאלטער ווינט אונטער'ן הויכען טונקעלען הימעל האט געשמעקט מיט שנעע. עס האט קוים אנגעהויבען צו שאריען אויף טאג, ווען א גרויסע אבטהיילונג פון יונקערס האט גענומען דעם מיליטערישען האטעל און די טעלעגראף־סטאנציע. שפעטער האבען די באלשעוויקעס זיי

ווידער אָבגענומען נאָך אַ סך בלוט-פּערגיסונג. די טעלעגראַף-סטאַנציע איז געווען בעלאַגערט פון מאַטראָזען, וועלכע זיינען געלעגען הינטער באַריקאַדען פון פעסער, קעסטלען און בלעכען, אין מיטען מאָרסקאיאַ, אָדער זיי האָבען זיך בעהאַלטען אויפ׳ן ווינקעל פון גאָראָכאָוואַיאַ און איסאַקיעווסקי פּלאַץ און געשאָסען אויף אַלצדינג וואָס האָט זיך גערוהרט. פון צייט צו צייט איז אַרויסגעפאָהרען אָדער אריינגעפאָהרען אַן אויטאָמאָביל מיט׳ן פלאַג פון רויטען קרייץ. די אָפיצירען האָבען איהם דורכגעלאָזט אונגעשטערט.

אַלבערט רייס וויליאַמס איז דאַמאָלסט געווען אין דער טעלעפאָן-סטאַנציע. ער איז אַרויסגעפאָהרען מיט איינעם פון די אויטאָמאָבילען פונ׳ם רויטען קרייץ וועלכער איז בלומר׳שט געווען פול מיט פּאַרוואונדעטע. די מאַשין האָט זיך אַ צייט געדרעהט איבער פּעטראָגראַד און דורך זייטיגע וועגען אָנגעקומען צו דער מיכאַילאָווסקע יונקער-שוהל, די הויפּט-קוואַרטיר פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. אין הויף פון דער געביידע האָט ער געזעהן אַ פראַנצויזישען אָפיציר, וועלכער האָט, קענטיג, געקאָמאַנדעוועט איבער די יונקערס... די דאָזיגע בלומר׳שטדיגע רויטע-קרייץ אויטאָמאָבילען האָבען געפיהרט אַמוניציע און קריעגס-מאַטעריאַל צו דער טעלעפאָן-סטאַנציע. צעהנדליגע אַזוינע פערשטעלטע אַמבולאַנסען האָבען געדיענט אַלס קוריערען און אַמוניציאָנס-צוגען פאַר די יונקערס.

פינף אָדער זעקס בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען פון דער אַמאָליגער בריטישער דיוויזיע פון בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען האָבען זיך געפונען אין די הענד פון די יונקערס. ווען לואיזע ברייענט איז געגאַנגען איבער דעם איסאַקיעווסקי סאָבאָר, האָט זי געזעהן, ווי איינער אַזאַ אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען פון דער אַדמיראַלטעיסטוואָ. געפאָהרען איז ער צו דער טעלעפאָן-סטאַנציע. פּונקט אויפ׳ן ראָג פון דער גאָגאָל-גאַס האָט די מאַשין זיך אָבגעשטעלט. דאָס איז געווען פאַר לואיזע ברייענט׳ס אויגען. הינטער הויפענס געהילץ זיינען געלעגען איינינגע מאַטראָזען און געלויערט. ווען זיי האָבען דערזעהן די מאַשין, האָבען זיי אָנגעהויבען שיסען. דער מאַשין-האַרמאַט אין דעם טהורם פונ׳ם אויטאָמאָביל האָט זיך דאַן אויסגעדרעהט און אויסגעשפּיגען אַ גאַנצען האָגעל פון קוילען אויף דעם הויפען געהילץ און אויך אויף דעם עולם אין גאַס. די שיסער האָבען ניט איבערגעקליבען.

אין דער ארקאדע, וואו מיסס ברייענט איז געשטאנען, זיינען דער־הרג׳עט געווארען זיעבען פארשוין, צווישען זיי צוויי קליינע אינגלעך. פלוצלונג זיינען די מאטראזען אויפגעשפרונגען מיט א גרויס געשריי און זיך א לאז געטהאן איבער׳ן אפענעם פלאץ, וואו קוילען זיינען געפלויגען ווי ביהנען. זיי האבען ארומגערינגעלט דאס בעפאנצערטע בעשעפעניש און האבען ארייגעשטעקט זייערע באיאנעטען דורך די לעבער, שרייענדיג מיט ווילדע קולות. זיי האבען איבערגע׳חזר׳ט די אפעראציע עטליכע מאל... דער שאפער האט זיך פארשטעלט אז ער איז פארוואונדעט, האבען זיי איהם ניט געטשעפעט — איז ער אוועקגעלאפען אין דומא און אנגעהויבען דערצעהלען מעשיות וועגען די באלשעוויסטישע רציחות... צווישען די טויטע איז געווען א בריטישער אפיציר...

שפעטער האבען די צייטונגען דערצעהלט וועגען אן אנדער אפי־ציר א פראנצויזישען, וואס מען האט איהם געכאפט אין א יונקערשען בעפאנצערטען אויטאמאביל און אבגעשיקט אין פעטראפאוולאווסקע פעסטונג. די קאנצעלאריע פונ׳ם פראנצויזישען אמבאסאדאר האט תיכף אבגעלייקענט די געשיכטע, אבער איינער פון די שטאדטישע גלאסנע האט מיר דערצעהלט, אז ער אליין האט גע׳פועל׳ט מען זאל ארויסלאזען דעם אפיציר...

די אפיציעלע בעציהונג פון די אליאירטע אמבאסאדארס האט געמעגט זיין ווי זי וויל זיך, אבער א פאקט איז, אז איינצעלנע פראנ־צויזישע און בריטישע אפיצירען זיינען געווען טהעטיג אין יענע טעג. זיי האבען אפילו געגעבען עצות דעם רעטונגס קאמיטעט אין זיינע געשלאסענע זיצונגען.

א גאנצען טאג זיינען פארגעקומען צוזאמענשטויסונגען צווישען יונקערס און רויטע גווארדעיצעס אין אלע טהיילען פון דער שטאדט. בעפאנצערטע אויטאמאבילען האבען מלחמה געהאלטען איינער געגען צווייטען, נאהענט און ווייט האבען זיך געהערט זאלפען, איינצעלנע שאסען און דאס אומרוהיגע קלאפען פון מאשין־הארמאטען. די גע־שעפטען האבען ארבגעלאזט זייערע אייזערנע לאדען, אבער דאס לעבען האט זיך ניט אפגעשטעלט. אין די קראמען האט מען געקויפט און פארקויפט, אפילו די קינעמאטאגראפען האבען געשפיעלט פאר געפאקטע טעאטערס, האטש אין דרויסען זיינען די לאמפען געווען

פינסטער. די טראמווייען זיינען געפאָהרען איבער׳ן שטאָדט. די טע־לעפאָנען האָבען געארבייט. ווען איהר האָט אָבגערופען די צענטראַלע סטאַנציע, האָט איהר געקענט הערען אין טעלעפאָן דאָס קנאַקען פון ביקסען...

סמאָלני איז געווען אָבגעשניטען פון טעלעפאָן, אָבער די דומא און דער רעטונגס־קאָמיטעט זענען געשטאַנען אין שטענדיגער פאַר־בינדונג מיט אַלע יונקער־שוהלען און מיט קערענסקי׳ן אין צארסקאָיע.

זיעבען אין דער פריה איז אין וולאַדימירסקי יונקער־שוהל אָנגע־קומען א פאַטרול פון סאָלדאַטען, מאַטראָזען און רויטע גוואַרדעי־צעס. זיי האָבען געגעבען די יונקערס צוואַנציג מינוט אוועקצולע־גען זייער געוועהר. די יונקערס האָבען זיך אָבגעזאָגט. א שעה שפּע־טער האָבען די יונקערס געוואָלט ארויסמארשירען פון דער שול, אָבער א שטאַרקע שיסעריי פונ׳ם ווינקעל גרעבעצקאַיא און באָלשאַי פּראָס־פּעקט האָט זיי צוריק געטריבען. סאָוויעט־סאָלדאַטען האָבען ארומ־גערינגעלט די געביידע און אָנגעהויבען שיסען. צוויי בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען מיט מאַשין־האַרמאַטען זיינען געפאָהרען הין־און־צוריק און בעשאָטען די געביידע מיט קויהלען. די יונקערס האָבען טעלעפאָנירט נאָך הילף. די קאָזאַקען האָבען געענטפערט, אַז זיי קענען ניט קומען, ווייל א גרויסע אָבטהיילונג מאַטראָזען מיט צוויי האַרמאַטען בעשיסט זייערע קאַזארמעס. די פּאַוולאָווסקי שול איז געווען ארומגערינגעלט. דער גרעסטער טהייל פון די מיכאַילאָווסקי יונקערס האָבען געקעמפט אין די גאַסען.

האַלב אכט זיינען אָנגעקומען דריי פעלד־־קאַנאָנען. ווייעדער האָט מען פערלאַנגט פון די יונקערס, זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, יענע האָבען געענטפערט מיט א שיסעריי און האָבען געטויט צוויי סאָוויעט דעלעגאַטען, וואָס זיינען געגאַנגען מיט א ווייסען פלאַג. איצט האָט זיך אָנגעהויבען אַן אמת׳ע באָמבאַרדירונג. די באָמבעס האָבען אויפגעריסען גרויסע לעכער אין די וואַנט פון דער שול. די יונקערס האָבען זיך פערצווייפעלט געוועהרט. איין רויהע רויטע גוואַרדעיצעס נאָך דער אַנדערער איז געפאַלען אונטער דעם מערדע־רישען פייער... קערענסקי האָט טעלעפאָנירט פון צארסקאָיע סעלאָ, אַז מען זאָל ניט פיהרען קיין שום אונטערהאַנדלונגען מיט דעם מילי־טערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט.

ווילד פון כעס צוליעב זייערע מפּלות און צוליעב די הויפענס געטויטע חברים, האָט די סאָוויעט־ארמיי אָנגעהויבען אַן אמת׳ן שטורם פון שטאָהל און פייער. אפילו די אייגענע אָפיצירען האָבען זיי ניט געקענט אָבהאַלטען פון דער שרעקליכער באָמבאַרדירונג. איינער קירילאָוו, א קאָמיסאַר פון סמאָלני, האָט געפּרואווט הייסען אויפהערען שיסען. האָט מען איהם געסטראַשעט, אז מען וועט איהם לינטשען. דאָס בלוט האָט אויפגעקאָכט אין דער רויטער ארמיי...

האַלב דריי האָבען די יונקערס ארויסגעהאַנגען א ווייסע פאָהן. זיי וועלען זיך אונטערגעבען, האָבען זיי געזאָגט, אויב מען וועט צוזאָגען, אז מען וועט זיי ניט טשעפּען. מען האָט זיי דאָס פאַר־שפּראָכען. אין גרויס איילעניש און מיט ווילדע געשרייען האָבען הונדערטער סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדעיצעס זיך א לאָז געטהאָן דורך די פענסטער, די טהירען און די לעכער אין די ווענד. איידער אימיצער האָט געקענט בעוואָרענען, האָט מען פינף יונקערס געשלאָ־גען און דערשטאָכען צום טויט. די איבעריגע, אַן ערך צוויי הונדערט, האָט מען אריבערגעפיהרט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג. מען האָט זיי צוטהיילט אויף קליינע גרופּען, כדי די שטאָדט זאָל דאָס ניט בעמערקען. אויפ׳ן וועג איז אַן המון בעפאַלען איינע פון די גרופּען און האָט געטויט אכט יונקערס... אין דער שלאַכט זיינען געפאַלען אריבער הונדערט סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדעיצעס...

שפּעטער מיט צוויי שעה האָט מען טעלעפאָנירט אין דומא, אז די זיעגער געהן אויף דעם אינזשענערני זאַמאָק — די אינזשענערען־שול. עטליכע דומא־מיטגליעדער האָבען זיך באַלד א לאָז געטהאָן פאַנאַנדערטהיילען צווישען זיי די לעצטע פּראָקלאַמאַציעס פון דעם רעטונגס־קאָמיטעט. ניט אַלע האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק... אַלע איבעריגע שולען האָבען זיך אונטערגעגעבען אָהן ווידערשטאַנד. די יונקערס האָט מען אוועקגעשיקט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג און אין קראָנשטאַדט. קיין בייז האָט מען זיי ניט געטהאָן.

די טעלעפאָן־סטאַנציע האָט זיך געהאַלטען ביז נאָך מיטאָג, ווען א באָלשעוויסטישער בעפּאַנצערטער אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען און די מאַטראָזען האָבען געשטורמט די געביידע. די דערשראָקענע טע־לעפאָניסטקעס זיינען ארומגעלאָפען הין־און־צוריק און געמאַכט וויל־דע קולות. די יונקערס האָבען ארונטערגעריסען פון זייערע מונדירען

אלע צייכענס און אלע בענדלאך, וואס האבען אנגעוויזען זייער טשין. איינער האט צוגעזאגט וויליאמס'ן וואס ער וויל, אבי ער זאל איהם געבען זיין מאנטעל... „זיי וועלען אונז הרג'ענען, זיי וועלען אונז הרג'נען!" האבען זיי געשריען. פיעלע פון זיי האבען געהאט גע־געבען זייער ווארט אין ווינטער־פאלאץ, אז זיי וועלען מעהר ניט אויפהויבען זייער געוועהר געגען פאלק... וויליאמס האט זיך אנגעבא־טען צו זיין דער פארמיטלער, אויב די יונקערס וועלען ארויסלאזען אנטאנאוו'ן. די יונקערס זיינען באלד איינגעגאנגען אויפ'ן פארשלאג. אנטאנאוו און וויליאמס האבען געהאלטען רעדעס צו די זיעגרייכע מאטראזען, וועלכע זיינען געווען זעהר אויפגעבראכט צוליעב די פיעלע טויטע. ווידער אמאל זיינען די יונקערס ארויס פריי. כמעט אלע האבען זיך געראטעוועט, א חוץ איינינע וואס זיינען געווען אזוי דערשראקען, אז זיי האבען געפרואווט אנטלויפען איבער'ן דאך און זיך בעהאלטען אויפ'ן בוידעם. דארט האט מען זיי געפונען און ארא־געווארפען אין גאס.

מיעדע, פארבלוטיגטע, פרעהליכע, האבען זיך די מאטראזען און ארבייטער א לאז געטהאן אין די אינעווענינסטע צימערען פון דער געביידע. ווען זיי האבען דערזעהן אזוי פיעל שעהנע מיידלאך, האבען זיי זיך אבגעשטעלט פערשעהמטע און האבען זיך געטופעט מיט זיי־ערע גרויסע שטיוועל. קיין איינציגע פון די טעלעפאניסטקעס האט מען ניט געטשעפעט, קיין איינציגע האט מען ניט באליידיגט. יענע האבען זיך אין שרעק געהאט צונויפגעדריקט אין די ווינקלען, אבער ווען זיי האבען דערפיהלט זייער זיכערהייט, האבען זיי זיך ניט גע־קענט בעהערשען. „פע"! האבען זיי געשריען. „אזוינע שמוציגע אונוויסענדע יונגען! נאראנים!"... די מאטראזען און רויטע גוואר־דעיצעס זיינען געווען אין פארלעגענהייט. „גראביאנעס! חזרים!" האבען די מיידלאך געקוויטשעט אין איין קול און האבען דערווייל אנ־געטאן זייערע מאנטלען און היט... דערלאנגען קוילען די קעמפפענדע יונקערס און פארבינדען די וואונדען פון זייערע יונגע גאלאנטע פארטהיידיגער — דאס איז ביי זיי געווען ראמאנטיש. אבער די ארבייטער, די פויערים — דאס איז דאך דער טשארני נאראד, דאס שווארצע פאלק. פון די יונקערס האבען פיעלע בעלאנגט צו אדעליגע פאמיליעס, זיי האבען געקעמפפט פאר'ן צאר...

דער קאָמיסאַר פונ׳ם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, דער קורצינקער ווישניאַק, האָט געפּרואווט איינריידען די מיידלעך אַז זיי זאָלען בלייבען. ער איז געווען זעהר העפליך און צוקער־זיס. „מען האָט אייך שלעכט בעהאַנדעלט", האָט ער געזאָגט, „דער טעלעפאָן נעפינט זיך אין די הענד פון דער שטאָדט־דומא. איהר ארבייט 10 שעה א טאָג און מעהר, און צאָהלען צאָהלט מען אייך 60 רובעל א חודש. איצט וועט זיין אַנדערש. די רעגירונג וועט אוועקשטעלען דעם טעלעפאָן אונטער דעם קאָנטראָל פונ׳ם פּאָסט־און־טעלעגראַפען־מיניסטעריום. אייערע שכירות וועלען תיכף געהעכערט ווערען אויף 150 רובעל, און אייערע ארבייטס־שטונדען וועלען פארקלענערט ווערען. אלס מיטגליעדער פונ׳ם ארבייטער־קלאַס וועט איהר זיין גליקליך".

„מיטגליעדער פונ׳ם ארבייטער־קלאַס? אזוי נאַר! מיינט ער טאַקע באמת, אַז זיי קערען זיך עפּעס אָן מיט אָט די — — שמוציגע ברואים? בלייבען? אפילו ניט פאַר טויזענד רובעל!" שטאָלץ און עמפּערט האָבען די מיידלעך פארלאָזט דעם פּלאַץ...

די אָנגעשטעלטע פון דער געביידע, די געוועהנליכע ארבייטער — יענע זיינען געבליבען. מען מוז אָבער זיצען ביי די אפּאַראַטען, מען קען זיך ניט בעגעהן אָהן דעם טעלעפאָן. אויפ׳ן פּלאַץ איז געווען ניט מעהר ווי א האַלב טוץ געניטע טעלעפאָניסטקעס. מען האָט איינגעלאַדען פרייוויליגע. עס האָבען זיך אָבגערופען אַן ערך הונדערט מאַטראָזען, סאָלדאַטען, ארבייטער. די זעקס מיידלעך זיי־נען געלאָפען פון איינעם צום אַנדערען, געלערנט, געהאָלפען, זיך גע־בייזערט... דער טעלעפאָן איז געווען האַלב צוקריפּעלט, ער האָט געאַרבייט לאַנגזאַם, אָבער ער האָט ג ע א ר ב י י ט! די דראָטען האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען ברומען. די ערשטע זאַך, וואָס מען האָט געטהאָן, איז פעראייניגען סמאָלני מיט די קאַזאַרמעס און פאַב־ריקען; די צווייטע אָבשניידען די דומא און די יונקער־שוהלע... שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך די דאָזיגע נייעס פארשפּרייט איבער׳ן שטאָדט, און הונדערטער בורזשואזע געגנער האָבען אָבגערופען דעם סאָמלני און געשריען: „נאַראָנים! טייוואָלים! ווי לאַנג, מיינט איהר, וועט איהר זיך האַלטען? וואַרט, די קאַזאַקען וועלען באַלד קומען!"

עס איז שוין געווען בין השמשות. א קאַלטער ווינט האָט געבלאָ־

זען. נעוואסקי איז במעט געווען לעדיג. נאָר פאַר'ן קאזאנסקי סאָבאָר איז געשטאַנען אַ גערדיכטער עולם און נאָכאַנאַנד זיך געאַמפּערט: עטליכע ארבייטער, עטליכע סאָלדאַטען אויף איין זייט; אויף דער אנדערער זייט קרעמער, האנדעלס־אנגעשטעלטע און אנדערע פון דעם סאָרט.

„אָבער לענין וועט דאָך ניט קענען צווינגען דייטשלאנד צו שליסען פריעדען!" האָט איינער געשריען.

אַ יונגער היציגער סאָלדאַט האָט געענטפערט: „און וועמעס שולד איז דאָס? אייער פערפלוכטער קערענסקי, דער מיאוס'ער בור־זשוי! צום טייפעל מיט אייער קערענסקי'ן! מיר ווילען ניט קערענסקי'ן! מיר ווילען לענין'ען!..."

לעבען דער דומא האָט אַן אָפיציר מיט אַ ווייסען באַנד אויפ'ן ארבעל אראָבגעריסען פון דער וואַנד אַן אָנגעקלעפּטען פּלאַקאַט. דער אָפיציר האָט געשאָלטען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אויפ'ן פּלאַ־קאַט איז געשטאַנען:

„צו דער פּעטראָגראַדער בעפעלקערונג:

אין איצטיגען געפעהרליכען קריזיס, ווען די שטאָדט־דומא דאַרף טהאָן אַלעס מעגליכע צו בערוהיגען די באַפעלקערונג, צו באַוואָרענען זי מיט ברויט און אַנדערע לעבענס־נויטוועדיגקייטען, האָבען די רעכטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און קאַדעטען פערוואַנדעלט די דומא אין אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פערזאַמלונג. די דאָזיגע פּאַר־טייען האָבען פערגעסען זייער פפליכט פאַר דעם פאָלק און זיי פּרואַ־ווען אויפהויבען איין טהייל פון דער באַפעלקערונג געגען צווייטען, כדי מעגליך צו מאַכען אַ זיעג פון קאָרנילאָוו'ן און קערענסקי'ן. די רעכטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און קאַדעטען האָבען געמאַכט פון דער דומא אַ געצייג פון פּאָליטישען אָנפאַל אויף די סאָוויעטען פון ארבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים־דעפּוטאַטען, אויף דער רע־וואָלוציאָנערער רעגירונג פון פריעדען, ברויט און פרייהייט.

בירגער פון פּעטראָגראַד! מיר באָלשעוויסטישע שטאָדט־פּער־טרעטער, וואָס איהר אַליין האָט אונז אויסדערוועהלט, לאָזען אייך וויסען, אַז די רעכטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די קאַדע־טען טהוען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ארבייט, אַז זיי האָבען פאַרגע־סען זייער פפליכט און פיהרען די באַפעלקערונג צו הונגער און ביר־

גער־קריעג. מיר, וואָס האָבען בעקומען 183.000 פון אייערע שטימען, האַלטען עס פאַר אונזער פפליכט צו דערצעהלען אונזערע וועהלער וואָס עס טהוט זיך אין דומא. מיט פעראַכטונג נעהמען מיר פון זיך אראָב יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די שרעקליכע אָבער אונ־פערמיידליכע רעזולטאַטען...״

פון דערוויטענס האָט זיך דאָ און דאָרט נאָך געהערט אַ שאָס, אָבער די, שטאָדט אין אַלגעמיין איז געלעגען רוהיג, קאַלט, ווי פאַרמאַטערט פון די שרעקליכע קאָנוואולסיעס, וואָס האָבען זי ערשט ניט לאַנג ערשיטערט.

אין ניקאָלאַיעווסקי זאַאַל האָט די דומא געהאַלטען אין פאַר־ענדיגען איהר זיצונג. אפילו די פער׳עקשן׳טע דומא איז, קענטיג, געווען ערשטוינט. די קאָמיסאַרען האָבען נאָכאַנאַנד געמעלדעט: פערנומען די טעלעפאָן־סטאַנציע, געקעמפפט אין די גאַסען, פערנומען די וולאַדימירסקי שוהל... „די דומא", האָט טרופּפּ געזאָגט, „איז אויפ׳ן זייט פון דעמאָקראַטיע אין איהר קאַמפּף געגען ווילקירליכע געוואַלט. אָבער ווער עס זאָל ניט זיעגען, די דומא וועט דאָך זיין געגען לינטשעריי און פייניגונג...״

קאָנאָווסקי, אַ קאַדעט, אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ בייזען פנים, האָט געזאָגט: „ווען די אַרמעע פון דער געזעצליכער רעגירונג וועט אָנקומען קיין פּעטראָגראַד, וועט זי פּשוט דערשיסען די אַלע אינסורגענטען, וועט מען פאַרשפּאָרען לינטשערייען!" פּראָטעסטען האָבען זיך דערהערט איבער׳ן גאַנצען זאַאַל, אפילו פון קאָנאָווסקי׳ס פּאַרטיי.

מען האָט זיך געפיהלט אונזיכער. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט געליטען איין מפּלה נאָך דער צווייטער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָ־נערען האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון אונצוטרויען צו די בעאַמטע פון דער פּאַרטיי. דער לינקער פליגעל האָט געוואונען די אויבער־האַנד. אווקסענטיעוו האָט רעזיגנירט. אַ קוריער האָט געמעלדעט, אַז דער קאָמיטעט, וואָס מען האָט בעשטימט צו בעגריסען קערענסקי׳ן אויפ׳ן וואָגזאַל, איז אַרעסטירט געוואָרען. אין די גאַסען האָט דאָס ווייטע ברומען פון קאַנאָנען זיך געהערט פון דרום און דרום־מערב, און קערענסקי איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

דעם טאָג זיינען ארויסגעגאנגען נאָר דריי צייטונגען: „פּראַוו־דא“, „דיעלאָ נאַראָדא“ און „נאָוואיא זשיזן“. זיי אלע האָבען א סך געשריבען וועגען א „קאָאַליציאָנס־רעגיערונג“. די צייטונג פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָט פערלאַנגט א קאַבינעט אָהן קאַ־דעטען און אָהן באָלשעוויקעס; גאָרקי איז געווען אָפּטימיסטיש: סמאָלני איז גרייט צו געבען הנחות. עס בילדעט זיך א ריינע סאָציאַליסטישע רעגירונג פון אלע ריכטונגען, אָהן דער בורזשואַזיע. די „פּראַוודא“ האָט זיך אויסגעלאַכט פון די אלע זאַכען:

„וואָס פאר א פּנים האָט א קאָאַליציע מיט אזוינע פּאָ־ליטישע פּאַרטייען, וואָס זייערע וויכטיגסטע טהוער זיינען קליינע זשורנאַליסטען מיט א צווייפעלהאַפטער רעפּוטאַציע? אונזער קאָאַליציע איז די קאָאַליציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע מיט די אָרימע פּויערים...“

דער אלל־רוסישער פערבאַנד פון אייזענבאַהן־ארבייטער האָט באַקלעפּט די ווענד מיט באַריהמערישע פּראָקלאַמאַציעס, וואו ער האָט געסטראַשעט מיט א סטרייק, אויבביידע וועלען ניט איינגעהן אויף א פּשרה:

„די אמת׳ע זיעגער אין די אלע טומעלדיגע געפעכטען, די אמת׳ע רעטער פונ׳ם לאַנד וועלען זיין ניט די באָלשעוויקעס, ניט דער רעטונגס־קאָמיטעט און ניט קערענסקי׳ס אַרמעען, נור מיר, דער אייזענבאַהן פערבאַנד... די רויטע גוואַרדיעצעס קענען ניט פערוואַלטען איבער אזא שווערען עסק ווי די אייזענבאַהנען — האָט די פּראָק־לאַמאַציע ערקלעהרט — וואָס איז שייך די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, האָט זי בעוויזען, אז זי קען ניט איינהאַלטען די מאַכט. מיר זאָגען זיך אָב צו העלפען א וועלכער ניט איז פּאַרטיי, אויב זי קומט ניט אין נאָמען פון א רעגירונג, וואָס האָט דאָס צוטרויען פון דער גאַנ־צער דעמאָקראַטיע...“

אין סמאָלני איז אָנגעגאַנגען א קראַמפּפּהאַפטע לעבעדיגע ארבייט. עס האָט אויסגעזעהן, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין סוף צו דער אַקטיווער ענערגיע פון די מאַססען.

אין דער קאַנצעלאַריע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָט מיך לאָזאָווסקי בעקאַנט מיט א דעלעגאַט פון די אייזענבאַהן־ארביי־טער פון דער ניקאָלאַיעווסקי ליניע, וועלכער האָט מיר דערצעהלט,

אז זיינע חברים האבען אבגעהאלטען ריזיגע פערזאמלונגען, וואו זיי האבען קריטיקירט די האלטונג פון זייערע פיהרערס.

„די גאנצע מאכט — די סאוויעטען!" האט ער אויסגערופען און אראבגעלאזט א שווערען פויסט אויפ'ן טיש. „די אבאראנצעס אין צענטראל קאמיטעט שפּיעלען קערענסקי'ס שפּיעל. זיי האבען געוואלט שיקען א דעלעגאציע אין זיין הויפטקווארטיר, אבער מיר האבען זיי ארעסטירט... אונזער אבטהיילונג האט פערלאנגט אן אלל־רוסישען צוזאמענפאהר, אבער זיי ווילען איהם ניט רופען..."

און דא, אפנים, איז פארגעקומען דאס זעלבינע, ווי אין די סאוויעטען און אין די ארמעע־קאמיטעטען. די פארשיעדענע דעמאק־ראטישע ארגאניזאציעס איבער גאנץ רוסלאנד האבען שנעל געביטען זייער פראגראם. אומעטום איז די ענדערונג געקומען פון א ו נ ט ע ן. די קאאפעראטיווען זיינען געווען צוריסען דורך אינעווענינסטען קאמפף; די פערזאמלונג פון דעם פויערישען עקזעקוטיוו־קאמיטעט איז איבערגעריסען געווארען צוליעב שארפע מחלוקת; אפילו צווישען די קאזאקען איז ניט אלעס געווען רוהיג...

אויפ'ן אויבערשטען שטאק האט דער מיליטערישער רעוואלו־ציאנערער קאמיטעט פארטגעזעצט זיין פייערדיגע ארבייט, דערלאנגט איין קלאפ נאך א צווייטען און ניט גערוהט אויף א רגע. אהער פלע־גען קומען מענשען געזונד און פריש, פלעגען זיך ארייננווארפען אין דער שרעקליכער מאשין און ארבייטען בייטאג און ביינאכט און ביי־טאג און ביינאכט; ארויסגעהן פלעגען זיי פון דער מאשין צובראכע־נע, שוואכע, בלינד פון מיעדקייט, הייזעריג און שמוציג, און ווי טויטע פלעגען זיי אומפאלען אויף דער פאדלאגע צו כאפען א דרימעל. דעם רעטונגס־קאמיטעט האט מען ערקלעהרט אויסער געזעץ. גרויסע בערג פראקלאמאציעס האבען בעדעקט די פאדלאגע:

„...די פארשווערער, וועלכע האבען ניט קיין שום אנהאלט אין דעם גארניזאן און אין דעם ארבייטער־קלאס, האבען געלעגט זייער גאנצע האפנונג אויף אן אונערווארטעטען אנפאל. זייער פלאן איז אבער ענטדעקט געווארען דורך פאדפארוטשיק בלאגאנראוואוו צו־ליעב דער רעוואלוציאנערער וואכזאמקייט פון א רויטען גווארדעיעץ, וואס זיין נאמען וועט פארעפענטליכט ווערען שפעטער. דעם צענטער פון דער פארשווערונג האט פארנומען דער רעטונגס־קאמיטעט. פאל־

קאָווניק פֿאָלקאָווניקאָוו האָט געזאָלט קאָמאַנדעווען איבער זייערע בעוואָפֿנטע קרעפֿטען ; אונטער'ן בעפֿעהל איז געווען אונטערגע־שריבען גאַנץ, אַ געוועזענער מיטגליעד פֿון דער פּראָוויזאָרישער רע־גירונג, וואָס מען האָט איהם אַרויסגעלאָזט פֿריי אויף זיין עהרען־וואָרט...

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט מעלדעט וועגען דעם דער בעפֿעלקערונג פֿון פּעטראָגראַד און בעפֿעהלט, אַז אַלע די, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער פֿאַרשווערונג, זאָלען אַרעסטירט ווערען און געשטעלט ווערען פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל...״

פֿון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז יונקערס און קאָ־זאַקען האָבען דאָרט אַרומגערינגעלט דעם קרעמל און האָבען געהייסען די סאָוויעט־סאָלדאַטען אָבצוגעבען זייער געוועהר. יענע האָבען גע־פֿאָלגט. ווען זיי זיינען אָבער אַרויסגעגאַנגען פֿונ'ם קרעמל, איז מען זיי בעפֿאַלען און מען האָט זיי דערשאָסען. קליינע באָלשעוויסטישע קרעפֿטען זיינען פֿאַרטריבען געוואָרען פֿון דעם טעלעפֿאָן און דעם טע־לעגראַף. די יונקערס האָבען געהאַלטען דעם צענטער פֿון דער שטאָדט, אָבער אַרום און אַרום האָט די סאָוויעט־אַרמיי זיך אָרגאַניזירט. דער גאַסען־שטרייט האָט זיך פֿאַרגרעסערט ; מ'האָט געפּרואווט מאַכען אַ פּשרה, אָבער דאָס איז ניט געלונגען. אויף דער זייט פֿון די סאָ־וויעטען זיינען געווען צעהן טויזענד סאָלדאַטען פֿונ'ם גאַרניזאָן און אַ געוויסע צאָהל רויטע גוואַרדעיצעס. אויף דער זייט פֿון דער רע־גירונג זיינען געווען זעקס טויזענד יונקערס, דריטהאַלבען טויזענד קאָזאַקען און צוויי טויזענד ווייסע גוואַרדעיצעס.

דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט האָט געהאַט אַ זיצונג ווען מיר זיינען געווען אין סמאָלני. אין צווייטען צימער האָט דער צענט־ראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט בעטראַכט די פֿאַרשיידענע געזעצען און פֿעראָרדנונגען, וואָס האָבען זיך ווי אַ שטראָם געגאָסען פֿון דעם ראַטה פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרען אינ'ם אויבערשטען שטאָק : די אָרדנונג, ווי אַזוי געזעצען װערען ראַטיפֿיצירט און פֿערעפֿענטליכט ; דאָס געזעץ וועגען אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג ; לונאַטשאַרסקי'ס „פֿונדאַ־מענט פֿאַר אַ סיסטעם פֿון פֿאָלקס־ערציהונג". אויף די ביידע זיצונגען איז געווען סך־הכל עטליכע הונדערט מענשען, מעהרסטענס בעוואָ־פֿנט. אַזוי איז סמאָלני געווען לעדיג, נור די וועכטער האָבען זיך

געפֿאָרעט ארום די פענסטער פֿונ׳ם גרויסען זאאל: דאָרט האָבען זיי אויפגעשטעלט מאַשין־ביקסען, וואָס זאָלען קענען פארטהיידיגעןביידע זייטען פון דער געביידע.

אין צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אַ דעלעגאַט פֿונ׳ם אייזענבאַהן־פעראיין געהאַלטען אַ רעדע:

„מיר זאָגען זיך אָב צו פיהרען די סאָלדאַטען פון ביידע צדדים... מיר האָבען געשיקט אַ קאָמיטעט זאָגען קערענסקי׳ן, אַז אויב ער וועט ניט אָבשטעלען זיין בעוועגונג געגען פעטראָגראַד, וועלען מיר צו־שטערען זיינע פערבינדונגס־ליניען...״

דער רעדנער האָט ווידער אַמאָל געפאָדערט אַ קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זאָל בילדען אַ נייע רעגירונג...

איהם האָט געענטפערט קאַמענעוו. זיין טאָן איז געווען זעהר איינגעהאַלטען. וואָס־זשע, האָט ער געזאָגט, די באָלשעוויקעס וועלען מיט פארגעניגען אנטהייל נעהמען אין אַזאַ קאָנפערענץ. די פראַגע איז ניט וועגען דעם, ווי אַזוי צונויפצושטעלען די רעגירונג; די פראַגע איז, צי די רעגירונג וועט אָננעהמען דאָס פּראָגראַם פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס... דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט באַטראַכט די דעקלאַראַציע פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען־מענשעוויקעס. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָ־מיטעט האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, אַז אַלע פּאַרטייען זאָלען האָבען אין דער קאָנפערענץ פּראָפּאָרציאָנעלע פארטרעטונג, אפילו צוזאַמען מיט דעלעגאַטען פון די אַרמעע־קאָמיטעטען און פון די פּויערים־סאָ־וויעטען...

אין גרויסען זאאל האָט טראָצקי נאָכאַמאָל דערמאָנט די געשע־העניסען פונ׳ם טאָג:

„מיר האָבען געגעבען די וולאַדימירסקי יונקערם אַ געלעגענהייט זיך אונטערצוגעבען״, האָט ער געזאָגט. „מיר האָבען געוואָלט אויס־מיידען בלוט־פארגיסונג. איצט האָט בלוט זיך שוין געגאָסען, און ס׳בלייבט אונז נור איין וועג — קאַמפּף ביז׳ן סוף. עס וואָלט געווען לעכערליך צו גלויבען, אַז מיר קענען געווינען אויף אַן אַנדער אופן... דער מאָמענט איז אַן ענטשיידענדער. יעדער איינער מוז העלפען דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. יעדער איינער דאַרף מעל־דען, וואו עס געפינען זיך זאַפּאַסען פון שפּיציגען דראָט, בענזין,

ביקסען. מיר האָבען געוואונען די מאכט, איצט מוזען מיר זי האַלטען!"

דער מענשעוויק יאפפע האט געפּרואווט לייענען די דעקלאַראַציע פון זיין פּארטיי, אָבער טראָצקי האט ניט געוואָלט דערלאָזען קיין „דעבאַטען וועגען פּרינציפּען".

„אונזערע דעבאַטען פיהרען זיך איצט אין גאס", האט ער אויס־געשריען. „מיר האָבען געמאַכט דעם ענטשיידענדען שריט. מיר אַלע, און איך בתוכם, נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די איצטיגע געשעהענישען..."

סאָלדאַטען פונ׳ם פראָנט און פון גאטשינא האָבען דערצעהלט נייעס. איינער איז געוועזן פונ׳ם „טויט־באַטאַליאָן" פון דעם 481טען אַרטילעריע־באַטאַליאָן: „ווען זיי וועלען דערהערען אין די טראַנשעען, וועלען זיי זאָגען: דאָס איז אונזער רעגירונג!" א יונקער פון פּעטערהאָף האט דערצעהלט, אַז ער און נאָך צוויי האָבען זיך אָבגעזאָגט קעמפּפען געגען די סאָוויעטען. ווען זיינע חברים האָבען זיך אומגעקעהרט פון פערטהיידיגען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, האָבען זיי איהם געמאַכט פאַר א קאָמיסאַר און איהם געשיקט קיין סמאָלני זאָגען, אַז זיי זיינען גרייט דיענען דער אמת׳ער רעוואָלוציע...

און ווידער טראָצקי, — אונערמיעדליך, פול מיט פייער. ער גיט באַפעהלען, ער ענטפערט פראַגען.

„כדי צו בעזיגען די ארבייטער סאָלדאַטען און פּויערים, איז די קליין־בורזשואזיע גרייט זיך צו פעראייניגען אפילו מיט׳ן טייוועל", האט ער איינמאָל געזאָגט. „מ׳האט בעמערקט, אַז די לעצטע צוויי טעג האָבען זיך בעוויזען א סך שכורים. טראָצקי וואָרנט: טרינקט ניט, חברים. קיינער טאָר זיך ניט בעוויזען אין די גאסען נאָך אַכט א זייגער אין אבענד, א חוץ די וועכטער. אַלע פאַרדעכטיגע פּלעצער, וואו מען רעכענט אַז עס איז דאָ בראנפען, מוזען אונטערזוכט ווערען, דער בראנפען מוז ווערען פארניכטעט. קיין דערבאַרמונג מיט די פאַר־קויפער פון משקה..."

דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האט געשיקט רופען די דעלעגאַציע פון דעם וויבאָרגער ראַיאָן, נאָכדעם די דעלע־גאציע פון פּוטילאָוו. יענע זיינען שנעל אריינגעקומען. „פאַר יעדען

# ПРИКАЗЪ № 2.

**Отъ Комитета гв. Финляндскаго рез. полка всѣмъ домовымъ Комитетамъ и гражданамъ Васильевскаго Острова.**

Буржуазія избрала подлый способъ борьбы съ пролетаріатомъ, она въ разныхъ частяхъ города устроила огромные винные склады и наталкиваетъ на нихъ солдатъ, стараясь виномъ внести расколъ въ ряды Революціонной арміи.

Приказывается всѣмъ домовымъ Комитетамъ въ 3-хъ час. срокъ по расклейкѣ этого приказа сообщить лично и секретно объ имѣющихся у нихъ ЗАПАСАХЪ ВИНА Предсѣдат. Полк. Ком. гв. Финляндск. полка.

Лица, не исполнившія этого приказа, будутъ арестованы и преданы самому БЕЗПОЩАДНОМУ СУДУ, а ИМУЩЕСТВО ИХЪ будетъ КОНФИСКОВАНО, обнаруженные же запасы вина будутъ

**ВЗРЫВАТЬСЯ ДИНАМИТОМЪ**

**черезъ 2 часа послѣ предупрежденія,**

ибо менѣе рѣшительныя мѣры, какъ намъ показалъ опытъ, не приводятъ къ желанной цѣли.

Объявляемъ, что особыхъ предупрежденій передъ началомъ взрыва не будетъ.

**Полковой Комитетъ гв. Финляндскаго полка.**

Revolutionary law and order. A proclamation of the Finland Regiment, in December, 1917, announcing desperate remedies for "wine pogroms." For translation see Appendix 5.

דער׳הרג׳עטען רעוואָלוציאָנער״, האָט טראָצקי געזאָגט, „וועלען מיר טויטען פינף קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען״.

ווידער זיינען מיר אין שטאָדט. די דומא איז העל באַלויכטען. מאַסען מענשען געהען אריין. אין אונטערשטען זאַאל הערט זיך א געוויין און געשרייען: מענשען שטעהען פאַר די ביולעטענען מיט די נעמען פון די יונקערס, וואָס זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען, אָדער וואָס מען האָט זיי געהאַלטען פאַר דער׳הרג׳עט, — וואָרום די מעהרסטע געטויטע, ווי עס האָט זיך נאָכדעם ארויסגעוויזען, זיינען געווען פריש און געזונד... אין אַלעקסאַנדראָווסקי זאַאל האָט דער רעטונגס־קאָמיטעט אַלץ אָבגעהאַלטען זיינע זיצונגען. גאָלדענע עפּאָלעטען פון אָפיצירען; בעקאַנטע פּנים׳ער פון מענשעוויסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטען; באַנקירען און דיפּלאָמאַטען, מיט קאַלטע אויגען און מיט דער גאַנצער פּאָמפּע פון זייער שטאַנד; בעאַמטע פון דער אַלטער אָרדנונג; עלעגאַנט געקליידעטע דאַמען...

די טעלעפאָניסטקעס געבען אַ באַריכט. איין מיידעל נאָך דער אַנדערער קומען ארויף אויף דער טריבונע, — מיידלעך מיט אָרימען שיק, מיט קליידער לויט דער נייעסטער מאָדע, אָבער מיט לעבערדיגע שיך און, נעבאָך, מיט זעהר מאָגערע פּנים׳ער. זיי זיינען אַלע גליקליך צו בעקומען אפּלאָדיסמענטען פון דער „בעסערער״ פּעטראָגראַדער געזעלשאַפט: די אָפיצירען, די פיינע קאַוואַליערען, די גרויסע שטערען אין דער פּאָליטישער וועלט. איינע נאָך דער אַנדערער דערצעהלען זיי וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. איינע נאָך דער אַנדערער ערקלעהרען זיי, אַז זיי בלייבען געטריי דער אַלטער איינגעפיהרטער אָרדנונג...

אין ניקאָלאַיעווסקי זאַאל איז דערווייל פאָרגעקומען די זיצונג פון דער דומא. דער גאָלאָווא איז געווען אָפּטימיסטיש. די פּעטראָגראַדער פּאָלקען שעהמען זיך שוין, וואָס זיי האָבען אזוי געהאַנדעלט, זאָגט ער. די פּראָפּאַגאַנדא האָט ערפאָלג... אַלע מאָל זיינען אָנגעקומען שלוחים וואָס האָבען דערצעהלט וועגען די שרעקליכע מעשים פון די באָלשעוויקעס, געבעטען ראַטעווען די יונקערס, דערצעהלט וועגען זייערע אונטערזוכונגען.

„די באָלשעוויקעס״, האָט טרופּפּ געזאָגט, „וועלען בעזיעגט ווערען דורך מאָראַלישער קראַפט, ניט דורך ביקסען...״

דערוויל איז איפ'ן רעוואָלוציאָנערען פראָנט ניט אַלעס אָנגע־גאַנגען כשורה. דער שונא האָט צוגעפיהרט געפּאַנצערטע צוגען, אָנגעשטעלט מיט קאַנאָנען. די בעוואָפענטע קרעפטען פונ'ם סאָוועט, מעהרסטענס אונערפאַהרענע רויטע גוואַרדיצעס, האָבען ניט געהאַט קיין אָפיצירען און האָבען ניט געהאַט קיין בעשטימטען פּלאַן. צו די רויטע גוואַרדיצעס זיינען צוגעשטאַנען ניט מעהר ווי פינף טויזענד רעגולערע סאָלדאַטען: דער איבעריגער גאַרניזאָן האָט זיך ענטוועדער פאַרנומען מיט אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד פון די יונקערס און מיט היטען די שטאָדט, אָדער ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. צעהן אין אבענד האָט לענין געהאַלטען אַ רעדע פאַר אַ פער־זאַמלונג פון דעלעגאַטען פון די שטאָדט־פּאָלקען. די פערזאַמלונג האָט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט בעשלאָסען צו בעטהייליגען זיך אין קאַמפּף. אַ קאָמיטעט פון פינף איז אויסגעקליבען געוואָרען צו טהאָן די אַרבייט פון אַ גענעראַל־שטאַב, און פאַרטאָג האָבען די פּאָלקען פערלאָזט זייערע קאַזאַרמעס — גרייט צום שלאַכט... ווען איך בין געגאַנגען אהיים, האָב איך געזעהן, ווי זיי ציהען זיך איבער די גאַסען, דיסציפּלינירטע, ערפאַהרענע סאָלדאַטען מיט ביקסען אויף די פּלייצעס און אין פעסט־געשלאָסענע רייהען. אַרום און אַרום איז די שטאָדט געלעגען אַ שלאָפענדיגע און אַ פאַרלאָזענע. זיי, די מאַרשי־רענדע רייהען, האָבען איצט געהאַלטען די שטאָדט...

אין דעם הויפּט־קוואַרטיר פונ'ם אַלל־רוסישען אייזענבאַהן־פער־איין אויף סאַדאָוואַיאַ איז דערוויל פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. דער צוועק איז געווען צו בילדען אַ נייע רעגירונג. איינ'ם נאָמען פון דעם מענשעוויסטישען צענטער ערקלעהרט אבראַמאָוויטש, אַז עס טאָר ניט זיין קיין זיעגער און קיין בעזיעגטע, אַז וואָס ס'איז געווען איז פערפאַלען. דערמיט זיינען געווען איינפערשטאַנען אַלע פאַרטייען פונ'ם לינקען פליגעל. איינ'ם נאָמען פון די רעכטע מענשעוויקעס שלאָגט דאַן פאָר די באָלשעוויקעס אזוינע בעדינגונגען פון וואָפענשטילשטאַנד: די רויטע גוואַר־דיצעס זאָל מען ענטוואָפנען; דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אונטער דער קאָמאַנדע פון דער דומאַ; קער־ענסקי'ס סאָלדאַטען זאָלען ניט אַרויסלאָזען קיין איינציגען שאָס און ניט אַרעסטירען קיין איינציגען מענשען; אַ מיניסטעריום זאָל געביל־

דעם ווערען פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, א ח ו ץ ד י באָלשעוויקעס. ריאַזאַנאָוו און קאַמענעוו, אינ׳ם נאָמען פון סמאָלני, ענטפּערען, אַז זיי האָבען גאָרניט געגען א קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום פון אַלע פּאַרטייען אָבער אויף דאָן׳ס פּאָרשלאַג קענען זיי ניט איינגעהן. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען צוטהיילט, אָבער די עקזעקוטיוו־קאָמיטעטען פונ׳ם פּויערים־סאָוויעט און פון די פּאָלקס־סאָציאַליסטען האָבען זיך קלאָהר און שאַרף אַרויס־געזאָגט געגען א פּעראייניגונג מיט די באָלשעוויקעס... די דעבאַטען זיינען געווען זעהר פּאַרביטערטע. ענדליך האָט מען בעשלאָסען אויסצוקלייבען א קאָמיסיע, זי זאָל אויסאַרבייטען א פּלאַן...

א גאַנצע נאַכט און א גאַנצען טאָג און ווידער א גאַנצע נאַכט האָט זיך די קאָמיסיע געאַמפּערט. איינמאָל האָט מען שוין געהאַט געמאַכט אַזאַ פּראָבע צו פּעראייניגען אַלע סאָציאַליסטען. דאָס איז געווען דעם 9טען נאָוועמבער, ווען מאַרטאָוו און גאָרקי האָבען גע־אַרבייט פּאַר שלום. אָבער ווען קערענסקי האָט גענומען געהן אויף פּעטראָגראַד און דער רעטונגס־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבען זיין אַר־בייט, האָט דער רעכטער פליגעל פון די מענשעוויקעס, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און פּאָלקס־סאָציאַליסטען זיך פּלוצלינג צוריקגע־צויגען. איצטיגס מאָל האָט די אונטערדריקונג פון דעם יונקער־אויפ־שטאַנד אויף זיי געמאַכט א מורא׳דיגען איינדרוק. זיי האָבען זיך פּשוט דערשראָקען...

מאָנטאַג, דער 12טער נאָוועמבער, איז געווען א טאָג פון שטילער ערוואַרטונג. די אויגען פון גאַנץ רוסלאַנד האָבען געקוקט אויף די גראָהע פעלדער הינטער די טהויערען פון פּעטראָגראַד, וואו אַלע קרעפּ־טען פון דער אַלטער אָרדנונג זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט די אונאָרגאַניזירטע קרעפטען פון דער נייער אונבעקאַנטער וועלט. אין מאָסקווע האָט מען געהאַט געמאַכט א וואַפענשטילשטאַנד: מען האָט געפיהרט פּאַרהאַנדלונגען, אוןביידע צדדים האָבען געוואַרט, וואָס פּעטראָגראַד וועט ענטשיידען. די דעלעגאַטען פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס, וועלכע זיינען זיך שנעל פּאַנאַנדערגעפאָהרען איבער אַלע ווינקלען פון רוסלאַנד, זיינען איצט אָנגעקומען אין זייערע היימען און געבראַכט די פייערדיגע בשורה. די נייעס וועגען דעם פּעטראָגראַדער וואונדער האָט זיך פּאַרשפּרייט, א כוואַליע נאָך א כוואַליע, איבער

דעם גאַנצען פּנים פון׳ם לאַנד. אומעטום וואו זיי האָבען דערגרייכט, האָבען זיך שטעדט און דערפער געגומען שפּאַלטען, סאָוויעטען און מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען זיינען ארויסגעטרעטען גע־גען דומאס, זעמסטוואָס און רעגירונגס־קאָמיסאַרען, רויטע גווארדייצעס גענען ווייסע, געפעכטען אין די גאַסען און ליידענשאַפטליכע רעדעס אומעטום... דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם האָט זיך געווענדט אָן די נייעס פון פּעטראָגראַד...

סמאָלני איז געווען כמעט לעדיג, אָבער די דומא איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענשען און פול מיט גערויש. דער אַלטער גאָלאָ־וואַ האָט מיט זיין געוועהנליכער ווירדיגער מינע פּראָטעסטירט געגען דעם אויפרוף פון די באָלשעוויסטישע גלאַסנע: „די דומא נעהמט ניט קיין אנטהייל אין דעם קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען, אָבער אין איצטיגער צייט, ווען ס׳איז ניטאָ קיין געזעצליכע מאַכט אין לאַנד, איז די שטאָדט־פערוואַלטונג — דער איינצעלנער מיטעלפונקט פון אָרדנונג. די פריעדליכע בעפעלקערונג אנערקענט דעם דאָזיגען פאַקט; די אויסלענדישע געזאַנדטע אנערקענען, נור אזוינע דאָקומענטען, וועלכע זיינען גע׳חתמ׳עט פון דעם שטאָדט־גאָלאָווא. דער געדאַנק פון אייראָפּעער קען זיך ניט פאַרשטעלען קיין אנדער לאַגע, ווייל די שטאָדטישע זעלבסט־פערוואַלטונג איז דער איינציגער אָרגאַן וואָס האָט אַ מעגליכקייט צו בעשיצען די אינטערעסען פון אַלע בירגער. די דומא מוז זיין גאַסט־פריינדליך צו אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילען געניסען איהר גאַסט־פריינדליכקייט, דעריבער קען די דומא ניט פאַרוועהרען צו פאַרשפּרייטען אַלערליי צייטונגען אין דער דומא־געביידע. דער גייסט פון אונזער ארבייט ווערט ברייטער, מוזען מיר האָבען פולע האַנדלונגס־פרייהייט, און ביידע צדדים מוזען אנער־קענען אונזער רעכט...

„מיר זיינען אין גאַנצען נייטראַל. ווען די יונקערס האָבען פאַר־נומען די טעלעפאָן־סטאַנציע און פּאָלקאָווניק פּאָלקאָווניקאָוו האָט געהייסען אָבשניידען דעם סמאָלני פון טעלעפאָן, האָב איך פּראָטעס־טירט, און דער טעלעפאָן האָט כסדר געאַרבייט...״

ביי די ווערטער האָט אַ איראָניש געלעכטער זיך דערהערט פון די באָלשעוויסטישע בענק און זידעל־געשרייען פון די רעכטע.

„און דאָך״, האָט שריידער פאָרטגעזעצט, „קומען זיי אויף אונז

ווי אויף קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען און בעשולדיגען אונז פאַר דער בעפעלקערונג. זיי נעהמען פון אונז אוועק אונזערע לעצטע אויטאָ־מאָבילען און דערמיט מאַכען זיי פאַר אונז אונמעגליך צו טראַנס־פּאָרטירען די נויטהיגע מאַטעריאַלען. עס וועט ניט זיין אונזער שולד, אויב פּעטראָגראַד וועט אָנהויבען הונגערען. אונזערע פּראָ־טעסטען האָבען ניט קיין שום פּעולה..."

קאָבאָזעוו, א באָלשעוויסטישער מיטגליעד פון דעם שטאָדט־ראַטה, האָט געצווייפעלט אינ'ם אמת פון דער מעלדונג, אַז דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט קאָנפיסקירט די שטאָדט־אויטאָמאָבילען. אויב דאָס האָט אפילו געטראָפען, האָט ער געזאָגט, איז דאָס, מסתמא, א צופאַל, אימיצער האָט עס געטהאָן בשעת הדחק, אָהן א בעפעהל פון אויבען.

„דער גאָלאָווא", האָט ער פאָרטגעזעצט, „דערצעהלט אונז, אַז מען טאָר ניט מאַכען פון דער דומא קיין פּאָליטישע מיטינגען. א פאַקט איז אָבער, אַז יעדער מענשעוויק און יעדער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער רעדט ניט פון קיין אנדער זאַך אין דומא, נור וועגען זיין פּאַרטיי־פּראָגראַם. פאַר דער טהיר טהיילען זיי זייערע אונלעגאַלע צייטונגען: „איסקרי" (פונקען); „סאָלדאַטסקי גאָלאָס" און „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וועלכע רופען צו אַן אויפשטאַנד. וואָס, א שטייגער, וואָלט געווען, ווען די באָלשעוויקעס וואָלטען אויך דאָ אָנגעהויבען טהיילען זייערע צייטונגען? אָבער דאָס וועלען מיר ניט טהאָן, וואָרום מיר האָבען אַכטונג פאַר דער דומא. מיר האָבען ניט אָנגעריהרט די שטאָדטישע זעלבסט־פערוואַלטונג און מיר וועלען זי אויך ניט אָנריהרען. אָבער אזוי ווי איהר האָט ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער בעפעלקערונג, האָבען מיר אויך געמוזט טהאָן דאָס־זעלבע..."

אויפ'ן פּלאַטפאָרמע בעווייזט זיך דער קאַדעט שינגאַרעוו. ער זאָגט, אַז עס קען ניט זיין קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישען דער דומא און די, וואָס זייער פּלאַץ איז אין דער קאַנצעלאַריע פונ'ם פּראָקוראָר און אויף דער אָנקלאַגע־באַנק, אַלס בעשולדיגטע אין פערראַטה... שינגאַרעוו לעגט פאָר, אַז די באָלשעוויסטישע מיטגליעדער זאָלען אינגאַנצען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער דומא. דער פאָר־שלאַג ווערט אָבגעוואָרפען אָהן דעבאַטען, ווייל די מיטגליעדער פון

דער דומא זיינען אלס אזעלכע געווען ריין פון יעדער בעשולדיגונג און זיי האבען זיך אקטיוו בעטהייליגט אין דער ארבייט פון דער שטאדט־פערוואלטונג...

צוויי מענשעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטען ערקלעהרען, אז דער אויפרוף פון די באלשעוויסטישע קאמיסארען איז אן אויפרוף צו פאגראמען. פינקעוויטש האט געזאגט: „אויב אלסדינג, וואס איז געגען די באלשעוויקעס, איז קאנטר־רעוואלוציע, ווייס איך ניט, וואס איז דער אונטערשיעד צווישען רעוואלוציע און אנארכיע... די באל־שעוויקעס האלטען זיך אויף די ליידענשאפטליכע אינסטינקטען פון אונארגאניזירטע מאסען. מיר, אויף אונזער צד, האבען נור מאראַ־לישע קראפט. מיר וועלען פראטעסטירען געגען שחיטות און געוואלד־טהאטען, פון וועלכען צד זיי זאלען ניט קומען. אונזער אויפגאבע איז צו געפינען א פריעדליכען אויסוועג.“

נאזאריעוו האט געזאגט: „דער אויפרוף, וואס איז אויפגע־קלעפט אין די גאסען מיט'ן נאמען „צום שאנד־קלאץ“ און וואס רופט דאס פאלק צו פארניכטען די מענשעוויקעס און סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, איז אזא פארברעכען, וואס איהר, באלשעוויקעס, וועט זיך קיינמאל ניט אבוואשען פון דעם. די נעכטיגע שרעקען זיינען נור א הקדמה צו די שרעקען, וואס איהר בעשאפט דורך אזא פראקלאמאציע... איך האב שטענדיג געפרואווט שלום מאכען צווישען אייך און די איבריגע פארטייען, אבער איצט האב איך פאר אייך נור איינס — פעראכטונג!“

די באלשעוויסטישע דומא־מיטגליעדער שפרינגען אויף אויף זייערע פיס און שרייען אין אויפרעגונג. ארום און ארום ווארפט מען אויף זיי בעליידיגונגען און מען הויבט די פויסטען מיט האס און פעראכטונג.

אין קארידאר האב איך זיך אנגעשטויסען אן דעם שטאדט־אינזשעניער, דעם מענשעוויק גאמבערג, און דריי אדער פיער צייט־טונגס־לייט. אלע זיינען געווען זעהר אויפגעלעגט.

„איהר זעהט“, האבען זיי געזאגט, „די טרוסען האבען מורא פאר אונז. זיי סמייען ניט ארעסטירען די דומא! דער מיליטערי־שער רעוואלוציאנערער קאמיטעט סמייעט ניט שיקען א קאמיסאר אין דער דומא־געביידע. ערשט היינט האב איך געזעהן, ווי אויף א

ווינקעל סאדאָוואיא האָט אַ רויטער גוואַרדעיעץ געוואָלט אָבשטעלען אַ אינגעל, וואָס האָט פארקויפט דעם „סאָלדאטסקי גאָלאָס"... דער קונדס האָט זיך אויסגעלאַכט, און דער עולם אין גאַס האָט שיער ניט אויפגעהאנגען דעם באנדיט. ניש־קשה, מיר'ן צוואווארטען, ס'וועט ניט דויערען מעהר, ווי עטליכע שעה. אויב אפילו קערענסקי וואָלט זיך ניט אומגעקעהרט, וואָלטען זיי פשוט ניט געהאַט קיין מענשען צו פיהרען אַ רעגירונג. אונזין! איך האָב געהערט, אַז זיי רייסען זיך שוין דאָרט אין זייער סמאָלני איינער מיט'ן צווייטען!"

מיינער אַ בעקאַנטער, אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, רופט מיך אָב אָן אַ זייט און ראַמט מיר איין אַ סוד. „ווילט איהר זיך דורכ־רעדען מיט'ן רעטונגס־קאָמיטעט? איך וויים, וואו ער בעהאַלט זיך. אין קען אייך אָבפיהרען אַהין."

עס איז שוין געווען שפעט פאַרנאַכט, אין שטאָדט איז דאָס לעבען ווידער געגאַנגען זיין געוועהנליכען גאַנג: די לאָדען פון די קראָמען אויפגעעפענט, די לאָמפען אָנגעצונדען אין די גאַסען, גרויסע מאַסען מענשען שפּאַצירען הין און צוריק, און אַלע ריידען, ריידען...

מיר זיינען אָנגעקומען צום נעווסקי 86, דורכגעגאַנגען אַ טהויער און אריינגעקומען אין הויף. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען הויכע געביידעס. מיין בעקאַנטער האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער וואָהנונג נומער 229. געקלאַפּט האָט ער אויף אַ גאַנץ בעזונדערען שטייגער. עס האָבען זיך דערהערט טריט. אינעוועניג האָט אַ טהיר זיך צוגעשלאָסען. די אויסוועניגסטע טהיר האָט זיך אַביסעלע געעפענט, און דורכ'ן שפּאַלט האָט אַרויסגעקוקט אַ פּנים פון אַ פרוי. זי האָט אונז בעטראַכט אַ מינוט, נאָכדעם האָט זי אונז אריינגעלאָזט אינוועניג. די פרוי איז געווען אַ פריידליכע מיטעל־יעהריגע דאַמע. דערזעהן ווער דאָס איז, האָט זי אויסגעשריען: „קיריל, אַלעס אין אָרדנונג!" אין עס־צימער האָט אַ סאַמאָוואַר געזאָטען אויפ'ן טיש, און עס זיינען געשטאַנען טעלער מיט ברויט און רויהע פיש. פון הינטער'ן פאָר־האַנג ביי'ם פענסטער האָט זיך בעוויזען אַ מאַן אין אַ פאָרמענע מונדיר, און פון אַ שראַנק איז אַרויסגעקראָכען אַן אַנדערער איבער־געטהאָן אין די קליידער פון אַן אַרבייטער. זיי זיינען געווען איבער־גליקליך צו בעגעגענען אַן אַמעריקאַנישען צייטונגס־מאַן. מיט אַ געוויסער בעפריעדיגונג האָבען זיי מיר ביידע געמעלדעט, אַז אויב די

באָלשעוויקעס וואָלטען זיי געפאפט, וואָלטען זיי קיין גאַנצע פון זייערע הענד ניט אַרויס. זייערע נעמען האָבען זיי מיר ניט געוואָלט זאָגען, אָבער געהערט האָבען זיי צו די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

איך האָב זיי געפרעגט: „פאַר וואָס דרוקט איהר אַזוי פיעל ליגענס אין אייערע צייטונגען?"

יענע האָבען זיך ניט בעליידיגט. „יאָ, איך ווייס", האָט דער אָפיציר געענטפערט, „אָבער וואָס קענען מיר טהאָן? איהר מוזט פאַרשטעהן, אַז מיר דאַרפען בעשאַפען שטימונג..."

דער אַנדערער איז איהם אַריינגעפאַלען אין די רייד: „דאָס איז ניט מעהר ווי אַ אַוואַנטורע, — אָט די גאַנצע באָלשעוויסטישע אונ־טערנעהמונג. זיי האָבען ניט קיין אינטעליגענטען... די מיניסטעריומס זיצען לעדיג... רוסלאַנד איז ניט איין שטאָדט, רוסלאַנד איז אַ גאַנץ לאַנד... מיר ווייסען, אַז די באָלשעוויקעס קענען זיך ניט האַל־טען מעהר ווי עטליכע טעג, נו, האָבען מיר בעשלאָסען צו שטיצען זייער שטאַרקסטען געגנער, קערענסקי'ן, און איהם העלפען איינפיהרען אָרדנונג."

„דאָס איז אַלעס זעהר פיין", זאָג איך, „אָבער פאַרוואָס פער־אייניגט איהר זיך מיט די קאַדעטען?"

דער בלומר'שטיגער אַרבייטער האָט אָפענהערציג געשמייכעלט.

„דעם אמת זאָגענדיג זיינע די מאַסען מיט די באָלשעוויקעס. מיר האָבען ניט וועמען צו פיהרען, — אין איצטיגען מאָמענט. מיר נערען, וועלכע בעהאַלטען זיך אַלע אונטער די פליגעל פון די קאַ־געוועהר... ביז אַ געוויסען גראַד זיינען די באָלשעוויקעס גערעכט: היינטיגען טאָג זיינען אין רוסלאַנד פאַראַן נור צוויי פּאָליטישע פאַר־טייען וואָס האָבען אַ ממשות: די באָלשעוויקעס און די רעאַקציאָ־נערען, וועלכע בעהאַלטען זיך אַלע אונטער די פליגעל פון די קאַ־דעטען. די קאַדעטען מיינען, אַז זיי ניצען אונז פאַר זייערע צילען. אָבער אין אמת'ן ניצען מיר אויס די קאַדעטען. ווען די באָלשעווי־קעס וועלען געבראָכען ווערען, וועלען מיר זיך אָבשיידען פון די קאַדעטען אויך..."

„וועלען די באָלשעוויקעס אַריינגענומען ווערען אין דער נייער רעגירונג?"

ער האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין קאָפּ. „דאָס איז אַ שווערע

פראגע", האָט ער צוגעגעבען. „עס איז קלאָהר, אז אויב מען וועט זיי ניט אריינגעהמען, וועלען זיי איבער׳חזר׳ן די גאנצע חתונה נאָך אמאָל און נאָכאמאָל. יעדענפאלס וועלען זיי האלטען דאָס גלייכגעוויכט אין דער גרינדונגס-פערזאמלונג. אָן זיי וועט זיך ווענדען, וואָס פאר א מעהרהייט עס זאָל זיך בילדען, אויב עס וועט איבערהויפט פאָרקומען א גרינדונגס-פערזאמלונג."

„און ווייטער", האָט דער אָפיציער געזאָגט, „שטעלט זיך פאר אונז די פראגע וועגען אריינגעהמען די קאדעטען אין דער רעגירונג. און דאָס איז אויך ניט קיין גרינגע זאַך. א פאקט איז, אז די קאַדעטען ווילען ניט קיין גרינדונגס-פערזאמלונג, אויב מען קען איצט פארניכטען די באָלשעוויקעס." דער אָפיציער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ. „יאָ, ניט קיין גרינגע זאַך אָט די פּאָליטישע פראגען פאר אונז רוסען. איהר, אמעריקאנער, זענט געבאָרענע פּאָליטיקער. איהר זייט אויסגעוואקסען אין א לאנד פון פּאָליטישער ארבייט. ביי אונז איז דאָס א נייע זאַך, נאָך ניט אלט קיין יאָהר!"

„וואָס איז אייער מיינונג וועגען קערענסקי׳ן?" האָב איך געפרעגט.

„קערענסקי׳ס שולד איז די שולד פון דער פּראָוויזארישער רעגירונג", האָט דער צווייטער געענטפערט. „דאָס האָט קערענסקי אונז געצוואונגען איינצוגעהן אויף א קאָאליציע מיט דער בורזשואזיע. אויב ער וואָלט רעזיגנירט, ווי ער האָט אונז געסטראשעט, וואָלט דאָס געהייסען, אז מיר האָבען א רעגירונגס-קריזיס זעכצעהן וואָכען פאר דער גרינדונגס-פערזאמלונג, און דאָס האָבען מיר ניט געוואָלט."

„האָט איהר ניט געהאט קיין קריזיס סאַי ווי סאַי?"

„יאָ, אָבער ווי האָבען מיר דאָס געקענט וויסען פאָראויס? זיי האָבען אונז פּשוט אָבגענארט, די קערענסקיס און אווקסענטיעווס. גאָץ איז א ביסעל מעהר ראדיקאָל, איך האַלט מיט טשערנאָוו׳ן, וועלכער איז אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנער... אפילו היינט נאָך האָט לענין געלאָזט וויסען, אז ער האָט ניט גאָרניט געגען אריינגעהמען טשערנאָוו׳ן אין דער רעגירונג."

„מיר האָבען געוואָלט פּטור ווערען פון קערענסקי׳ס רעגירונג אויך, אָבער מיר האָבען גערעכענט, אז עס איז בעסער צו וואַרטען אויף דער גרינדונגס-פערזאמלונג... אין אָנפאנג פון אָט דעם קריזיס

האב איך געהאַלטען מיט די באָלשעוויקעס, אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מיין פּאַרטיי האָט זיך איינשטימיג ארויסגעזאָגט געגען. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן? איך האָב געמוזט פאָלגען די פּאַרטיי־דיסציפּלין...

„אין א וואָך ארום וועלען די באָלשעוויקעס אראָב פונ׳ם בענ־קעל. אויב מיר, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וואָלטען געקענט שטעהן אָן א זייט און ווארטען, וואָלט די רעגירונג גאָר אָהן שום מיה אריינגעפאַלען אין אונזערע הענד. אָבער אויב מיר וואָלטען געוואַרט א גאַנצע וואָך, וואָלט דאָס לאַנד אַזוי דעזאָרגאַניזירט געוואָרען, אַז זי וואָלט געפאַלען א קרבן פון די דייטשע אימפּעריאַליסטען. צו־ליעב דעם האָבען מיר אָנגעהויבען אַן אויפשטאַנד מיט די איינציגע צוויי פּאָלקען, וואָס האָבען פאַרשפּראָכען אונז צו שטיצען — אָבער אויך זיי האָבען זיך געווענדעט געגען אונז... געבליבען זיינען נור די יונקערס..."

„וואָס עפּעס מכח די קאָזאַקען?"

דער אָפיציער האָט א זיפץ געטהאָן. „די קאָזאַקען האָבען זיך ניט געריהרט פונ׳ם אָרט. לכתחילה האָבען זיי געזאָגט, אַז זיי וועלען ארויסטרעטען, אויב די פּעכאָטע (פוס־סאָלדאַטען) וועלען זיי העלפען. נאָך מעהר: זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען זייערע מענשען צווישען קערענסקי׳ס פּאָלקען און אַז יענע טהוען וואָס מען דאַרף... שפּעטער האָבען זיי אָנגעהויבען שמועסען, אַז אַלע בעשולדיגען די קאָזאַקען אין פיינדשאַפט צו דער דעמאָקראַטיע און אַז דאָס אַרט זיי זעהר... ענדליך האָבען זיי געזאָגט אָפען: די באָלשעוויקעס האָבען אונז צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען פון אונז ניט אוועקנעהמען די ערד, די באָלשעוויקעס זיינען אונז ניט געפעהרליך, בלייבען מיר נייטראַל."

בשעת מיר זיינען געזעסען אין דעם צימער, זיינען אַלעמאָל אָנגעקומען און ארויסגעגאַנגען נייע מענשען. מעהרסטענס זיינען דאָס געווען אָפיציערען, אָהן עפּאָלעטען. אייניגע פון זיי האָבען מיר געקענט זעהן אין קאָרידאָר. אַלע האָבען גערעדט שטיל, אָבער זעהר ליידענשאַפטליך. דורך האַלב־געשלאָסענע פּאָרטיערען האָבען מיר פון צייט צו צייט געקענט זעהן, ווי ס׳עפענט זיך א טהיר אין א באַדע־צימער. דאָרט איז א שווער־לייביגער אָפיציער אין א מונ־דיר פון א פּאָלקאָווניק געזעסען אויפ׳ן קלאָזעט און עפּעס פאַר־

שריבען אין א נאָטיץ־בוך. איך האָב דערקענט פּאָלקאָווניק פּאָלקאָור־ניקאָוו, דעם געוועזענעם קאָמענדאַנט פון פעטראָגראד. דער מיליטער־רישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט וואָלט טהייער בעצאָהלט ווען אימיצער אַרעסטירט אָט דעם אָפיציער.

„אונזער פּראָגראם?" האָט געזאָגט איינער פון די צוויי, מיט וועמען איך האָב גערעדט. „אָט איז אונזער פּראָגראם. די ערד זאָל איבערגעהן אין די הענד פון די ערד־קאָמיטעטען. די ארבייטער זאָלען האָבען פולע פארטרעטערשאַפט אין דעם קאָנטראָל איבער די אינדוסטריען. אַן ענערגישע פריעדענס־פּראָגראם, אָבער ניט קיין אולטימאַטום צו דער וועלט, ווי די באָלשעוויקעס האָבען ארויסגע־שטעלט. די באָלשעוויקעס קענען ניט האַלטען זייער פערשפּרעכען פאר די מאַסען אפילו אין לאנד גופא. מיר וועלען זיי ניט לאָזען... זיי האָבען צוגע'גנב'עט אונזער ערד־פּראָגראם, כדי צו געווינען די שטיצע פון די מאַסען. דאָס איז ניט עהרליך. אויב זיי וואָלטען געוואַרט ביז דער גרינדונגס־פערזאַמלונג..."

„דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דער גרינדונגס־פערזאַמלונג", האָט דער אָפיציער זיך אריינגעמישט. „אויב די באָלשעוויקעס ווילען איינפיהרען אין רוסלאַנד א סאָציאַליסטישע אָרדנונג, קענען מיר מיט זיי ניט ארבייטען. דאָס איז אונמעגליך! עס איז קע־רענסקי'ס שולד. ער איז בעגאַנגען א גרויסען טעות. ער איז גע־קומען אינ'ם ראטה פון דער רוסישער רעפּובליק און האָט בפני כל עם ועדה דערצעהלט, אַז ער וויל ארעסטירען די באָלשעוויקעס, נו, האָט ער זיי דערמיט געוואָרנט..."

„אָבער וואָס רעכענט איהר טהאָן איצט?" האָב איך געפרעגט.

די צוויי האָבען זיך איבערגעקוקט. „איהר וועט שוין זעהן אין א פּאָר טעג ארום. אויב מיר האָבען אויף אונזער צד גענוג סאָל־דאַטען ביים פראָנט, וועלען מיר מיט די באָלשעוויקעס אויף קיין פשרות ניט איינגעהן; אויב ניט וועלען מיר קיין אנדער ברירה ניט האָבען..."

מיר זיינען צוריק ארויסגעגאַנגען אויף נעווסקי. א טראַמוויי האָט זיך לאנגזאם געשלעפּט איבער דער גאַס און איז געווען אַזוי אָנגעלאָדען מיט מענשען, אַז די פּלאַטפאָרמעס האָבען זיך געבויגען אונטער דער שווערער משא. מיר האָבען זיך ווי ניט איז אָנגע־

טשעפעט און זיך געלאָזט פאָהרען צום סמאָלני. דער וואַגאָן איז געקראָכען לאַנגזאַם, עס האָט אַזש גענודיעט אויפ׳ן הארצען. ביז סמאָלני איז געווען עטליכע מייל...

אין קאָרידאָר האָבען מיר בעגעגענט מעשקאָווסקי׳ן, — אַן אייד־דעלער מאַן מיט זעהר אַ שוואַכען, כמעט צאַרטען קערפּער. ער האָט אויסגעזעהן שווער בעזאָרגט. דער סטרייק פון די מיניסטע־ריומס, האָט ער אונז דערצעהלט, לאָזט זיך פיהלען אומעטום. דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען האָט צוגעזאָגט צו פאַרעפענטליכען די געהיימע אָבמאַכונגען, אָבער נעראַטאָוו, דער בעאַמטער וואָס האָט פערוואַלטעט איבער אַזעלכע ענינים, איז פאַרשוואונדען צוזאַמען מיט די דאָקומענטען. מען האָט געשמועסט אַז זיי זיינען בעהאַלטען אין דער בריטישער געזאַנדשאַפט... דאָס איז נור איין ביישפּיעל.

אָבער ערגער פון אַלצדינג איז געווען דער סטרייק פון די בענק. „אָהן געלד״, האָט מעשקאָווסקי געזאָגט, „זיינען מיר הילפלאָז. מיר מוזען צאָהלען די אייזענבאַהן־ארבייטער, די פּאָסט־ און טעלע־גראַף־אָנגעשטעלטע... די בענק זיינען אָבער פאַרמאַכט. דער שטאַאַטס־באַנק, וואָס איז דער שליסעל צו דער גאַנצער לאַגע, איז פאַרשלאָסען. מען האָט אונטערגעקויפט אַלע באַנק־אָנגעשטעלטע אין רוסלאַנד, אַז זיי זאָלען זיך אָבזאָגען צו אַרבייטען...

„אָבער לענין האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל אויפ־רייסען די קעלערס פונ׳ם שטאַאַטס־באַנק מיט דינאַמיט, און אָקאָרשט איז אַרויס אַ בעפעהל, אַז אַלע פּריוואַטע בענק זאָלען זיך עפענען מאָרגען אין דער פריה, אַניט וועלען מיר זיי אַליין עפענען מיט געוואַלד!״

אין פּעטראָגראַדער סאָוויעט האָט די אַרבייט געברענט. דער זאַאַל איז געווען פול מיט בעוואָפענטע מענשען. טראָצקי האָט אָב־געגעבען אַ בעריכט:

„די קאָזאַקען טרעטען אָפּ פון קראַסנאָיע סעלאָ.״ שאַרפע פרייד־געשרייען. „אָבער די שלאַכט הויבט זיך ערשט אָן. אין פּולקאָוואָ קומט פאָר אַ שווער געפעכט. מיר מוזען שיקען אַהין אַלע קרעפטען, וואָס מיר קענען נור מאָביליזירען...

„פון מאָסקווע האָבען מיר שלעכטע ידיעות. דער קרעמל איז

אין די הענד פון די יונקערס. די ארבייטער האָבען זעהר ווענינ געוועהר. דער אויסגאַנג ווענדט זיך אָן פּעטראָגראַד.

„ביים פראָנט האָבען די געזעצען וועגען פריעדען און ערד ארויסגערופען גרויס בעגייסטערונג. קערענסקי פּאַרפּלייצט די טראַנשעען מיט מעשיות וועגען רויבערייען, וועגען בלוט און שריפות אין פּעטראָראַד, וועגען פרויען און קינדער, וואָס ווערען געשאָכטען פון די באָלשעוויקעס. אָבער קיינער גלויבט ניט די מעשיות...

„די קרייצערס „אָלעג", „אווראָרא" און „רעספּובליקא" שטעהען אויף זייערע אַנקערס אין דער נעווא. זייערע הארמאטען זיינען אָנגעשטעלט אויף די וועגען, וואָס פיהרען קיין פּעטראָגראַד..."

„פּארוואָס זענט איהר ניט דאָרט צווישען אייערע רויטע גוואַרדייצעס?" האָט אַ גראָבע שטימע אויסגערופען.

„איך פאָהר טאַקע גלייך אהינצו!" האָט טראָצקי געענטפערט און איז אראָב פון'ם פּלאַטפאָרם. אויסגעזעהן האָט ער אַ ביסעל בלייכער ווי געוועהנליך. אין זאאַל האָבען איהם ארומגערינגעלט עטליכע געטרייע פריינד, און צוזאַמען מיט זיי איז ער דורכגעגאַנגען איבער'ן זאאַל און אראָב פון די טרעפּ צום אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער טהיר.

קאַמענעוו האָט איצט געמעלדעט וועגען דעם פשרה־קאָמיטעט. די בעדינגונגען פון אַ וואַפענשטילשטאַנד, וואָס די מענשעוויקעס האָבען פאָרגעלייגט, זיינען פאַרוואָרפען געוואָרען פון די באָלשעוויקעס. אפילו די אָבטהיילונגען פון'ם אייזענבאַהן־פעראיין האָבען געשטימט גענען אזא פאָרשלאַג.

„איצט, ווען מיר האָבען געוואונען די מאַכט און האַלטען אָב איין נצחון נאָכ'ן אנדערען איבער גאַנץ רוסלאַנד, פערלאַנגען זיי פון אונז נור דריי קלייניגקייטען: ערשטענס, אז מיר זאָלען זיך אָבזאָגען פון דער מאַכט; צווייטענס, אז מיר זאָלען צווינגען די סאָלדאַטען פאָרטצוזעצען דעם קריעג, און דריטענס, אז מיר זאָלען ארויסשלאָגען ביי די פּויערים די ערד־פראַגע פון קאָפּ..."

אויף אַ מינוט האָט זיך בעוויזען לענין. ער ענטפערט אויף דער בעשולדיגונג פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וועגען דעם ערד־פּראָגראַם:

„זיי טענה׳ן" זאָגט ער, „אַז מיר האָבען ביי זיי גע׳גנב׳עט דאָס אגראר־פּראָגראם. עס וועט אונז גרייליך צוניץ קומען..."

אָט אזוי האָט די פערזאמלונג כסדר געקאָכט. איין פיהרער נאָכ׳ן אנדערען איז געקומען, גערעדט, ערקלעהרט, אויפגעמונטערט, גע׳טענה׳ט... אַן ארבייטער נאָך אַן ארבייטער, אַ סאָלדאט נאָך אַ סאָלדאט האָבען זיך אויפגעהויבען און אויסגערעדט דאָס הארץ... דער עולם איז געקומען און געגאנגען. מענשען האָבען זיך געביטען, אָבער די פערזאמלונג האָט זיך געצויגען אָהן אַן אויפהער. פון צייט צו צייט פלעגט אימיצער אריינקומען און שרייען, אַז די מיטגליעדער פון דער און דער אָבטהיילונג זאָלען געהן צום פראָנט. אנדערע, פער־וואונדעטע אָדער אזוינע וואָס זיינען געקומען אין סמאָלני נאָך גע־וועהר און קריעגס־מאטעריאלען, האָבען זיך געגאָסען אין זאאל...

עס איז געווען כמעט דריי פארטאָג, ווען מיר האָבען זיך געלאָזט אהיים. האָלצמאַן, אַ מיטגליעדער פונ׳ם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, איז אונז געקומען אנטקעגען, לויפענדיג איבער׳ן קארידאָר. זיין פּנים האָט געשיינט.

„גרויסארטיגע נייעס", האָט ער אויסגעשריען און מיך אָנגע־כאפּט ביי דער האנד. „אַ טעלעגראמע פונ׳ם פראָנט. קערענסקי איז צוקלאפּט! טהוט אַ קוק!"

ער האָט מיר געוויזען אַ בלאט פּאפּיער בעשריבען מיט בליי־פעדער. דערזעהענדיג, אַז מיר קענען ניט לייענען, האָט ער עס גע־נומען פארלעזען אויף אַ קול:

„פולקאָוואָ. דער שטאב. 2:10 פארטאָג.

די נאכט אויף אָקטאָבער דעם 31טען וועט בלייבען אין דער געשיכטע. קערענסקי׳ס פּראָבע צו פיהרען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ארמעען געגען דער הויפּט־שטאָדט פון דער רעוואָלוציע, איז ענד־גילטיג צוואוּרפען געוואָרען. קערענסקי געהט אָב, מיר געהען פאָרווערטס. די סאָלדאטען, מאטראָזען און ארבייטער פון פּעטראָ־גראד האָבען געוויזען, אַז זיי קענען און ווילען דורכפיהרען מיט געוועהר אין האנד דעם ווילען פון דער דעמאָקראטיע. די בורזשואזיע האָט געפּרואווט איזאָלירען די רעוואָלוציאָנערע ארמעע. קערענסקי האָט געפּרואווט זי ברעכען דורך דער קראפט פון די קאָזאקען. ביידע פּלענער האָבען געליטען אַ שענדליכע מפּלה.

„די גרויסע אידעע פון דער ארבייטער־ און פויערים־דעמאקראטיע האט געשלאסען די רייהען פון אונזער ארמעע און פארשטארקט איהר מוט. דאס גאנצע לאנד וועט פון היינט אן און ווייטער וויסען, אז די קראפט פון די סאוויעטען הענגט ניט אין דער לופטען, אז זי איז אונבעזיעגבאר. צוזאמען מיט קערענסקי׳ן האבען מיר אבגעווארפען די פריצים, די בורזשואזיע און אלערליי קארנילאוועס. דורך דעם וואס מיר האבען אבגעווארפען קערענסקי׳ן האבען מיר בעשטעטיגט דאס רעכט פונ׳ם פאלק אויף א פריעדליכען פרייען לעבען, אויף ערד, ברויט און מאכט. די פולקאווא־אבטהיילונג האט מיט איהר מוטהיגען קלאפ פערשטארקט די זאך פון דער ארבייטער־ און פויערים־רעוואלוציע. דער וועג צוריק איז געשלאסען. פאראוים זעהען מיר קאמפף, שטרויכלונגען, קרבנות, אבער דער וועג איז קלאהר און דער זיעג איז געזיכערט.

„דאס רעוואלוציאנערע רוסלאנד און די סאוויעטען־מאכט מעג זיין שטאלץ מיט דער פולקאווא־אבטהיילונג, וואס האט געקעמפפט אונטער דער קאמאנדא פון פאלקאווניק וואלדען. אייביגע עהרע דעם אנדענקען פון די געפאלענע! רוהם די קריעגס־לייט פון דער רעוואלוציע, די סאלדאטען און אפיציערען, וואס זיינען געוועזען געטריי צום פאלק!

„עס לעבע דאס רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע פאלקס־רוסלאנד!

אינ׳ם נאמען פונ׳ם ראטה,

„ל. טראצקי, פאלקס־קאמיסאר.“

פאהרענדיג איבער זנאמענסקי פלאץ, האבען מיר דערזעהן עפעס אן אונגעוועהנליכע מאסע מענשען פאר׳ן ניקאלאיעווסקי וואקזאל. עטליכע טויזענד מאטראזען האבען זיך דארט אנגעזאמעלט. די ביקסען האבען ארויסגעשטעקט פון דער מאסע, ווי שטעכיגע האהר.

א מיטגליעד פונ׳ם אלל־רוסישען אייזענבאהן־פעראיין איז געשטאנען אויף די טרעפ און גע׳טענה׳ט צו די מאטראזען:

„חברים! מיר קענען אייך ניט פיהרען קיין מאסקווע. מיר זיינען נייטראל. מיר פיהרען ניט קיין סאלדאטען פון קיין צד. מיר קענען אייך ניט נעהמען קיין מאסקווע, וואו עס הערשט אזוי אויך בירגער־קריעג...“

דער פּלאַץ האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל. די מאַטראָזען האָבען געשריען אין אויפרעגונג. די בעוואָפּענטע מענשען האָבען זיך גע־נומען רוקען פאָרווערטס. פּלוצלינג האָט זיך געעפענט אַן אַנדער טהיר. עס האָבען זיך בעוויזען צוויי אָדער דריי אייזענבאהן־אַר־בייטער, אַ מאַשיניסט אָדער עטוואָס ענהליכעס.

„קומט אריין, חברים, קומט אריין", האָט איינער אויסגעשריען.

„מיר וועלען אייך נעהמען קיין מאָסקווע, אפילו קיין וולאַדיוואָסטאָק, אויב איהר ווילט! עס לעבע די רעוואָלוציאָן!"

---

קאַפּיטעל ניין

## זיעג

### בעפעהל נומער 1.

„13טען נאָוועמבער, 1917, 38 מינוט נאָך 9 אינדערפריה.

„צו די סאָלדאַטען פון דער פולקאָווא־אַבטהיילונג.

„נאָך אַ שווערען קאַמפּף האָבען די סאָלדאַטען פון דער פולקאָוואַ־אַבטהיילונג בעזיעגט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, וועלכע האָבען אין אונאָרדנונג צוריקגעטראָטען פון זייערע פּאָזיציעס און אונ־טער דעם שוץ פון צאַרסקאָיע סעלאָ זיך אָבגערוקט אין דער ריכטונג פון פּאַוולאָווסק דעם 2טען און גאַטשינאַ.

„אונזערע וואָנגאַרדען האָבען פערנומען דעם צפון־מזרח'דיגען ווינקעל פון צאַרסקאָיע סעלאָ און די סטאַנציע אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ. לינקס איז געווען די קאָלפּינאָ־אַבטהיילונג, רעכטס — די אַבטהיילונג פון קראַסנאָיע סעלאָ.

„איך האָב בעפוילען די קרעפטען פון פולקאָוואָ, זיי זאָלען פער־נעהמען צאַרסקאָיע סעלאָ און באַפעסטיגען די וועגען, וואָס פיהרען אין שטאָדט אריין, הויפּטזעכליך פון דער זייט פון גאַטשינאַ.

„אויך האָב איך געהייסען פערנעהמען פּאַוולאָווסקאָיע, באַפעס־טיגען איהר דרום'דיגע זייט און פערכאַפּען די אייזענבאהן ביז דנאָ.

„די סאָלדאטען מוזען אָננעהמען אַלע מיטלען צו פערשטארקען די פערכאפטע פּאָזיציעס. זיי דארפען בויען טראנשעען און אנדערע פערטהיידיגונגס־מיטלען.

„זיי דארפען אָרגאניזירען פערבינדונגען מיט די אָבטהיילונגען פון קאָלפּינאָ און קראסנאָיע סעלאָ און מיט דעם שטאב פון דעם הויפּט־קאָמאנדיר איבער דער פערטהיידיגונג פון פּעטראָגראד.

(אונטערגעשריבען)

דער הויפּט־קאָמאנדיר איבער אַלע קרעפטען,
וואָס קעמפּפען געגען דער קאָנטר־רעוואָלו־
ציאָנערער ארמעע פון קערענסקי
פּאָד־פּאָלקאָווניק מ ו ר א ו ו י א ָו .

דיענסטאג אינדערפריה. וואָס האָט פּאסירט? ערשט צוריק מיט צוויי טעג איז פּעטראָגראד און די פעלדער ארום איהר געווען פול מיט אונאָרגאניזירטע באנדעס, וואָס האָבען געוואנדערט אהין און אהער. זיי האָבען ניט געהאט קיין שפּייז, ניט געהאט קיין אר־טילעריע, ניט געהאט קיין פיהרער, ניט געהאט קיין פּלאן. וואָס האָט צונויפגעגאָסען אָט די צושוואומענע מאסע פון אונדיסציפּלינירטע רויטע גווארדייצעס און סאָלדאטען אָהן אָפיצירען אין איין שטארקע ארמעע? וואָס האָט זיי געגעבען די פעהיגקייט צו פאָלגען זייערע אייגענע אויסגעקליבענע קאָמאנדירען? וואָס האָט זיי פערהארטע־וועט, אז זיי זאָלען קענען באגעגנען און ברעכען דעם אָנפאל פון ארטילעריע און קאָזאקען?

ניטאָ קיין כללים פאר א פאָלק אין דער צייט פון אן אויפשטאנד. ניטאָ קיין מיליטערישע געזעצען פאר דעם ווילען פון א מאסע. ווער איז דען געגאנגען געגען די סאָוויעטען? יונקערס, קאָזאקען, פּריצים, גוטסבעזיצער, שווארצע מאה׳ס — מיט זיי האָט געדארפט קומען דער צאר, די אָכראנא, די סיבירער קאטאָרגע, און הינטער זיי די גרויזאמע געפאהר פון די דייטשען... זיעג איז פאר די סאָוויעטען געוועזן דאָס, וואָס קארלייל האָט אָנגערופען „רוהם און גליק אָהן אן ענד״!

זונטאג ביינאכט, ווען די קאָמיסארען פון׳ם מיליטערישען רע־

וואָלוציאָנערען קאָמיטעט האָבען זיך פערצווייפעלטע אומגעקעהרט פונ'ם פעלד, האָט דער גאַרניזאָן פון פעטראָגראַד אויסגעקליבען זיין קאָמיטעט פון פינף, זיין קריעגס־שטאַב, דריי סאָלדאַטען און צוויי אָפיצירען, וואָס זיינען געווען ריין פון יעדען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען השד. קאָמאַנדיר איז געווען פּאָלקאָווניק מוראַוויאָוו, א געוועזענער פּאַטריאָט, א פעהיגער מאַן, אָבער אויף איהם האָט מען געקוקט מיט ביידע אויגען. אין קאָלפּינאָ, אין אָבוכאָווא, אין פולקאָווא און אין קראַסנאָיע סעלאָ האָט מען אָרגאַניזירט דערוויילינגע אָבטהיילונגען. די אָבטהיילונגען זיינען ביסלעכווייז געוואָרען גרעסער, מחמת אלער־ליי צוזייטע און צושפּרייטע קרעפטען האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפ־ציהען ארום זיי: סאָלדאַטען, מאַטראָזען און רויטע גוואַרדייצעס, טהיילען פון געוועזענע פּאָלקען, פּיעכאָטע, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, עטליכע בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען...

עס איז געוואָרען טאָג. קאָזאַקישע פּאַטרולען האָבען זיך בעוויזען. דאָ און דאָרט האָט זיך דערהערט שיסעריי. מענשען האָבען געשריען: „גיט זיך אונטער!“ איבער דעם גראָהען פעלד, אין דער קאַלטער רוהיגער לופט האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון שלאַכט. די קלאַנגען האָבען דערגרייכט די צוואָרפענע באַנדעס, וואָס זיינען געווען פערשפּרייט נאָהענט און ווייט, געזעסען ארום קליינע פייערלעך, זיך געוואָרימט און געוואַרט... והייסט עס, די מלחמה געהט! די באַנדעס האָבען זיך אוועקגעלאָזט אהין, וואו די שלאַכט האָט זיך צופלאַקערט. פון דער שטאָדט האָבען זיך שטראָ־מען ארבייטער געגאָסען איבער די פלאַכע וועגען. דערהערט די שיסעריי, האָבען זיי גענומען שפּאַנען גיכער. אט אזוי האָבען זיך אויטאָמאַטיש צונויפגעקליבען הויפענס אויפגערעגטע מענשען, ארום יעדען פונקט פון אָנפאַל. קאָמיסאַרען האָבען זיי אָנגעוויזען פּאָזי־ציעס, וואו זיי זאָלען שטעהן, אדער געגעבען זיי ארבייט צו טהאָן. דאָס איז געווען ז י י ע ר שלאַכט, א שלאַכט פאַר ז י י ע ר א י י ג ע נ ע ר וועלט! זיי אליין האָבען אויסגעקליבען די אָפי־צירען. דער ווילען פון פיעלע צושאָטענע מענשען איז אויף א רגע געוואָרען איין פעראייניגטער ווילען...

די אנטהיילנעהמער פון דער שלאַכט האָבען מיר נאָכדעם דער־צעהלט, ווי די מאַטראָזען האָבען געקעמפּפט ביז דער לעצטער קויל

און זיך נאָכדעם געלאָזט שטורמען די פיינדליכע פּאָזיציעס; ווי אזוי די אונגעאיבטע ארבייטער האָבען זיך געוואָרפען אויף די רייטענ־דע קאָזאקען און זיי אראָבגעריסען פון זייערע פערד; ווי אזוי די גרויסע הויפענס מענשען, וואָס האָבען זיך אין דער פינסטער אָנגע־זאמעלט אויפ׳ן שלאַכטפעלד, האָבען זיך אויפגעהויבען ווי א גרויסע פערפלייצונג און האָבען זיך אויסגעגאָסען איבער׳ן שונא... נאָך פּאר האַלבע נאכט זיינען די קאָזאקען צוקלאַפּט געוואָרען און אָבגעטרעטען לאָזענדיג הינטער זיך די ארטילעריע. די ארמעע פונ׳ם פּראָלעטאריאט, אויסגעצויגען איבער א לאנגער אונגלייכער שלאַכט־ליניע, האָט זיך א רוק געטהאָן פאָרווערטס און זיך אריינגעקייקעלט אין צארסקאָיע נאָך איידער דער שונא האָט געהאַט צייט צו צערשטערען די דראָהט־לאָזע סטאנציע. פון אָט דער סטאנציע האָבען די קאָמיסארען איצט אָנגעהויבען שליידערען אין דער וועלט אריין זייערע טריאומפּס־געזאַנגען...

„צו אַלע סאָוויעטען פון ארבייטער־ און פּויערים־דעפּוטאטען.

דעם 12טען נאָוועמבער האָט די רעוואָלוציאָנערע ארמעע אין א בלוטיגער שלאַכט לעבען צארסקאָיע סעלאָ בעזיעגט די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערע ארמעע פון קערענסקי און קארנילאָוו. אינ׳ם נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג בעפעהל איך אַלע פּאָלקען, זיי זאָלען אָנהויבען אַן אָפענסיווע געגען די פיינד פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע, זיי זאָלען אָננעהמען אַלע מיטלען צו ארעסטירען קערענסקי׳ן און זאָלען ארויסווייזען א ווידערשטאנד געגען יעדע אוואנטורע, וואָס קען שטעלען אין געפאהר די ערראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע און דעם זיעג פונ׳ם פּראָלעטאריאט.

עס לעבע די רעוואָלוציאָנערע ארמעע!

מוראוויאָוו“

נייעס פון דער פּראָווינץ...

אין סעוואסטאָפּאָל האָט דער אָרטיגער סאָוויעט איבערגענומען די מאכט. א ריעזיגע פערזאמלונג פון מאטראָזען אויף די קריעגס־שיפען האָט געצוואונגען די אָפיצירען זיך אויסצושטעלען אין רייהע און שווערען טרייהייט דער נייער רעגירונג. אין ניזשני נאָווגאָראָד האָט דער סאָוויעט גענומען די מאכט. אין קאזאן איז פּאָרגעקומען א גאסען־קאמפף: די יונקערס און א בריגאדע ארטילעריע פון איין

זייט, דער באָלשעוויסטישער גארניזאָן פון דער צווייטער...

א פארצווייפעלטער קאמף האט ווידער אויסגעבראָכען אין מאָסקווע. דער צענטער פון דער שטאָדט און דער קרעמל זיינען געווען אין די הענד פון די יונקערס און דער ווייסער גווארדיע. פון אַלע זייטען זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען די סאָלדאטען פון דעם מיליטעריש־שען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. די סאָוויעט־ארטילעריע איז געשטאַנען אויף דעם סקאָבעלעווסקי פּלאַץ, באָמבארדירט די שטאָדט־דומא און דעם האָטעל מעטראָפּאָל. אויף טווערסקאיא און ניקיטס־קאיא האט מען אויפגעריסען די שטיינער פונ׳ם ברוק צו בויען באַריי־קאַדען און באַפעסטיגען טראַנשעען. א האַגעל פון מאשין־הארמאטען האט זיך געגאָסען אויף די רייכע שטאָדט־טיילען, וואו עס זיינען געווען די גרויסע בענק און די האַנדעלס־הייזער. עס איז ניט געווען קיין ליכט, קיין טעלעפאָנען. די בורזשואזע בעפעלקערונג האט געלעבט אין די קעלערס. לויט דעם לעצטען בולעטען, האָט דער מיליטערישער בעגריסונגען קיין פעטראָגראד — בעגריסונגען דער רעגיערונג פונ׳ם ליכע זיכערהייט אָן אולטימאטום: דער קרעמל זאָל זיך אונטער־געבען, אַניט וועט מען איהם באָמבארדירען.

„באָמבארדירען דעם קרעמל?“ האט דער געוועהנליכער בירגער זיך געפרעגט. „דאָס וועלען זיי ניט סמייען“!

פון וואָלאָגדא ביז טשיטא אין ווייטען סיביר, פון פסקאָוו ביז סעוואסטאָפּאָל אויפ׳ן שווארצען ים, אומעטום, אין די גרויסע שטעדט און אין די קליינע דערפער, האָט דער בירגער־קריעג געברענט און געפלאַקערט. פון טויזענדער פאבריקען, פון פויערים־געמיינדעס, פון פּאָלקען און ארמעען, פון שיפען אויפ׳ן ברייטען ים זיינען אָנגעקומען בעגריסונגען קיין פעטראָגראד — בעגריסונגען דער רעגירונג פונ׳ם פּאָלק.

די קאָזאקען־רעגיערונג האט טעלעגראפירט קערענסקי׳ן פון נאָוואָ־טשערקאסק: „די רעגיערונג פון דער קאָזאקען־ארמעע לאַדט איין די פּראָוויזאָרישע רעגירונג און די מיטגליעדער פונ׳ם ראַטה פון דער רוסישער רעפּובליק, אז זיי זאָלען קומען, אויב מעגליך, קיין נאָוואָטשערקאסק, וואו מיר קענען צוזאמען אָרגאַניזירען דעם קאמף געגען די באָלשעוויקעס“.

אין פינלאַנד האָט זיך אויך געקאָכט. דער סאָוויעט פון העל־

זינגפאָרם און דער „צענטראָבאַלט“ (צענטראַל־קאָמיטעט פון׳ם באַלטישען פלאָט) האָבען צוזאַמען ערקלעהרט בעלאַגערונגס־צושטאַנד און האָבען געמעלדעט, אַז ווער עס וועט פּרואווען שטערען די באָלשעוויסטישע קרעפטען אָדער ווער עס וועט אַרויסווייזען אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד נעגען זייערע בעפעהלען, וועט ווערען שווער בעשטראָפט.

אין דער זעלביגער צייט האָט דער פינישער אייזענבאַהן־פעראיין אָרגאַניזירט אַ גענעראַל־סטרייק איבער׳ן גאַנצען לאַנד מיט דער פאָדערונג, אַז מען זאָל איינפיהרען די געזעצען וואָס דער סאָציאַליסטישער סיים האָט אָנגענומען אין יוני 1917, — דער זעלביגער סיים, וואָס קערענסקי האָט איהם פונאַנדערגעלאָזט...

גאַנץ פריה בין איך אַוועק אין סמאָלני.

ווען איך בין געגאַנגען איבער׳ן הילצערנעם טראָטואַר צווישען דעם טויער און דער געביידע, האָב איך דערזעהן די ערשטע שנייעלעך אין דער לופט. לאַנגזאַם האָבען זיי געפלאַטערט פון דעם גראָהען קיהלען הימעל. „שנעע!“ האָט דער סאָלדאַט ביים טהיר אויסגערופען, און אַ ברייטער שמייכעל האָט פונאַנדערגעצויגען זיין פּנים. „שנעע, דאָס איז גוט צום געזונד!“ אינווענייג האָבען די לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרען און די גרויסע צימערען אויסגעזעהן ווי לעדיג. אין דער ריעזיגער געביידע האָט זיך קיינער ניט גערירט. איך האָב אָבער בעמערקט עפּעס אַן אומרוהיג גערויש, געמישט מיט אונגעוועהנליכע קלאַנגען. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך געזעהן, אַז אומעטום, ביי די ווענד, אויף דער פּאָדלאָגע, זיינען מענשען געלעגען און געשלאָפען. גראָבע, שמוציגע מענשען, אַרבייטער און סאָלדאַטען, בעשפּריצט אָדער אויסגעוואַלגערט אין בלאָטע, זיינען געלעגען אין אַלערליי פּאָזעס, איינציגוויין אָדער אין הויפענס, געלעגען פונאַנדערגעוואָרפען ווי טויט. איינינע האָבען געהאַט צוריסענע באַנדאַזשען, איינגעשמירט אין בלוט. ביקסען און גאַרטלען מיט קוילען האָבען זיך געוואַלגערט אַרום און אַרום. די זיעגרייכע פּראָלעטאַרישע אַרמעע!

אינ׳ם בופעט אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק איז געווען אַזוי פיעל שלאָפענדיגע, אַז מען האָט קוים געקענט דורכגעהן. די לופט איז געווען שלעכט. דורך די פאַרנעבעלטע פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ בלאַסער טאָג. אַן אָבגעקיהלטער, צוקנייטשטער סאַמאָוואַר איז געשטאַ־

נען אויפ'ן טיש, און אין עטליכע גלעזער איז נאך געווען טהעע אויפ'ן דנא. לעבען זיי איז געלעגען אן עקזעמפלאר פון דעם לעצטען בולעטען פון דעם מיליטערישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט. אויפ'ן בלאט האט אימיצער אנגעשריבען מיט א שווערע, אונזיכערער האנד. דאס האט איינער פון די סאלדאטען פארצייכענט מיט א בליישטיפט די נעמען פון זיינע חברים, וועלכע זיינען געפאלען אין דער שלאכט נעגען קערענסקי. די אותיות זיינען געווען צושוואומען, אקוראט ווי טרעהרען זיינען אויף זיי געפאלען...

אלעקסיי ווינאגראדאוו.

ד. מאסקווין.

ס. סטאלביקאוו.

א. וואסקרעסענסקי.

ד. לעאנסקי.

ד. פרעאבראזשענסקי.

וו. ליידאנסקי.

מ. בערטשיקאוו.

די דאזיגע חברים האט מען גערופען אין דער ארמעע דעם 15טען נאוועמבער, 1916. נאר דריי זיינען געבליבען פון זיי אלע:

מיכאאיל בערטשיקאוו.

אלעקסעי וואסקרעסענסקי.

דמיטרי לעאנסקי.

**שלאפט, קעמפפער־אדלערס, שלאפט מיט א רוהיגער זעעל. ליעבע,טייערע, איהר האט פערדיענט גליק און אייביגען פריעדען.**

**אונטער דער ערד פונ'ם קבר האט איהר ענג געשלאסען די רייהען.**

שלאפט, בירגער!

נאך דער מיליטערישער רעוואלוציאנערער קאמיטעט איז געווען וואך. ער האט געטהאן זיין ארבייט. פון אן אינוועניגסטען צימער איז ארויסגעקומען סקריפניק און האט אונז איבערגעגעבען, אז מען האט ארעסטירט גאצ'ן, נאר יענער האט געלייקענט, אז ער האט אונטערגעשריבען די פראקלאמאציע פונ'ם רעגיערונגס־קאמיטעט. דאס זעלביגע האט געטהאן אווקסענטיעוו. דער רעטונגס־קאמיטעט גופא

האָט געלייקענט, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם אויפרוף צום גאַר־ניזאָן. ס'איז נאָך געווען אונצופריעדענהייט צווישען די פּאָלקען, האָט סקריפּניק געזאָגט, דער וואָלינסקי פּאָלק האָט זיך אָבגעזאָגט קעמפּפען געגען קערענסקי'ן.

עטליכע אָבטהיילונגען פון נייטראַלע סאָלדאַטען מיט טשערנאָוו'ן אָן דער שפּיץ זיינען געווען אין גאַטשינאַ. זיי האָבען געפּרואווט איינרעדען קערענסקי'ן ער זאָל אָבשטעלען זיין בעוועגונג אויף פּעטראָגראַד.

סקריפּניק האָט זיך צולאַכט. „היינטיגע צייטען איז ניטאָ קיין נייטראַלע", האָט ער געזאָגט „מיר האָבען געוואונען!" זיין שאַרפער בעבערדעלטער פּנים האָט געלויכטען ווי מיט אַ רעליגיעזער התפּעלות. „איבער 60 דעלעגאַטען זיינען אָנגעקומען פון'ם פראָנט. זיי גאַראַנטירען אונז די שטיצע פון אַלע אַרמעען, אַ חוץ די סאָלדאַטען, וואָס געפינען זיך אויפ'ן רומעניישען פראָנט: פון זיי האָבען מיר נאָך קיינע ידיעות ניט געהאַט. די אַרמעע־קאָמיטעטען האָבען ניט צוגעלאָזט די נייעס פון פּעטראָגראַד, אָבער מיר האָבען איצט אָרגאַניזירט אַ סיסטעם פון קוריערען..."

איבער'ן לאַנגען קאָרידאָר איז אָנגעקומען קאַמענעוו, אַ פער־מאַטערטער פון אַ גאַנצער נאַכט אַרבייט אין דער קאָנפערענץ צו בילדען אַ נייע רעגיערונג, אָבער אַ גליקליכער. „די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען שוין געניגט אונז אַריינצולאָזען אין דער נייער רעגיערונג", האָט ער מיר געזאָגט. „אַלע גרופּען פון'ם רעכטען פליגעל האָבען זיך דערשראָקען פאַר די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען; אין פּחד פערלאַנגען זיי פון אונז, אַז מיר זאָלען זיי פונאַנדערלאָזען איידער מיר נעהמען זיך צו ווייטערדיגער אַרבייט... מיר האָבען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דעם אייזענבאַהן־פעראיין צו בילדען אַ פעראייניגטע סאָציאַליסטישע רעגיערונג, און דער פעראיין אַרבייט איצט איבער דעם פּלאַן. דאָס אַלעס איז אַ רעזולטאַט פון אונזער נצחון. ווען מיר זיינען געווען בסתר המדרגה, האָבען זיי מיט אונז אפילו ניט געוואָלט רעדען. איצט איז מען שוין געקומען צו דער דעה, אַז מען דאַרף מאַכען עפּעס אַ פּשרה מיט די סאָוויעטען... וואָס אונז פעהלט — איז אַ ענטשיידענדער זיעג. קערענסקי וויל אַ וואַפענשטילשטאַנד, אָבער ער וועט זיך מוזען אונטערגעבען..."

אַט דאָס איז געווען די שטימונג פון די באָלשעוויסטישע פיהרער אין יענער צייט. ווען אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט האָט געפרעגט טראָצקי׳ן, וואָס פאַר אַ ערקלעהרונג ער וויל אַרויסגעבען פאַר דער וועלט, האָט טראָצקי געענטפערט: „די איינציגע מעגליכע ערקלעהרונג אין איצטיגען מאָמענט איז די, וואָס מיר מאַכען דורכ׳ן מויל פון אונזערע קאַנאָנען.“

אָבער אונטער דער כוואַליע פון זיעג האָט זיך געגאָסען דער טונקעלער שטראָם פון אונרוהיגקייט און זאָרג. עס איז געשטאַנען די פראַגע וועגען פינאַנצען. דער פעראיין פון באַנק־אַנגעשטעלטע האָט ניט געפאָלגט דעם בעפעהל פונ׳ם מיליטערישען־רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. אַנשטאָט צו עפענען די בענק האָט דער פעראיין אָבגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג און ערקלעהרט אַ פאָרמעלען סטרייק. סמאָלני האָט פערלאַנגט אַזוינע 35 מיליאָן רובעל פון דער שטאַאטס־באַנק, אָבער דער קאַסיר האָט פערשלאָסען די געמויערטע קעלערס און האָט געצאָהלט נאָר די פערטרעטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. די רעאַקציאָנערען האָבען אויסגענוצט די שטאַאטס־באַנק אַלס אַ פּאָליטיש געוועהר... ווען, למשל, דער אַלל־רוסישער אייזענבאַהן־פעראיין האָט געפאָדערט געלד צו צאָהלען די אַנגעשטעלטע פון די רעגיערונגס־אייזענבאַהנען, האָט מען זיי אָבגעשיקט אין סמאָלני...

איך בין אריבערגעגאַנגען אין שטאַאטס־באַנק זיך זעהן מיט׳ן נייעם קאָמיסאַר. דאָס איז געווען אַ אוקראַינער באָלשעוויק מיט רויטע האָר. זיין נאָמען איז געווען פעטראָוויטש. ער האָט געפּרואווט אַריינטראָגען אַ ביסעל אָרדנונג אינ׳ם תהו ובהו, וואָס דער סטרייק פון די אַנגעשטעלטע האָט אָנגעמאַכט. אין אַלע קאַנצעלאַריעס פון דעם ריעזיגען בנין זיינען געזעסען פריייוויליגע, סאָלדאַטען און מאַטראָזען, און געשוויצט. זיי האָבען זיך נעבעך געמאַטערט מיט אַלע כחות איבער די גרויסע באַנק־ביכער, זיי האָבען אַזש אַרויסגעשטעקט די צינגער פון זייערע מיילער אין גרויס התמדה, אָבער מען האָט געזעהן, אַז זיי פערשטעהען ניט אַ וואָרט...

די דומאַ איז געווען איבערגעפּאַקט. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך אַרויסגעזאָגט אַ הייס וואָרט געגען דער נייער רעגיערונג, אָבער דאָס האָט געטראָפען זעלטען. דער צענטראַלער ערד־קאָמיטעט האָט

ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די פויערים, אז זיי זאלען ניט אנערקענען דאס ערד־געזעץ פונ׳ם סאוויעטען־קאנגרעס, ווייל דאס וואלט געפיהרט צו אונארדנונג און בירגער־קריעג. דער שטאדט־גאלאווא שריידער האט געמעלדעט, אז צוליעב דעם באלשעוויסטישען אויפשטאנד וועט מען מוזען אבלייגען די וואהלען צו דער גרינדונגס־פערזאמלונג אויף אן אונבעשטימטע צייט.

צוויי פראגען האבען קענטיג פערנומען דעם אויבען־אן אין אלע־מענס געדאנק: ערשטענס, אבשטעלען די בלוט־פערגיסונג פון א שארפען בירגער־קריעג, צווייטענס, בעשאפען א נייע רעגיערונג. מען האט שוין מעהר ניט גערעדט וועגען „פערניכטען די באלשעוויקעס" און מען האט זעהר ווייניג גערעדט וועגען אויסשליסען זיי פון דער רעגיערונג; אויב עמיצער האט דאס יא דערמאהנט, זיינען דאס געווען די פאלקס־סאציאליסטען און די פויערים־סאוויעטען. אפילו דער צענטראלער ארמעע־קאמיטעט, דער שטארקסטער שונא פון סמאל־ני, האט טעלעפאנירט פון דער הויפט־קווארטיר אין מאהילעוו: „אויב מען קען ניט גרינדען קיין נייעם קאבינעט סיידען מען קומט צו אן אויסגלייך מיט די באלשעוויקעס, שטימען מיר איין, אז מען זאל זיי צולאזען אין דער מינדערהייט."

די „פראוודא" האט זיך אויסגעלאכט פון קערענסקי׳ס „מענשען־פריינדליכע געפיהלען". די צייטונג האט געדרוקט זיינע א טעלע־גראמע צום רעגיערונגס־קאמיטעט:

„אין הסכם מיט דעם פארשלאג פון דעם רעטונגס־קאמיטעט און אלע דעמאקראטישע ארגאניזאציעס, וואס זיינען מיט איהם פער־בונדען, האב איך אבגעשטעלט אלע מיליטערישע האנדלונגען געגען די אינסורגענטען. מען האט געשיקט א דעלעגאט פונ׳ם קאמיטעט צו אנהויבען פערהאנדלונגען מיט זיי. נעהמט אן אלע מיטלען, אז מען זאל אבשטעלען אוננויטיגע בלוט־פארגיסונג".

דער אלל־רוסישער אייזענבאהן־פעראיין האט ארויסגעשיקט א טעלעגראם איבער גאנץ רוסלאנד:

„די קאנפערענץ פון דעם אייזענבאהן־פעראיין מיט פערטרעטער פוןביידע קעמפפענדע צדדים, וועלכע זעהען איין די נויטיגקייט פון א פשרה, פראטעסטירט ענערגיש געגען פאליטישע טעראריזם אינ׳ם איצטיגען בירגער־קריעג, וועלכער ווערט געפיהרט צווישען

פערשיעדענע פראקציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע. די קאָנפערענץ ערקלעהרט, אז פּאָליטישער טעראָריזם, וואס פּאר א פאָרם ער זאָל ניט אָנגעהמען, איז אין היפוך מיט דער אידעע פון אונטער־האנדלונגען וועגען א נייער רעגיערונג..."

די קאָנפערענץ האט געשיקט דעלעגאטען צום פראָנט און קיין גאטשינא. אין דער קאָנפערענץ גופא האט עס אויסגעזעהן, אז מען האלט שוין ביי אן אויסגלייך. מען האט שוין אפילו געהאט בעשלאָסען אויסצוקלייבען א פּראָוויזאָרישען פאָלקס־ראטה, וועלכער זאָל בעשטעהן פון אזוינע פיער הונדערט מיטגליעדער — פינף און זיעבציג פון סמאָלני, פינף און זיעבציג פון דעם אלטען צענטראלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, — די איבעריגע פון די שטאָדט־דומאס, פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, ערד־קאָמיטעטען און פּאָליטישע פּארטייען. טשערנאָוו האט געזאָלט זיין דער נייער פּרעמיער. לענין און טראָצקי, האט מען געשמועסט, זאָלען ניט טאָרען אריין אין קאבינעט...

מיטאָג־צייט בין איך ווידער געווען לעבען סמאָלני. איך בין געשטאנען אויפ'ן גאס פאר'ן אינסטיטוט און גערעדט מיט'ן אָנטרייבער פון אן אמבולאנס, וואס האט געדארפט אָבפאָהרען צום רעוואָלוציאָנערען פראָנט. קען איך פאָהרען מיט איהם? געוויס! דער מאן איז געווען א פריוויליגער, א סטודענט פונ'ם אוניווערזיטעט. ווען מיר זיינען געפאָהרען איבער דער גאס, האט ער צו מיר געשריען איבער זיין אקסעל אויף דייטש: „אלזא, גוט! אין די קאזארמעס וועלען מיר עסען!"

אויף קיראָטשנאיא זיינען מיר אריינגעפאָהרען אין א ריעזיגען הויף, ארומגערינגעלט מיט מיליטערישע בנינים. מיר זיינען ארויפגעגאנגען איבער טונקעלע טרעפ און אריין אין א נידריגען צימער מיט איין פענסטער. ארום א לאנגען הילצערנעם טיש זיינען געזעסען אזוינע צוואנציג סאָלדאטען און מיט הילצערנע לעפעל געגעסען שטשי פון א גרויסער צינערנער שיסעל. זיי האבען הויך גערעדט און געלאכט.

איך האב מיט זיי פערפיהרט א געשפרעך. איינער, א יונגער פעלדפעבעל מיט'ן נאָמען באקלאנאָוו, האט גערעדט פראנצויזיש. איך האב איהם געזאָגט, אז איך פאָהר אין צארסקאָיע סעלא. „איך



**Веселый выпускъ.** Цѣна 20 коп.

# КАКЪ БУРЖУИ власть ПОТЕРЯЛИ

## Акафистъ Сашкѣ—Болтуну.

## Сказочки и пѣсенки для дѣтей призывнаго возраста

**Какъ они царствовали. — Что они распѣвали. — Что теперь поютъ.**

### Какъ буржуи власть потеряли.

*(Было о томъ, какъ „вѣрные личарды" царя Николашки теплыхъ своихъ мѣстъ въ февралѣ лишились).*

«Было дѣло подъ Полтавой»...
Впрочемъ, что тамъ «заливать»,
Не гонясь за звучной славой,
Я хочу вамъ разсказать,

Какъ правители буржуи
Потеряли, значитъ, власть,
Какъ пришлось, свернувши шею,
Съ вышины правичной пасть.

Собрались они, рѣшили,
Какъ и что, и почему
Шире двери растворили
Для противниковъ въ тюрьму.

Стѣна прошёлъ такъ толково,
Такъ умѣло, что держись,
Отъ правленья, право слово,
Хоть возьми, да и ложись!..

Было много безпокойства,
Было много разныхъ бѣдъ,
Все вокругъ пришло въ разстройство,
Ничего-то, значитъ, нѣтъ.

Нѣтъ ни хлѣба, ни капусты,
Ни одежды, ни сапогъ,
Въ закромахъ, въ кладовыхъ — пусто.
Покаралъ насъ, бѣдныхъ, Богъ...

Вотъ когда-то зазвучали
Недовольныхъ голоса:
«Надоѣли вамъ печали,
Убирайтесь въ полчаса»!..

И пошло, пошло сраженье,
Раздалось вокругъ „долой"!
И буржуи, безъ сомнѣнья,
Проиграли жаркій бой...

Ихъ свалили на лопатки,
Поразила ихъ бѣда,
И они, схвативъ монатки,
Разбѣжалися, кто куда...

Тутъ, не вѣдая печали,
Какъ народъ сказалъ: «мерси».
Такъ буржуи потеряли
Власть на матушкѣ Руси...

До февраля мѣсяца, люди православные, были мы совсѣмъ безправные, кто хотѣлъ — насъ жегъ, кто хотѣлъ — сажалъ въ острогъ, мы же молчали, забравъ въ души печали, пикнуть боялись, передъ Романовымъ старались. А какъ февраль мѣсяцъ настаялъ, да какъ громъ загрохоталъ, да какъ встала сила народная,—тутъ и настала жизнь свободная. Фараоновъ убрали, царя съ трона посимали, министровъ по тюрьмамъ расадили и такого это веселье зажили. На митинги ходимъ, манифестаціи водимъ, сѣмечки щелкаемъ, и, натурально, дѣлъ никакихъ не знаемъ.

А и въ ту пору къ нашей напасти новые пришли къ власти и всякія такъ иныя начали править на славу Россіи.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

### СКАЗОЧКА.

За лѣсами, за горами,
За широкими морями,
Противъ неба на землѣ
Жилъ старикъ въ одномъ селѣ.

У старинушки три сына;
Старшій умный былъ дѣтина,
Средній былъ едва здоровъ,
Ну, а третій былъ—Черновъ.

Этотъ парень былъ веселый,
Позабывъ про трудъ тяжелый,
На берлинскій капиталъ
Онъ газетку издавалъ.

На своей, на славной мирѣ
Въ той газеткѣ пѣлъ о мирѣ,
Словомъ, былъ онъ, господа,
Пораженецъ, хоть куда.

Безъ него Россія встала,
Тронъ державный [illegible],
Ну, а этотъ демократъ
Взять готовое былъ радъ.

Прикатилъ въ Россію быстро,
Домахался до министра,
Сталъ страною управлять
Сталъ землицу раздѣлять.

Сталъ любимцемъ у эсъ-эровъ,
У селянъ, у... акушерокъ,
Словомъ, много теплыхъ словъ
Заслужилъ у всѣхъ Черновъ.

Тутъ другіе прилетѣли,
Все вожди и пустомели...
И вознесся, Богомъ данъ,
Демократъ Гоцлибердант.

И по совѣсти, по чести
Стали править всѣ-то вмѣстѣ,
Кто впередъ, кто мчится вскачь,
Обывателю, хоть плачь.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

А теперь они безъ дѣла
Что-то пишутъ неумѣло;

Льютъ немало горькихъ слезъ
И Зензиновъ, и Черновъ.

У кого есть въ сердцѣ жалость,
Пусть поможетъ имъ хоть малость
И на помощь имъ придетъ:
Хоть въ швейцары, что-ли—возьметъ.

Все же бѣдные когда-то
Жили славно и богато,
А теперь забылъ ихъ край
Хоть ложись, да помирай!..

### Что сейчасъ поютъ наши „знакомцы".

#### Керенскій.

*(На мотивъ «Я хочу вамъ»...).*

Я хочу вамъ разсказать, разсказать, разсказать
Какъ хотѣлъ я управлять, управлять. Да.
Власть забравши въ ручки, да, да, да, въ ручки,
Сталъ я дѣлать штучки, сталъ дѣлать штучки, господа!
Въ наступленье я повелъ, я повелъ, я повелъ,
Только срамъ одинъ нашелъ, да, нашелъ. Да.
Нѣмцы вмѣсто Риги, да, вмѣсто Риги,
Показали фиги, однѣ лишь фиги, господа.
Сталъ порядокъ наводить, наводить, наводить,
Сталъ съ Верховскимъ я дружить, сталъ дружить. Да.
Но отъ генерала, отъ генерала, отъ генерала,
Мнѣ было пользы очень мало, да, очень мало было, да.
Тутъ я началъ всѣхъ стращать, всѣхъ стращать,
А потомъ пришлось бѣжать, пришлось бѣжать. Да.
Всыпали мнѣ чисто, ужасно чисто, ужасно чисто;
Гдѣ ты власть министра, гдѣ власть министра?
Ай-ай-ай-ай!..

#### Черновъ.

*(На мотивъ «Стонетъ сизый»...).*

Стонетъ сизый голубочекъ,
Стонетъ онъ и день и ночь,
Что крестьянинъ мужичечекъ
Отъ меня уходитъ прочь.

Что не чтутъ меня, Чернова,
Что смѣются надо мной:
Отъ мученья отъ такого
Жизни я не радъ своей.

Я-ли, я-ли не старался,
Я-ль крестьянамъ не служилъ,
И теперь, увы, дождался
Сталъ не нуженъ имъ, не милъ.

На душѣ моей печали,
Хоть ложись да и помри.
Предсѣдателемъ избрали
Спиридонову Марі.

Я-ли, я-ли не старался
Я-ль крестьянамъ не служилъ!
А теперь бѣды дождался:
Сталъ противенъ имъ, не милъ.

#### Аргуновъ.

Ахъ, ты, доля, моя доля,
Доля бѣдная,—
Много сдѣлалъ я для воли,
Воли мужика.

Шелъ безтрепетно къ свободѣ,
Правды [illegible] искалъ.

Popular leaflet sold in the streets just after the Bolshevik insurrection, containing rhymes and jokes about the defeated bourgeoisie and the "moderate" Socialist leaders. Called, "How the Boorzhui (Bourgeoisie) Lost the Power."

אויך", האָט באַקלאַנאָוו פּלוצלונג געזאָגט. „און איך — און איך —"
די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט אויפ'ן אָרט בעשלאָסען פאָהרען אין צאַרס־
קאָיע סעלאָ.

עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טהיר. די טהיר האָט זיך
געעפענט און עס האָט זיך בעוויזען דער פּאָלקאָווניק. קיינער האָט
זיך ניט אויפגעהויבען, נאָר אַלע האָבען איהם פרעהליך בעגריסט.
„קען איך אריינגעהן?" האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט. „פּראָסים!
פּראָסים!" האָבען זיי הערצליך געענטפערט. דער פּאָלקאָווניק איז
אריינגעקומען מיט א שמייכעל אויף די ליפּען. דאָס איז געווען א
הויכער מאַן מיט א פיינעם אויסזעהן. געטראָגען האָט ער א מאַנטעל
פון ציעגען־פעל אויסגעהאַפּט מיט גאָלד. „מיר דאכט זיך, איך האָב
געהערט, אז איהר ווילט פאָהרען אין צאַרסקאָיע סעלאָ, חברים",
האָט ער געזאָגט. „קען איך פאָהרען מיט אייך?"

באַקלאַנאָוו האָט א טראַכט געטהאָן. „איך גלויב ניט, אז מיר
האָבען דאָ וואָס צו טהאָן היינטיגען טאָג", האָט ער געענטפערט.
„יאָ, טאָוואַרישטש, קומט מיט אונז, מיר וועלען זיין זעהר צופריעדען".
דער פּאָלקאָווניק האָט איהם געדאַנקט, זיך אַנידערגעזעצט און אָנגע־
גאָסען א גלאָז טהעע.

באַקלאַנאָוו האָט מיר ערקלעהרט די לאַגע. געערעדט האָט ער
שטילערהייד, כדי ער זאָל ניט בעליידיגען דעם פּאָלקאָווניק'ס גע־
פיהלען. „די מעשה איז אזוי", האָט ער געזאָגט, „איך בין דער
פּאָרזיצענדער פונ'ם קאָמיטעט. דער קאָמיטעט פערוואַלטעט איבער
דעם גאַנצען באַטאַליאָן, אָבער וואָס איז שייך דעם פּאָלקאָווניק,
האָבען מיר איהם אויסגעקליבען, אז ער זאָל קאָמאַנדעווען נאָר אין
דער צייט פון מיליטערישע אָפּעראַציעס. דעמאָלט מוזען מיר אַלע
פאָלגען זיין בעפעהל. אָבער אין אַלע זיינע האַנדלונגען איז ער פער־
אַנטוואָרטליך פאַר אונז. אין די קאַזאַרמעס דאַרף ער זיך פריהער
אָנפרעגען ביי אונז איידער ער טהוט עפּעס. מען וואָלט איהם גע־
קענט אָנרופען אונזער עקזעקוטיוו־אָפיציר"...

מען האָט אונז געגעבען געוועהר, רעוואָלווערען און ביקסען —
„ווער וויים. מיר קענען נאָך בענעגענען קאָזאַקען" — און מיר
אַלע האָבען זיך אריינגעקליבען אין דעם אַמבולאַנס. מען האָט

אויך ארויפגעלעגט דריי גרויסע פּעק צייטונגען פאר׳ן פראָנט. מיט א קלאַפּעריי זיינען מיר דורכגעפאָהרען ליטייני און ארויף אויף זאגאראָדני פּראָספּעקט. לעבען מיר איז געזעסען א יונגערמאן מיט עפּאָלעטען פון א פּאָרוטשיק. ער האָט, דאכט זיך, געקענט רעדען פליסיג אויף אלע אייראָפּעאישע שפּראכען. ער איז געווען א מיט־גליעד פון דעם באטאליאָן־קאָמיטעט.

„איך בין ניט קיין באָלשעוויק", האָט ער מיר פערזיכערט מיט היץ. „איך געהער צו א זעהר אלטער אדעליגער פאמיליע. איך אליין וואָלט זיך זיכער אָנגערופען א קאדעט..."

„אָבער ווי קומט?" האָב איך ערשטוינט געפרעגט.

„אָה, יא, איך בין א מיטגליעד פון דעם קאָמיטעט. איך בעהאלט ניט מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען. אָבער דאָס ארט ניט מיינע חברים, מחמת זיי ווייסען, אז איך האלט ניט פון שטעלען זיך געגען דעם ווילען פון דער מעהרהייט... פון דעסטוועגען האָב איך זיך אָב־געזאָגט אנטהייל צו נעהמען אין דעם איצטיגען בירגער־קריעג, ווייל איך גלויב ניט אין קעמפּפען מיט געוועהר אין האנד געגען מיינע רוסי־שע ברידער..."

„פּראָוואָקאטאָר! קאָרנילאָוועץ!" האָבען די אנדערע צו איהם געשריען אין שפּאַס און איהם געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

מיר זיינען דורכגעפאָהרען אונטער דער גראָהער שטיינערנער ארקאדע פון דעם מאָסקווער טויער, בעדעקט מיט גאָלדענע צאצקעס, שווערע קייזערליכע אָדלערס און נעמען פון רוסישע צארען. אונזער אמבולאנס האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דעם ברייטען, גלייכען שאָסעי, וואָס האָט אויסגעזעהן גרויליך אונטער דער לייכטער דעק פונ׳ם ערשטען שנעע. איבער׳ן שאָסעי זיינען געגאנגען געדיכטע מאסען רויטע גווארדייצעס, געשפּאנט צום רעוואָלוציאָנערען פראָנט מיט געשרייען און געזאנגען; אנדערע, מיט גראָהע פּנים׳ער און אויסגעשמירט אין בלאָטע, זיינען געגאנגען צוריק. געוועהנליך האָבען זיי אויסגעזעהן גאָר יונגע אינגלעך. עס זיינען געגאנגען פרויען מיט לאָפּעטעס, איינינע מיט ביקסען און פּעהנדלעך, איינינע האָבען גע־טראָגען אויף זייערע ארבעל דעם באנד פון דעם רויטען קרייץ, — אלע איינגעבויגענע, אויסגעהאָרעוועטע פרויען פונ׳ם אָרימסטען צושטאנד;

אָבטהיילונגען סאָלדאַטען האָבען מאַרשירט אָהן אַ סדר; ווען זיי האָבען בעגעגענט די רויטע גוואַרדייצעס, האָבען זיי געשריען פריינדלי־כע גרוסען; עס זיינען געגאַנגען מאַטראָזען מיט אַן ערנסט־בייזען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים; עס זיינען געגאַנגען קינדער מיט פּעקלעך שפּייז פאַר זייערע טאַטעס און מאַמעס. די דאָזיגע גאַנצע מאַסע האָט געשפּאַנט אין דער ווייסליכער בלאָטע, וואָס האָט בעדעקט די שטיינער פון דעם שאָסעי. מיר זיינען געפאָהרען פאַרביי הארמאַטען, וואָס האָבען זיך געצויגען קיין דרום־צו מיט ט בראַזג און קלינגעריי; פאַרביי מאָטאָר־וואָגענס אָנגעזעצט מיט באַוואָפּענטע מענשען; פאַר־ביי אַמבולאַנסען מיט פאַרוואונדעטע, געפיהרט פון שלאַכט־פעלד; איינמאָל האָבען מיר אפילו געזעהן אַ פויערישען וואָגען וואָס האָט לאַנגזאַם געסקריפּעט איבער׳ן וועג; אין וואַגאָן איז געזעסען אַ בלאָ־סער בחור אָנגעבויגען איבער זיין פאַרוואונדעטען בויך. דער בחור האָט געקרעכצט מיט אַ מאָנאָטאָנער שטימע. אויףביידע זייטען וועג האָ־בען ווייבער און אַלטע מענער געגראָבען טראַנשעען און אָנגעצויגען שטעכיגע דראָטען. די וואָלקענס האָבען זיך לאַנגזאַם אָבגערוקט קיין צפון, און עס האָט זיך בעוויעזען אַ בלייכע זון. פּעטראָגראַד האָט געבלישטשעט איבער די פלאַכע זומפּיגע פעלדער. רעכטס האָבען זיך געהויבען ווייסע, גאָלדענע און קאָליערענדע קופּאָלען און דעכער; לינקס זיינען געשטאַנען הויכע קוימענס, פון איניגע האָט זיך געהוי־בען אַ שוואַרצער רויך. ווייטער האָט אַ נידריגער הימעל זיך גע־שטרעקט איבער פינלאַנד. אויף ביידע זייטען וועג האָבען מיר גע־קענט זעהן קירכען, מאָנאַסטירען... אַמאָל האָט זיך בעוויזען אַ מאָ־נאַך. שטום און ערנסט האָט ער געקוקט, ווי עס קלאַפּט דער דופק פון דער פּראָלעטאַרישער אַרמעע איבער׳ן ברייטען וועג.

אין פּולקאָוואָ האָבען די וועגען זיך געשיידט. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אינמיטען אַ גרויסען עולם. דאָ איז געווען אַ מין צענטער, וואוהין מענשען האָבען זיך געגאָסען פון דריי זייטען: פריינד האָבען זיך בעגעגענט, זיך לעבעדיג אָבגעגעבען מזל טוב, דערצעהלט איינער דעם אַנדערען די פּרטים פון דער מלחמה. דאָרט, וואו די וועגען שיי־דען זיך. האָבען קויהלען צולעכערט אַ רייהע הייזער, און אַרום און אַרום אויף אַ האַלבער מייל איז די ערד געווען אויפגעריסען און צו־

קנאַטען. דאָ האָט די שלאַכט געהערשט מיט ווילדער וואוטה. ניט ווייט זיינען ארומגעלאָפען הונגעריגע קאָזאַקישע פערד אָהן רייטער; זיי האָבען ניט געהאט וואָס צו עסען: דאָס גראָז פון די פעלדער איז שוין לאַנג געווען טויט. א רויטער גווארדייעץ האָט זיך געפּרואווט אויפזעצען אויף איינעם אזא פערד, ער איז אָבער ניט געווען פלינק און איז אַלעמאָל אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד. די טויזענדער פּראָס־טע מענשען ארום און האָבען זיך געפרעהט ווי קליינע קינדער.

ווען מען נעהמט זיך איבער׳ן לינקען וועג אין דער ריכטונג, וואו עס זיינען אָבגעטרעטען די לעצטע קאָזאַקען, קומט מען צו א דער־פעל אויף א נידריגען בערגעל. פון דאָרטען עפענט זיך א פּראַכט־פאָלע פּאַנאָראַמע אויף דעם גאַנצען ריעזיגען פעלד. פלאַך און גראָה ליעגט דאָס פעלד, ווי א ים אין שטילען וועטער; אויבען הענגען וואָלקענס, ווי מאָדנע טהורמס; העט ווייט גיסט די גרויסע שטאָדט ארוים טויזענדער מענשען איבער אַלע וועגען. לינקס איז געלעגען דאָס בערגעל פון קראַסנאָיע סעלאָ, דער פּלאַץ וואו די קייזערליכע גווארדיע האָט זומער־צייט אָבגעהאַלטען איהרע פּאַראַדען, און די קיי־זערליכע מילך־פאַרם. נעהנטער אהערצו האָט קיין זאַך ניט געשטערט די מאָנאָטאָנע פלאַכקייט פונ׳ם לאַנדשאַפט, נור דאָ און דאָרט האָט זיך געזעהן א מאָנאַסטיר ארומגערינגעלט מיט א פּאַרקען, אַן איינ־צעלנע פאַבריק, עטליכע גרויסע בנינים אין מיטען פעלד, מסתמה יתומים־הייזער אָדער מושב זקנים׳ס...

„אָט א דאָ“, האָט מיר דער שאָפער געזאָגט, ווען מיר זיינען גע־פאָהרען איבער א וויסטען בערגעל, „אָט א דאָ איז געשטאָרבען ווערא סלוצקאיא. יאָ, די באָלשעוויטשקע, א מיטגליעד פון דער דומא. דאָס האָט געטראָפען היינט גאַנץ פריה. זי איז געווען אין אַן אויטאָמאָביל, צוזאַמען מיט זאַלקינד׳ן און נאָך איינעם. עס איז געווען א וואָפען־שטילשטאַנד, און זיי האָבען זיך געלאָזט צו די פאָדערשטע טראַנ־שעען. זיי האָבען גערעדט און געלאַכט. פּלוצלונג האָט אימיצער אין קערענסקי׳ס בעפּאַנצערטען אויטאָמאָביל דערזעהן די דריי און האָט אויסגעשאָסען פון א האַרמאַט. אין אויטאָמאָביל איז געווען קערענסקי גופא. א גראַנאַטע האָט געטראָפען ווערא סלוצקאיא און זי געטויי־טעט...“

צארסקאיע איז געווען איבערפילט מיט זיעגרייכע העלדען פון דער פראָלעטארישער מחנה. דער פאלאַץ, וואו עס פלעגען פאַרקומען די זיצונגען פון דעם סאָוויעט, האָט איצט גערוישט ווי אַ ביהן־שטאָק. אינ׳ם הויף זיינען געשטאַנען רויטע גוואַרדייצעס און מאטראָזען. פאַר די טהירען זיינען געשטאַנען וואך־לייט, און אַ שטראָם פון קוריערען און קאָמיסארען האָט זיך געגאָסען אריין און ארויס. אין דעם זאל פונ׳ם סאָוויעט האָט געקאָכט אַ סאַמאָוואר, און אזוינע פופציג ארבייטער־סאָלדאטען, מאטראָזען און אָפיצירען זיינען געשטאַנען ארום און ארום, געטרונקען טהעע און גערעדט אויף וואָס די וועלט שטעהט. אין איין ווינקעל האָבען צוויי ארבייטער געפּרואווט לאָזען אַ מולטיגראפישע מאַשין (אַ מאַשין וואָס קען דרוקען עטליכע עקזעמפּלארען מיט אמאָל), אָבער זייערע הענד זיינען געווען אונגעשיקט. ביים מיטעלסטען טיש איז דער געזונדער דיבענקאָ געזעסען אָנגעבויגען איבער אַ לאַנד־קארטע און מיט אַ בלאָהען און רויטען בליי־פעדער אָנגעמערקט פּאָזיציעס פאַר דער ארמעע. אין דער לינקער האַנד האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, געהאלטען אַ ריזיגען רעוואָלווער פון בלאָהען שטאָל.

באַלד האָט ער זיך אוועקגעזעצט פאר אַ שרייב־מאַשין און גע־נומען אויסקלאַפּען עפּעס מיט איין פינגער; אַלע ווײַלע פלעגט ער זיך אָבשטעלען, אויפהויבען דעם רעוואָלווער און איהם גלעטען מיט ליעבע.

ביים וואַנד איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע, און אויף איהר איז גע־לעגען אויסגעצויגען אַ יונגער ארבייטער. צוויי רויטע גוואַרדייצעס האָבען זיך אָנגעבויגען איבער איהם, אָבער דער איבעריגער עולם האָט זיך אויף איהם ווייניג אומגעקוקט. דער ארבייטער האָט געהאַט אַ לאָך אין זיין ברוסט: דורך זיינע קליידער האָט פריש בלוט ארויס־געשפּריצט מיט יעדען הארץ־קלאַפּ. זיינע אויגען זיינען געווען גע־שלאָסען, און זיין יונגער פּנים, אין אַ ראַהם פון אַ בערדעל, איז גע־ווען גרינליך־ווייס. ער האָט נאָך געאָטהעמט, שוואַך און לאַנגזאַם, און מיט יעדען אָטהעם האָט ער ארויסגעזיפצט: „מיר בודעט! מיר בודעט! (פרידען וועט קומען! פרידען וועט קומען!)“.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען, האָט דיבענקאָ אויפגעהויבען דעם קאָפּ. „אָה, דאָס זייט איהר!“ האָט ער געזאָגט צו באָקלאַנאָוו׳ן. „זייט אזוי גוט, טאָווארישטש, געהט אריבער אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם

קאָמענדאַנט און נעהמט איבער די קאָמאַנדע. וואָרט, איך וועל אייך געבען אַ בעשטעטיגונג". ער איז אַריבערגעגאַנגען צו דער שרייב־מאַשין און האָט גענומען לאַנגזאַם אויסקלייבען די אותיות.

דער נייער קאָמענדאַנט פון צאַרסקאָיע סעלאָ, באַקלאַנאָוו, האָט זיך געלאָזט צום יעקאַטערינינסקי פּאַלאַץ, איך מיט איהם. באַקלאַ־נאָוו איז געווען זעהר אויפגערעגט, ער האָט געפיהלט די וויכטיגקייט פון זיין נייעם אַמט. אין דעם שעהנעם ווייסען זאַאַל האָבען עטליכע רויטע גוואַרדייצעס זיך נייגעריג אַרומגעדרעהט, און מיין אַלטער בע־קאַנטער, דער פּאָלקאָווניק, איז געשטאַנען ביי אַ פענסטער און זיך געביסען אַ וואָנצע. ער האָט מיך בעגריסט ווי אַ לאַנג פאַרלאָרענעם ברודער. ביי אַ טיש לעבען טהיר איז געזעסען דער פראַנצויזישער בעסאַראַבער. די באָלשעוויקעס האָבען איהם געהייסען בלייבען און טהאָן זיין אַרבייט ווי פריהער.

„איך האָב דען געהאַט אַן אַנדער ברירה?" האָט ער געוואָרטשעט, „אַזוינע ווי איך קענען זיך ניט שטעלען אויף קיינעמ'ס צד. איך מעג אינסטינקטיוו פיינד האָבען די דיקטאַטור פונ'ם המון, אָבער וואָס טהוט מען... עס טהוט מיר נור באַנג, וואָס איך בין אַזוי ווייט פון מיין מוטער אין בעסעראַביע!"

באַקלאַנאָוו האָט פאָרמעל איבערגענומען די קאַנצעלאַריע פון דעם קאָמענדאַנט. „אַט האָט איהר די שליסעל צום שרייב־טיש", האָט דער פּאָלקאָווניק נערוועז געזאָגט.

אַ רויטער גוואַרדייעץ איז איהם אַריינגעפאַלען אין די רייד. „וואו איז דאָס געלד?" האָט ער גראָב אויסגערופען. דער פּאָלקאָווניק האָט געמאַכט אַ פערוואונדערטע מינע. „געלד? געלד? אָך, איהר מיינט מסתמא דאָס קעסטעל. אַט איז עס, פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס דאָ געטראָפען צוריק מיט דריי טעג. שליסלען?" דער פּאָלקאָוו־ניק האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס. „איך האָב ניט קיין שליסלען".

דער רויטער גוואַרדייעץ האָט אַ לאַך געטהאָן מיט חוזק. „אַ וואוילער תירוץ", האָט ער געזאָגט, ווי איינער וואָס ווייס בעסער.

„לאָמיר עפענען דאָס קעסטעל", האָט באַקלאַנאָוו געזאָגט. „ברענגט אַ האַק. אַט איז אַן אַמעריקאַנישער חבר. זאָל ער אויפברע־כען די קאַסע און פערשרייבען, וויפיעל ער וועט דאָרט געפינען".

איך האָב אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער האַק. די הילצערנע קאַסע איז געוועזען ליידיג.

„לאָמיר איהם אַרעסטירען", האָט דער רויטער גווארדייעץ געזאָגט מיט גאַל, „ער איז פון קערענסקי׳ס חברה. ער האָט צונע־גנב׳עט דאָס געלד און איבערגעגעבען קערענסקי׳ן".

באַקלאַנאָוו האָט עס ניט געוואָלט טהאָן.

„אָה, ניין", האָט ער געזאָגט, „דאָס האָט געטהאָן דער קאָרני־לאָווע וואָס איז געווען פאַר איהם. ער איז ניט שולדיג".

„צום טייוועל!" האָט דער רויטער גווארדייעץ אויסגעשריען. „איך זאָג אייך, ער איז פון קערענסקי׳ס חברה. אויב איהר ווילט איהם ניט אַרעסטירען, וועלען מ י ר דאָס טהאָן. און מיר וועלען איהם נעהמען קיין פעטראָגראַד, איהם אַריינזעצען אין פעטראָפּאַוו־לאָווסקע פעסטונג, — דאָרט איז זיין פּלאַץ!" די איבריגע רויטע גווארדייצעס האָבען געברומט זייער צושטימונג. דער פּאָלקאָווניק האָט געוואָרפען אַ רחמנות־בליק אויף אונז, ווען מען האָט איהם אַרויסגעפיהרט פון׳ם צימער...

אין דרויסען פאַר דער קאַנצעלאַריע פון׳ם סאָוויעט האָבען מיר געטראָפען אַ מאָטאָר־וואָגען, וואָס האָט זיך געקליבען פאָהרען צום פראָנט. אַ האַלב טוץ רויטע גווארדייצעס, עטליכע מאַטראָזען, צוויי אָדער דריי סאָלדאַטען, אַלע אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ ריעזען אַן אַרבייטער, האָבען זיך אַריינגעקליבען אין וואָגען און האָבען צו מיר געשריען, איך זאָל מיטפאָהרען מיט זיי.

פון דער קאַנצעלאַריע זיינען אַרויסגעגאַנגען עטליכע רויטע גווארדייצעס, אָנגעבויגען אונטער אַ שווערע מאַסע פון קליינע איי־זערנע באָמבעס אָנגעפילט מיט ג ר ו ב י ט — אַזאַ מין שטאָף, האָבען זיי מיר געזאָגט, וואָס איז צעהן מאָל שטאַרקער און פינף מאָל עמפּפינדליכער, איידער דינאַמיט. די באָמבעס האָבען זיי אַריינגע־וואָרפען אין וואָגען, אַ דריי אינטשיגע האַרמאַט האָט מען אַרויסגע־שטעלט און צוגעבונדען צום הינטערשטען טהייל פון׳ם וואָגען מיט שטיקלעך שטריק און דראָהט.

מיר האָבען זיך געלאָזט אין וועג מיט אַ קנאַק. דער שווערער וואָגען האָט זיך געוויעגט פון איין זייט אויף דער צווייטער; געפאָה־רען איז מען, פאַרשטעהט זיך, זעהר שנעל, די האַרמאַט איז גע־

שפּרונגגען פון איין ראָד אויפ'ן אנדערען, די גרוביט־באָמבעס האָבען זיך געקייקעלט אהין און צוריק איבער אונזערע פיס און זיך אָנגע־שטויסען מיט אַ טראַסק אָן די זייטען פונ'ם וואָגען.

דאָ און דאָרט האָט אַ פּאַטרול געפּרואווט אונז אָבשטעלען. סאָלדאַטען זיינען ארויסגעלאָפען אויפ'ן וועג, געשריען „סטאָי!" און אָנגעשטעלט אויף אונז זייערע ביקסען.

מיר האָבען זיך וועניג אומגעקוקט אויף זיי. „כאַפּט אייך דער שווארץ יאָהר!" האָבען די רויטע גווארדייצעס געשריען. „מיר שטע־לען זיך ניט אָב פאַר קיינעם! מיר זיינען רויטע גווארדייצעס!" און אזוי זיינען מיר ווייטער געפאָהרען מיט רעש און מיט גדלות, און אין דער זעלביגער צייט האָט וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש מיר עפּעס געשריען אין אויער אריין וועגען אינטערנאַציאָנאַליזירען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל און אַנדערע אזוינע זאַכען...

אָבגעפאָהרען אַ פינף מייל, האָבען מיר געזעהן אַן אָבטהיילונג מאַטראָזען מאַרשירענדיג צוריק. מיר האָבען גענומען פאָהרען לאַנג־זאַמער.

„וואו איז דער פראָנט, ברידער?"

דער ערשטער מאַטראָז האָט זיך אָבגעשטעלט און אַ קראַץ געטהאָן דעם קאָפּ. „היינט אינדערפריה", האָט ער געזאָגט, „איז דער פראָנט געווען אַ האַלב ווערסט פון דאַנען. איצט אָבער ווייסט דער טייוועל, וואו ער געפינט זיך. מיר האָבען געשפּאַנט, געשפּאַנט און געשפּאַנט, און מיר האָבען איהם ניט געקענט געפינען".

די מאַטראָזען זיינען אריינגעקראָכען אין אונזער וואָגען, און מיר האָבען זיך געלאָזען פאָהרען ווייטער. אָבגעפאָהרען בערך אַ מייל, האָט וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש אויפגעשטעלט די אויערען און האָט גע־הייסען דעם שאָפער בלייבען שטעהן.

„מען שיסט!" האָט ער געזאָגט. „איהר הערט?" אַ מינוט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, דאַן האָבען מיר דערהערט אַביסעל ווייטער לינקס דריי שאָס, גיך איינער נאָכ'ן צווייטען. לינקס ביים וועג איז געוואַקסען אַ געדיכטער וואַלד. מיר זיינען איצט לאַנגזאַם געפאָהרען פאָרווערטס, געווען זעהר אויפגערעגט און געשעפּטשעט שטיל ביז דער וואָגען איז אָנגעקומען אונגעפעהר צו יענעם פּלאַץ, וואו די שאָסען האָבען זיך געהערט. מיר זיינען אראָבגעקראָכען, זיך

פּאַנאַנדערגעשאָטען און פאַר׳גנב׳עט אין וואַלד אריין. יעדער איינער האָט געטראָגן אַ ביקס.

דערווייל האָבען צוויי חברים אָבגעטשעפּעט די האַרמאַט און זי אָנגעשטעלט אַזוי, אַז זי האָט זיך געצילעוועט אונגעפעהר אין אונ־זער רוקען.

אין וואַלד איז געווען שטיל, די בלעטער זיינען שוין לאַנג אראָב־געפאַלען, און די שטאַמען פון די בוימער האָבען אויסגעזעהן בלאַס און לעבלאָז אין דעם נידריגען קרענקליכען שיין פון דער זון. קיין זאַך האָט זיך ניט געריהרט, נאָר די דינע הייטלעך פון אייז איבער די לוזשעס האָבען געקנאַקט אונטער אונזערע פיס. זאָל דאָס זיין אַ פּאַסטקע ?

מיר האָבען זיך אַזוי גערוקט פאָרווערטס, ביז די בוימער זיינען געוואָרען שיטערער. קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט. אויף אַ פרייען פּלאַץ אין וואַלד זיינען דריי סאָלדאַטען געזעסען ארום אַ פייערעל, גאַנץ רוהיג.

וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש איז ארויסגעטרעטען פאָראויס. „זדראַווסטוואויטיע, טאָווארישטשי !" האָט ער געזאָגט. איין האַר־מאַט, צוואַנציג ביקסען און אַ פולער וואָגען מיט גרוביט־באָמבעס איז דערווייל גרייט געווען אויסצושיסען הינטער איהם יעדער רגע. די סאָלדאַטען האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס.

„וואָס איז דאָ געווען פאַר אַ שיסעריי ?"

איינער פון די סאָלדאַטען האָט געענטפערט, און מען האָט גע־זעהן — עס איז איהם גרינגער געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

„דאָס שיסען ?" האָט ער געזאָגט, „דאָס איז גאָר ניט. מיר האָבען געשאָסען אַ פּאָר האָזען, טאָווארישטש..."

דער וואָגען האָט זיך אַ לאָז געטהאָן קיין ראָמאַנאָוו. דער טאָג איז געווען העל און רוהיג. ביים ערשטען שייד־וועג זיינען צוויי סאָל־דאַטען ארויסגעלאָפען אונז אַנטגעגען און האָבען געמאַכט מיט די ביקסען. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט.

„דאָקומענטען, חברים !"

די רויטע גוואַרדייצעס האָבען געמאַכט אַ געוואַלד. „מיר זיינען רויטע גוואַרדייצעס. מיר דאַרפען ניט קיין דאָקומענטען... פאָהר ווייטער, וואָס הערסטו זיי !"

א מאטראָז האָט זיך אריינגעמישט. „דאָס איז ניט רעכט, חברים, מיר דארפען האָבען רעוואָלוציאָנערע דיסציפּלין. שטעלט אייך פאָר, אז קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען וואָלטען אָנגעקומען אין א מאָטאָר־וואָגען און וואָלטען געזאָגט: מיר דארפען ניט האָבען קיין דאָקומענטען". די דאָזיגע חברים קענען דאָך אייך ניט".

עס האָט זיך פארוויקעלט א וויכוח. איינציגווייז זיינען די סאָלדאטען און מאטראָזען צוגעשטאַנען צום ערשטען מאטראָז. די רויטע גווארדייצעס האָבען וואָרטשענדיג ארויסגענומען זייערע פּאַפּירען. אַלע דאָקומענטען האָבען אויסגעזעהן אַלץ איינס, א חוץ מיינעם, וואָס איך האָב בעקומען פון׳ם רעוואָלוציאָנערען שטאַב אין סמאָלני. די וואך־לייט האָבען מיר געזאָגט, אז איך מוז געהן מיט זיי. די רויטע גווארדייצעס זיינען זעהר ניט געווען צופריעדען, אָבער דער ערשטער מאטראָז איז בעשטאַנען אז אזוי דארף זיין. „מיר ווייסען", האָט ער געזאָגט, „אז דער חבר איז אַן אמת׳ער חבר. ס׳איז דאָך אָבער דאָ א בעפעהל פון׳ם קאָמיטעט, און דעם בעפעהל מוז מען פאָלגען. דאָס איז רעוואָלוציאָנערע דיסציפּלין..."

איך האָב זיי ניט געוואָלט בעלעסטיגען, בין איך אראָבגעקראָכען פון׳ם וואָגען און נאָכגעקוקט, ווי ער פערשווינדט אראָב בארג, איבער׳ן וועג. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט מיר פריינדליך געמאַכט מיט די הענד. די סאָלדאטען האָבען זיך איבערגערעדט מיט שטילע ווערטער, דאַן האָבען זיי מיך צוגעפיהרט צו א וואַנד און מיך אוועקגעשטעלט לעבען איהר. ווי א בליץ איז מיר דורכגעפלויגען אין מוח דער געדאַנק, אז זיי ווילען מיך שיסען!

אין אַלע דריי זייטען איז ארום און ארום ניט געווען קיין לעבעדיגער מענש, נור פון דעם קוימען פון א דאַטשע, האָב איך געזעהן, איז געגאַנגען א רויך. די דאַטשע, אַן אַלטע הילצערנע שטוב, איז געשטאַנען לעבען וועג, א פיערטעל מייל פון אונז. די צוויי סאָלדאטען האָבען זיך געלאָזט געהן איבער׳ן וועג. איך האָב זיך געלאָזט נאָך זיי אין הוילער אנגסט.

„אָבער הערט אוים, חברים! קוקט! אָט איז דער פּעטשאַט פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט".

זיי האָבען געקוקט אין מיין דאָקומענט ווי א האָהן אין בני אדם, נאָכדעם האָבען זיי זיך איבער געקוקט איינער מיט׳ן צווייטען.

„דאָס איז ניט אזא דאָקומענט, ווי אלע אנדערע", האָט איינער ארויסגעברומט, „מיר קענען ניט לעזען, ברודער".

איך האָב איהם אָנגענומען ביים אָרעם. „קום!" האָב איך געזאָגט, „לאָמיר געהן אין יענעם הויז. דאָרט איז געווים דאָ אימיצער, וואָס קען לעזען". די סאָלדאַטען זיינען געווען אונענטשלאָסען. „ניין", האָט איינער געזאָגט, דער אנדערער האָט מיך בעטראַכט פון די קאָפּ ביז די פים. „פאַר וואָס ניט?" האָט ער ארויסגעברומט. „נאָך אלע זאכען איז דאָך א גרויסע עבירה טויטען אַן אונשולדיגען מענשען".

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער טהיר פונ'ם הויז און אָנגעקלאַפּט. א נידריגע דיקע פרוי האָט געעפענט און איז אָבגעשפּרונגען צוריק, פּלאַפּלענדיג: „כ'ווייס ניט גאָר גיט! כ'האָב זיי ניט געזעהן! כ'ווייס פון קיין זאך ניט!" איינער פון מיינע וועכטער האָט איהר דערלאַנגט מיין דאָקומענט. זי האָט גענומען קוויטשען. „לייענט דאָס נור, טאָווארישטש". זי האָט אונענטשלאָסען גענומען דאָס פּאַפּיער און שנעל און הויך איבערגעלעזען.

אינדרויסען האָבען די צוויי סאָלדאַטען זיך ווידער בעראַטהען. „מען מוז איהם נעהמען צו פּאָלקאָוואָי קאָמיטעט", האָבען זיי געזאָגט. בין־השמשות־דונקעלהייט איז שנעל געפאַלען אויף דער ערד. מיר האָבען זיך געלאָזט שפּאַנען איבער'ן בלאָטיגען וועג. פון צייט צו צייט האָבען מיר געטראָפען אָבטהיילונגען סאָלדאַטען. זיי האָבען אונז אָבגעשטעלט, געוואָרפען אויף מיר דראָהענדע בליקען, איבערגעגעבען מיין דאָקומענט פון האנד צו האנד און מיט אימפּעט געטענה'ט, צי מען דאַרף מיך שיסען, צי ניט...

עס איז שוין געווען פינסטער, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין די קאַזאַרמעס פון דעם צווייטען צאַרקאָסעלסקע שיסער־פּאָלק, — א רייה נידריגע געביידעס אויסגעשטרעקט אין דער לענג פון דעם פּאָטשטאָווי טראַקט. עטליכע סאָלדאַטען האָבען זיך ארומגעדרעהט ביים אריינגאַנג. זיי האָבען בעשאָטען מיינע בעגלייטער מיט פראַגען: א שפּיאָן? א פּראָוואָקאַטאָר? מיר זיינען ארויף איבער געדרעהטע טרעפּ אין א געראַמען צימער, מיט א גרויסען אויווען אין מיטען און מיט צוויי שורות בעטלעך אויף דער פּאָדלאָגע. אַן ערך טויזענד סאָלדאַטען האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען, גערעדט, געזונגען אָדער גע־

שלאָפען. אין דער סטעליע איז געווען אַ גרויסער אויפגעריסענער לאָך, — די שפור פון קערענסקי׳ס אַ באָמבע.

איך בין געשטאַנען אין טהיר און דער עולם איז מיט אַמאָל גע־וואָרען שטיל. אַלע האָבען אויסגעדרעהט די קעפּ און געקוקט אויף מיר. פּלוצלונג האָבען זיי זיך גענומען ריהרען, פריהער לאַנגזאַם, נאָכדעם שנעלער און שנעלער, זיי האָבען געשריען, געהילכט, דערביי געקוקט אויף מיר מיט שרעקליכער שנאה. „חברים! חברים!״ האָט איינער פון מיינע בעגלייטער אויסגעשריען. „קאָמיטעט! קאָמיטעט!״ דער המון האָט זיך אָבגעשטעלט, זיך צוזאַמענגעשלאָסען ארום מיר און געברומט. אַ מאָגערער יונגערמאַן מיט אַ רויטען באַנד אויפ׳ן ארבעל האָט מיט די עלענבויגענס זיך געמאַכט אַ וועג צו מיר.

איך האָב איהם געגעבען מיין דאָקומענט. ער האָט איהם איבער־געלייענט און געזאָגט. „איך בין דער פּאָרזיצענדער פון דעם קאָמי־טעט. זייט ווילקאָמען אין אונזער פּאָלק!״ דער עולם ארום און ארום האָט גענומען פרעהליך הודזשען. בעגריסונגען האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען. מען האָט זיך געשטופּט צו דריקען מיין האַנד.

„האָט איהר שוין געגעסען? מיר דאָ האָבען שוין געענדיגט אונ־זער מאָהלצייט. מען וועט אייך נעהמען אין אָפיצירען־קלוב, דאָרט איז דאָ אייניגע וואָס קענען אייער שפּראַך״.

ער האָט מיך דורכגעפיהרט איבער׳ן הויף צו אַן אַנדער געביידע. אין טהיר האָבען מיר אָנגעטראָפען אַ יונגען אָפיציר מיט אַן אריס־טאָקראַטישען אויסזעהן. דער פּאָרזיצענדער האָט מיך פאַר איהם פאָר־געשטעלט, געדריקט מיין האַנד און אַוועק.

„מיין נאָמען איז סטעפאַן געאָרגיעוויטש סאַראַווסקי. גרייט אייך צו דיענען״, האָט דער אָפיציר געזאָגט אין אַן אויסגעצייכענטען פראַנצויזיש. פון׳ם פראַכטפאָלען פּאָרצימער האָבען מאָנומענטאַלע טרעפּ געפיהרט ארויף צום צווייטען שטאָק. העלע ענגלייכטער זיינען געהאַנגען איבער די טרעפּ. אויפ׳ן צווייטען שטאָק זיינען געווען ביל־ליארד־צימערען, צימערען פאַר קאָרטען־שפּיעל, אַ ביבליאָטעק. מיר זיינען אריינגעגאַנגען אין שפּייז־צימער. ארום טיש זיינען געזעסען אַן ערך צוואַנציג אָפיצירען אין פאָלנע פאָרמע, מיט די צלמים און מעדאַלען, וואָס דער קייזער האָט זיי געגעבען פאַר אַ בעלוינונג. זיי האָבען אפילו געהאַלטען די שווערדען מיט די גאָלדענע הענטלעך.

אלע זיינען העפליך אויפגעשטאנען, ווען איך בין אריינגעגאנגען, און האבען מיר אבגעראמט א פלאץ לעבען דעם פאלקאווניק, — א שטארקע, אימפאזאנטע פיגור מיט א צושויבערטער באָרד. קוריערען האבען דערלאנגט דאס עסען. ס'האט געהערשט די זעלביגע אטמאס־פערע, וואס אין יעדען אפיצירסקען עס־צימער אין אייראפא. וואו איז די רעוואלוציע?

„איהר זייט ניט קיין באלשעוויקעס?“ האב איך געפרעגט סאַ־ראָווסקי'ן.

א שמייכעל איז דורכגעגאנגען איבער די פנים'ער, איך האב אבער בעמערקט, אז צוויי אדער דריי אפיצירען האבען געוואָרפען א שנעלען קוק אויף די קוריערען.

„ניין“, האט מיין בעגלייטער געענטפערט, „עס איז דא נור איין באלשעוויסטישער אפיציר אין אונזער פאלק, איז ער היינטיגע נאכט אין פעטראגראד. דער פאלקאווניק איז א מענשעוויק. קאפיטאן הער־לאוו איז א קאדעט. איך אליין בין א סאציאליסט־רעוואלוציאנער פון דעם רעכטען פליגעל... איך מעג זאגען מיט זיכערהייט, אז די מעהרסטע אפיצירען אין דער ארמעע זיינען ניט קיין באלשעוויקעס, נור זיי גלויבען, ווי איך, אין דעמאקראטיע; זיי גלויבען, אז זיי מוזען פאלגען די סאלדאטען־מאסען...“

נאכ'ן עסען האט מען געבראכט לאנד־קארטען; און דער פאל־קאווניק האט זיי אויסגעשפרייט אויפ'ן טיש. די אפיצירען האבען איהם ארומגערינגעלט און געקוקט.

„אט דא“, האט דער פאלקאווניק געזאגט, אנווייזענדיג אויף בלייפעדער־צייכענס, „אט דא זיינען געווען אונזערע פאזיציעס היינט אין דער פריה. וולאדימיר קירילאָוויטש, וואו איז אייער ראטע?“

קאפיטאן חערלאוו האט אנגעוויזען דעם פלאץ. „לויט אייער בעפעהל האבען מיר פערנומען די פאזיציע לעבען שאסעי. קארסאווין האט מיך פערביטען פינף א זייגער“.

די טהיר האט זיך געעפענט, און דער פארזיצענדער פון דעם פאלקאווע קאמיטעט איז אריינגעקומען צוזאמען מיט אן אנדער סאל־דאט. זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער גרופע אפיצירען און אויך גענומען קוקען אין דער לאנד־קארטע.

„גוט“, האט דער פאלקאווניק געזאגט, „איצט האבען די קאזאקען

אַבגעטרעטען אויף צעהן קילאָמעטער אין אַט דער געגענד. איך האַלט ניט פאר נויטיג צו פערנעהמען נייע פאַזיציעס. מיינע הערען, היינטיגע נאַכט וועלען מיר נאָך האַלטען די איצטיגע ליניע און פער־שטאַרקען די פאַזיציעס לעבען —״

„ענטשולדיגט״, האָט דער פאָרזיצענדער פונ׳ם פאַלקאָווע קאָמי־טעט איהם איבערגעשלאָגען, „עס איז דאָ א בעפעהל צו געהן פאָר־ווערטס אזוי שנעל ווי נאָר מעגליך און זיך צוצוגרייטען צו בעגעגענען די קאָזאַקען מאָרגען אינדערפריה אין צפון פון גאַטשינאַ. מיר מוזען זיי געבען א טויט־קלאַפּ. זייט אזוי גוט און מאַכט די נויטיגע פעראָרד־נונגען״.

א קורצע ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען. דער פאַלקאָווניק האָט זיך ווידער גענומען צו דער לאַנד־קאַרטע. „גוט״, האָט ער געזאָגט מיט א פערענדערטען קול. „סטעפאַן געאָרגיעוויטש, זייט אזוי גוט —״

דער פאַלקאָווניק האָט שנעל דורכגעפיהרט א ליניע מיט בלאָ־העם בלייפעדער און ארויסגעגעבען זיינע בעפעהלען, וועלכע א פעלד־פעבעל האָט סטענאָגראַפירט. שפּעטער איז דער פעלדפעבעל ארויס־געגאַנגען און אין 10 מינוט ארום זיך אומגעקעהרט מיט די בעפעהלען איבערגעשריבען אויף א מאַשין און מיט איין קאַרבאָן־קאָפּיע. דער פאָרזיצענדער פונ׳ם קאָמיטעט האָט געקוקט אויף דער קאַרטע און זי פערגליכען מיט די בעפעהלען.

„גוט״, האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהויבען. ער האָט צונויפ־געלעגט די קאַרבאָן־קאָפּיע און זי אריינגעלייגט אין קעשענע. דאַן האָט ער אונטערגעשריבען דעם בעפעהל, איהם געשטעמפּעלט מיט א קיילעכדיגען שטעמפּעל, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון זיין קע־שענע, און האָט אָבגעגעבען דאָס פּאַפּיער דעם פאַלקאָווניק...

דאָס האָט געהייסען רעוואָלוציע!

קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, אינ׳ם פּאַלאַץ פון די סאָוויעטען, האָב איך זיך אומגעקעהרט אין אַן אויטאָמאָביל פונ׳ם פאַלקאָוואָי שטאָב. מאַסען ארבייטער, סאָלדאַטען און מאַטראָזען זיינען נאָך אַלץ גע־גאַנגען אריין און ארויס; פאָר דער טהיר איז, ווי פריהער, געווען א וויר־וואר פון מאָטאָר־וואָגענס, בעפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען, האַר־

מאַטען; ארום און ארום האָט נאָך אַלץ געקלונגען דאָס געשריי און דער יובעל פון אַן אונגעוועהנליכען זיעג. אַ גרופּע פון זעקס רויטע גוואַרדייצעס האָבען זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן געמישעכץ, פּיהרענדיג אַ גלח. דאָס האָבען זיי געזאָגט, איז געווען פּאַטער איוואַן, וועלכער האָט געבענשט די קאָזאַקען ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין שטאָדט. איך האָב נאָכדעם געהערט, אַז מען האָט איהם געשאָסען.

גראַד איז דיבענקאָ ארויסגעגאַנגען. אויפ'ן וועג האָט ער געגעבען בעפעהלען רעכטס און לינקס. אין די הענד האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען דעם גרויסען רעוואָלווער. אַן אויטאָמאָביל איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבען טראָטואַר. די מאַשין האָט געארבייט מעשים. ער האָט זיך אויפגעזעצט אַליין אין דעם הינטערשטען פּלאַץ און האָט זיך געלאָזט פאָהרען — פאָהרען קיין גאַטשינא, צו בעזיעגען קערענסקי'ן. ווען עס איז געוואָרען נאַכט, איז ער צוגעפאָהרען צו יענעם שטעדטעל און האָט זיך געלאָזט געהן צופוס. וואָס דיבענקאָ האָט געזאָגט די קאָזאַקען, ווייסט קיינער ניט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז גענעראַל קראַסנאָוו און זיין שטאַב מיט עטליכע טויזענד קאָזאַקען האָבען זיך אונטערגעגעבען. קראַסנאָוו האָט געראַטהען קערענסקי'ן ער זאָל זיך אויך אונטערגעבען.

וואָס איז שייך צו קערענסקי'ן, וויל איך דאָ איבערדרוקען דאָס וואָס גענעראַל קראַסנאָוו האָט עדות געזאָגט דעם 14טען נאָוועמבער אינדערפריה:

„גאַטשינא, דעם 14טען נאָוועמבער, 1917. היינט, דריי פאַרטאָג, האָט מיך איינגעלאַדען דער הויפּט־קאָמאַנדיר (קערענסקי). ער איז געווען זעהר אויפגערעגט, זעהר נערוועז.

„גענעראַל", האָט ער מיר געזאָגט, „איהר האָט מיך פערראַטהען. אייערע קאָזאַקען ערקלעהרען אָהן שום טענות, אַז זיי וועלען מיך ארעסטירען און מיך איבערגעבען אין די הענד פון די מאַטראָזען".

„יאָ", האָב איך געענטפערט, „מען שמועסט וועגען דעם, און איך ווייס, אַז מען האָט מיט אייך ווייניג סימפּאַטיע".

„די אָפיצירען זאָגען דאָס זעלבינע".

„יאָ, די אָפיצירען זיינען זעהר אונצופריעדען מיט אייך".

„וואָס זאָל איך טהאָן? איך דאַרף זיך נעהמען דאָס לעבען!"

„אויב איהר זענט אַן עהרליכער מאַן, וועט איהר תיכף פאָהרען קיין פעטראָגראַד מיט אַ ווייסען פלעג, זיך שטעלען פאַר'ן מיליטער־רישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט און אָנהויבען פערהאַנדלען אַלס דער הויפּט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג".

„גוט. איך וועל אַזוי טהאָן, גענעראַל".

„איך וועל אייך געבען אַ וואַך און וועל זעהן, אַז אַ מאַטראָז זאָל אייך בעגלייטען".

„ניין, ניין, ניט קיין מאַטראָז. איז דאָס אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דיבענקאָ איז דאָ?"

„איך ווייס ניט, ווער דיבענקאָ איז".

„ער איז מיין שונא".

„וואָס קען מען טהאָן. וויכטיגע זאַכען שטעהן אין קאָן, מוזט איהר ריזיקירען".

„גוט. איך וועל פאָהרען היינט ביינאַכט".

„פאַר וואָס ביינאַכט? דאָס וועט הייסען אַנטלאָפען. פאָהרט ארום רוהיג און אָפען, יעדער זאָל זעהן, אַז איהר אַנטלויפט ניט".

„זעהר גוט. איהר מוזט מיר אָבער געבען אַ וואַך, וואָס איך זאָל זיך אויף איהר קענען פערלאָזען".

„גוט".

„איך בין ארויסגעגאַנגען און גערופען דעם קאָזאַק רוססקאָוו פון דעם צעהנטען דאָנער פּאָלק, און האָב איהם געהייסען אויסקלייבען צעהן קאָזאַקען, וואָס וועלען בעגלייטען דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. שפּעטער מיט אַ האַלבע שעה זיינען די קאָזאַקען געקומען און האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי האָבען ניט געפונען קערענסקי'ן אין זיין פּלאַץ, אַז ער איז אַנטלאָפען.

„איך האָב אויפגעהויבען אַ טרעוואָגע און האָב געהייסען זוכען ארום און ארום, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז ער איז נאָך ניט ארויס פון גאַטשינאַ. מען האָט איהם אין ערגעץ ניט געקענט געפינען..."

אזוי איז קערענסקי אַנטלאָפען, אליין, „איבערגעטהאָן אין דער פאָרמע פון אַ מאַטראָז", און דערמיט האָט ער אויף אייביג פערלאָרען דאָס ביסעל אָנזעהן, וואָס ער האָט נאָך געהאַט צווישען די רוסישע מאַסען...

קיין פעטראָגראַד האָב איך זיך אומגעקעהרט אין אַ מאָטאָר־וואַ־גען אָנגעפילט מיט רויטע גוואַרדייצעס. איך בין געזעסען אויף דער פאָרדערשטער באַנק לעבען דעם שאָופער, וואָס איז געווען אַ פּראָס־טער ארבייטער. קיין קעראָסין האָבען מיר ניט געהאַט, האָבען אונ־זערע לאָמפּען ניט געברענט. דער וועג איז געווען פול מיט גרופּען פון דער פּראָלעטאַרישער ארמיי, וואָס האָבען זיך געצויגען אהיים, און מיט אַנדערע גרופּען, רעוואָלוציאָנערע רעזערוועז, וואָס זיינען געגאַנגען פון שטאָדט פארנעהמען זייערע פּלעצער. ריזיגע מאָטאָר־וואָגענס, קאַנאָנעס ארטילעריע, פוהרען, זיינען אומעטום אויסגע־וואקסען פון דער פינסטערניש, אַלע טונקעל און אונדייטליך. מיר זיינען געפאָהרען מיט וואַהנזיניגער שנעלקייט, זיך געקירעוועט אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי צו פערמיידען צוזאַמענשטויסונגען, וואָס מ'האָט, דאכט זיך, גאָרניט געקענט פאַרמיידען. מיר האָבען זיך געריבען אָן פרעמדע רעדער, און געלאָזט הינטער זיך אַ האָגעל פון קללות.

איבער'ן האָריזאָנט זיינען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפען די גלי־הענדע פייערלעך פון פעטראָגראַד, פיעל גלענצענדער און העלער ווי בייטאָג. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אַ בריק פון דימענטען אויפגע־שטעלט אינמיטען אַ וויסטען פעלד.

דער אַלטער ארבייטער, דער שאָפער, האָט געהאַלטען דאָס ראָד מיט איין האַנד און מיט דער אַנדערער האָט ער געמאַכט אַ ברייטע, בעגייסטערטע בעוועגונג אין דער ריכטונג פון דער הויפּטשטאָדט, וואָס האָט געשיינט פון דער ווייטענס.

„מיינס!“ האָט ער אויסגעשריען, און זיין פּנים האָט געלויכטען. „איצט איז אַלעס מיינס! מיין פעטראָגראַד!“.

## קאַפּיטעל צעהן

# מאָסקווע

דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט פאָרטגע־זעצט זיין זיעג מיט אַ ווילדער ענערגיע:

„דעם 14טען נאָוועמבער.

„צו אַלע קאָמיטעטען פון אַרמעען, קאָרפּוסען, דיוויזיעס און פּאָלקען, צו אַלע סאָוויעטען פון ארבייטער,־סאָלדאַטען־און פּויערים־דעפּוטאַטען, צו אַלע, אַלע, אַלע.

„לויט אַן אָבמאַך צווישען די קאָזאַקען, יונקערס, סאָלדאַטען, מאַטראָזען און ארבייטער, איז בעשלאָסען געוואָרען צו שטעלען אַלעקסאַנדער פּיאָדאָראָוויטש קערענסקי פאַר אַ פאָלקס־געריכט. מיר פערלאַנגען, אַז קערענסקי זאָל ארעסטירט ווערען און אינ׳ם נאָמען פון די דערמאָהנטע אָרגאַניזאַציעס געבראַכט ווערען קיין פּעטראָגראַד, וואו ער וועט געשטעלט ווערען פאַר׳ן געריכט.

ד י ק אָ ז א ק ע ן פ ו ן ד ע ר
ע ר ש ט ע ר ד ו ו י ז י ע פ ו ן
ד ע ר א ו ס ו ר י ס ק י ק א ו ו א־
ל ע ר י ע; ד ע ר ק אָ מ י ט ע ט
פ ו ן ד י י ו נ ק ע ר ס פ ו ן
ד ע ר פּ ע ט ר אָ ג ר א ד ע ר
פ ר י י ו ו י ל י ג ע־אָ ב ט ה י י־
ל ו נ ג; ד ע ר ד ע ל ע ג א ט
פ ו ן ד ע ר 5 ט ע ר א ר מ ע ע.
פ אָ ל ק ס־ק אָ מ י ס א ר

ד י ב ע נ ק אָ“.

דער רעטונגס־קאָמיטעט, די דומא, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט קערענסקיין אַלס איהר מיטגליעד, — אַלע האָבען געשריען אין איין קול, אז ער קען זיין פעראַנטוואָרטליך נאָר פאַר דער גרינדונגס־פערזאַמלונג.

דעם 16טען נאָוועמבער אין אָווענד האָב איך אויף זאַגאָראָדני פּראָספּעקט געזעהן אַ פּאַראַד פון צוויי טויזענד רויטע גוואַרדייצעס, וואָס האָבען מאַרשירט מיט אַ מיליטערישען אָרקעסטער. די מוזיק האָט געשפּיעלט די מאַרסעליעזע. רויטע פאָהנען האָבען געפלאַטערט איבער די טונקעלע רייהען פון ארבייטער. דאָס איז מען ארויסגע־גאַנגען בעגריסען די זיעגרייכע ברידער, וואָס זיינען אָקאָרשט צוריק־געקומען פון דעם קאַמפּף צו פערטהיידיגען דאָס „רויטע פּעטראָגראַד“. ווי גוט די מוזיק האָט געפּאַסט צו דער לאַגע. אין דער קיהלער דונ־קעלהייט האָבען זיי שטאָלץ געשפּאַנט, מענער און פרויען צוזאַמען, און זייערע הויכע באַיאָנעטען האָבען זיך געוויעגט; איבער שוואַך בעלויכטענע גאַסען, איבער גליטשיגע ברוקען האָבען זיי געשפּאַנט, צווישען שוויינענדיגע גרופּען פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָבען גע־קוקט מיט פעראַכטונג און מיט פּחד.

אַלע זיינען געווען געגען זיי — געשעפטסלייט, ספּעקולאַנטען, באַנקירען, גוטס־בעזיצער, אַרמעע־אָפיצירען, פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטי־קער, לעהרער, סטודענטען, מענער פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס, קרע־מער, אָנגעשטעלטע, אַגענטען. די איבריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען געהאַסט די באָלשעוויקעס מיט אַ ביטערע שנאה. אויפ׳ן צד פון די סאָוויעטען זיינען געווען די איינפאַכע ארבייטער, די מאַטראָ־זען, אַלע ניט־דעמאָראַליזירטע סאָלדאַטען, די אָרימע פּויערים און עטליכע, זעהר ווייניגע, אינטעליגענטען...

פון די ווייטסטע ווינקלען פון רוסלאַנד, וואו גאַסען־קאַמפּף האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ ריזיגע כוואַליע, האָט די נייעס וועגען קע־רענסקי׳ס מפּלה אָבגעקלונגען מיט געוואַלדיגע פּראָלעטאַרישע נצחונות. קאַזאַן, סאַראַטאָוו, נאָווגאָראָד, ווינניצא, וואו די גאַסען זיינען געווען פערגאָסען מיט בלוט; מאָסקווא, וואו די באָלשעוויקעס האָבען אָנ־געשטעלט זייער ארטילעריע געגען דער לעצטער פעסטונג פון דער בורזשואַזיע, דעם קרעמל.

„זיי באָמבאַרדירען דעם קרעמל!" די נייעס איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל אין די גאַסען פון פעטראָגראַד און ס'האָט זיך געפיהלט עפּעס ווי אַ שרעק. מענשען וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער „ליכטיגער קרויגשטאָדט, די מוטער מאָסקווע", האָבען דערצעהלט שרעקליכע מעשיות. טויזענדער געטויט; טווערסקאיא און קוזנעצקי בריק אין פלאַמען; די צערקווע פון וואַסילי דעם זעליגען איז אַ רויכערענדע חורבה; אוספּיענסקי סאָבאָר צופאַלט זיך אויף שטיקער; דער ספּאַסקי טויער פונ'ם קרעמל וואַקעלט זיך און האַלט אין פאַלען; די דומא איז אָבגעברענט ביז'ן גרונד.

קיין איינציגע פון די פריהעריגע באָלשעוויסטישע מעשים האָט זיך ניט געקענט פערגלייכען מיט אָט דעם חלול הקודש. פרומע קריסטען האָבען געהערט ווי הארמאטען שפּייען פייער אינ'ם פּנים פון דער הייליגער פּראַוואָסלאַווער אמונה, מאַכען אש און שטויב פון דעם קדש הקדשים פון דעם רוסישען פאָלק...

דעם 15טען נאָוועמבער האָט דער בילדונגס־קאָמיסאַר לונאַטשערסקי זיך צעוויינט אויף דער זיצונג פון דעם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען. ער איז ארויסגעלאָפען פון צימער, שרייענדיג: „איך קען דאָס ניט איבערטראָגען. איך קען ניט צוזעהן, ווי מען צושטערט באַרבאַריש די שעהנקייטען און די טראַדיציעס..."

דעם זעלביגען נאָכמיטאָג האָבען די צייטונגען אָבגעדרוקט זיין רעזיגנאַציאָנס־בריעף:

„מענשען אָנגעקומענע פון מאָסקווע האָבען מיר אָקאָרשט דערצעהלט וואָס דאָרט טהוט זיך.

„מען באָמבאַרדירט די קירכע פון וואַסילי דעם זעליגען, די קירכע פון דער הימעלפאָרט, דער קרעמל, וואו עס זיינען איצט אָנגעזאמעלט די וויכטיגסטע קונסט־אוצרות פון פעטראָגראַד און מאָסקווע, שטעהט אונטער הארמאַטען־פייער. טויזענדער קרבנות זיינען געפאַלען.

„דער שרעקליכער קאַמפּף האָט דאָרט דערגרייכט צו דער שטופע פון ברוטאַלער ווילדקייט.

„וואָס איז נאָך געבליעבען? וואָס קען נאָך טרעפען?

„איך קען דאָס ניט איבערטראָגען. מיין בעכער איז פול. איך

קען מעהר ניט אויסהאלטען די אלע שרעק. איך קען ניט ארבייטען אונטער דעם דרוק פון געדאנקען, וואס מאכען מיך משוגע!

„איך פארלאז דעריבער דעם ראטה פון די פאלקס־קאמיסארען.

„איך ווייס זעהר גוט, אז דאס איז אן ערנסטער בעשלוס, אבער איך קען מעהר ניט איבערטראגען...“

דעם זעלבינגען טאג האבען די ווייסע גווארדייצעס און די יונ־קערס זיך אונטערגעגעבען אין קרעמל. מען האט זיי ערלויבט פאר־לאזען דעם קרעמל אונגעשטערט. דאס איז דער פריעדענס־אבמאך:

„1) דער קאמיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט הערט אויף צו עקזיסטירען.

„2) די ווייסע גווארדיע גיט אב איהר געוועהר און ווערט פאנאנ־דערגעלאזט. די אפיצירען בלייבען ביי זייערע שווערדען און רעוואל־ווערען. אין די מיליטערישע שוהלען האלט מען נור אזוי פיעל גע־וועהר, וויפיעל עס איז נויטיג פאר מיליטערישען אונטערריכט. דאס איבריגע גיבען די יונקערס אב. דער מיליטערישער רעוואלוציאנערער־קאמיטעט גאראנטירט די פרייהייט און אונבעריהרליכקייט פון די פערזאנען.

„3) א ספעציעלע קאמיסיע ווערט בעשטימט דורכצופיהרען די ענטוואפנונג לויט פונקט 2. די קאמיסיע וועט בעשטעהן פון פארטרע־טער פון אלע ארגאניזאציעס, וואס האבען זיך באטהייליגט אין די פריעדענס־פערהאנדלונגען.

„4) אין דעם מאמענט, ווען אט דער פריעדענס־אבמאך ווערט אונטערגעשריעבען, גיבען ביידע צדדים ארויס א בעפעהל מען זאל אויפהערען שיסען און אבשטעלען אלע מיליטערישע אפעראציעס. מיטלען זאלען אנגענומען ווערען צו גאראנטירען די פינקטליכע דורכ־פיהרונג פון דעם בעפעהל.

„5) אלע געפאנגענע, אין די הענד פון ביידע צדדים, ווערען ארויסגעלאזט פריי נאכדעם ווי דער פריעדענס־אבמאך ווערט אונטער־געשריעבען...“

צוויי טעג האבען די באלשעוויקעס שוין געהאלטען די שטאדט. די דערשראקענע בירגער האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען ארויסצו־קריכען פון זייערע לעכער, אויסזוכען זייערע טויטע; מען האט צו־

נומען די באריקאדען אין די גאסען. מען האט געקענט האפען, אז די קלאנגען וועגען חורבן וועלען קלענער ווערען, צום סוף זיינען זיי נאך געוואקסען. אונטער דעם איינדרוק פון אט די שרעקליכע קלאנגען האבען מיר בעשלאסען אריבערפאהרען אין מאסקווע.

אין דער לעצטער וואך האט דער פעטראגראדער מיליטערישער רעוואלוציאנערער קאמיטעט, מיט דער הילף פון די געוועהנליכע אייזענבאהן־ארבייטער, איבערגענומען אין זיינע הענד די ניקאלייעווסקי אייזענבאהן און האט געשיקט קיין דרום איין צוג נאכ'ן אנדערען, אלע אנגעשטאפט מיט מאטראזען און רויטע גווארדייצעס... פון סמאלני האבען מיר בעקומען פאספארטען, וואס אהן זיי האט קיינער ניט געקענט פערלאזען פעטראגראד. ווען דער צוג איז צוגעפאהרען צום וואגזאל, האט א המון אבגעריסענע סאלדאטען געשטורמט אלע טיהרען, צובראכען אלע פענסטער, זיך אריינגעריסען אין אלע אבטהיילונגען, אנגעשטאפט די קארידארען און אפילו ארויפגעקלעטערט אויף די דעכער פון די וואגאנעס. די סאלדאטען האבען געשלעפט מיט זיך גרויסע זעק מיט שפייז. דריי פון אונז האבען זיך קוים מיט צרות אריינגעשפארט אין אן אבטיילונג פון א וואגאן, אבער תיכף האט זיך דארט אנגעקליבען אזוינע צוואנציג סאלדאטען... פלאץ איז געווען נור פאר פיער פארשוין. מיר האבען גע'טענה'ט, זיך געבעטען, די קאנדוקטארס האבען אונז אונטערגעהאלפען, אבער די סאלדאטען האבען זיך אויסגעלאכט. וואס אארט זיי די בעקוועהמליכקייט פון עטליכע בורזשויעס? מיר האבען ארויסגענומען אונזערע פעסער, וואס סמאלני האט אונז געגעבען. אין איין מינוט האט זיך די האלטונג געביטען. די סאלדאטען האבען זיך גענומען פערענטפערען און האבען העפליך פערלאזט די אבטהיילונגען. שפעטער האבען מיר געהערט, ווי זיי האבען זיך אריינגעריסען אין אן אנדער אבטהיילונג, וואו עס זיינען געזעסען צוויי דיקע, גוט געקליידעטע רוסען. יענע האבען געהאט אונטערגעקויפט דעם קאנדוקטאר און פערשלאסען די טהיר...

ארום 7 א זייגער אין אבענד האט דער צוג זיך געריהרט פון ארט. עס איז געווען אן אונענדליכער לאנגער צוג, און געשלעפט האט איהם א שוואכער קליינער לאקאמאטיוו, בעהייצט מיט האלץ. דער צוג האט זיך לאנגזאם געשלעפט און זיך אפט אבגעשטעלט. די סאלדאטען אויף די דעכער האבען זיך געקלאפט א פוס אן א פוס און געזונגען

זייערע אומעטיגע פויערשע ליעדער; דער קאָרידאָר, וואָס איז געווען אַזוי פול, אַז מען האָט ניט געקענט דורכגעהן, האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ פּלאַץ פון הייסע פּאָליטישע דעבאַטען. די דעבאַטען האָבען גע־דויערט אַ גאַנצע נאַכט. דער קאָנדוקטאָר פלעגט אַלמאָל דורכגעהן און, אויס געוואָהנהייט, פרעגען אויף בילעטען. בילעטען, אַ חוץ אונזערע, איז געווען זעהר וועניג. דער קאָנדוקטאָר האָט אַ האַלבע שעה גע־רעדט און גע'טענה'ט, נאָכדעם האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און איז אוועקגעגאַנגען. די אָנגערויכערטע לופט איז געווען שווער און פול מיט שלעכטע ריחות; ווען ניט די אויסגעבראָכענע פענסטער, וואָלטען מיר יענע נאַכט דערוואָרגען געוואָרען.

אינדערפריה האָבען מיר ארויסגעקוקט פון די פענסטער און דער־זעהן אַ שנייאיגע וועלט. עס איז געווען קאַלט. ארום מיטאָג צייט איז אין וואַגאָן אריינגעקומען אַ פויערטע מיט אַ קאָרב ברויט און אַ גרויסען טשייניק געפעלשטע לעבליכע קאַווע. פון דאַמאַלסט אָן ביז פּאַרנאַכט איז שוין ניט געווען וואָס צו זעהען. דער צוג האָט זיך גע־וואַקעלט און אַלעמאָל אָבגעשטעלט. אויף די סטאַנציעס האָט אַ הונ־געריגער המון זיך געוואָרפען אויף די אָרימע בופעטען און אויסגע־ליידיט אַלצדינג, וואָס ס'איז דאָרט געווען... איינמאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט, האָב איך אָנגעטראָפען נאַגינ'ען און ריקאָווין, די צוויי אונצופריעדענע קאָמיסאַרען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין מאָסקווע צו בעקלאָגען זיך פאַר זייער אייגענעם סאָוויעט. שפּעטער האָב איך אָנגעטראָפען בוכארינ'ען, אַ נידריגען מאַן מיט רויטע האָר און מיט די אויגען פון אַ פאַנאַטיקער — „לינקער פון לענינ'ען אליין“. — ווי מ'האָט וועגען איהם גערעדט...

ווידער האָט דער גלאָק געקלונגען דריי מאָל, און ווידער זיינען מיר געלאָפען צום צוג, זיך געשטופּט דורך דעם אָנגעפּאַקטען רויש־גען קאָרידאָר... דאָס איז געווען אַ גוטמוטהיגער עולם, וואָס האָט איבערגעטראָגען די שוועריגקייטען מיט הומאָריסטישע געדולד. מען האָט געהאַלטען אין איין דעבאַטירען וועגען אַלצדינג אין דער וועלט, פון דער לאַגע אין פּעטראָגראַד ביז דעם סיסטעם פון בריטישע טרייד־יוניאָנס, אָפטמאָל האָט מען זיך געאַמפּערט מיט אַ פּאָר בורזשויען, וואָס זיינען געווען אין וואַגאָן. איידער מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאָסקווע האָט שוין כמעט יעדער וואַגאָן געהאַט אָרגאַניזירט אַ קאָ־

מיטעט צו בעקומען און צו פונאנדערטהיילען שפייז. און יעדער קאָמיטעט איז געווען צוטהיילט אויף פּאָליטישע פראַקציעס, וואָס האָבען דעבאַטירט וועגען פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען...

אין מאָסקווע איז דער וואָגזאַל געווען פוסט. מיר זיינען אריבער־געגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע פון'ם קאָמיסאַר, כדי צו זיכערען בילעטען פאַר אונזער צוריקרייזע קיין פּעטראָגראַד. דער קאָמיסאַר, האָט זיך ארויסגעוויזען, איז געווען אַ ברוגז'ער יונגערמאַן מיט עפּאַ־לעטען פון אַ פּאַרוטשיק. מיר האָבען איהם געוויזען אונזערע באָל־שעוויסטישע פּאַפּירען, איז ער געוואָרען מלא חמה און האָט אָנ'יס־געשריען, אז ער איז ניט קיין באָלשעוויק, אז ער פערטרעט דעם קאָ־מיטעט פון עפענטליכער זיכערהייט... אַ מערקווירדיגער פאַקט: ווען מען האָט איינגענומען די שטאָדט, האָבען די זיעגער אין טומעל און איילעניש פאַרגעסען די וויכטיגע אייזענבאַהן־סטאַנציע...

קיין איזוואָשטשיק איז ביים וואָגזאַל ניט געווען. מיר האָבען געדאַרפט דורכגעהן עטליכע גאַסען, ביז מיר האָבען אָנגעטראָפען אַ פוהרמאַן מיט אַ פערדעל. ער איז געווען איינגעוויקעלט אין וואַטאָווע קליידער ווי אַ הויפּטעל קרויט, געזעסען אויף דער קעלניע פון זיין שליטעלע און געשלאָפען. וויפיעל וויל ער אין שטאָדט אריין?

ער האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין קאָפּ. „די באַרינס וועלען ניט בעקומען קיין צימער אין קיין איינציגען האָטעל", האָט ער געזאָגט, „אָבער אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אָבפיהרען פאַר אַ הונדערט רובעל..." פאַר דער רעוואָלוציע האָט דאָס געדאַרפט קאָסטען צוויי! מיר האָבען געפּרואווט ריידען, אָבער ער האָט נור געקנייטשט מיט די פּלייצעס. „ניט אַזאַ גרינגע זאַך", האָט ער געזאָגט, „פאָהרען אין גאַס היינטיגע צייטען"... מיר האָבען זיך קוים אויסגעדונגען אויף פופ־ציג.. פאָהרענדיג מיט אונז איבער די שטילע, שנייאיגע, האַלב־בעלויכטענע גאַסען, האָט ער אונז דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען אין די זעקס טעג פון קאַמפּף. „כ'פאָהר מיר אַזוי איבער'ן גאַס, אָדער איך שטעה און וואַרט אויף אַ פּאַסאַזשיר, פּלוצלונג — פּ ו פּ ף! אַ באָמבע רייסט זיך אויף פון איין זייט, פּ ו פּ ף! אַ באָמבע רייסט זיך אויף פון דער אַנדערער זייט, ט ר - ט - ר - ר - - - ! אַ מאַשין־האַרמאַט... מיינער לאָזט זיך גאַלאָפּ, די טייוואָלים שיסען פון אַלע זייטען. איך פאַרקלייב זיך אין אַ שטיל געסעל און שטעל

זיך אָב. כאַפּ אַ דרימעל, אַ וואויל געסעל, מחיה, פּלוצלונג — פּ ו פּ ף! אַ גייע באָמבע, ט ר ־ ר ־ ר ־ ר ־ ר ־ ר ־ ! ... טייוואָלים! טייוואָלים! טייוואָלים! ו ו י אַ ־ אַ ־ א ה!״

אין צענטער שטאָדט זיינען די גאַסען געווען בעדעקט מיט שנעע און אַזוי שטיל, ווי אַ קראַנקער נאָך אַ קריזיס. נאָר עטליכע עלעקטרישע זונען האָבען געברענט, און געצעהלטע פוס־געהער האָבען דאָ און דאָרט געאיילט איבער די טראָטוארען. אַן אייז־קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען פונ׳ם ווייטען סטעפּ און געבראָטען ווי מיט פייער. אינ׳ם ערשטען האָטעל האָבען מיר געזעהן אַ קאַנטאָר בעלויכטען מיט צוויי ליכטלעך.

„יאָ, מיינע הערדען, מיר האָבען עטליכע זעהר בעקוועמע צימערען, נאָר די פענסטער זיינען צובראָכען פונ׳ם שיסען. אויב די הערדען האָבען גאָרניט געגען אַ ביסעל פרישע לופט...״

אויף טווערסקאַיאַ זיינען אַלע פענסטער אין די קראָמען געווען צובראָכען. אומעטום זיינען געווען לעכער אין ברוק און איבערגעקעהרטע אויסגעריסענע שטיינער, — שפּורען פון באָמבעס. מיר זיינען געפאָהרען פון האָטעל צו האָטעל, אָבער זיי זיינען אַלע געווען פול, אָדער די בעלי בתים זיינען נאָך געווען אַזוי אָנגעשראָקען, אז זיי האָבען נאָר געקענט ענטפערען: „ניין, ניין, ניטאָ קיין צימערען! ניטאָ קיין צימערען!״ אין די הויפּט־גאַסען, דאָרטען וואו עס געפינען זיך די גרעסטע בענק און האַנדעלס־הייזער, האָט די באָלשעוויסטישע אַרטילעריע אָנגעמאַכט דעם גרעסטען חורבן. אַ סאָוועטבעאַמטער האָט מיר געזאָגט: „ווען מיר האָבען ניט געוואוסט אַניף געוויס, וואו עס געפינען זיך די יונקערס און די ווייסע גוואַרדייצעס, האָבען מיר באָמבאַרדירט זייערע בייטלען...״

מען האָט אונז ענדליך אויפגענומען אין דעם גרויסען האָטעל „נאַציאָנאַל״. מיר זיינען דאָך געווען אויסלענדער און דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט צוגעזאָגט בעשיצען די וואוינונגען פון אויסלענדער... אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק האָט דער פערוואַלטער אונז געוויזען עטליכע פענסטער צעבראָכען פון שראַפּנעלען. „אַזוינע ווילדע חיות״, האָט ער געזאָגט און געשאָקעלט זיין פויסט אויף די אונזיכטבאַרע באָלשעוויקעס. „וואַרט! ס׳וועט נאָך קומען זייער צייט. אין עטליכע טעג אַרום וועט זייער קאָמישע רעגירונג

געהן צו גרונד. דאַן וועלען מיר זיי ווייזען וואָס הייסט קאָמאַנדע־ווען!"

געגעסען האָבען מיר אין אַ וועגעטאַריאַנער רעסטאָראַנט מיט'ן קלינגענדיגען נאָמען: „איך עס קיינעם ניט". טאָלסטאָי'ס בילד איז געהאַנגען אויף אַלע ווענד. נאָכ'ן עסען זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

די הויפּט־קוואַרטיר פון'ם מאָסקווער סאָוויעט האָט זיך געפונען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם געוועזענעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. דאָס איז געווען אַ גרויסאַרטיגע ווייסע געביידע מיט'ן פּאָסאַד צום סקאָבעלעוו־פּלאַץ. רויטע גוואַרדייצעס האָבען געהאַלטען וואַך ביי דער טהיר. מיר האָבען זיך אויפגעהויבען איבער הויכע פּייערליכע טרעפּ, וואו אויף ביידע זייטען זיינען די ווענט געווען אויסגעקלעפּט מיט מעלדונגען פון קאָמיטעט־פערזאַמלונגען און אויפרופען פון פּאָליטישע פּאַרטייען. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ רייה הויכע זאַלען באַהאַנגען מיט בילדער אין גאָלדענע ראַמען, וועלכע זיינען איצט געווען איבערגעצויגען מיט רויטען. ענדליך זיינען מיר אַריינגעקומען אינ'ם הויפּט־זאַל, — אַ גרויסאַרטיגער צימער מיט קריסטאַלענע הענגלייכטער און געגילטע קאַרניזען. עס האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון שטילע געשפּרעכען און דאָס רוישען פון אַ פּאָר צעהנדליג נעה־מאַשינען. אין ערך פופציג פרויען זיינען געזעסען ארום טישען, פונאַנדערגעוויקעלט ריזיגע שטיקער רויטע און שוואַרצע געוואַנד. די פּאַסען האָבען זיך געשלענגעלט איבער דעם פּאַרקעט און איבער די טישען, און די פרויען האָבען זיי געשניטען און גענעהט פעהנדלעך און פּאָהנען פאַר דער לויה פון די רעוואָלוציאָנערע קרבנות. די פּנים'ער פון די פרויען זיינען געווען פערהאַרטעוועט און צוקאַרבט פון אַ שווערען לעבען. זיי האָבען ערנסט און אָנגעשטרענגט געאַרבייט, און ביי פּיעלע זיינען די אויגען געווען רויט פון וויינען... די פערלוסטען פון דער רויטער אַרמעע זיינען געווען שווער.

ביי אַ טיש אין אַ ווינקעל איז געזעסען ראַגאָוו, אַ אינטעליגענטער מאַן מיט אַ באָרד און מיט ברילען, אָנגעטהאָן אין אַ שוואַרצער אַרבייטער־בלוזע. ער האָט אונז פאַרגעשלאָגען, מיר זאָלען מאַרשירען צוזאמען מיט דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין דער מאַרגענדיגער טרויער־פּראָצעסיע...

„די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס קען מען ניט אויסלערנען גאָרניט!“ האָט ער אויסגערופען. „פשרה־מאַכעריי איז, אפנים, אין זייער בלוט. שטעלט זיך פאָר: זיי האָבען אונז פאַרגעשלאָגען, אַז מיר זאָלען האָבען אַ פעראייניגטע לויה מיט די יונקערס!“

איבער'ן זאַל איז געגאַנגען אַ מאַן אין אַ צושויבערטען סאָל־דאַטסקע מאַנטעל, מיט אַ שמויסען היטעל אויפ'ן קאָפּ. זיין פּנים איז מיר אויסגעקומען באַקאַנט. איך האָב דערקענט מעלניטשאַנס־קי'ן. אין בעיאָן, ניו דזשוירזי, אין דעם גרויסען סטאַנדאַרד אויל סטרייק, האָב איך זיך מיט איהם בעקאַנט אלס דער זייגערמייסטער דזשאָרדזש מעלטשער. איצט, האָט ער מיר געזאָגט, איז ער סעק־רעטער פון דעם מאָסקווער מעטאַל־ארבייטער פעראיין. אין דער צייט פונ'ם קאַמפּף איז ער געווען אַ קאָמיסאַר פונ'ם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט.

„קוקט מיך אָן!“ האָט ער געזאָגט און מיר אָנגעוויזען אויף זיינע צוריסענע קליידער. „איך בין געווען מיט דער חברה אין קרעמל ווען די יונקערס זיינען אָנגעקומען דאָס ערשטע מאָל. זיי האָבען מיך פאַרשפּאַרט אין קעלער און האָבען אַוועקגע'לקח'נט מיין מאַנטעל, מיין געלד, מיין זייגער און אפילו דעם רינג פון מיין פינגער. אָט דאָס זיינען איצט אַלע מיינע קליידער!“

מעלניטשאַנסקי האָט מיר דערצעהלט אַ סך פּרטים פון דעם זעקס־טאָגיגען בלוטיגען שטרייט, וואָס האָט צוריסען מאָסקווע אויף צווייען. דאָ, אין מאָסקווע, האָט די שטאָדט־דומא איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די יונקערס און די ווייסע גוואַרדייצעס. דער שטאָדט־גאָלאָוואַ רודנעוו און דער פאָרזיצענדער פון דער דומא מינאָר האָבען אַכטונג געגעבען אויף דער טהעטיגקייט פונ'ם קאָמיטעט פאַר עפענטליכע זיכערהייט און פון דער אַרמיי. ריאַבצעוו, דער שטאָדט־קאָמענדאַנט, אַ מאַן מיט דעמאָקראַטישע געפיהלען, האָט געצוויי־פעלט, צי מען דאַרף זיך שטעלען געגען מיליטערישען רעוואָלוציאָנע־רען קאָמיטעט, אָבער די דומא האָט איהם געצוואונגען דערצו... דאָס האָט דער גאָלאָווא בעשטאַנען, אַז מען זאָל פאַרנעהמען דעם קרעמל: „זיי וועלען ניט סמייען צו שיסען אויף אייך דאָ“. האָט ער געזאָגט.

איינער פון די פּאָלקען איז געווען שרעקליך דעמאָראַליזירט,



Районъ ... Фамилія ... Домовый К-тъ

№ ... Имя ... Отчество ... №

Адресъ ... улица или переулокъ ... Д. № ... Кв. №

| Полъ. | Возрастъ. | ИМѢЮТСЯ ЗАПАСЫ. | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | Тканей. | Арш. | Готовыхъ вещей. | Шт. |
| Средній мѣсячный. | | Бѣльевыхъ . . . | | Пальто { зимнихъ, лѣтнихъ и осеннихъ | |
| Доходъ. | Расходъ. | Легк. платьевыхъ (для костюмовъ) | | Платьевъ и костюм. | |
| Мѣсяч. плата. | | Тяж. платьевыхъ (для пальто) | | Смѣнъ бѣлья | |
| За квартиру. | За комнату. | | | Паръ обуви | |
| | | Прочихъ сортовъ | | Паръ галошъ | |

Даю подписку въ томъ, что показанныя свѣдѣнія правильны и что карточекъ въ другомъ мѣстѣ не получалъ. Москва, ... дня 191

Подпись ...

Печать домового комитета.

Подпись квартиронанимателя.

QUESTIONNAIRE FOR THE BOURGEOISIE

Distributed to all bourgeois households in Moscow by the Moscow Military Revolutionary Committee, so as to provide a basis for the requisition of clothing for the Army and the poor workers. For translation see Appendix 3.

מחמת ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט קיין שום אַרבייט.ביידע צדדים האָבען זיך געווענדעט צו דעם פאָלק. די סאָלדאַטען האָבען אָבגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג און בעשלאָסען, אַז זיי בלייבען נייטראַל און זעצען פאָרט זייער איצטיגע טהעטיגקייט. דאָס האָט געהייסען, אַז זיי פאַרקויפען קאַלאַשען און סיעמעטשקעס אין די גאַסען!

„ערגער פון אַלצדינג איז געווען דאָס", האָט מעלניטשאַנסקי געזאָגט, „וואָס מיר האָבען זיך געמוזט אָרגאַניזירען אונטער'ן פייער. פריהער זיינען מיר דאָך גאָר ניט געווען אָרגאַניזירט. דער אַנדערער צד האָט ריכטיג געוואוסט, וואָס ער וויל. אָבער דאָ האָבען די סאָלדאַטען געהאַט איין סאָוויעט, די אַרבייטער — אַן אַנדערען... מען האָט זיך ביידע געאַמפּערט, ווער עס זאָל זיין הויפּט־קאָמאַנדיר; אייניגע פאָלקען האָבען דריי טעג נאָכאַנאַנד דעבאַטירט, איידער זיי האָבען אָנגענומען אַ בעשלוס; און ווען די אָפיצירען האָבען אונז פלוצלונג פאַרלאָזען, איז ניט געווען ווער ס'זאָל קאָמאַנדעווען..."

מעלניטשאַנסקי האָט מיר געמאָהלען אינטערעסאַנטע בילדער. איינמאָל אין אַ קאַלטען גראָהען פריהמאָרגען איז ער געשטאַנען אויף אַ ווינקעל ניקיטסקאַיאַ, וואו מאַשין־האַרמאַטען האָבען געגאָסען שטראָמען פייער. אַ גרופּע קליינע איינגלעך האָט זיך אָנגעזאַמעלט, — וואַנדער־קינדער, אָרימע חברה, וואָס האָבען פריהער פאַרקויפט צייטונגען אין די גאַסען — . אַלע זיינען געווען זעהר אויפגערעגט, געשריען ווי דאָס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע נייע שפּיעל. זיי האָבען אָבגעוואַרט, ביז דאָס שיסען איז געוואָרען שוואַכער, און האָבען געפּרואווט אַריבערלויפען אויף דער אַנדערער זייט גאַס... אייניגע זיינען געפאַלען טויט, אָבער די איבעריגע זיינען געלאָפען הין און צוריק, געלאַכט און זיך גערייצט איינער מיט'ן אַנדערען...

שפּעט אין אָווענד בין איך אַוועקגעגאַנגען אין דוואָריאַנסקאַיע סאָבראַניע (דער קלוב פון די אַדעליגע), וואו די מאָסקווער באָלשעוויקעס האָט געזאָלט אָבהאַלטען אַ פערזאַמלונג, כדי אויסצוהערען די בעריכטען פון נאָגין, ריקאָוו און אַנדערע, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען פונ'ם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען.

די פערזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם טהעאַטער־זאַל, וואו אַמאָליגע יאָהרען פלעגען דילעטאַנטען אויפפיהרען די נייעסטע פראַנצויזישע קאָמעדיעס פאַר אַן אוידיטאָריום פון אָפיצירען און אויס־

געפוצטע דאמען. אנגעקומען זיינען פריהער די אינטעליגענטען, — די וועלכע האבען געלעבט נעהנטער צום צענטער פון דער שטאדט. נאגין האט גערעדט, און ס׳איז געווען קלאהר, אז די מעהרהייט פון דער פערזאמלונג איז מיט איהם איינפערשטאנדען. פיעל שפעטער זיינען אנגעקומען די ארבייטער, וועלכע האבען געלעבט אין די פאר־שטעדט און האבען ניט געקענט קומען צו דער צייט ווייל קיין טראמווייען זיינען ניט געגאנגען. עס איז שוין געווען ארום האלבע נאכט, ווען זיי האבען זיך בעוויזען אויף די טרעפ, גרופעס פון צעהן, געזונדע רויהע חברה אין פשוט׳ע קליידער. די מעהרסטע זיינען אקארשט אנגעקומען פון דעם שלאכטפעלד, וואו זיי האבען א גאנצע וואך געקעמפפט ווי די טייוואלים און געזעהן די טויטע חברים פאלענ־דיג ארום און ווי שטרוי.

קוים האט זיך די פערזאמלונג פארמעל געעפענט, האט מען נאגינ׳ען אויפגענומען מיט א שטורם פון זידלערייען, פון בייזע גע־שרייען. אומזיסט האט ער געפרואווט ערקלעהרען, טענה׳ן: מען האט ניט געוואלט הערען. ער איז דאך ארויסגעטראטען פון דעם ראטה פון די פאלקס־קאמיסארען; ער האט פארלאזט זיין פאסטען אין דעם היץ פון קאמפף! וואס איז שייך די בורזשואזע פרעסע, איז אין מאסקווע ניטא מעהר קיין בורזשואזע פרעסע; אפילו די שטאדט־דומא האט מען פונאנדערגעלאזט. בוכארין האט זיך אויפ־געהויבען, צארענדיג, לאגיש, גערעדט מיט א שטימע, וואס האט גע־שטאכען און געהאמערט, געהאמערט און געשטאכען... איהם הערט מען אוים מיט פארגעניגען. א רעזאלוציע: אונטערשטיצען די האנדלונג פון דעם ראטה פון די פאלקס־קאמיסארען. איינשטימיג. אזוי האט גערעדט מאסקווע...

עס איז געווען שפעט ביינאכט, ווען מיר האבען געשפאנט דורך די לעדיגע גאסען, דורך דעם איווערסקי טויער, צום גרויסען רויטען פלאץ פון דעם קרעמל. די קירכע פון וואסילי דעם זעליגען האט זיך פאנטאסטיש געהויבען אין דער נאכט אריין מיט איהרע העל־קאלירענדיגע, געדרעהטע און רייך־פערציערטע קופאלען. ניט געווען קיין שפור פון צערשטערונג... אויף איין זייט פונ׳ם פלאץ האבען זיך געהויבען די טונקעלע טהורעמס און ווענד פונ׳ם קרעמל. אויף די הויכע ווענד האט רויט געפינקעלט דער שיין פון פייערם. די

פייערס אליין האבען מיר ניט געקענט זעהן. שטימען האבען דער־גרייכט צו אונז איבער דעם ריזיגען פלאץ, דאס געוויש פון די רידעלס און גראב־אייזענס האט זיך געלאזט הערען. מיר זיינען צוגעגאנגען נעהנטער.

גאנצע בערג פון שטיין און ערד זיינען געווען אנגעווארפען לעבען דער וואנד. מיר זיינען ארויפגעקראכען ארויף און האבען אריינגעקוקט אין צוויי גרויסע גריבער, צעהן־פונפצעהן פוס די טיעף און פונפציג יארד די לענג. עטליכע הונדערט סאלדאטען און אר־בייטער האבען געגראבען ביים ליכט פון גרויסע פייערס.

א יונגער סטודענט האט זיך צו אונז געווענדט אויף דייטש. „דאס איז דער ברודער־קבר", האט ער געזאגט. „מארגען וועלען מיר דא בעגראבען פינף הונדערט פראלעטאריער, וואס זיינען גע־שטארבען פאר דער רעוואלוציע".

דער סטודענט האט זיך מיט אונז אראבגעלאזט אין גרוב. די רידעלס און גראב־אייזענס האבען זיך געהויבען מיט גרויס שנעל־קייט. די בערג פון ערד זיינען געוואקסען. אלע האבען געשוויגען. איבער די קעפ איז דער הימעל געווען בעשאטען מיט שטערען, און די וואנד פון דעם אלטען קייזערליכען קרעמל האט זיך געהויבען ארויף, דאכט זיך אהן א ברעג...

„דא, אין אט דעם הייליגען פלאץ, דעם הייליגסטען פון גאנץ רוסלאנד", האט דער סטודענט געזאגט, „וועלען מיר בעגראבען אונ־זערע קדושים. דא, וואו עס געפינען זיך די קברים פון די מלכים, וועט אונזער מלך, דאס פאלק, שלאפען זיין אייביגען שלאף..." דעם יונגען מאנ'ס ארעם איז געווען אין א באנד — דאס האט ער בעקו־מען א וואונד אין דעם גאסען־קאמפף.

די ארבייטער, מיעד און פארשוויצט, ניט קוקענדיג אויף דער קעלט, האבען אנגעהויבען ארויסקריכען פון גרוב. ווען מיר זיינען געגאנגען אהיים, האבען מיר געזעהן נייע גרופען מענשען געהענדיג שנעל איבער'ן רויטען פלאץ. זיי האבען זיך געלאזט צו די גריבער, גענומען די געצייגען און געגראבען, — געגראבען ניט רעדענדיג א ווארט...

אט אזוי האט דאס פאלק א גאנצע נאכט געארבייט, פרייוויליג געארבייט, געביטען איינער דעם אנדערען, ניט געווארען מיעד, און

ווען דאָס קאַלטע ליכט פונ׳ם טאָג האָט אויפגעדעקט דעם גרויסען פּלאַץ מיט זיין ווייסער שנעע־דעק, זיינען די גרויסע ברוינע גריבער פון דעם ברודער־קבר שוין געווען פאַרטיג.

מיר זיינען אויפגעשטאַנען פאַר זון־אויפגאַנג און האָבען זיך געזעגענט־... לאָזט דורך די טונקעלע גאַסען צו סקאָבעלעווסקי פּלאַץ. אין שטאָדט האָט זיך ניט געזעהן קיין לעבעדיגער מענש, אָבער דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון עפּעס אונבעשטימטער בעוועגונג, אַקוראַט ווי אַ ווינד וואָלט געבלאָזען איבער אַלעס. אין דעם בלאַסען מאָרגען־ליכט איז אַ גרופּע מענער און פרויען געשטאַנען פאַר דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם סאָוויעט און געהאַלטען אַ בינטעל רויטע פאָהנען מיט גאָלדענע אותיות, — דאָס איז געווען דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם מאָסקווער סאָוויעט. ס׳איז געוואָרען ביסלעכווייז ליכטיג, דאָס גערויש פון אונבעשטימטער בעוועגונג איז געוואָרען טיעפער און העכער, געוואַקסען און זיך פערוואַנדעלט אין אַ מעכטיגען באַס. די שטאָדט האָט זיך געהויבען פון שלאָף. מיר האָבען זיך געלאָזט איבער טווערסקאַיאַ. די פאָהנען האָבען געפלאַטערט איבער אונזערע קעפּ. די קליינע צערקווּעס זיינען אומעטום געווען טונקעל, פאַרשלאָסען. פאַרשלאָסען איז אויך געווען די צערקווע פון דער איווערסקע מוטער־גאָטעס, וואו יעדער צאַר פלעגט מתפּלל זיין איידער מען האָט איהם געקרוינט אין קרעמל און וואו די טהירען זיינען שטענדיג געווען אָפען, בייטאָג און ביינאַכט, העלע ליכט האָבען געברענט און געגלאַנצט אויף דעם גאָלד און זילבער און בריליאַנטען פון די איקאָנעס, און מענשען זיינען בסדר געקומען און געגאַנגען. דאָס ערשטע מאָל זינט נאַפּאָלעאָנ׳ס צייטען, זאָגט מען מיר, זיינען די ליכט פון דער צערקווע געווען פערלאָשען.

די הייליגע פּראַוואָסלאַווע קירכע האָט אָבגעקעהרט דאָס ליכט פון איהר אַנטליטץ פון רעוואָלוציאָנערען מאָסקווע, — אָט דעם נעסט פון אפּיקורסים און הולטייעס, וואָס האָבען געסמייעט באָמבאַרדירען דעם קרעמל. קאַלט און שטום און פינסטער זיינען געווען די צערקוועס; די גלחים זיינען פאַרשוואונדען. ניט געווען קיין כּלי קודש ביי דער רויטער לויה, ניט געווען קיין הייליגע גאָבען פאַר די געשטאָרבענע, ניט געווען קיין תפלות איבער די קברים פון די

מורדים בקודש. א ביסעל שפּעטער האָט דער מאָסקווער מיטראָפּאָליט טיכאָן אַריינגעלעגט די סאָוויעטען אין חרם.

די קראָמען זיינען אויך געווען געשלאָסען, און די פּאַרמעגליכע קלאַסען זיינען געזעסען אין דער היים. אָבער צוליעב אַן אַנדער סבה. אין יענע טעג האָט דאָס פאָלק געהערשט, דאָס פאָלק איז געקומען מיט א גערויש און א הילך ווי דער ים, וואָס וואַרפט זיך אויפ׳ן ברעג...

דורכ׳ן איווערסקי טויער האָט זיך שוין געגאָסען א טייך פון מענשען, און אויפ׳ן ריעזיגען רויטען פּלאַץ זיינען געווען פאַנאַנדער־געוואָרפען טונקעלע פינטעלעך — גרופּען מענשען, טויזענדער מענ־שען. ווען דער עולם פלעגט פאַרבייגעהן די איווערסקע צערקווע, האָט זיך קיינער ניט גע׳צלמ׳ט, אַקוראַט ווי מען האָט ניט געזעהן דעם הייליגען פּלאַץ. אַמאָל איז דאָס געווען גאַנץ אַנדערש...

מיר האָבען זיך דורכגעשטופּט דורך א געדיכטען עולם, וואָס איז געשטאַנען לעבען דער וואַנד פון דעם קרעמל, און האָבען זיך אַרויפגעקליבען אויף דעם באַרג ערד. דאָרטען זיינען שוין געשטאַ־נען עטליכע מענשען, צווישען זיי סוראַנאָוו, דער קאָמענדאַנט פון מאָסקווע. דאָס איז געווען א פּשוט׳ער סאָלדאַט, — א הויכער מאַן מיט א באָרד און מיט א פריינדליכען פּנים.

צום רויטען פּלאַץ האָבען זיך פון אַלע זייטען געגאָסען שטראָ־מען מענשען, טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער, אַלע אַרביי־טער, אָרימע האָרעפּאַשניקעס. עס איז אָנגעקומען א מיליטערישער אָרקעסטער, שפּיעלענדיג דעם אינטערנאַציאָנאַל. די מענשען האָבען אונטערגעכאַפּט דעם נגון, און ער האָט זיך פאַרשפּרייט ווי כוואַליעס איבער א וואַסער, לאַנגזאַם און פייערליך.

א שאַרפער ווינד האָט געבלאָזען איבער׳ן פּלאַץ און געהויבען די פאָהנען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעוויזען די אַרבייטער פון די ווייטע פאָרשטעדט, אַרבייטער פון אַלערליי פאַבריקען, טראָגענדיג זייערע טויטע. ווי זיי זיינען געגאַנגען דורכ׳ן טויער, האָט מען גע־קענט זעהן די העלע פאַרבען פון זייערע פאָהנען און די דונקעל־רויטע — בלוט־רויטע — פאַרב פון די ארונות. דאָס זיינען געווען פּראָס־טע קאַסטענס, געמאַכט פון ניט־געהובלעוועטען האָלץ און בעפּוצט מיט רויטען. געטראָגען האָט מען זיי אויף די פּלייצעס פון פּשוט׳ע

גראָבע מענשען, וואָס האָבען געשפּאַנט מיט טרעהרען אין די אויגען. הינטען זיינען נאָכגעגאַנגען די ווייבער, געשלוכצט און געיאָמערט, אָדער געגאַנגען מיט אַ שטייפער מינע, מיט ווייסע, טויטע פּנים׳ער. איינינע ארונות זיינען געווען אָפען, און די דעקלעך האָט מען גע־טראָגען הינטען; אַנדערע זיינען געווען בעדעקט מיט גאָלד־שטאָף אָדער זילבער־שטאָף, אָדער אַ סאָלדאַטסקע היטעל איז געווען צו־געשלאָגען פון אויבען. געווען אויך פיעלע קרענץ פון העסליכע קינסטליכע בלומען...

דורך אַ פרייען דורכגאַנג אינמיטען דעם גרויסען עולם האָט די פּראָצעסיע זיך לאַנגזאַם געצויגען אין אונזער ריכטונג. דער דורכגאַנג איז געוואָרען אָט ברייטער, אָט שמעלער. איצט האָט אַן אונענד־ליכער שטראָם פון פאָהנען זיך געצויגען דורך דעם טויער — אַלע שאַטירונגען פון רויט, מיט זילבערנע און גאָלדענע אותיות, מיט פּאַסען קרעפּ הענגענדיג פון אויבען; געווען אויך איינינע אַנאַרכיס־טישע פאָהנען, שוואַרצע מיט ווייסע אותיות. דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט דעם רעוואָלוציאָנערען טרויער־מאַרש, דער ריעזיגער עולם האָט מיטגעזונגען, שטעהענדיג אָהן היטלען, און די טרעגער האָבען אונ־טערגעהאָלפען מיט הייזעריגע שטימען, אַנגעזאַפּט מיט געוויין...

דאָ און דאָרט צווישען די פאַבריק־אַרבייטער זיינען געקומען ראָטעס סאָלדאַטען מיט זייערע ארונות. עסקאַדראָנען קאַוואַלעריע זיינען געפאָהרען רייטענדיג און אָבגעגעבען מיליטערישען טשעסט, באַטאַרעיען אַרטילעריע האָבען זיך גערוקט נאָך זיי, די האַרמאַטען ארומגעוויקעלט מיט רויטען און שוואַרצען. אויף די פאָהנען איז געשטאַנען: „עס לעבע דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל!“ און „מיר ווילען אַן עהרליכען, אַלגעמיינעם, דעמאָקראַטישען פריעדען!“ לאַנגזאַם איז די פּראָצעסיע צוגעקומען מיט די ארונות צום ראַנד פון׳ם קבר; די טרעגער האָבען זיך אַראָבגעלאָזט מיט זייער משא אין גרוב אריין. צווישען די טרעגער זיינען געווען אַ סך פרויען, — ברייטביינערדיגע, פעסט־געבויטע פּראָלעטאַרישע פרויען. הינטער די ארונות זיינען אָנגעקומען אַנדערע פרויען, יונג און פאַרצווייפעלט, אָדער אַלטע, צוקנייטשטע, שרייענדיג ווי פאַרוואונדעטע חיות. זיי האָבען געוואָלט נאָכגעהן נאָך זייערע זיהן און מענער אין דעם ברדר־דער־קבר אריין, פריינדליכע הענד האָבען זיי אָבגעהאַלטען, און די

אַרימע בעשעפענישען האָבען געוויינט און געקלאָגט. פאַראַן אַזוי פיעל ליעבשאַפט צווישען אָרימע מענשען.

א גאַנצען טאָג האָט זיך געצויגען די טרויער־פּראָצעסיע. מען פלעגט אַריינקומען דורך דעם איוועדסקי טויער און אַרויסגעהן דורך ניקאָלסקאַיא — א טייך פון רויטע פאָהנען מיט ווערטער פון האָפ־נונג און ברידערליכקייט און גרויסאַרטיגע נבואות, — דאָס אַלעס אויפ'ן הינטערגרונד פון פונפציג טויזענד מאַן, פאַר די אויגען פון די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט און זייערע קינדס־קינדער ביז אייביגע דורות...

איינעם נאָכ'ן אַנדערען האָט מען אַנידערגעלעגט די ארונות אין די גרובען. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, און נאָך אַלץ זיינען געקו־מען נייע פאָהנען און געפלאַטערט אין דער קאַלטער לופט, דער אָר־קעסטער האָט געשפּיעלט דעם טרויער־מאַרש, און דער ריעזיגער עולם האָט געזונגען. אויף די נאַקעטע צווייגען פון די בוימער איבער די קברים האָט מען אויפגעהאַנגען די קרענץ, ווי מאָדנע פיעל־קאָלירענ־דיגע בליטען. צוויי הונדערט מאַן האָבען אָנגעהויבען פאַרשיטען די קברים. די ערד האָט זיך מיט א דומפען קלאַפּ געשאָטען אויף די ארונות; דאָס גערויש האָט מען געקענט הערען אפילו דורכ'ן זינגען...

אויסגעלאָשען די ליכט. פאַרשוואונדען די לעצטע פאָהנען. אוועקגעגאַנגען די לעצטע פרויען — מיט א קרעכץ און מיט'ן קוק פון אייביגער בענקשאַפט אין זייערע אויגען. לאַנגזאַם האָט דער גרויסער פּראָלעטאַרישער ים זיך גענומען אויפלייזען אויף דעם גרוי־סען פּלאַץ...

## קאפיטעל עלף.

# ערֹאבערט די מאכט.

„א דעקלאראציע וועגען די רעכט פון די רוסלענדער פעלקער:

„...דער ערשטער קאנגרעס פון די סאוויעטען לעצטען יוני האט פראקלאמירט דאס רעכט פון די רוסלענדער פעלקער אויף זעלבסט-בעשטימונג.

„דער צווייטער קאנגרעס פון די סאוויעטען, לעצטען נאוועמ-בער, האט בעשטעטיגט די אונפארענדערליכע רעכט פון די רוס-לענדער פעלקער אין א מעהר ענטשיעדענער און בעשטימטער פארם.

„ערפילענדיג דעם ווילען פון די דאזיגע קאנגרעסען, האט דער ראטה פון די פאלקס-קאמיסארען בעשלאסען אנצונעהמען אלס א באזיס פאר זיין טהעטיגקייט אין דער נאציאנאלער פראגע די פאל-גענדע פרינציפען:

1. אלע פעלקער פון רוסלאנד זיינען גלייך און סואווערען.
2. אלע פעלקער פון רוסלאנד האבען דאס רעכט פון פרייער זעלבסט-בעשטימונג; אויב זיי ווילען קענען זיי זיך אפילו אבטהיי-לען און בילדען אונאבהענגיגע שטאאטען.
3. אלע נאציאנאלע און נאציאנאל-רעליגיעזע פריוילעגיעס און בעשרענקונגען ווערען אבגעשאפט.
4. אלע נאציאנאלע מינאריטעטען און עטנאגראפישע גרופען, וואס וואוינען אויף דער רוסישער טעריטאריע, האבען א רעכט פון פרייער ענטוויקלונג.

געזעצען וועגען דעם וועלען ארויסגעגעבען ווערען תיכף נאך דעם, ווי עס וועט געגרינדעט ווערען א נאציאנאליטעטען-קאמיסיע.

אינ׳ם נאמען פון דער רוסישער רעפובליק,
פאלקס-קאמיסאר פאר נאציאנאליטעטען
יוסאוו-דזשוגאשווילי-סטאלין.
פארזיצענדער פון דעם ראטה־פון די פאלקס-קאמיסארען,
וו. אוליאנאוו (לענין)"

די צענטראַלע קיעווער ראַדאַ האָט תיכּף ערקלעהרט אוקראַינאַ פאַר אַן אונאַבהענגיגען שטאַאַט. דאָס זעלביגע האָט געטהאָן די פיננישע רעגירונג דורך דעם סענאַט אין העלסינגפאָרס. אונאַב־הענגיגע „רעגירונגען" בעוויזען זיך אין סיביר און קאַווקאַז. דער פוילישער מיליטערישער הויפּט־קאָמיטעט האָט תיכּף צוזאַמענגעצוי־גען די פוילישע סאָלדאַטען פון דער רוסישער אַרמיי, אָבגעשאַפט זייערע קאָמיטעטען און איינגעפיהרט אַן אייזערנע דיסציפּלין...

צוויי פונקטען כאַראַקטעריזירען די אַלע „רעגירונגען" און „בעי־וועגונגען": ערשטענס, געפינען זיי זיך אונטער דער פיהרונג פון די פאַרמעגליכע קלאַסען; צווייטענס, האָבען זיי מורא פאַר באָל־שעוויזם און פעראַכטען די באָלשעוויקעס...

צווישען דעם תהו ובהו פון געוואַלדיגע ענדערונגען האָט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען פעסט און זיכער אויפגעשטעלט די הויפּט־זיילען פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. אַ געזעץ וועגען סאָציאַלע פערזיכערונג; אַ געזעץ וועגען אַרבייטער־קאָנטראָל; כּללים וועגען וואָלאָסטנאָיע ערד־קאָמיטעטען; אַ געזעץ וועגען אָבשאַפען אַלע טשינעס און טיטולען; אַ געזעץ וועגען אָבשאַפען די געריכטען; אַ געזעץ וועגען פאָלקס־טריבונאַלען...

אַן אַרמעע נאָך אַן אַרמעע, אַ פלאָט נאָך אַ פלאָט האָבען געשיקט דעפּוטאַציעס צו „בעגריסען מיט פרייד די נייע פאָלקס־רעגירונג".

איינמאָל ווען איך בין צוגעגאַנגען צו סמאָלני, האָב איך געזעהן אַ פאָלק פון אָבגעריסענע סאָלדאַטען פאַר דעם גרויסען טויער. די סאָלדאַטען זיינען אָקאָרשט געקומען פון די טראַנשעען. זיי זיינען געווען מאָגער, מיט גראָהע פּנים'ער. זיי האָבען ארויפגעקוקט צו די פענסטער פון דער געביידע, אַקוראַט ווי גאָט אַליין וואָלט דאָרט גע־זעסען. אייניגע האָבען געטייט מיט די פינגער אויף די קייזערליכע אָדלערס איבער דער טהיר און האָבען געלאַכט... רויטע גוואַרדייצעס זיינען זיך געקומען שטעלען אויף דער וואַך. די סאָלדאַטען האָבען געקוקט אויף זיי מיט נייגיעריגקייט, אַקוראַט ווי זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט פון זיי און קיינמאָל ניט געזעהן קיין רויטען גוואַרדיי־עץ. זיי האָבען גוטמוטהיג געלאַכט און האָבען זיך ארויסגערוקט פון די רייהען צו קלאַפּען די רויטע גוואַרדייצעס איבער די פּלייצעס.

זיי האבען געמאכט בעמערקונגען, האלב אין שפאס, האלב אין קינ־דערשער התפעלות...

די פראוויזארישע רעגירונג איז שוין ניט געווען אויף דער וועלט. דעם 15טען נאוועמבער האבען די גלחים איבער גאנץ פעטראגראד אויפגעהערט מתפלל זיין פאר איהר. נאר, ווי לענין אליין האט זיך אויסגעדריקט פאר דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט, „די עראַ־בערונג פון דער מאכט האט זיך ערשט אנגעהויבען". די אפאזי־ציע איז געווען ענטוואפענט, אבער זי האט נאך בעהערשט דאס עקאנאמישע לעבען פונ'ם לאנד. האט זי, מיט דער גאנצער רוסישער פעהיגקייט פאר געמיינזאמע האנדלונג, גענומען ארגאניזירען דעזאר־גאניזאציע, — שטערען, שעדיגען, דיסקרעדיטירען די סאוויעטען.

דער סטרייק פון די רעגירונגס־בעאמטע איז געווען גוט ארגאני־זירט, געשטיצט דורך בענק און האנדעלס־אונטערנעהמונגען. יעדער פערזוך פון די באלשעוויקעס איבערצונעהמען דעם רעגירונגס־אפאראט האט בעגעגענט א ווידערשטאנד.

טראצקי איז געקומען אין אויסלאנדס־מיניסטעריום. די בעאמטע האבען איהם ניט געוואלט דערקענען, — זיי האבען זיך פערשלאסען אין די קאנצעלאריעס און אז מען האט אויסגעבראכען די טהירען, האבען זיי זיך אבגעזאגט פון די שטעלעס. ער האט זיך געהייסען געבען די שליסעל צו די ארכיוון; מען האט זיי איהם געגעבען ערשט נאכדעם, ווען ער האט געבראכט ארבייטער אויפצוברעכען די שלעסער. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער געוועזענער געהילפס־מיניסטער נעראטאוו איז פארשוואונדען מיט די געהיימע אבמאכונ־גען...

שליאפניקאוו האט געפרואווט איבערנעהמען דאס ארבייטס־מיניס־טעריום. עס איז געווען זעהר קאלט, און אין מיניסטעריום האט זיך ניט געפונען קיינער, וואס זאל איינהייצען דעם אויווען. פון די עט־ליכע הונדערט אנגעשטעלטע האט איהם קיין איינציגער ניט געוואלט צייגען, וואו עס געפינט זיך דעם מיניסטער'ס קאבינעט.

אלעקסאנדרא קאלאנטאי האט מען דעם 30טען נאוועמבער גע־מאכט פאר קאמיסאר פון געזעלשאפטליכע הילף. זי איז אויפגענומען געווארען מיט א סטרייק פון אלע איהרע בעאמטע, אחוץ פיערציג. איהר מיניסטעריום האט געהאט די אויפזיכט איבער צדקה־אנשטאל־

טען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאָנען. די אָרימע לייט פון די גרויסע שטעדט, די בעוואוינער פון די בארמהערציגע אנשטאלטען, האָבען באלד דערפיהלט דעם רעזולטאט פונ׳ם סטרייק: זיי האָבען פשוט ניט געהאט פון וואָס צו לעבען. דעלעגאציעס פון האלב־הונגעריגע קאליקעס, פון יתומים מיט בלאָהע אויסגעמאָרעטע פנים׳ער, האָבען בעלאגערט דאָס מיניסטעריום. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט קאָלאָנטאַי געהייסען ארעסטירען די סטרייקער און זיי האלטען אזוי לאנג, ביז זיי וועלען אָבגעבען די שליסעל פון דער קאנצעלאריע און פון דער קאסע. שפעטער, ווען זי האָט שוין בעקומען די שליסעל, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פריהערדיגער מיניסטער, די גרעפין פאנינא, איז פארשוואונדען מיט אלע סומען. זי וועט ניט אָבגעבען דאָס געלד, האָט זי געזאָגט, סיידען זי וועט בעקומען א בעפעהל פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג.

אין לאנד־ווירטהשאפט־מיניסטעריום, אין שפייז־מיניסטעריום, פינאנץ־מיניסטעריום די זעלביגע צרות. מען האָט ערקלעהרט, אז ענטוועדער די בעאמטע זאָלען זיך נעהמען צו דער ארבייט, אָדער זיי וועלען פארלירען זייערע שטעלעס. זיינען איינע גאָר אין גאנצען געבליבען אין דער היים, די אנדערע האָבען זיך אומגעקעהרט און גענומען פראקטיצירען סאבאָטאזש... כמעט די גאנצע אינטעליגענץ איז געווען אנטי־באָלשעוויסטיש, האָט די סאָוויעט־רעגירונג ניט געהאט וואו צו נעהמען נייע בעאמטע.

די פריוואטע בענק זיינען געווען עקשנות׳דיג געשלאָסען, נאָר א הינטער־טהיר איז געווען אָפען פאר ספעקולאנטען. טאָמער האָט זיך בעוויזען א באָלשעוויסטישער קאָמיסאר, האָבען די אָנגעשטעלטע בעהאלטען די ביכער, אוועקגעטראָגען דאָס געלד און פארשוואונדען. אלע אָנגעשטעלטע פון דער שטאאטס־באנק האָבען געסטרייקט, אחוץ די אָנגעשטעלטע פון די אונטערערדישע געלד־קעלערס און דער געלד־פאבריק. אָבער אויך די דאָזיגע אָנגעשטעלטע האָבען זיך אָבגעזאָגט פאָלגען די בעפעהלען פון סמאָלני און האָבען הינטען־ארום אויסגעצאהלט גרויסע סומען דעם רעטונגס־קאָמיטעט און דער שטאָדט־דומא.

צוויי מאָל איז געקומען א קאָמיסאר מיט א ראָטע רויטע גווארדייצעם און געפאָדערט מען זאָל איהם געבען גרויסע סומען אויף רעגיערונגס־הוצאות. דאָס ערשטע מאָל זיינען אין באנק געווען מיט־

גליעדער פון דער שטאָדט־דומא, אויך מענשעוויסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פיהרער אין א גרויסער צאָהל, און זיי האָבען מיט אַזא ערנסט גערעדט וועגען די פאָלגען פון דעם שריט, אַז דער קאָמי־סאַר האָט זיך דערשראָקען. דאָס צווייטע מאָל איז ער געקומען מיט אַן אָפיציעלען דאָקומענט און האָט איהם גענומען לעזען אויף א קול לויט דער פאָרמע. האָט מען אָבער אָנגעוויזען, אַז דאָס פּאַפּיער איז אָהן א דאַטום און אָהן א פּעטשאַט, האָט איהם דער אַלטער רוסישער רעספּעקט פאַר „דאָקומענטען" געצוואונגען אוועקצוגעהן...

די בעאַמטע פון דער קרעדיט־קאַנצעלאַריע האָבען פאַרניכטעט זייערע ביכער, אַזוי אַז עס איז ניט געבליבען קיין רייסטער פון די פינאַנציעלע בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און אַנדערע מלוכות.

די שפּייז־קאָמיטעטען, די פערוואַלטונגען פון שטאָדטישע פאַב־ריקען און אַנדערע מוניציפּאַלע אונטערנעהמונגען האָבען ענטוועדער גאָר ניט געאַרבייט, אָדער פּראַקטיצירט סאַבאָטאַזש. אונטער'ן דרוק פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געליטען שרעקליכע נויט, האָבען די באָלשעוויקעס געפּרואווט העלפען די שטאָדטישע אונטערנעהמונגען אָדער נאָר אין גאַנצען איבערנעהמען דעם קאָנטראָל איבער זיי, האָבען אַלע בעאַמטע ערקלעהרט א סטרייק, און די דומא האָט פאַרפלייצט רוסלאַנד מיט טעלעגראַמען, אַז די באָלשעוויקעס „פאַרגוואַלטיגען די אויטאָנאָמיע פון די שטעדט".

אין דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר, אין די קאַנצעלאַריעס פון דעם קריעגס־מיניסטעריום און פלאָט־מיניסטעריום, וואו די אַלטע בעאַמטע האָבען איינגעוויליגט צו אַרבייטען מיט דער נייער רעגירונג, האָבען די אַרמעע־קאָמיטעטען און די העכערע קאָמאַנדירען געשטערט די סאָוויעטען אויף שריט און טריט. זיי האָבען אפילו מיט א כיוון פערנאַכלעסיגט די סאָלדאַטען אין די טראַנשעען. דער אַלל־רוסישער אייזענבאַהן־פעראיין איז געוועזען פיינדליך און האָט אָבגעזאָגט צו פיהרען סאָוויעט־אַרמעען. יעדער מיליטערישער צוג, וואָס האָט פאַרלאָזען פּעטראָגראַד, איז גענומען געוואָרען מיט געוואַלד, אייזענבאַהן־בעאַמטע האָט מען אַלע מאָל געמוזט אַרעסטירען. דער אייזענבאַהן־פעראיין האָט געסטראַשעט מיט א גענעראַל־סטרייק, אויב מען לאָזט זיי ניט אָרויס...

סמאָלני איז פּשוט געוועזען מאַכטלאָז. די צייטונגען האָבען גע־

שריבען, אז אין דריי וואָכען ארום וועלען אַלע פעטראָגראַדער פאבריקען זיך מוזען צומאכען, מחמת עס איז ניטאָ קיין הייצונג; דער אַלל־רוסישער אייזענבאהן־פעראיין האָט ערקלעהרט, אז דעם ערשטען דעצעמבער וועלען זיך אָבשטעלען די אייזענבאהנען — צוליעב דער זעלביגער סבה; שפייז אין פעטראָגראַד איז סך הכל געווען אויף דריי טעג, און קיין נייע איז ניט אָנגעקומען; ביים פראָנט איז די ארמעע אויסגעגאַנגען פון הונגער... דער רעטונגס־קאָמיטעט, די פאַרשיידענע צענטראַל־קאָמיטעטען האָבען געשיקט אויפרופען איבער׳ן לאנד, געראַטהען דער בעפעלקערונג אוועקצומאכען די נייע געזעצען אונטער׳ן האנד. די פארטרעטער פון די אַליאירטע רעגירונגען האָבען ארויסגעוויזען אָדער קאַלטע גלייכגילטיגקייט, אָדער אָפענע פיינדשאפט...

די געגנערישע ציימונגען, היינט אונטערדריקט און מאָרגען ערשיינענדיג אונטער נייע נעמען, האָבען געמאכט ביטערען חוזק פון דער נייער אָרדנונג. אפילו די „נאָוואיא זשיזן׳ האָט זי גערופען „אַ קאָמבינאציע פון דעמאַגאָגיע און שוואכקייט“.

„פון טאָג צו טאָג“, האָט די ציימונג געשריבען, „זינקט די רעגירונג פון די פאָלקס־קאָמיסארען אַלץ טיעפער און טיעפער אין דער בלאָטע פון אויבערפלעכליכער איילעניש. די באָלשעוויקעס האָבען גרינג פארכאפט די מאכט, אָבער זיי ווייסען ניט, וואָס צו טהאָן מיט איהר.

„פון איין זייט האָבען זיי קיין קראפט ניט צו רעגולירען די עקזיסטירענדע רעגירונגס־מאשין, פון דער אנדערער זייט האָבען זיי קיין פעהיגקייט ניט צו בעשאפען אַ נייע מאשין, וועלכע וואָלט געארבייט גרינג און פריי לויט די טהעאָריעס פון סאָציאַלע עקספּערימענטען.

„ערשט נעכטען האָבען די באָלשעוויקעס ניט געהאַט גענוג מענשען פאר זייער פארטיי, ניט געהאט גענוג מענשען צו ריידען און שרייבען, — וואו וועלען זיי איצט געפינען גענוג ספעציאַליסטען צו פערוואלטען איבער די פארשיידענע פאַרוויקעלטע פונקציעס פון דער רעגירונג?

„די נייע רעגירונג האלט אין איין סטראשען, זי פארפלייצט דאָס לאנד מיט געזעצען, איינער ראדיקאַלער און „סאָציאַליסטישער“ ווי דער אנדערער, אָבער אָט דער פאפירענער סאָציאַליזם, וואָס אונ־

זערע קינדס־קינדער וועלען אויף איהם מסתמא קוקען ווי אויף א בייז וואונדער, ווייזט ניט ארויס ניט קיין ווילען און ניט קיין פעהיגקייט צו לעזען די אונמיטעלבארע אויפגאבען פונ׳ם טאָג!“

דערווייל האָט די „קאָנפערענץ פון דעם אַלל־רוסישען אייזענבאהן־פעראיין צו גרינדען א נייע רעגירונג“ אָבגעהאַלטען איהרע זיצונגען ביי טאָג און ביי נאכט. איהרע ביידע צדדים האָבען זיך שוין אויסגעגלייכט וועגען דעם באזיס פון א נייע רעגירונג. מען האָט שוין געהאט בעשלאָסען ווער ס׳זאָל אריינגעהן אינ׳ם פאָלקס־ראטה, מען האָט אָנגעמערקט די מיטגליעדער פון דעם קאבינעט, מיט טשערנאָוו׳ן אַלס פּרעמיער; די באָלשעוויקעס האָט מען געזאָלט צולאָזען אין א גרויסער מינאָריטעט, אָבער מיט דעם תנאי, אז לענין און טראָצקי זאָלען ניט זיין אין קאבינעט. די צענטראַל־קאָמיטעטען פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די פּויערים־סאָוויעטען האָבען בעשלאָסען, אז כאָטש זיי זיינען נאָך אַלץ געגען דער „פערברעכערישער פּאָליטיק“ פון די באָלשעוויקעס, פונדעסטוועגען וועלען זיי ניט זיין געגען זייער אנטהייל נעהמען אין דעם פאָלקס־ראטה, „כדי אָבצושטעלען דעם בלוטיגען ברודער־מאָרד“.

קערענסקי׳ס פּליטה און דער מערקווירדיגער ערפאָלג פון די סאָוויעטען אומעטום האָבען געענדערט די לאגע. אויף א זיצונג פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דעם 16 נאָוועמבער האָבען די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען געפאָדערט, אז די באָלשעוויקעס זאָלען בילדען א קאָאַליציאָנס־רעגירונג מיט די איבריגע סאָציאַליסטישע פּארטייען; אניט, האָבען זיי געזאָגט, וועלען זיי ארויס פון דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט און פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. „די ידעות פון מאָסקווא“, האָט מאַלקין געזאָגט, „וואו אונזערע חברים שטארבען אויף ביידע זייטען פון די באריקאדען, צווינגט אונז נאָך אַמאָל אויפצוהויבען די פראגע וועגען אָרגאניזירען די מאכט. דאָס איז ניט נאָר אונזער רעכט, נאָר אויך אונזער פּפליכט... מיר האָבען ערוואָרבען דאָס רעכט צו זיצען מיט די באָלשעוויקעס אָט דאָ, אין די וועגד פון דעם סמאָלני אינסטיטוט, און צו רעדען פון דער דאָזיגער טריבונע. אויב איהר זאָגט זיך אָב פון א פּשרה, וועלען מיר מוזען, נאָך א הארטען אינעווענינסטען פּארטיי־קאמפף, פרואווען אָן אָפענעם קאמפף אין דרויסען... מיר מוזען

פארשלאגען דער דעמאקראטיע אזא קאמפראמיס, וואס זי זאל איהם קענען אננעהמען..."

מען האט איבערגעריסען די זיצונג צו בעטראכטען דעם אולטימאטום, נאכדעם האבען די באלשעוויקעס זיך אומגעקעהרט מיט א רעזאלוציע. קאמענעוו האט זי פארגעלעזען:

„לויט דער מיינונג פון דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט איז נויטיג, אז אין דער רעגירונג זאלען אריין פארטרעטער פון אלע סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע שטעלען צוזאמען די סאוויעטען פון ארבייטער־, סאלדאטען־ און פויערים־דעפוטאטען, אויב זיי אנערקענען די ערא בערונגען פון דער רעוואלוציע פון דעם 7טען נאוועמבער, דאס הייסט די גרינדונג פון א סאוויעט־רעגירונג, דאס געזעץ וועגען פריעדען, וועגען ערד, וועגען ארבייטער־קאנטראל איבער דער אינדוסטריע און די בעוואפענונג פון דעם ארבייטער־קלאס. דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט בעשליסט דעריבער פארצושלאגען, אז מען זאל אנהויבען פערהאנדלונגען וועגען גרינדען א רעגירונג פון אלע סאוויעט־פארטייען. דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט שלאגט פאר אלס א באזיס די פאלגענדע בעדינגונגען:

„די רעגירונג איז פאראנטווארטליך פאר דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט. דער צענטראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט ווערט פארגרעסערט ביז הונדערט מיט פונפציג מיטגליעדער. צו זאט די הונדערט פונפציג דעלעגאטען פון די סאוויעטען פון ארבייטער־ און סאלדאטען־דעפוטאטען קומען צו פינף און זעכציג דעלעגאטען פון די פראווינציעלע סאוויעטען פון פויערים־דעפוטאטען, אכציג פון די פראנט־ארגאניזאציעס פון דער ארמעע און דעם פלאט, פיערציג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען (25 פון די פארשיידענע אלל־רוסישע פעראיינען, וועדליג זייער וויכטיגקייט, צעהן פון דעם אלל־רוסישען אייזענבאהן־פעראיין און פינף פון די פאסט־ און טעלעגראף־ארבייטער) און פונפציג דעלעגאטען פון די סאציאליסטישע גרופען אין דער פעטראגראדער שטאדט־דומא. אין דעם מיניסטעריום האבען די באלשעוויקעס מינדעסטענס א העלפט פון אלע פארטפעלען. די מיניסטארען פון ארבייט, פון אינעווענינגסטע אנגעלעגענהייטען און פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען מוזען זיין באלשעוויקעס. די קאמאנדע איבער

די גארניזאָנען פון פעטראָגראַד און מאָסקווע בלייבט אין די הענד פון דעלעגאַטען פון מאָסקווער און פעטראָגראַדער סאָוויעטען.

„די רעגירונג נעהמט זיך צו אַ סיסטעמאַטישער בעוואפנונג פון די אַרבייטער איבער גאַנץ רוסלאַנד.

„עס ווערט בעשלאָסען צו באַשטעהן אויף דער קאַנדידאַטור פון די חברים לענין און טראָצקי.“

קאַמענעוו האָט געגעבען ערקלערונגען צו דער רעזאָלוציע. „דער אַזוי גערופענער „פאָלקס־ראַטה“, האָט ער געזאָגט, „וואָס די קאָנפע־רענץ שלאָגט פאָר, וואָלט בעשטאַנען פון אַזוינע פיער הונדערט און צוואַנציג מיטגליעדער, פון זיי נאָר הונדערט און פונפציג באָלשע־וויקעס. די איבעריגע וואָלטען געווען דעלעגאַטען פון דעם אַלטען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, הונדערט געקליבענע פאַרטרעטער פון די שטאָדט־דומאַס — אַלע קאָרנילאַוועס, הונדערט דעלעגאַטען פון די פויערים־סאָוויעטען, — בעשטימט פון אַווקסענ־טיעוו'ן און אַכציג פון די אַלטע אַרמעע־קאָמיטעטען, וועלכע פערטרע־טען שוין מעהר ניט די סאָלדאַטסקע מאַסען.

„מיר זאָגען זיך אָב צוצולאָזען דעם אַלטען צענטראַלען עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט, ווי אויך די פערטרעטער פון די שטאָדט־דומאַס. די דעלעגאַטען פון די פויערים־סאָוויעטען דאַרפען אויסגעקליבען ווערען דורך דעם פויערים־קאָנגרעס, וואָס מיר האָבען גערופען אוּן וואָס וועט דאַרטען אויסקלייבען אַ נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. דער פאָרשלאָג אויסצושליסען לענין'ען און טראָצקי'ן איז אַ פאָרשלאָג אָבצוהאַקען אונזער פאַרטיי דעם קאָפּ, קענען מיר איהם ניט אָננעהמען. סוף כל סוף זעהען מיר גאָר ניט איין, צוליעב וואָס מען דאַרף האָבען אַ „פאָלקס־ראַטה“: די סאָוויעטען זיינען סאַי ווי סאַי אָפען פאַר אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, און דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פאַרטרעט זיי אין דער זעלביגער פּראָפּאָרציע, ווי זיי זיינען פאַר־טראָטען צווישען די מאַסען...“

אינ'ם נאָמען פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען ער־קלעהרט קארעלין, אַז זיין פאַרטיי וועט שטימען פאַר דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע, נאָר זי לאָזט זיך איבער דאָס רעכט אויסצו־בעסערען איינינע פּרטים, ווי די פאַרטרעטערשאַפט פון די פויערים: זי פאַרלאַנגט, אַז דאָס לאַנד־ווירטהשאַפטס־מיניסטעריום זאָל זיך גע־

פינען אין די הענד פון די לינקע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען. דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען.

שפּעטער, אויף אַ זיצונג פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט, האָט מען טראָצקי׳ן געשטעלט אַ פראַגע וועגען דער בילדונג פון אַ נייע רעגירונג. טראָצקי האָט געענטפערט:

„איך ווייס גאָר ניט וועגען דעם ענין. איך בעטהייליג זיך ניט אין די פערהאַנדלונגען... יעדענפאַלס, האַלט איך זיי ניט פאַר וויכטיג...“

יענע נאַכט איז די קאָנפערענץ געווען זעהר אומרוהיג. די דעלע־גאַטען פון דער שטאַדט־דומא האָבען פערלאָזט די זיצונג...

אין סמאָלני גופא, אין די רייהען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איז געוואַקסען אַ געוואַלדיגע אָפּאָזיציע צו לענין׳ס טאַקטיק. דעם 17טען נאָוועמבער ביינאַכט איז פאָרגעקומען אַ זעהר וויכטיגע זיצונג פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט.

לאַרין, אַ באָלשעוויק, האָט ערקלעהרט, אַז עס איז געקומען די צייט פון די וואַהלען צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג און ס׳איז שוין צייט אָבצושטעלען דעם „פּאָליטישען טעראָר“.

„מען דאַרף ענדיגען די מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען געגען פּרעס־פרייהייט“, האָט ער געזאָגט „זיי האָבען געהאַט אַ זין אין דער צייט פון קאַמפּף, אָבער איצט איז ניטאָ קיין אורזאַכע, פאַר וואָס זיי זאָלען בלייבען אין קראַפט. די פּרעסע דאַרף זיין פריי צו דרוקען אַלצדינג, אַחוץ אויפרופען צו אונאָרדנונג און אויפשטאַנד“.

צווישען אַ שטורם פון פּראָטעסט־געשרייען און פּייפערייען פון זיין אייגענער פּאַרטיי האָט לאַרין אַריינגעטראָגען די פאָלגענדע רע־זאָלוציע.

„דער געזעץ פון דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען וועגען דער פּרעסע ווערט דערמיט אָבגעשאַפט.

„מיטלען פון פּאָליטישע אונטערדריקונג קענען אָנגעווענדעט ווע־רען נאָר לויט די בעשליסע פון אַ ספּעציעלען טריבונאַל, וועלכער ווערט אויסגעקליבען דורך דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פּראָ־פּאָרציאָנעל צו דער קראַפט פון די פערשיידענע פּאַרטייען, וואָס זיינען אין איהם פערטראָטען. דער דאָזיגער טריבונאַל האָט אויך דאָס

רעכט איבערצוקוקען די יעניגע אונטערדריקונגס־מיטלען, וואס מען האט אנגענומען ביז אהער".

די רעוואלוציע ווערט אויפגענומען מיט שטורעמדיגע אפלא־דיסמענטען ניט נאר פון די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, נאר אויך פון א טהייל באלשעוויקעס. אוואנעסאוו שלאגט פאר אין דעם נאמען פון די לעניניסטען, אז די פראגע וועגען דער פרעסע זאל מען אבלעגען ביז עס וועט קומען צו א וועלכען אויסגלייך צווי־שען די סאציאליסטישע פארטייען. דער פארשלאג ווערט נידער־געשטימט מיט א ריעזיגער מאיאריטעט.

„די רעוואלוציע, וואס קומט איצט פאר", האט אוואנעסאוו גע־זאגט, „שטעלט זיך ניט אב פאר פריוואט־אייגענטום; פון דעם שטאנדפונקט פון פריוואט־אייגענטום מוזען מיר אויך בעטראכטען די פראגע וועגען דער פרעסע..."

ער לייענט פאר די אפיציעלע באלשעוויסטישע רעזאלוציע:

„די בורזשואזע פרעסע איז אונטערדריקט געווארען ניט נאר צו־ליעב דעם, וואס אזוי האט פערלאנגט די מיליטערישע לאגע אין דער צייט פון דעם אויפשטאנד, ניט נאר צוליעב דעם, ווייל מען האט געדארפט ברעכען די קאנטר־רעוואלוציע, נאר ווייל דאס איז נויטיג געווען אלס א מיטעל אוועקצושטעלען די פרעסע אין א נייער לאגע, — א לאגע, וואו די קאפיטאליסטישע אייגענטימער פון פאפיער און דרוקערייען וועלען מעהר ניט קענען זיין די אלל־מעכטיגע און אויסשליסליכע פאבריקאנטען פון געזעלשאפטליכער מיינונג.

„מיר מוזען קאנפיסקירען די פריוואטע דרוקערייען און די זאפא־סען פון פאפיער. זיי מוזען ווערען דאס אייגענטום פון די סאוויע־טען, סיי אין פעטראגראד, סיי אין די פראווינץ־שטעדט, אזוי אז די פאליטישע פארטייען און גרופען זאלען קענען נוצען די דרוק־מאטע־ריאלען וועדליג דער ווירקליכער קראפט פון די אידעען, וואס זיי פאר־טרעטען, — דאס הייסט וועדליג די צאהל פון זייערע וועהלער.

„איינפיהרען די אזוי־גערופענע „פרעס־ פרייהייט", דאס הייסט אומקעהרען די דרוקערייען און דאס פאפיער די קאפיטאליסטען, וואס פארגיפטען די מוחות פון דעם פאלק, — וואלט געהייסען זיך אונטער־ווארפען דעם ווילען פון קאפיטאל, אבגעבען איינע פון די וויכטיג־

סטע ערֿאבערונגען פון דער רעוואָלוציע. דאָס טאָר ניט געשעהן, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ שארפער אקט פון קאָנטר־רעוואָלוציע.

„נעהמענדיג דאָס אַלעס אין אנבעטראכט, וואָרפט דער צענט־ראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ענטשיעדען אָב יעדען פאָרשלאָג איינ־צופיהרען די פריהערדיגע אָרדנונג בנוגע דער פרעסע און ער איז אין דעם פּרט אבסאָלוט איינפערשטאנדען מיט דעם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען; ער זאָגט זיך ארויס געגען אַלערלייא פּרעטענזיעס און אולטימאטומס, וואָס ווערען דיקטירט דורך קליין־ביר:ערליכע נארישע מיינונגען אָדער דורך די אינטערעסען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנע־רער בורזשואזיע".

בשעת אוואנעסאָוו האָט געלייענט אָט די רעזאָלוציע, האָבען די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען איהם אַלע מאָל איבערגעריסען מיט איראָנישע אויסרופען און די אונצופריעדענע באָלשעוויקעס האָ־בען אויסגעבראָכען אין געשרייען פון ענטריסטונג. קארעלין שפּרינגט אויף און פּראָטעסטירט. „צוריק מיט דריי וואָכען זיינען די באָל־שעוויקעס געווען די געטרייסטע פערטהיידיגער פון פּרעס־פרייהייט... די אידעען, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דער דאָזיגער רעזאָלוציע, זיינען די אידעען פון דער אַלטער שווארצער מאה און ביוראָקראטישע צענזאָרען: זיי האָבען אויך גע'טענה'ט, אז מען „פארגיפטעט די מוחות פון פאָלק".

טראָצקי פארטהיידיגט די רעזאָלוציע אין אַ לאַנגער רעדע. ער מאכט אַן אונטערשיעד צווישען דער פרעסע אין דער צייט פון דעם בירגער־קריעג און דער פרעסע נאָך דעם זיעג. „אין דער צייט פון בירגער־קריעג האָבען נאָר די אונטערדריקטע אַ רעכט צו געברויכען געוואַלד..." (געשרייען: „ווער זיינען איצט די אונטערדריקטע? מענשען־פרעסער!").

„דער זיעג איבער אונזערע געגנער איז נאָך ניט געזיכערט, און די צייטונגען זיינען געוועהר אין זייערע הענד. ביי אַזוינע בעדינ־גונגען איז די שליסונג פון די צייטונגען אַ געזעצליך מיטעל פון פאר־טהיידיגונג..." איבערגעהענדיג צו דער פראגע וועגען דער פרעסע נאָך דעם זיעג, זאָגט טראָצקי אַזוי:

„די סאָציאַליסטען דארפען קוקען אויף דער פרעס־פרייהייט פונקט ווי זיי קוקען אויף האנדעלס־פרייהייט... די דעמאָקראטישע

אָרדנונג, וואָס ווערט איצט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד, פערלאַנגט, אַז פּריוואַט־אייגענטום זאָל אויפהערען בעהערשען די פּרעסע, פּונקט אַזוי ווי פּריוואַט־אייגענטום הערט אויף בעהערשען די אינדוסטריען... די מאַכט פון די סאָוויעטען דאַרף קאָנפיסקירען אַלע דרוקערייען" (געשרייען: „קאָנפיסקירען די דרוקעריי פון דער „פּראַוודאַ!").

„די מאָנאָפּאָל פון דער בורזשואַזיע איבער דער פּרעסע מוז אָב־געשאַפט ווערען, אַניט איז ניט כדאי געוועז אריינצונעהמען די מאַכט אין אונזערע הענד! יעדע גרופּע בירגער דאַרף האָבען אַ צוטריט צו די דרוקערייען און צום פּאַפּיער... דרוק־זאַץ און פּאַפּיער דאַרפען קודם כל געהערען די ארבייטער און די פּויערים, און ערשט נאָכדעם מעגען זיי געהערען אויך די בורזשואַזע פּאַרטייען, וועלכע געפינען זיך אין דער מינאָריטעט... ווען די מאַכט געהט איבער אין די הענד פון די סאָוויעטען, וועט דאָס גרינדליך ענדערען אַלע בעדינגונגען פון אונזער לעבען, און אָט די ענדערונג וועט זיך נאַטירליך מוזען אָבשפּיעגלען אין דער פּרעסע... אויב מיר נעהמען זיך נאַציאָנאַלי־זירען די בענק, ווי קענען מיר דערלאָזען, אַז עס זאָלען ארויסגעהן פינאַנץ־זשורנאַלען? די אַלטע אָרדנונג מוז שטאַרבען, — לאָמיר דאָס געדענקען איינמאָל פאַר אַלע מאָל..." (אַפּלאָדיסמענטען און בייזע געשרייען).

קארעלין ערקלעהרט, אַז דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט קיין רעכט ניט צו ענטשיידען אַזאַ וויכטיגע פראַגע, אַז מען דאַרף זי איבערגעבען אַ ספּעציעלען קאָמיטעט. מיט גרויס היץ פאָ־דערט ער ווידער אַמאָל, אַז די פּרעסע זאָל זיין פריי.

לענין רעדט. ער איז רוהיג, איינגעהאַלטען, זיין שטערן איז געקנייטשט, ער רעדט פּאַוואָליע, מיט געקליבענע ווערטער; יעדע פראַזע פאַלט ווי דער קלאַפּ פון אַ האַמער. „דער בירגער־קריעג איז נאָך ניט געענדיגט. דער פיינד איז נאָך דאָ, צווישען אונז. קענען מיר ניט אָבשאַפען די בעגרענצונגען פון דער פּרעסע.

„מיר, באָלשעוויקעס, האָבען שטענדיג געזאָגט, אַז אויב מיר גע־ווינען די מאַכט, שטעלען מיר אָב די בורזשואַזע פּרעסע. דולדען די בורזשואַזע פּרעסע הייסט אויפהערען זיין סאָציאַליסטען. אַז מען מאַכט אַ רעוואָלוציע, קען מען ניט שטעהן אויף איין אָרט: מען מוז אָדער געהן פאָרווערטס, אָדער צוריק. ווער עס רעדט וועגען

„פּרעס־פרייהייט“, געהט צוריק. ער לעגט אונז א שטיין אויפ׳ן וועג צום סאָציאַליזם.

„מיר האָבען אַראָבגעוואָרפען דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם, פּונקט ווי די ערשטע רעוואָלוציע האָט אַראָבגעוואָרפען דעם יאָך פון צאַריזם. אויב די ערשטע רעוואָלוציע האָט געהאַט א רעכט צו אונטערדריקען די מאָנאַרכיסטישע פּרעסע, האָבען מיר א רעכט צו אונטערדריקען די בורזשואַזע פּרעסע. די פראַגע וועגען פּרעס־פרייהייט קען מען ניט אָבטהיילען פון אַלע איבעריגע פראַגען פון קלאַסען־קאַמפּף. מיר האָבען געזאָגט, אַז מיר וועלען פאַרמאַכען די בורזשואַזע צייטונגען, און מיר וועלען דאָס טהאָן. די ריעזיגע מעהרהייט פון פאָלק איז מיט אונז!

„איצט, ווען דער אויפשטאַנד איז אַריבער, האָבען מיר קיין שום פערלאַנג ניט צו אונטערדריקען די צייטונגען פון די איבעריגע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען, סיידען זיי רופען צו בעוואַפנעטען אויפ־שטאַנד, אָדער זיי אַגיטירען ניט צו פאָלגען די סאָוויעט־רעגירונג. מיר וועלען אָבער ניט דערלאָזען, אַז אונטער דער מאַסקע פון פריי־הייט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּרעסע זאָלען זיי, מיט דער בעהאַל־טענער הילף פון דער בורזשואַזיע, בעקומען א מאָנאָפּאָל איבער דרוק־קערייען, טינט און פּאַפּיער... די אַלע וויכטיגע געצייגען דאַרפען ווערען דאָס אייגענטום פון דער סאָוויעט־רעגירונג און דאַרפען קודם כל פונאַנדערגעטהיילט ווערען צווישען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועדליג די צאָהל שטימען וואָס זיי האָבען בעקומען...“

די רעזאָלוציעס ווערען גענומען צום אָבשטימונג. לאַרין׳ס רעזאָ־לוציע ווערט אָבגעוואָרפען מיט א מעהרהייט פון 31 געגען 22; לע־נין׳ס פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען מיט א מעהרהייט פון 34 געגען 24. מיט דער מינאָריטעט האָבען געשטימט די באָלשעוויקעס ריאזאַנאָוו און לאָזאָווסקי, וועלכע האָבען ערקלעהרט, אַז זיי קענען בשום אופן ניט שטימען פאַר בעשרענקען די פּרעס־פרייהייט.

די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען ערקלעהרען דאַן, אַז זיי קענען מעהר ניט טראָגען קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם, וואָס קומט פאָר, און ציהען זיך צוריק פון דעם מיליטערישען רעוואָ־לוציאָנערען קאָמיטעט און פון אַלע אַנדערע פאַראַנטוואָרטליכע קער־פּערשאַפטען.

פינף מיטגליעדער: נאָגין, ריקאָוו, מיליוטין, טעאָדאָראָוויטש און שליאַפניקאָוו רעזיגנירען פון דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען. זיי מאַכען די פאָלגענדע ערקלעהרונג:

„מיר זיינען פאַר אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג, וועלכע זאָל זיין צונויפגעשטעלט פון אַלע סאָוויעט־פּאַרטייען. מיר האַלטען, אַז נאָר אַזאַ רעגירונג קען גאַראַנטירען די רעזולטאַטען פון דעם העלדישען קאַמפּף פון דעם אַרבייטער־קלאַס און דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. אויב ניט דאָס, בלייבט נאָר איין וועג: אָרגאַניזירען אַ ריין באָלשעוויסטישע רעגיערונג דורך פּאָליטישען טעראָר. דאָס איז דער וועג, אויף וועלכען עס האָט זיך געשטעלט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען. אויף אַזאַ וועג ווילען מיר ניט געהן און קענען ניט געהן. דאָס שליסט אויס פון פּאָליטישען לעבען אַ סך פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציאָנען, עס פיהרט איין אַן אונפאַראַנטוואָרטליכע אָרדנונג און צושטערט די רעוואָלוציע און דאָס לאַנד. מיר קענען ניט נעהמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזאַ טאַקטיק, און מיר מעלדען דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אַז מיר זאָגען זיך אָב פון אונזערע עמטער אַלס פאָלקס־קאָמיסאַרען“.

אונטער דער ערקלעהרונג שרייבען זיך אונטער פיעלע אַנדערע, כאָטש זיי רעזיגנירען ניט פון זייערע עמטער: ריאַזאַנאָוו און דערביטשעוו פון דעם פרעס־דעפּאַרטמענט, אַרבוזאָוו פון דער רעגירונגס־דרוקעריי, יורענעוו פון דער רויטער גוואַרדיע, פיאָדאָראָוו פון דעם אַרבייטס־קאָמיסאַריאַט, לאַרין, סעקרעטער פון דער אָבטהיילונג צו בעאַרבייטען געזעצען.

קאַמענעוו, ריקאָוו, מיליוטין, זינאָוויעוו און נאָגין רעזיגנירען אויפ'ן שטעל פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. זיי מאַכען די פאָלגענדע ערקלעהרונג:

„... עס איז אונבעדינגט נויטיג צו גרינדען אַזאַ רעגיערונג (וואָס זאָל בעשטעהן פון אַלע סאָוויעט־פּאַרטייען) אויב מיר ווילען בעוואָרענען, אַז קיין בלוט זאָל זיך מעהר ניט גיסען, אַז דער הונגער זאָל ניט אָנמאַכען קיין חורבן, אַז די רעוואָלוציע זאָל ניט דערשטיקט ווערען דורך אַלערליי קאַלעדינס, אויב מיר ווילען גאַראַנטירען אַ גרינדונגס־פערזאַמלונג אין דער פּאַסענדער צייט, אויב מיר ווילען דורכפיהרען דאָס פּראָגראַם פון דעם סאָוויעטען־קאָנגרעס...

„מיר קענען אויף זיך ניט נעהמען די פעראנטוואָרטליכקייט פאַר דער אונגליקליכער טאַקטיק פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. די דאָזיגע טאַקטיק איז געגען דעם ווילען פון אַ ריעזיגער מעהרהייט ארבייטער און סאָלדאַטען, וועלכע וואָלטען געוואָלט זעהן, אַז די בלוט־פאַרגיסונג צווישען די פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען פון דער דעמאָקראַ־טיע זאָל שוין נעהמען אַן עק... מיר זאָגען זיך אָב פון אונזערע שטע־לען אַלס מיטגליעדער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, כדי מיר זאָלען קענען ארויסזאָגען אָפען אונזער מיינונג פאַר די מאַסען ארבייטער און סאָלדאַטען...

„מיר פאַרלאָזען דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין דעם מאָמענט פון אַ זיעג: מיר קענען ניט צוזעהן רוהיג, ווי די פיהרער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט נעהמען אָן אַזאַ טאַקטיק, וואָס וועט פאַרניכטען די פרוכט פון דעם זיעג און ברעכען די קראַפט פון דעם ארבייטער־קלאַס...“

אַן אומרוהיגע בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די ארביי־טער און די סאָלדאַטען פון דעם גאַרניזאָן. מען האָט געשיקט דעלע־גאַטען אין סמאָלני, אין דער קאָנפערענץ צו בילדען אַ נייע רעגירונג, וואו דער קאָנפליקט אין די באָלשעוויסטישע רייהען האָט ארויסגע־רופען אַ גרויסע שמחה.

דער ענטפער פון די לעניניסטען איז געווען קורץ און אומדער־בארעמדיג. שליאַפּניקאָוו און טעאָדאָראָוויטש האָבען זיך אונטער־געגעבען דער פּאַרטיי־דיסציפּלין און זיך אומגעקעהרט צו זייערע עמ־טער. קאַמענעוו'ען האָט מען אראָבגעזעצט אַלס דעם פּאָרזיצענדען פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, און זיין פּלאַץ האָט פאַר־נומען סווערדלאָוו. זינאָוויעוו'ן האָט מען אראָבגעזעצט פון זיין אמט אַלס פּאָרזיצענדער פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט. דעם 5טען אין דער פריה איז אין „פּראַוודאַ“ געווען אָבגעדרוקט אַ ברענענ־דיגע פּראָקלאַמאַציע צום רוסישען פאָלק. געשריבען האָט זי לענין. זי איז ערשיענען אין הונדערטער טויזענדער עקזעמפּלאַרען און פאַר־שפּרייט געוואָרען אומעטום, פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרען אויף די ווענד און פאַנאַנדערגעגעבען געוואָרען פון האַנד צו האַנד איבער גאַנץ רוסלאַנד.

„דער צווייטער אַלל־רוסישער סאָוויעטען־קאָנגרעס האָט געגעבען

אַ מאַיאָריטעט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. נאָר אַ רעגיערונג, וואָס בעשטעהט פון אַט דער פּאַרטיי, קען זיין אַ סאָוויעט־רעגירונג. אַלע ווייסען, אַז עטליכע שעה איידער עס איז געבילדעט געוואָרען די נייע רעגירונג, און איידער עס איז פאַרגעשלאָגען געוואָרען דער רייס־טער פון איהרע מיטגליעדער פאַר דעם אַלל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איינגעלאַדען צו זיין זיצונג דריי פון די וויכטיגסטע מיט־גליעדער פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, די חברים קאַמקאָוו, ספּיראָ און קארעלין, און האָט זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען זיך בעטהייליגען אין דער נייער רעגירונג. עס טהוט האַרציג באַנג, וואָס די איינגעלאַדענע חברים האָבען זיך אָבגעזאָגט. זיי האָבען דאָס ניט געטאָרט טהאָן אַלס רעוואָלוציאָנערען און קעמפּפער פאַר דעם ארבייטער־קלאַס. מיר זיינען געווען גרייט אריינצונעהמען די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אין דער רעגירונג. אָבער מיר ער־קלעהרען, אַז זייענדיג די מעהרהייטס־פּאַרטיי פון דעם צווייטען אַלל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס, האָבען מיר אַ רעכט און זיינען פ א ר־פ פ ל י כ ט ע ט פאַר'ן פאָלק צו בילדען אַ רעגירונג...

„...חברים־ עטליכע מיטגליעדער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי און פון דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען, קאַמענעוו, זינאָוויעוו, נאָגין, ריקאָוו, מיליוטין און אייניגע אַנדערע, האָבען געכטען, דעם 17טען נאָוועמבער, פערלאָזט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי און די לעצטע דריי זיינען אויך ארוים־געטראָטען פון דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען...

„די דאָזיגע חברים האָבען געהאַנדעלט ווי דעזערטירען. זיי האָבען ניט נאָר פּאַרלאָזט זייערע עמטער, זיי האָבען אויך ניט גע־פאָלגט די אינסטרוקציעס פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, וועלכער האָט קלאָהר און דייטליך געזאָגט, אַז זיי דאַרפען וואַרטען אויף די בעשלוסען פון דער פּעטראָגראַדער און מאָסקווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, איידער זיי פּאַרלאָזען זייער אמט. מיר פּראָ־טעסטירען ענטשיעדען געגען אַזוינע האַנדלונגען פון דעזערטירען. מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז אַלע בעוואוסטזיניגע ארבייטער, סאָלדאַטען און פויערים, וואָס געהערען צו אונזער פּאַרטיי אָדער סימ־

פאטיזירען מיט איהר, וועלען אויך פעראורטהיילען די פיהרונג פון די דעזערטירען...

„געדענקט, חברים, אז צוויי פון די דאָזיגע דעזערטירען, קאמע־נעוו און זינאָוויעוו, האָבען נאָך פ א ר דעם פעטראָגראַדער אויפ־שטאַנד געהאנדעלט ווי דעזערטירען און סטרייק־ברעכער: אויף דער ענטשיידענדער זיצונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט דעם 23טען אָקטאָ־בער האָבען זיי געשטימט געגען אַן אויפשטאַנד, און אפילו נ אָ כ ־ ד ע ם, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין געהאט אָנגענומען די רעזאָלוציע, האָבען זיי נאָך אַלץ אַגיטירט געגען אויפשטאַנד אין אַ פערזאַמלונג פון פּאַרטיי־טהוער... דער גרויסער אימפּעט פון די מאַסען, די גרויסע העלדישקייט פון מיליאָנען ארבייטער, סאָלדאַטען, פּויערים אין מאָסקווע, פּעטראָגראַד, ביים פראָנט, אין די טראַנשעען, אין די דערפער, — האָט אָבגערוקט אַן אַ זייט די דאָזיגע דעזערטי־רען, ווי אַן אייזענבאהן־צוג רוקט אָב צושאָטענע שטרוי...

„שאַנד צו די וואָס האָבען ווענינ אמונה, שאַנד צו די וואָס וואַק־לען זיך, וואָס צווייפלען, וואָס לאָזען זיך אָנשרעקען פון דער בור־זשואזיע, וואָס פאַלען ביי זיך אַראָב פון די געשרייען פון איהרע דירעקטע אָדער אונדירעקטע העלפער! צווישען די מ אַ ס ע ן פון פּעטראָגראַד, מאָסקווע און גאַנץ רוסלאַנד איז נישטאָ אפילו דער ש אָ ט ע ן פון צווייפעל...

„מיר וועלען ניט נאָכגעבען די אולטימאַטומס פון קליינע גרופּען אינטעליגענטען, וועלכע האָבען ניט הינטער זיך די מאַסען און וועלכע ווערען פ אַ ק ט י ש אונטערשטיצט נאָר פון קאָרנילאָווצעס, סאַ־ווינקאָווצעס, יונקערס און דעסגלייכען..."

דער ענטפער פון דעם גאַנצען לאַנד איז אָנגעקומען ווי אַ שטורם־ווינד. די באָלשעוויסטישע פּראָטעסטאַנטען האָבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט „ארויסצוזאָגען אָפען זייער מיינונג פאַר די מאַסען אַר־בייטער און סאָלדאַטען". הייסע כוואַליעס פון פאָלקס־אונצופריע־דענהייט געגען די דעזערטירען האָבען פאַרפלייצט דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. גאַנצע טעג איז סמאָלני געווען פול מיט אויפ־גערעגטע דעלעגאַציעס און קאָמיטעטען — פון דעם פראָנט, פון דער וואָלגא, פון די פּעטראָגראַדער פאַבריקען. „ווי האָבען זיי געטאָר פאַרלאָזען די רעגירונג? האָט די בורזשואזיע זיי געדונגען צו ברעכען

די רעוואָלוציע? זיי מוזען זיך אומקעהרען און פאָלגען די בעשליסען פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט!"

נאָר אין דעם פעטראָגראַדער גארניזאָן איז נאָך די לאַגע ניט געווען זיכער. דעם 24טען נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע סאָלדאַטען־פערזאַמלונג, וואו עס האָבען גערעדט פארטרעטער פון אַלע פאָליטישע פארטייען. אַ ריעזיגע מאַיאָריטעט האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר לענין'ס טאקטיק און האָט געפאָדערט פון די לינקע סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען, זיי זאָלען אריינטרעטען אין דער רעגירונג.

די מענשעוויקעס האָבען דערלאַנגט זייער לעצטען אולטימאַטום. זיי האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל ארויסלאָזען די מיניסטאָרען און די יונקערס, אַז די צייטונגען זאָלען בעקומען פולע פרייהייט, אַז די רויטע גוואַרדיע זאָל ענטוואָפענט ווערען און אַז דער גארניזאָן זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אונטער דער קאָמאַנדע פון דער דומא. אויף דערויף האָט סמאָלני געענטפערט, אַז אַלע סאָציאַליסטישע מיניס־טאָרען און אַלע יונקערס, אחוץ עטליכע, זיינען שוין פריי, אַז אַלע צייטונגען, אחוץ דער בורזשואזער פרעסע, מעגען ארויסגעהן און אַז די קאָמאַנדע איבער די בעוואָפענטע קרעפטען וועט בלייבען אין די הענד פון דעם סאָוויעט. דעם 19טען האָט די קאָנפערענץ צו בילדען אַ נייע רעגירונג זיך אויפגעלעזט, און די אָפּאָזיציע האָט זיך ביסלעכ־ווייז ארויסגע'גנב'עט קיין מאָהילעוו, וואו זי האָט, אונטער דעם פליגעל פון דעם גענעראַל־שטאַב, צונויפגעשטעלט איין רעגירונג נאָך דער אנדערער — ביז'ן סוף...

דערווייל האָבען די באָלשעוויקעס אונטערגעגראָבען די מאַכט פון דעם אַלל־רוסישען אייזענבאַהן־פעראיין. דער פעטראָגראַדער סאָוויעט האָט ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע אייזענבאַהן־ארביי־טער, אַז זיי זאָלען צווינגען דעם אייזענבאַהן־פעראיין זיך אָבזאָגען פון זיין מאַכט. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אָנגע־ווענדעט די זעלביגע טאקטיק, וואָס צו די פויערים: ער האָט בע־שטימט אַ נייעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס פון אייזענבאַהן־ארבייטער, וואָס האָט זיך געדאַרפט פערזאַמלען דעם 1טען דעצעמבער. אַלס ענטפער האָט דער אַלטער אייזענבאַהן־פעראיין בעשטימט אַ קאָנגרעס אויף צוויי וואָכען שפּעטער. דעם 16טען נאָוועמבער האָבען די מיט־גליעדער פון דעם אַלל־רוסישען אייזענבאַהן־פעראיין פאַרנומען זייערע

# КЪ ВОПРОСУ О СОГЛАШЕНІИ.

## Вниманію всѣхъ рабочихъ и всѣхъ солдатъ.

11-го Ноября въ клубѣ Преображенскаго полка состоялось чрезвычайное собраніе представителей всѣхъ частей Петроградскаго гарнизона.

Собраніе это было созвано по инціативѣ Преображенскаго и Семеновскаго полковъ для обсужденія вопроса о томъ, какія соціалистическія партіи стоятъ за совѣтскую власть, какія противъ совѣтской власти, какія стоятъ за народъ, какія противъ него, и возможно ли соглашеніе.

На собраніе были приглашены представители Центральнаго Исполнительнаго Комитета Совѣтовъ, Городской думы, Авксентьевскаго крестьянскаго совѣта и всѣхъ политическихъ партій отъ большевиковъ до народныхъ соціалистовъ включительно.

Послѣ долгаго обсужденія, заслушавъ рѣчи всѣхъ партій и организацій, собраніе подавляющимъ большинствомъ голосовъ признало, что только большевики и лѣвые эс-эры стоятъ за народъ, а всѣ остальныя партіи только прикрываются лозунгомъ соглашенія для того, чтобы лишить народъ тѣхъ завоеваній, которыя были сдѣланы въ дни великой октябрьской рабочей и солдатской революціи.

Вотъ текстъ резолюціи, принятой на этомъ собраніи Петроградскаго гарнизона 61 голосомъ противъ 1 при 12 воздержавшихся:

**„Гарнизонное собраніе, созванное по иниціативѣ Преображенскаго и Семеновскаго полковъ, выслушавъ представителей всѣхъ соціалистическихъ партій и общественныхъ организацій по вопросу о соглашеніи политическихъ партій, находитъ, что:**

**1) Представители Центральнаго Исполнительнаго Комитета Совѣтовъ (2-го созыва), представители партіи большевиковъ и лѣвыхъ эс-эровъ опредѣленно заявили, что они за власть совѣтовъ, за декреты о землѣ, мирѣ и контролѣ надъ производствомъ и что на этой платформѣ они допускаютъ соглашеніе соціалистическихъ партій.**

**2) Въ то же время представители другихъ партій (эс-эровъ и меньшевиковъ) или не дали отвѣта или прямо заявили, что они противъ совѣтской власти и противъ декретовъ о землѣ, мирѣ и контролѣ;**

**Въ виду чего совѣщаніе постановляетъ:**

1) Вынести рѣзкое порицаніе тѣмъ партіямъ, которыя, прикрываясь лозунгомъ соглашенія, на самомъ дѣлѣ хотятъ сорвать завоеванія, добытыя народомъ въ дни октябрьской революціи.

2) Выразить полное довѣріе Центральному Исполнительному Комитету и Совѣту народныхъ Комиссаровъ и обѣщать имъ полную поддержку.

Въ тоже время собраніе находитъ необходимымъ, чтобы товарищи лѣвые эс-эры вступили въ составъ Народнаго Правительства.

***Совѣщаніе представителей воинскихъ частей Петроградскаго гарнизона.***

[illegible]

Announcement, posted on the walls of Petrograd, of the result of a meeting of representatives of the garrison regiments, called to consider the question of forming a new Government. For translation see Appendix 6.

פלעצער אין דעם בענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט. אין דער נאכט פון דעם 2טען דעצעמבער, אויף דער ערעפונגס־זיצונג פון דעם אלל־רוסישען קאנגרעס פון די אייזענבאהן־ארבייטער, האט דער צענט־ראלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פארגעשלאגען דעם אייזענבאהן־פעראיין דעם אמט פון א פערקעהרס־קאמיסאר. דער פארשלאג איז אנגענו־מען געווארען...

געענדיגט מיט דער פראגע וועגען מאכט, האבען די באלשעוויקעס זיך גענומען צו די פראגען פון פראקטישער פערוואלטונג. קודם כל האט מען געדארפט האבען שפייז — פאר דער שטאדט, פאר׳ן לאנד, פאר דער ארמעע. גרופען מאטראזען און רויטע גווארדייצעס האבען בעזוכט די מאגאזינען, די וואקזאלען, אפילו די בארזשעס אויף די קאנאלען און ענטדעקט טויזענדער פוד שפייז, וואס האט זיך געפונען אין די הענד פון פריוואטע ספעקולאנטען. שלוחים זיינען געשיקט געווארען אויף דער פראווינץ, וואו זיי האבען מיט דער הילף פון די ערד־קאמיטעטען קאנפיסקירט די תבואה ביי די גרויסע תבואה־הענד־לער. עקספעדיציעס פון שטארק־בעוואפענטע מאטראזען, פינף טוי־זענד אין יעדער עקספעדיציע, זיינען געשיקט געווארען קיין דרום, קיין סיביר, מיט א בעפעהל צו פארנעהמען די שטעדט, וואס האבען זיך נאך געפונען אין די הענד פון דער ווייסער גווארדיע, צו זיכערען ארדנונג און צו ק ר י ע ג ע ן ש פ י י ז. דעם פאסאזשירען־פארקעהר אויף דער סיבירער אייזענבאהן האט מען אבגעשטעלט אויף צוויי וואכען: דרייצעהן צוגען אנגעלאדען מיט ליינוואנד און אייזענווארג, וואס די פאבריטשנא־זאוואדסקע קאמיטעטען האבען אנ־געזאמעלט, יעדער צוג אונטער דער אויפזיכט פון א בעזונדערען קאמיסאר, זיינען אבגעפאהרען קיין מזרח, כדי אויסצובייטען די סחורה ביי די סיבירער פויערים אויף תבואה און קארטאפעל...

אזוי ווי קאלעדין האט געהאלטען די דאנער קויהלען־גרובען, איז די פראגע פון הייצונג געווארען דרינגענד. סמאלני האט געהייסען אויסלעשען די עלעקטרישע לאמפען אין טהעאטערען, קראמען און רעס־טאראנען; מען האט פארקלענערט די צאהל טראמווייען און קאנ־פיסקירט די זאפאסען געהילץ, וואס האבען זיך געפונען אין די הענד פון האלץ־הענדלער... און ווען די פאבריקען פון פעטראגראד האבען זיך שוין געקליבען אויפהערען ארבייטען מחמת מאנגעל אין קויהלען,

האָבען די מאַטראָזען פון דעם באַלטישען פלאָט איבערגעגעבען די אַר־בייטער צוויי הונדערט טויזענד פוד קויהלען פון די קריעגס־שיפען...

ענדע נאָוועמבער האָבען זיך אָנגעהויבען די „וויין־פּאָגראָמען“ —— מען האָט גערעבעוועט די וויין־קעלערס, אָנהויבענדיג מיט די קעלערס פונ'ם ווינטער־פּאַלאַץ... אין די פּאָגראָמען האָט זיך געפיהלט די האַנד פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען פאַנאַנדער־געטהיילט אין די פּאָלקען פּאַפּיערען מיט אַ בעשרייבונג, וואו עס געפינען זיך די זאַפּאַסען פון משקה. די קאָמיסאַרען פון סמאָלני האָ־בען לכתחלה געבעטען און גע'טענה'ט, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען: די אונאָרדנונג איז געוואַקסען. דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען אמת'ע מלחמות צווישען די סאָלדאַטען און רויטע גוואַרדייצעס. ענדליך האָט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ארויסגעשיקט ראָטעס מאַטראָזען מיט מאַשין־האַרמאַטען. די מאַטראָזען האָבען אָהן רחמנות געשאָסען אויף די פּאָגראָמשטשיקעס און פיעלע געטוידט. קאָמיטעטען זיינען געגעאַנגען מיט העק פון ווינקעלער צו ווינקעלער, צוקלאַפּט די פלעשער אָדער זיי אויפגעריסען מיט דינאַמיט...

גרופּען רויטע גוואַרדייצעס, דיסציפּלינירט און גוט בעצאָהלט, זיינען שטענדיג, בייטאָג און ביינאַכט, געווען גרייט אין די הויפּט־קוואַרטירען פון די ראַיאָנע סאָוויעטען אויפ'ן אָרט פון דער אַלטער מיליץ. אין אַלע טהיילען פון דער שטאָדט האָבען די אַרבייטער און סאָלדאַטען אויסגעקליבען רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען צו משפּט'ן קלענערע פאַרברעכענס...

די גרויסע האָטעלען, וואו די ספּעקולאַנטען האָבען נאָך אַלץ גע־שעפּט געלד, זיינען בעלאַגערט געוואָרען פון רויטע גוואַרדייצעס, און די ספּעקולאַנטען האָט מען אַריינגעוואָרפען אין טורמע...

דער פּראָלעטאַריאַט פון פּעטראָגראַד, אומרוהיג און פול מיט פערדאַכט, האָט אָרגאַניזירט אַ געוואַלדיגע נעץ פון שפּיאָנען: די הויז־דיענער האָבען זיך צוגעקוקט, וואָס עס טהוט זיך אין די היי־זער פון דער בורזשואַזיע און געמעלדעט וועגען דעם אין מיליטערי־שען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, וועלכער האָט מוט אַן אייזערנער האַנד דערלאַנגט איין קלאַפּ נאָכ'ן צווייטען. אויף אַזאַ אופן איז ענט־דעקט געוואָרען די מאָנאַרכיסטישע פאַרשווערונג אונטער דער פיהרונג פון דעם געוועזענעם דומאַ־דעפּוטאַט פורישקעוויטש און אַ גרופּע

# ОБЯЗАТЕЛЬНОЕ ПОСТАНОВЛЕНІЕ.

1) Городъ Петроградъ объявленъ на осадномъ положеніи.

2) Всякія собранія, митинги, сборища и т. п. на улицахъ и площадяхъ воспрещается.

3) Попытки разгромовъ винныхъ погребовъ, складовъ, заводовъ, лавокъ, магазиновъ, частныхъ квартиръ и проч. и т. п. <u>будутъ прекращаемы пулеметнымъ огнемъ безъ всякаго предупрежденія.</u>

4) Домовымъ комитетамъ, швейцарамъ, дворникамъ и милиціи вмѣняется въ безусловную обязанность поддерживать самый строжайшій порядокъ въ домахъ, дворахъ и на улицахъ, причемъ ворота и подъѣзды домовъ должны запираться въ 9 час. вечера и открываться въ 7 час. утра. Послѣ 9 час. вечера выпускать только жильцовъ подъ контролемъ домовыхъ комитетовъ.

5) Виновные въ раздачѣ, продажѣ или пріобрѣтеніи всякихъ спиртныхъ напитковъ, а также въ нарушеніи пунктовъ 2-го и 4-го будутъ немедленно арестованы и подвергнуты самому тяжкому наказанію.

Петроградъ 6-го декабря, 3 часа ночи.

Комитетъ по борьбѣ съ погромами при Исполнительномъ Комитетѣ Совѣта Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.

Типографія «Копѣйка», Петроградъ, Садовая [illegible], 6, соб. [illegible]

Bolshevik order. A proclamation of the Committee to Fight against Pogroms, attached to the Petrograd Soviet. For translation see Appendix II.

אדעליגע און אָפיצירען: מען האָט געפּלאַנעוועט אַן אויפשטאַנד פון אָפיצירען און מען האָט שוין געהאַט אָנגעשריבען אַן איינלאַנדונג קאַלעדינען ער זאָל קומען קיין פּעטראָגראַד... אויף אַזאַ אופן איז ענט־דעקט געוואָרען די קאָנספּיראַציע פון די פּעטראָגראַדער קאַדעטען, וועלכע האָבען געשיקט קאַלעדינ'ען געלד און סאָלדאַטען...

נעראַטאָוו האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם צאָרן פון דער מאַסע, האָט ער זיך אומגעקעהרט און אָבגעגעבען טראָצקי'ן די געהיימע אָב־מאַכונגען. טראָצקי האָט זיי אָנגעהויבען דרוקען אין דער „פּראַוודאַ" און האָט אַרויסגערופען אַ סקאַנדאַל איבער דער גאַנצער וועלט.

די בעגרענצונגען געגען דער פּרעסע זיינען נאָך מעהר פער־שאַרפט געוואָרען דורך אַ געזעץ, וואָס גיט איבער די רעגירונגס־צייטונג אַ מאָנאָפּאָל איבער אַנאָנסען. אַלס פּראָטעסט האָבען אַלע איבריגע צייטונגען אויפגעהערט אַרויסגעהן, אַניט האָבען זיי איג־נאָרירט דאָס געזעץ, און מען האָט זיי פאַרמאַכט... ערשט אין דריי וואָכען אַרום האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען.

אין די מיניסטעריומס האָט מען נאָך אַלץ געסטרייקט, די אַלטע בעאַמטע האָבען פּראַקטיצירט סאַבאָטאַזש, דאָס עקאָנאָמישע לעבען איז ניט געווען נאָרמאַל. הינטער סמאָלני איז געשטאַנען נאָר דער ווילען פון די ברייטע אונאָרגאַניזירטע פאָלקס־מאַסען. מיט זיי האָט דאָס פערהאַנדעלט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען, זיי האָט ער דאָס אַרויסגעשיקט צו קעמפפען געגען זיינע שונאים. לענין האָט גע־שריבען פייערדיגע פּראָקלאַמאַציעס מיט אַ פּשוט'ער שפּראַך. ער האָט ערקלעהרט די רעוואָלוציע, גערופען די מאַסען, זיי זאָלען נעהמען די מאַכט אין זייערע אייגענע הענד, זיי זאָלען מיט געוואַלד ברעכען דעם ווידערשטאַנד פון די פאַרמעגליכע קלאַסען, זיי זאָלען מיט גע־וואַלד איבערנעהמען די רעגירונגס־אַנשטאַלטען. רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג! רעוואָלוציאָנערע דיסציפּלין! שטרענגע רעכנונג און קאָנ־טראָל! קיינע סטרייקס! קיין לעדיג־געהן!

דעם 20טען נאָוועמבער האָט דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערי־שער קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט אַ ווארנונג.

„די רייכע קלאַסען זיינען געגען דער מאַכט פון די סאָוויעטען — געגען דער רעגירונג פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים. זייערע אונטערהעלפער שטערען דער אַרבייט פון די רעגירונגס־בעאַמטע אין

# Ко всѣмъ рабочимъ ПЕТРОГРАДА!

**Товарищи! Революція побѣждаетъ—революція побѣдила. Вся власть перешла къ нашимъ Совѣтамъ. Первыя недѣли самыя трудныя. Надо раздавить до конца сломленную уже реакцію, надо обезпечить полное торжество нашимъ стремленіямъ. Рабочій классъ долженъ, обязанъ проявить въ эти дни**

## величайшую выдержку и выносливость,

**чтобы облегчить Новому Народному Правительству Совѣтовъ выполненіе всѣхъ задачъ. На этихъ же дняхъ будутъ изданы новые законы по рабочему вопросу и въ томъ числѣ однимъ изъ самыхъ первыхъ законъ о рабочемъ контролѣ надъ производствомъ и объ регулированіи промышленности.**

## Забастовки и выступленія рабочихъ массъ въ Петроградѣ теперь только вредятъ.

Мы просимъ васъ немедлѣнно прекратить всѣ экономическія и политическія забастовки, всѣмъ стать на работу и производить ее въ полномъ порядкѣ. Работа на заводахъ и во всѣхъ предпріятіяхъ необходима новому правительству Совѣтовъ, потому что всякое разстройство работъ создаетъ для насъ новыя затрудненія которыхъ и безъ того довольно. Всѣ къ своему мѣсту.

Лучшее средство поддержать новое правительство Совѣтовъ въ эти дни—исполняя свое дѣло.

## Да здравствуетъ твердая выдержка пролетаріата! Да здравствуетъ революція!

*Петроградскій Совѣтъ Р. и С. Д.*
*Петроградскій Совѣтъ Профессіональныхъ Союзовъ.*
*Центральный Совѣтъ Фабрично-Заводскихъ Комитетовъ.*

Типографія «Копѣйка», Петроградъ, Сайкинъ пер. 6. соб. вома.

Appeal of the Petrograd Soviet, the Petrograd Council of Professional Unions, and the Petrograd Council of Factory Shop Committees, to the Workers of Petrograd, urging them to work hard and not to strike. For translation see Appendix 13.

דער דומא, רופען ארוים סטרייקס אין די בענק, פּרואווען איבעררייסען דעם פארקעהר דורך די אייזענבאהנען, פּאָסט און טעלעגראַף.

„זאָלען זיי וויסען, אז זיי שפּיעלען זיך מיט פייער. דאָס לאַנד און די ארמעע איז אין סכנה פון הונגער. כדי צו קעמפּפען געגען הונגער, מוזען אַלע אנשטאַלטען טהאָן זייער אַרבייט אָהן אַן אָבהאַלט. די רעגירונג פון ארבייטער און פּויערים נעהמט אָן מיטלען צו פאַר־זאָרגען דאָס לאַנד און די אַרמעע מיט אַלעם נויטיגען. אויב אימיצער שטעלט זיך געגען, וועט דאָס פאַררעכענט ווערען פאַר אַ פאַרברעכען געגען פאָלק. מיר וואָרענען די רייכע קלאַסען און זייערע ארויסהעל־פער, אז אויב זיי וועלען ניט אָבשטעלען זייער סאַבאָטאַזש, אויב זיי וועלען ניט אויפהערען שטערען דעם טראַנספּאָרט פון פּראָדוקטען, וועלען זיי ליידען די ערשטע: זיי וועלען פאַרלירען דאָס רעכט צו בעקומען שפּייז. אַלע זאַפּאַסען, וואָס געפינען זיך אין זייערע הענד, וועלען צוגענומען ווערען. דאָס פאַרמעגען פון די וויכטיגסטע פאַר־ברעכער וועט ווערען קאָנפיסקירט.

„מיר האָבען געטהאָן אונזער פפליכט: מיר האָבען זיי געוואָרנט, אז זיי שפּיעלען זיך מיט פייער.

„מיר זיינען זיכער, אז אויב עס וועלען נויטיג זיין ענטשידענע טריט, וועלען מיר האָבען די פעסטע שטיצע פון אַלע ארבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים".

דעם 22טען נאָוועמבער האָבען זיך בעוויזען אין פּעטראָגראַד די פאָלגענדע פּלאַקאַטען:

**אויסערארדענטליכע מעלדונג**

דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען האָט בעקומען די פאָלגענ־דע דרינגענדע טעלעגראַמע פונ'ם שטאַב פון דעם צפון־פראָנט:

„מען טאָר מעהר ניט אָבלעגען; מען טאָר ניט דערלאָזען, אז די אַרמעע זאָל שטאַרבען פון הונגער; די אַרמעען פון דעם צפון־פראָנט האָבען די לעצטע עטליכע טעג ניט בעקומען קיין ברויט, אין צוויי־דריי טעג ארום וועלען זיי שוין ניט האָבען קיין סוכארעס, וואָס מען פלעגט זיי געבען פון די איבערגעבליעבענע ספּעציעלע זאַפּאַ־סען... דעלעגאַטען פון אַלע טהיילען פון דעם פראָנט שמועסען שוין אז מען דאַרף איבערפיהרען אַ טהייל פון דער אַרמעע צוריק אין לאַנד, וויל אין עטליכע טעג ארום וועט זיך אָנהויבען אַ לויפעניש

פון די סאָלדאַטען, וואָס שטאַרבען פון הונגער; די סאָלדאַטען זייי־נען אויסגעמוטשעט פון דריי יאָהר קריעג אין די טראַנשעען, זיי זיינען קראַנק, נאַקעט, באָרוועס, האַלב וואהנזיניג פון איבערמענש־ליכע ליידען".

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט מעלדעט וועגען דער טעלעגראַמע דעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן און די פּעטראָגראַ־דער ארבייטער. די לאַגע ביים פראָנט פערלאַנגט דרינגענדע און ענטשיידענע טריט. דערוויל סטרייקען די העכערע בעאַמטע פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטען, פון די בענק, אייזענבאַהנען, פּאָסט און טעלעגראַף און שטערען די ארבייט פון דער רעגירונג וועלכע בע־מיהט זיך צו שיקען שפּייז צום פראָנט... יעדע איבריגע שעה קען קאָסטען דאָס לעבען פון טויזענדער סאָלדאַטען. די קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערע בעאַמטע זיינע די געמיינסטע פאַרברעכער געגען זייערע הונגעריגע, שטאַרבענדע ברידער ביים פראָנט.

„דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט גיט די דאָזיגע פאַרברעכער די לעצטע וואָרנונג. טאָמער ווייזען זיי אַרויס דעם קלענ־סטען ווידערשטאַנד, וועלען געגען זיי אָנגענומען ווערען אַזוינע שטרענ־גע מיטלען, וואָס זאָלען ענטשפּרעכען די שווערקייט פון זייער פאַר־ברעכען".

די מאַסען ארבייטער און סאָלדאַטען האָבען זיך אָבגערופען מיט אַ ווילדען ציטער פון כעס, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד. אין פּעטראָגראַד האָבען די רעגירונגס־בעאַמטע און באַנק־אָנגעשטעל־טע ארויסגעלאָזט הונדערטער פראָקלאַמאַציעס און אויפרופען, וואו זיי האָבען פּראָטעסטירט און זיך פאַרענטפערט. אָט איז אַ מוסטער:

„צו אַלע בירגער!

„די שטאַאַטס־באַנק איז געשלאָסען!

„פאַר וואָס?

„וויל די געוואַלד־טהאַטען פון די באָלשעוויקעס געגען דער שטאַאַטס־באַנק מאַכען פאַר אונז אונמעגליך צו ארבייטען. נאָר פון אָנהויב אָן האָבען די פאָלקס־קאָמיסאַרען פערלאַנגט צעהן מיליאָן רובעל. דעם 27טען נאָוועמבער האָבען זיי פער־

לאַנגט פ י נ ף א ו ן צ ו ו א נ צ י ג מ י ל י אָ ן, ניט זאָגענ־דיג, וואָס זיי ווילען טהאָן מיט׳ן געלד.

„...מיר, בעאַמטע, קענען ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין רויבען דאָס פאַרמעגען פון דעם פאָלק. מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט צו ארביי־טען.

„בירגער! דאָס געלד אין דער שטאַאטס־באַנק איז אייער געלד, דעם פאָלקס געלד, אייער ארבייט, אייער בלוט און שוויים. בירגער, ראַטעוועט דאָס פאָלקס־פאַרמעגען פון רויבעריי, ראַטעוועט אונז פון געוואַלד־טהאַטען, וועלען מיר זיך באַלד שטעלען צו דער ארבייט.

אַ נ ג ע ש ט ע ל ט ע פ ו ן ד ע ר ש ט א א ט ס־ב א נ ק.

פונ׳ם שפּייז־מיניסטעריום, פונ׳ם פינאַנץ־מיניסטעריום, פון דעם ספּעציעלען שפּייז־קאָמיטעט זיינען אָנגעקומען דעקלאַראַציעס, אַז די אַנגעשטעלטע קענען ניט ארבייטען צוליעב דעם מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט. אַלע האָבען גערופען די בעפעלקערונג, זי זאָל זיי שטיצען געגען סמאָלני. אָבער די הערשענדע אַרבייטער און סאָלדאַטען האָבען ניט געגלויבט. די מאַסען זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז די אַנגעשטעלטע פּראַקטיצירען סאַבאָטאַזש, אַז זיי ווילען אויסהונגערען די ארמעע, אַז זיי ווילען אויסהונגערען דאָס פאָלק... אין די לאַנגע רייהען, וואָס זיינען ווי פריהער געשטאַנען אין די גאַסען אויפ׳ן פראָסט און געוואַרט אויף אַ שטיקעל ברויט, האָט מען שוין ניט די ר ע ג י ר ו נ ג בעשולדיגט, ווי אין קערענס־קי׳ס צייטונג, נאָר די טשינאָווניקעס, די סאַבאָטאַזשניקעס: מענשען האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז ז י י ע ר רעגירונג, ז י י ע ר ע סאָוויעטען — און אַז די בעאַמטע פון די מיניסטעריומס זיינען געגען זיי...

דער צענטער פון דער גאַנצער אָפּאָזיציע איז געווען די דומא מיט איהר קאַמפּפס־אָרגאַן, דעם רעטונגס־קאָמיטעט: זי האָט פּראָ־טעסטירט געגען אַלע פעראָרדנונגען פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען, וויע־דער און אָבער בעשלאָסען ניט אַנצוערקענען די סאָוויעט־רעגירונג, געשטאַנען אין אָפענער פאַרבינדונג מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע „רעגירונגען", וואָס זיינען געוואַקסען ווי שוועמלעך אין מאָהילעוו. אָט איז אַ ביישפּיעל: דעם 17טען נאָוועמבער האָט דער רעטונגס־קאָמיטעט זיך געווענדעט „צו אַלע שטאָדט־פערוואַלטונגען, זעמסט־

וואָס, צו אַלע דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון פויערים, אַרבייטער, סאָלדאַטען און אַנדערע בירגער" מיט אַזוינע ווערטער:

„אַנערקענט ניט די רעגירונג פון די באָלשעוויקעס, קעמפּפט געגען איהר.

„בילדעט אָרטיגע קאָמיטעטען צו רעטען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע. זאָלען זיי פאַראייניגען אַלע דעמאָקראַטישע קרעפטען. זאָלען זיי העלפען דעם אַל־רוסישען רעטונגס־קאָמיטעט אין דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט..."

דערווייל האָבען די וואהלען צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג אין פעטראָגראַד געגעבען די באָלשעוויקעס אַ ריעזיגע מעהרהייט אין פערגלייך מיט די איבעריגע פּאַרטייען. אפילו די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען שוין געשמועסט, אַז מען דאַרף האַלטען נייע וואהלען צו דער דומאַ, ווייל זי שפּיגעלט מעהר ניט אָב די פּאָליטישע גליעדערונג פון דער פעטראָגראַדער בעפעלקערונג. שטראָמען רעזאָלוציעס פון אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, פון מיליטערישע פעראיינען, אפילו פון פויערים פון די אַרומיגע דערפער האָבען זיך נעגאָסען אין דומאַ און פון איהר פערלאַנגט זי זאָל רעזיגנירען. די ווערטער „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען, קאָרנילאָווצעס", האָבען זיך בעגעגענט אין אַלע פּראָטעסטען. די לעצטע טעג פון דער דומאַ זיינען געוועזען שטורמיש: די שטאָדט־בעאַמטע האָבען זיך ביטער בעקלאָגט, פערלאַנגט בעסערען לוין, געסטראַשעט מיט אַ סטרייק...

דעם 23טען נאָוועמבער האָט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אַרויסגעגעבען אַ פאָרמאַלע פעראָרדנונג, אַז דער רעטונגס־קאָמיטעט ווערט אויפגעלעזט. דעם 29טען נאָוועמבער האָט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די פעטראָגראַדער שטאָדט־דומאַ זאָל אויפגעלעזט ווערען און אויסגעקליבען ווערען אויפ'ס ניי.

„נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז די צענטראַלע פעטראָגראַדער דומאַ, וועלכע איז אויסגעקליבען געוואָרען דעם 2טען סעפּטעמבער, האָט אָנגעוואָרען יעדע רעכט צו פאַרטרעטען די בעפעלקערונג פון פעטראָגראַד, ווייל זי איז געגען איהרע מיינונגען און שטרעבונגען; נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז די מעהרהייט פון דער דומאַ, כאָטש

זי האָט מעהר ניט קיין נאָכפאָלגער אין שטאָדט, ניצט נאָך אַלץ אויס איהרע פּריווילעגיעס אויף אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען אופן: זי שטעלט זיך געגען דעם ווילען פון די אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים, זי פּראַקטיצירט סאַבאָטאַזש און שטערט די נאָרמאַלע אָרד־נונג פון דער רעגירינג, — האַלט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמי־סאַרען פאַר זיין פּפליכט איינצולאַדען די בעפעלקערונג פון דער הויפּט־שטאָדט זי זאָל ארויסגעבען איהר אורטהייל וועגען דער פיה־רונג פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג.

„דעריבער בעשליסט דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען:

„1. אַז די שטאָדט־דומא זאָל פאַנאַנדערגעלאָזט ווערען דעם 30טען נאָוועמבער, 1917.

„2. אַז אַלע בעאַמטע, וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אָדער בעשטימט געוואָרען דורך דער איצטיגער דומא, זאָלען בלייבען אויף זייערע פּלעצער און זאָלען טהאָן זייער אַרבייט, ביז די נייע דומא וועט זיי פארבייטען מיט נייע מענשען.

„3. אַז אַלע שטאָדט־אָנגעשטעלטע זאָלען פאָרטזעצען זייער אַרבייט; די וואָס וועלען פאַרלאָזען זייער פּלאַץ אָהן אַ בעפעהל, פאַרלירען זייער שטעלע.

„4. אַז די נייע וואַהלען צו דער פּעטראָגראַדער שטאָדט־דומא זאָלען בעשטימט ווערען אויף דעם 9טען דעצעמבער, 1917.

„5. אַז די פּעטראָגראַדער שטאָדט־דומא זאָל זיך פאַרזאַמלען דעם 11טען דעצעמבער, 1917, 2 בייטאָג.

„6. אַז אַלע די וואָס פאָלגען ניט אָט די פאַראָרדנונג, ווי אויך די וואָס שעדיגען אָדער צערשטערען מוטהוויליג דאָס אייגענ־טום פון דער שטאָדט, זאָלען תיכף ארעסטירט ווערען און געשטעלט ווערען פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל“.

די דומא האָט אָבגעהאַלטען אַ ברוגז׳ע זיצונג, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז „זי וועט פאַרטהיידיגען איהר פּאָזיציע ביז דעם לעצ־טען טראָפּפען בלוט“, און ארויסגעלאָזט פאַרצווייפעלטע אויפרופען צו דער בעפעלקערונג, זי זאָל ראַטעווען „איהר אייגענע שטאָדט־רעגי־רונג“. אָבער די בעפעלקערונג איז געבליבען ענטוועדער גלייכגילטיג, אָדער פיינדליך. דעם 31טען האָט מען ארעסטירט דעם גאָלאָווא שרייי־דער און עטליכע דומא־מיטגליעדער, מען האָט זיי אויסגעפרעגט און

אַבגעלאָזט. דעם 31טען נאָוועמבער און דעם 1טען דעצעמבער זיינען נאָך פאַרגעקומען זיצונגען פון דער דומא, אָבער עטליכע מאָל זיינען אַנגעקומען רויטע גווארדייצעס און סאָלדאַטען און העפליך געבעטען די פערזאַמעלטע זיי זאָלען זיך פאַנאַנדערגעהען. דעם 2טען דעצעמבער, ווען די דומא האָט אָבגעהאַלטען אַ זיצונג, איז אַן אָפיציר מיט עטליכע סאָלדאַטען אריינגעקומען אין ניקאָלאַיעווסקי זאַל. אַ רעדנער האָט גראַד געהאַלטען אין מיטען, האָט דער אָפיציר געהייסען מען זאָל זיך פאַנאַנדערגעהן, אַניט וועט ער צווינגען מיט געוואלד. די דומא איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ערקלעהרענדיג צום לעצטען מאָל, אז „זי טרעט אָב פאַר ברוטאַלער קראַפט".

די נייע דומא איז אויסגעקליבען געוואָרען צעהן טעג שפּעטער. די „מעסיגע" סאָציאַליסטען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו שטימען, און די נייע מיטגליעדער זיינען כמעט אַלע געווען באָלשעוויקעס.

עטליכע געפעהרליכע נעסטען פון אָפּאָזיציע זיינען אַלץ נאָך געבליבען: די „רעפּובליקען" פון אוקראַינא און פינלאַנד, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלע מאָל מעהר אַנטי־באָלשעוויסטיש. סיי אין העלסינגפאָרס, סיי אין קיעוו האָבען די רעגירונגען אָרגאַניזירט אַרמעען, וואָס מען האָט זיך אויף זיי געקענט פאַרלאָזען, און האָבען גענומען קעמפּפען געגען באָלשעוויזם, ענטוואַפענען און טרייבען רוסישע סאָלדאַטען. די אוקראַינער ראַדא האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דרום־רוסלאַנד און האָט געשיקט קאַלעדינ׳ען נייע קרעפטען און עסענוואַרג. סיי פינלאַנד, סיי אוקראַינע האָבען אַנגעהויבען געהיימע פערהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד. די אַליאירטע רעגירונגען האָבען זיי אַנערקענט און געליהען גרויסע סומען. אַזוי האָבען די פאַרמעגליכע קלאַסען בעשאַפען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע צענטרען, פון וואַנען מען האָט געקענט אָנפאַלען אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. ווען באָלשעוויזם האָט שפּעטער געזיעגט אין דיביידע לענדער, האָט די בורזשואַזיע גערופען די דייטשען זיי זאָלען איהר אומקעהרען די ממשלה...

די גרעסטע סכנה פאַר דער סאָוויעט־רעגירונג איז געווען אינוועניג אין רוסלאַנד גופא. זי איז געווען אַ צוויי־קעפּיגע: פון איין זייט די קאַלעדין־בעוועגונג, פון דער אַנדערער זייט דער שטאַב אין מאָהילעוו, וואו גענעראַל דוכאָנין האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע.

## Отъ Комиссіи по Народному Образованію при Центральной Городской Думѣ

# Товарищи рабочіе и работницы!

За нѣсколько дней до праздника была объявлена забастовка учащими городскихъ училищъ. Учащіе оказались на сторонѣ буржуазіи противъ рабочаго и крестьянскаго Правительства.

Товарищи, организуйте родительскіе комитеты и выносите резолюціи противъ забастовки учащихъ. Обращайтесь въ районные Совѣты Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ, профессіональные союзы, фабрично-заводскіе и партійные комитеты съ предложеніемъ устраивать митинги протеста. Устраивайте собственными силами елки и развлеченія для дѣтей, требуйте возобновленія занятій послѣ праздника въ срокъ, который укажетъ Центральная Дума.

Товарищи, укрѣпляйте свои позиціи въ дѣлѣ народнаго образованія, настаивайте на контролѣ пролетарскихъ организацій надъ школой.

Комиссія по Народному Образованію
при Центральной Городской Думѣ.

Proclamation of the Commission on Public Education attached to the City Duma, concerning the strike of school-teachers, just before the Christmas holidays. The Duma had been re-elected, and was composed almost entirely of Bolsheviki. For translation see Appendix 17.

דער אונערמיעדליכער מוראוויאָוו איז בעשטימט געוואָרען קאָמאנדיר איבער די קרעפטען צו פיהרען מלחמה געגען די קאָזאקען, און א רויטע אַרמעע איז אָרגאניזירט געוואָרען פון די פאבריק־ארבייטער. הונדערטער אגיטאטאָרס האט מען אוועקגעשיקט צום דאָן. דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען האט ארויסגעלאזט א פּראָקלאַמאציע צו די סאָלדאטען, וואו ער האט ערקלעהרט, וואָס איז אזוינס די סאָוויעט־רעגירונג, ווי אזוי די פארמעגליכע קלאסען, די טשינאָווניקעס, פריצים, באנקירען און זייערע העלפער, די קאָזאקישע אטאַמאנעס, גוטס־בעזיצער און גענעראלען, פּרואווען צערשטערען די רעוואָלוציע, ווי אזוי זיי ווילען בעוואָרענען, אז דאָס פאָלק זאָל ניט קאָנפיסקירען זייער רייכטהום.

דעם 27טען נאָוועמבער איז א קאָמיטעט פון קאָזאקען געקומען אין סמאָלני זיך זעהן מיט לענין'ען און טראָצקי'ן. די קאָזאקען האָבען געוואָלט וויסען, צי עס איז אמת, אז די סאָוויעט־רעגירונג קלייבט זיך צוטהיילען די קאָזאקישע ערד צווישען די פויערים פון גרויס־רוסלאנד. טראָצקי האט געענטפערט: „ניין". די קאָזאקען האבען א ווײַלע געקלעהרט: „אויב אזוי", האָבען זיי געזאָגט, „טראכט אפשר די סאָוויעט־רעגירונג וועגען קאָנפיסקירען די מאַיאָנטקעס פון אונזערע גרויסע קאָזאקישע גוטס־בעזיצער און פאנאנדערטהיילען זיי צווישען די ארבייטענדע קאָזאקען?" אויף דערויף האט לענין געענטפערט. „דאָס דארפט א י ה ר טהאָן. מיר וועלען אונטערשטיצען די ארבייטענדע קאָזאקען אין אלצדינג וואָס זיי טהוען. די בעסטע זאך איז — בילדען קאָזאקישע סאָוויעטען. איהר וועט האבען פארטרעטער אין דעם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, און אונזער רעגירונג וועט אויך זיין א י י ע ר רעגירונג..."

די קאָזאקען זיינען אוועקגעגאנגען, פארזונקען אין טיעפע מחשבות. שפּעטער מיט צוויי וואָכען איז א דעפּוטאציע פון קאָזאקען געקומען צו גענעראל קאלעדין. „קענט איהר אונז צוזאָגען", האָבען די קאָזאקען געפרעגט, „אז איהר וועט צוטהיילען די גרויסע מאַיאָנטקעס פון די קאָזאקישע גוטס־בעזיצער צווישען די ארבייטענדע קאָזאקען?"

„כל זמן איך לעב, וועט דאָס ניט זיין", האָט ער געענטפערט.

שפּעטער מיט א מאָנאַט האָט ער זיך ארומגעקוקט, אז זיין ארמעע צוגעהט ווי אייז אויף דער זון.

אין מאָהילעוו האָט זיך דערווייל פּערזאמעלט דער אַלטער צענט־ראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. די מעסיגע סאָציאַליסטישע פיהרער — פון אווקסענטיעוו'ן ביז טשערנאָוו'ן, — די אקטיווע אַנפיהרער פון די אַלטע ארמעע־קאָמיטעטען און די רעאקציאָנערע אָפיצירען. דער שטאַב האָט זיך נאָכאַנאַנד אַבגעזאָגט אנצוערקענען דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען. ער האָט פאראייניגט ארום זיך די טויט־באַטאַליאָנען, די געאָרגיעווסקע קאַוואַלירען, די קאָזאַקען פון דעם פראָנט און איז געשטאַנען אין ענגע געהיימע פערבינדונגען מיט די מיליטערישע אטאַשעען פון די אַליאירטע, מיט קאַלעדין'ען און מיט דער אוקראַינער ראַדאַ...

די אַליאירטע רעגירונגען האָבען מיט קיין וואָרט ניט געענט־פערט אויף דעם פריעדענס־פּאָרשלאַג פון דעם 8טען נאָוועמבער, אין וועלכען דער סאָוויעטען־קאָנגרעס האָט אַלעמען גערופען צו א וואפען־שטילשטאַנד.

דעם 20טען נאָוועמבער האָט טראָצקי געשיקט א נאָטע צו די אמ־באסאדאָרס פון די אַליאירטע:

„איך האָב די עהרע אייך צו מעלדען, הערר אמבאסאדאָר, אז דער אַלל־רוסישער סאָוויעטען־קאָנגרעס האָט דעם 8טען נאָוועמבער געגרינדעט א נייע רעגירונג פון דער רוסישער רעפּובליק אין דער געשטאַלט פון א ראַטה פון פאָלקס־קאָמיסארען. פּרעזידענט פון דער רעגירונג איז וולאַדימיר איליטש לענין. די פערוואַלטונג איבער אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען האָט מען איבערגעגעבען מיר, אַלס דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען.

ציהענדיג אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאָרשלאַג פון דעם אַלל־רוסישען קאָנגרעס וועגען א וואפענשטילשטאַנד און א דע־מאָקראַטישען פריעדען אָהן אנעקסיעס און קאָנטריבוציעס און געגרינ־דעט אויפ'ן רעכט פון זעלבסט־בעשטימונג פאַר אַלע פעלקער, האָב איך די עהרע אייך צו בעטען, איהר זאָלט קוקען אויף דעם דאָקו־מענט אַלס א פאָרמעלען פּאָרשלאַג פון א באַלדיגען וואפענשטיל־שטאַנד אויף אַלע פראָנטען און פון א באַלדיגען אָנהויב פון פריע־דענס־פערהאַנדלונגען, — א פּאָרשלאַג, וועלכען די רעגירונג פון דער

רוסישער רעפובליק שיקט ארוים צו אַלע קריעגס־פיהרענדע פעלקער און זייערע רעגירונגען.

איך ווינש, הערר אמבאסאדאָר, אייך אויסדריקען די טיעפע אכטונג פון דער סאָוויעט־רעגירונג צו אייער פאָלק, וואָס ווינשט פריע־דען, ווי אַלע אנדערע פעלקער, און וואָס איז ערשעפּפט און אויסגע־מאטערט פון אָט דער אונגעהויערער שחיטה..."

אין דער זעלביגער נאכט האָט דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמי־סארען טעלעגראפירט גענעראל דוכאָנין'ען:

„...דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען האָלט פאר נויטיג פאָרצושלאָגען אַלע מעכטע, סיי די פיינדליכע, סיי די אַליאירטע, א באַלדיגען וואפען־שטילשטאנד. א דעקלאראציע וועגען דעם האָט דער קאָמיסאר פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען פאנאנדערגע־שיקט די פארטרעטער פון די אליאירטע מעכטע אין פעטראָגראד.

„דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען בעפעהלט אייך, בירגער קאָמאנדיר, איהר זאָלט פארשלאָגען די מיליטערישע קאָמאנדירען פון דעם שונא, אז זיי זאָלען באלד אָבשטעלען די מיליטערישע אָפּע־ראציעס און אָנהויבען פריעדענס־פערהאנדלונגען. דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען לעגט אויף אייך ארויף די פפליכט צו פיהרען די דאָזיגע ערשטע פערהאנדלונגען און בעפעהלט אייך:

„1. איהר זאָלט לאָזען וויסען דעם ראטה דורך דירעקטע טעלע־גראמען וועגען אַלע טריט פון אייערע אונטערהאנדלונגען מיט די פארטרעטער פון די פיינדליכע ארמעען.

„2. איהר זאָלט ניט אונטערשרייבען קיין וואפען־שטילשטאנד ביז איהר וועט ניט האָבען די הסכמה פון דעם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען".

די אַליאירטע אמבאסאדאָרס האָבען אויפגענומען טראָצקי'ס נאָטע מיט פעראכטונג און קיין וואָרט ניט געענטפערט. אין די צייט־ונגען האָבען זיך בעוויזען אַנאָנימע אינטערוויוס פול מיט גע־שפּעט און חוזק. דעם בעפעהל צו דוכאָנין'ען האָט מען אָפען כאראק־טעריזירט אַלס פערראטה.

דוכאָנין האָט ניט געוויזען קיין סמנים פון לעבען. אין דער נאכט פון דעם 22טען נאָוועמבער האָט מען איהם אָבגערופען אויף דעם טעלע־פאָן און געפרעגט, צי ער איז גרייט פאָלגען דעם בעפעהל. דוכאָנין

האט געענטפערט, אז דאס קען ער ניט, סיידען ד'ער בעפעהל וועט קומען פון „א רעגירונג, וואס שטיצט זיך אויף דער' ארמעע און דעם לאנד".

מ'האט איהם באלד טעלעגראפיש אבגעזאגט פון זיין שטעלע אלס הויפט־קאמאנדיר, און קרילענקא איז בעשטימט געווארען אויף זיין פלאץ. לענין האט אויך דא אנגעוועגדעט די טאקטיק פון אפעלירען צו די מאסען. ער האט ארויסגעשיקט א דראהט־לאזע דעפעשע צו אלע קאמיטעטען פון פאלקען, דיוויזיעס און קארפוסען, צו אלע סאל־דאטען און מאטראזען פון דער ארמעע און דעם פלאט. ער האט דער־צעהלט וועגען דוכאנין'ס אבזאג און האט בעפוילען, אז „אלע פאלקען פונ'ם פראנט זאלען אויסקלויבען דעלעגאטען און דורך זיי זאלען זיי אנהויבען פארהאנדלונגען מיט די פיינדליכע אבטהיילונ־גען, וועלכע שטעהען געגען זייערע פאזיציעס..."

דעם 23טען נאוועמבער האבען די מיליטערישע אטאשעען פון די אליאירטע, לויט א בעפעהל פון זייערע רעגירונגען, געשיקט דוכאני־נען א נאטע, וואו זיי האבען איהם פייערליך געווארענט ער זאל ניט „ברעכען די אבמאכונגען צווישען דער אנטאנט". די נאטע האט גע־מעלדעט, אז אויב עס וועט געשלאסען ווערען א בעזונדערער וואפענ־שטילשטאנד מיט דייטשלאנד, וועט דאס האבען „זעהר ערנסטע פאל־גען" פאר רוסלאנד. דוכאנין האט די נאטע תיכף פאנאנדערגעשיקט אין אלע סאלדאטען־קאמיטעטען.

אויף מארגען האט טראצקי ארויסגעשיקט א נייעם אויפרוף צו דער ארמעע וואו ער האט געשריבען, אז מיט זייער נאטע מישען זיך די אליאירטע אין די אינווענינגסטע אנגעלעגענהייטען פון רוס־לאנד און פרואווען „צווינגען די רוסישע ארמעע און דאס רוסישע פאלק פארטצוזעצען דעם קריעג, כדי צו ערפילען די אבמאכונגען, וואס דער צאר האט געשלאסען..."

איין פראקלאמאציע נאך דער אנדערער האט זיך געגאסען פון סמאלני, בעשולדיגט דוכאנינ'ען און זיינע קאנטר־רעוואלוציאנערע אפיצירען, בעשולדיגט די רעאקציאנערע פאליטיקער, וואס האבען זיך פארזאמעלט אין מאהילעוו, געוועקט מיליאנען פערבימערטע, פארדעכטיגטע סאלדאטען איבער דעם גאנצען טויזענד־מייליגען פראנט, פון איין עק ביז צו דעם אנדערען. קרילענקא איז ארויסגע־

פאהרען צום הויפט־קווארטיר מיט דריי אבטהיילונגען פאנאטיש־איבערגעבענע מאטראזען; ער האט געסטראשעט די גענגער מיט נקמה און האט אומעטום בעגעגענט געוואלדיגע אוואציעס פון סאל־דאטען, — זיין רייזע איז געווען אן אמת'ער טריאומף־צוג. דער צענט־ראלער ארמיי־קאמיטעט האט ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, וואו ער האט געשטיצט דוכאנינ'ען. צעהן טויזענד סאלדאטען האבען זיך באלד א לאז געטהאן קיין מאהילעוו...

דעם 2טען דעצעמבער האט דער מאהילעווער גארניזאן זיך אויפ־געהויבען און פארכאפט די שטאדט, ארעסטירט דוכאנינ'ען און דעם ארמיי־קאמיטעט און איז ארויסגעגאנגען בעגעגענען דעם נייעם הויפט־קאמאנדיר מיט זיעגרייכע רויטע פאהנען. אויף מארגען איז קרילענ־קא אריינגעקומען אין שטאדט אריין און געפונען א ווילד־ברומענדען המון ארום דעם אייזענבאהן־וואגאן, וואו דוכאנין איז געווען פאר־שפארט. קרילענקא האט געהאלטען א רעדע, געבעטען די סאלדאטען ניט טשעפען דוכאנינ'ען, ווייל מען דארף איהם נעהמען קיין פעט־ראגראד און משפט'ען אין א רעוואלוציאנערען טריבונאל. ווען קרי־לענקא האט געענדיגט, האט זיך דוכאנין אליין בעוויזען אין פענס־טער, ווי ער וואלט געוואלט האלטען א רעדע. מיט א ווילדען גע־בריל האט דער עולם זיך א לאז געטהאן צום וואגאן, ארויפגעפאלען אויף דעם אלטען גענעראל, איהם ארויסגעשלעפט און געקלאפט מיט איהם איבער דער פלאטפארם ביז ער איז אויסגעגאנגען...

אזוי האט זיך געענדיגט דער אויפשטאנד אין דעם הויפט־קוואר־טיר.

די לעצטע וויכטיגע פעסטונג פון א פיינדליכער מיליטערישער מאכט אין רוסלאנד איז געפאלען. די סאוויעט־רעגירונג האט זיך דערפיהלט אונענדליך שטארקער. זי האט מיט זיכערהייט גענומען ארגאניזירען דעם שטאאט. געוועזענע פארטיי־טהוער האבען זיך ווידער אומגעקעהרט צו זייער פאהן. מיטגליעדער פון אנדערע פאר־טייען זיינען אריינגעטראטען אין שטאאטס־דיענסט. די וואס האבען אבער געטראכט וועגען גרויסע פערדיענסטען, האבען באלד איינגע־זעהן זייער טעות: דער געזעץ וועגען לוין פאר רעגירונגס־בעאמטע האט בעשטימט דאס געהאלט פון די פאלקס־קאמיסארען ניט מעהר ווי פינף הונדערט רובעל (בערך פופציג דאלאר) א חודש... דער סטרייק

פון די רעגירונגס־בעאמטע אונטער דער פיהרונג פון דעם פעראיין פון פעראיינען האט זיך באלד געענדיגט, ווייל די פינאנסירען הינטער די קוליסען האבען איהם אויפגעהערט שטיצען. די באנק־אנגעשטעלטע האבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע פלעצער.

די רעגירונג האט נאציאנאליזירט די בענק, געבילדעט דעם הויפט־ראטה פאר פאלקס־ווירטהשאפט, דורכגעפיהרט אין לעבען דעם ערד־געזעץ אין די דערפער, רעארגאניזירט די ארמיי אויף א דעמאקראטישען אופן, געענדערט ביז׳ן גרונד אלע געביעטען פון דער פער־וואלטונג און פונ׳ם לעבען בכלל, — אזוי האט מען לאנגזאם, בים־לעכווייז, ניט אהן טעות׳ן און שטערענישען, אנגעהויבען אויסקנע־טען דאס פראלעטארישע רוסלאנד. דאס איז געווען מעגליך נור דורך דעם ווילען פון די מאסען פון ארבייטער, סאלדאטען און פויערים.

## קאפיטעל צוועלף.

## דער פויערים־קאנגרעס.

דעם 18טען נאוועמבער איז אויסגעפאלען א שנעע. אז מיר זיינען אויפגעשטאנען אינדערפריה, זיינען ווייסע הויפענס געלעגען אויף די פענסטער, און אין דער לופטען האט זיך געווירבעלט אזא געדיכטער שנעע, אז מען האט ניט געקענט זעהן אויף צוויי טריט. די בלאטע איז פערשוואונדען. אין איין אויגענבליק איז די אומעטיגע שטאדט געווארען קלאהר און ווייס, די דראשקעס מיט די איזוואָז־טשיקעס אין די דיקע וואטאווע קאפאטעס האבען זיך פלוצלינג פער־וואנדעלט אין שליטענס. די שליטענס האבען זיך געקאטייעט איבער די געדרעהטע גאסען מיט גרוים מהירות. די אנטווייבער זיינען גע־זעסען אויף די קעלנעס שטייף, פארפרוירען... עס איז געווען א רע־וואלוציע, רוסלאנד האט זיך מיט שרעקליכע שנעלקייט געטראגען אנטקעגען אן אונבעשטימטע שרעקליכע צוקונפט, אבער דאך האט דער ערשטער געדיכטער שנעע אויסגעגאסען א פרייד איבער דער

שטאָדט. אויף אַלע פּנים'ער איז געווען אַ שמייכעל. מענשען זיינען אַרויסגעלאָפּען אין די גאַסען, אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס צו דעם פרישען, ווייכען שנעע, און אַלע האָבען געלאַכט. פערשוואונדען די אַלטע גראָהקייט. נור דאָס גאָלד און די פאַרשיידענע פאַרבען פון די טהורמס און קופּאָלען האָבען געגלאַנצט פון אונטער'ן שנעע אין זייער גאַנצער באַרבאַרישער פּראַכט.

ארום האַלבען טאָג האָט זיך אפילו די זון בעוויזען, אַ בלאַסע און אַ וואַסערדיגע. דער קאַטאַר און רעוומאַטיזם פון די רעגענדיגע חדשים זיינען פאַרשוואונדען. דאָס לעבען איז געוואָרען האַסטיגער אין דער גרויסער שטאָדט, און אפילו די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען שנעלער בעוועגען...

איינמאָל אין אָווענד בין איך געזעסען אין אַ טראַקטיר אַנטקעגען סמאָלני. דאָס איז געווען אַ מין ביליגער רעסטאָראַן מיט אַ נידריגען באַלקען, געהייסען האָט ער „אָנקעל טאָם'ס שטיבעל” און איז געווען זעהר בעליעבט צווישען די רויטע גוואַרדייצעם. דער טראַקטיר איז געווען איבערגעפּאַקט. מענשען זיינען געזעסען ארום טישלעך מיט שמוציגע טישטוכער און ריזיג גרויסע טשאַיניקעס. די לופט איז געווען פול מיט שלעכטען טאַבאַק־רויך. די פאַרמאַטערטע קעלנערס זיינען ארומגעלאָפען און אַלעמאָל געשריען: „סעיטשאַס! סעיטשאַס! באַלד, די מינוט!”

אין אַ ווינקעל איז געזעסען איינער אין אַ קאַפּיטאַנסקע מונדיר און גערעדט צום עולם. יענע האָבען איהם איבערגעריסען אַלע רגע:

„איהר זייט ניט בעסער, ווי געוועהנליכע מערדער!” האָט ער געשריען. „איהר האָט געשאָסען אין אייערע אייגענע ברידער אין די גאַסען!”

„ווען האָבען מיר דאָס געטהאָן?” האָט אַן ארבייטער געפרעגט.

„סטייטש, לעצטען זונטאַג, ווען די יונקערס —”

„נו, און זיי? האָבען זיי דען ניט געשאָסען אויף אונז?”. אייינער האָט אויסגעשטרעקט זיין באַנדאַזשירטע האַנד. „אָט האָבען זיי מיר געלאָזט אַ מתנה צום אָנדענקען, די שדים!”

דער קאַפּיטאַן האָט געשריען אויף אַלע קולות: „איהר דאַרפט בלייבען נייטראַל! איהר דאַרפט בלייבען נייטראַל! ווער זייט איהר,

וואָס איהר זאָלט אומוואַרפען אַ געזעצליכע רעגירונג? ווער איז לע־
נין? אַ דייטשער — "

„ווער ביסטו? אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער! אַ פּראָוואָקאַטאָר!"
האָט מען אויף איהם געברומט.

ווען עס איז ווידער געוואָרען שטילער, האָט דער קאַפּיטאַן זיך
אויפגעשטעלט. „גוט!" האָט ער געזאָגט. „איהר רופט זיך דאָס רו־
סישע פאָלק, אָבער איהר זייט נ י ט דאָס רוסישע פאָלק, די פּ ו י ־
ע ר י ם זיינען דאָס רוסישע פאָלק. וואַרט ביז די פּויערים..."

„יאָ", האָט מען איהם געענטפערט, „וואַרט ביז די פּויערים
וועלען זאָגען זייער וואָרט. מיר ווייסען, וואָס די פּויערים וועלען
זאָגען... וואָס איז, זיי זיינען ניט פּונקט אַזוינע אַרבייטער ווי מיר?"

סוף כל סוף האָט זיך אַלצדינג געווענדעט אָן די פּויערים. אמת,
זיי זיינען ניט געווען אַזוי פּאָליטיש אויפגעקלעהרט, ווי די אַרביי־
טער, אָבער זיי האָבען געהאַט זייערע אייגענטהימליכע אידעען, און
זיי האָבען געבילדעט אַכציג פּראָצענט פון'ם רוסישען פאָלק. די
צאָהל פון באָלשעוויסטישע אנהיינגער צווישען די פּויערים איז געווען
זעהר קליין, און אַ שטענדיגע דיקטאַטור פון די רוסישע אַרבייטער
אליין, אָהן די פּויערים, וואָלט ניט געווען מעגליך... די רעוואָלוציאָ־
נערע פּאַרטיי פון די פּויערים איז געוועהנליך געווען די פּאַרטיי סאָ־
ציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. על פּי שכל וואָלט אויסגעקומען, אַז
פון אַלע פּאַרטייען, וואָס שטיצען די סאָוויעט־רעגירונג, זאָלען די־
לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען ירש'ענען די פיהרערשאַפט פון
די פּויערים. די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען אַ
שפּילבעל אין די הענד פון דעם שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט, און
האָבען זעהר נויטיג געדאַרפט האָבען שטיצע פון די פּויערים...

סמאָלני האָט די פּויערים ניט פאַרגעסען. איינער פון די ער־
שטע טריט פון דעם נייעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט נאָך
דעם ערד־געזעצע איז געווען — רופען אַ פּויערים־קאָנגרעסס געגען
דעם ווילען פון דעם אַלטען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די פּויערים־
סאָוויעטען. שפּעטער מיט עטליכע טעג האָט מען אַרויסגעגעבען גע־
נויע כללים פאַר די וואָלאָסטנאָיע ערד־קאָמיטעטען, נאָכדעם איז
אַרויסגעגאַנגען לענין'ס „אינסטרוקציעס פאַר פּויערים", וואו ער
האָט אין פּשוט'ע ווערטער דערצעהלט וועגען דער באָלשעוויסטישער

רעוואָלוציע און דער נייער רעגירונג. דעם 16טען נאָוועמבער האָבען לענין און מיליוטין ארויסגעגעבען „אינסטרוקציעס פאַר פּראָווינציע־לע עמיסארען". די עמיסארען זיינען געווען שלוחים פון דער סאָוויע־טען־רעגירונג, וואָס זי האָט אין טויזענדער ארויסגעשיקט איבער רוסישע דערפער. אין די אינסטרוקציעס לייענען מיר:

„1. ווען דער עמיסאר קומט אָן אין די גובערניע, וואוהין מען האָט איהם געשיקט, דארף ער רופען א פעראייניגטע פערזאַמ־לונג פון די צענטראַלע עקזעקוטיוו־קאָמיטעטען פון די ארבייטער־סאָלדאטען־און פויערים סאָוויעטען, ער דארף אָבגעבען דער פערזאַמ־לונג א בעריכט וועגען די ערד־געזעצען, און זיי הייסען רופען אַן אַלגעמיינע זיצונג פון אַלע סאָוויעטען...

„2. ער מוז שטודירען די אַגראַר־פראַגע אין דער גובערניע.

א) צי האָט מען איבערגענומען דאָס פארמעגען פונ'ם גוטס־בעזיצער, און אויב יאָ — אין וועלכע אויעזדען?

ב) ווער פערוואַלטעט איבער דער קאָנפיסקירטער ערד — דער אמאָליגער אייגענטהימער אָדער די ערד־קאָמיטעטען?

ג) וואָס האָט מען געטהאָן מיט די לאַנד־ווירטהשאפטליכע מאשינען און מיט די פיה?

ד) צי האָט זיך פארגרעסערט די שטרעקע ערד, וואָס די פויערים בעארבייטען?

ה) אויף וויפיעל און אין וועלכען פּרט אונטערשיידעט זיך די שטרעקע ערד, וואָס געפינט זיך איצט אין די הענד פון די פויערים, פון דעם דורכשניטליכען מינימום וואָס די רעגי־רונג האָט בעשטימט?

3) דער עמיסאר דארף בעשטעהן דארויף, אַז די פויערים זאָלען בעארבייטען א גרעסערע שטרעקע ערד, ווי פריהער — און זאָלען זיך דערצו נעהמען אזוי שנעל ווי נור מעגליך. ער דארף זעהען, אַז די פוי־ערים זאָלען וואָס גיכער שיקען ברויט אין די שטעדט, כדי אויסצו־מיידען הונגער.

4. דער עמיסאר דארף אויסגעפינען, וואָסערע מיטלען זיינען געפּלאָנעוועט אָדער אָנגענומען געוואָרען צו איבערגעבען די ערד פון די גוטס־בעזיצער אין די הענד פון די ערד־קאָמיטעטען אָדער אַנדערע סאָוויעט־אַנשטאַלטען?

5. עס איז ווינשענסווערטה, אז גוט־אָרגאַניזירטע און גוט־בע־ארבייטע מאַיאָנטקעס זאָלען פערוואַלטעט ווערען דורך סאָוויעטען, וואָס בעשטעהען פון די געוועהנליכע ארבייטער אין די מאַיאָנטקעס, אונטער דער פיהרונג פון אַן ערפאַהרענעם אַגראָנאָם."

אין אַלע דערפער פון רוסלאַנד האָט געקאָכט און געברויזט. דאָס געזעץ וועגען ערד האָט עלעקטריזירט די מאַסען. טויזענדער רעוואָ־לוציאָנערע סאָלדאַטען, געוועזענע פויערים, האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים פון פראָנט... זיי זיינען געווען די ערשטע צו בעגריסען די אידעע פון אַ נייעם פויערים־קאָנגרעס.

ווי דער אַלטער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט ניט גע־וואָלט דערלאָזען אַ נייעם קאָנגרעס פון סאָוויעטען, אַזוי האָט דער אַלטער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די פויערים־סאָוויעטען ניט געוואָלט דערלאָזען אַ נייעם פויערים־קאָנגרעס. און ווי דער אַלטער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אַזוי האָט איצט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די פויערים איינגעזעהן, אַז ער קען זיך ניט שטעלען אַנטקעגען סמאָלני, און האָט גענומען באָמבאַרדירען די אָרטיגע קאָמיטעטען מיט טעלע־גראַמען און בעפעהלען, מען זאָל אויסקלייבען קאָנסערוואַטיווע דע־לעגאַטען. מ'האָט אפילו ארויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער קאָנגרעס וועט זיך פערזאַמלען אין מאָהילעוו, און פיעלע דעלעגאַטען זיינען אהין טאַקע אָבגעפאָהרען. דעם 23טען נאָוועמבער האָבען זיך אין פעטראָגראַד פערזאַמעלט אַן ערך פיער הונדערט דעלעגאַטען, און די קאָנפערענצען פון די איינצעלנע פּאַרטייען האָבען זיך אָנגעהויבען.

די ערשטע זיצונג איז פאָרגעקומען אין דעם אַלעקסאַנדראָווסקי זאַל פון דער דומאַ, און די ערשטע אָבשטימונג האָט געוויזען, אַז העכער אַ העלפט דעלעגאַטען זיינען געווען לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. די באָלשעוויקעס האָבען קוים געהאַט אַ פינפטעל, די קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט אַ פיערטעל פון אַלע שטימען. אַלע דעלעגאַטען, אַ חוץ די קאָנסער־וואַטיווע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, זיינען געווען געגען דעם אַלטען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַווּר־קסענטיעוו, טשאַיקאָווסקי און פעשעכאָנאָוו.

דער גרויסער זאַל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענשען און פול מיט געשריי און געפילדער. די פאַרשיידענע גרופּען פון דעם קאָנגרעס

זיינען געווען שטארק פארביטערט איינע געגען דער צווייטער. אויף דער רעכטער זייט האָבען זיך געזעהען עטליכע אָפיצערסקע עפּאָלעטען און עטליכע פּויערים פון דעם אַלטען שניט, מיט לאַנגע בערד און אַ מינע פון ערנסטע בעלי־בתים; אין דעם צענטר זיינען געזעסען עט־ליכע פּויערים, עטליכע אונטער־אָפיצירען און סאָלדאַטען; אין לינ־קען פליגעל זיינען כמעט אַלע דעלעגאַטען געווען אין מונדירען פון פּראָסטע סאָלדאַטען. דאָס איז געווען דער יונגער דור, די פּויערים, וואָס האָבען געדיענט אין דער אַרמיי... די גאַלערעען זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט ארבייטער, וועלכע האָבען אין רוסלאַנד נאָך ניט פארגעסען זייער פּויערשע אָבשטאַמונג.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט ניט געוואָלט אָנערקענען דעם קאָנגרעס אַלס אָפיציעל: דער אָפיציעלער קאָנגרעס איז גערופען גע־וואָרען אויפ'ן 13טען דעצעמבער. דער מיטגליעד פונ'ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס האָט געעפענט דעם קאָנגרעס, האָט ערקלעהרט, אַז דאָס איז נור אַ „אויסעראָרדענטליכע קאָנפערענץ". די ערקלעהרונג האָט ארויסגערופען אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען און בייזע גע־שרייען. די „אויסעראָרדענטליכע קאָנפערענץ" האָט באַלד ארויסגע־וויזען, וואָס זי טראַכט וועגען דעם אַלטען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט: זי האָט אויסגעקליבען פאַר אַ פּאַרזיצענדען מאַריאַ ספּירידאָנאָווא, די פיהרערין פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

כמעט דער גאַנצער ערשטער טאָג איז אריבער אין הייסע דע־באַטען, צי מען זאָל צולאָזען פאַרטרעטער פון די וואָלאָסטנאָיע סאָ־וויעטען, אָדער נור דעלעגאַטען פון די גובערנסקע סאָוויעטען. ווי אין דעם קאָנגרעס פון ארבייטער און סאָלדאַטען, האָט זיך אויך דאָ אַ ריזיגע מאַיאָריטעט ארויסגעזאָגט פאַר דער ברייטער פאַרטרעטונג. דער אַלטער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פאַרלאָזען דעם זאַל...

עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, אַז די מעהרסטע דעלעגאַטען זיינען פיינדליך צו דער רעגירונג פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען. זינאָוו־יעוו האָט געפּרואווט רעדען אינ'ם נאָמען פון די באָלשעוויקעס, האָט מען אויפגעהויבען אַ טומעל און מען האָט איהם געצוואונגען אראָב־געהן פון דער פּלאַטפאָרמע. „אָט אַזוי זעצט מען אריין אַ פאָלקס־קאָמיסאַר אין דער בלאָטע!" האָט מען געלאַכט.

נאַזאַריעוו, אַ דעלעגאַט פון דער פּראָווינץ, האָט געזאָגט: „מיר,

לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, ווילען ניט אָנערקענען די אזוי גערופענע רעגירונג פון די ארבייטער און פויערים, ביז וואַנען די פויערים וועלען ניט זיין אין איהר פארטראַטען. ווי זי איז איצט, איז זי ניט מעהר ווי א דיקטאטור פון די ארבייטער... מיר פערלאַנגען, אז עס זאָל געבילדעט ווערען א נייע רעגירונג, וואָס זאָל פארטרעטען די גאַנצע דעמאָקראַטיע!"

די רעאַקציאָנערע דעלעגאַטען האָבען געפּרואווט צעוואַרעמען די דאָזיגע פיינדליכע שטימונג. ניט קוקענדיג אויף פּראָטעסטען פון די באָלשעוויסטישע בענק, האָט מען ערקלעהרט, אז דער ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען האָט בדעה ענטוועדער צו קאָנטראָלירען דעם קאָנגרעס, אָדער צו פאַנאַנדערלאָזען איהם מיט געוואַלד. די ערקלעהרונג ווערט אויפגענומען מיט א געוואַלדיגען אויסברוך פון צאָרן...

דעם דריטען טאָג האָט זיך לענין פּלוצלינג בעוויזען אויף דער טריבונע. צעהן מינוט איז דער זאַל געוועזען ווילד און משוגע. „אוועק פון דאַנען!" האָט מען געליאַרעמט. „מיר ווילען ניט הערען אייערע פאָלקס־קאָמיסאַרען! איהר זייט ביי אונז ניט קיין רעגירונג!"

לענין איז רוהיג געשטאַנען אויפ'ן פּלאַץ, געהאַלטען זיך אָן טיש מיט ביידע הענד, און זיינע קליינע אויגעלעך האָבען אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם רוישענדען עולם. ביסלעכווייז האָט די פיינדליכע דעמאָנסטראַציע זיך אויסגעשעפּט, נור אויף דער רעכטער זייט פונ'ם זאַל האָט מען נאָך אַלץ געטומעלט.

„איך קום אהער ניט אַלס א מיטגליעד פון דעם ראַטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען", האָט לענין געזאָגט און ווידער איבערגעוואַרט ביז דער טומעל איז שטיל געוואָרען. „איך קום אַלס א מיטגליעד פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, אַלס אַן אויסגעקליבענער דעלעגאַט צו דעם קאָנגרעס". ער האָט אויפגעהויבען זיין פּאַפּיער אזוי אז אַלע זאָלען איהם זעהן. נאָכדעם האָט ער פאָרטגעזעצט מיט דער זעלביגער רוהיגער שטימע:

„פון דעסטוועגען קען מען ניט לייקענען, אז די איצטיגע רעגירונג אין רוסלאַנד איז געבילדעט געוואָרען דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי" — ווידער האָט ער געמוזט אָבוואַרטען א ביסעל. „פּראַקטיש זיינען די באָלשעוויקעס און די איצטיגע רעגירונג איין און די זעלביגע זאַך"... דאָ האָט זיך אויפ'ס ניי אויפגעהויבען א גרוי־

סער געפילדער אויף די רעכטע בענק, אָבער דער צענטער און די לינקע זיינען געווען נייגעריג צו וויסען, וואָס ער האָט צו זאָגען, האָבען זיי איינגעשטילט די איבעריגע.

לענין האָט גערעדט מיט זעהר איינפאכע ווערטער. „זאָגט מיר אָפען, פויערים: אין אייערע הענד האָבען מיר איבערגעגעבען די ערד פון די פּאָמיעשטשיקעס, — ווילט איהר ניט דערלאָזען, אז די אר־בייטער זאָלען איבערנעהמען דעם קאָנטראָל איבער די פאבריקען? דאָס איז אַ קלאסען־קאמפף. די פּאָמיעשטשיקעס זיינען געגען די פויערים, די פאבריקאנטען זיינען געגען דעם ארבייטער. ווילט איהר דערלאָזען, אז די רייהען פון דעם פּראָלעטאריאט זאָלען זיין גע־שפּאָלטען? זאָגט מיר אָפען: אויף וועמענ'ס צד ווילט איהר זיך שטעלען?

„מיר, די באָלשעוויקעס, זיינען די פארטיי פונ'ם פּראָלעטא־ריאט — פונ'ם דאָרפישען פּראָלעטאריאט אזוי גוט ווי פונ'ם שטאָד־טישען פּראָלעטאריאט. מיר, באָלשעוויקעס, זיינען די שיצער פון די סאָוויעטען — פון די פויערים־סאָוויעטען אזוי גוט ווי פון די אר־בייטער־און־סאָלדאטען־סאָוויעטען. די איצטיגע רעגירונג איז אַ רע־גירונג פון סאָוויעטען. מיר האָבען ניט נור איינגעלאַדען די פויערים־סאָוויעטען אין דער רעגירונג. מיר האָבען אויך איינגעלאַדען פאר־טרעטער פון די לינקע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיך צו בע־טהייליגען אינ'ם ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסארען...

„די סאָוויעטען זיינען די בעסטע פארטרעטונג פון די ארביי־טער — די ארבייטער אין פאבריקען און מינעס, די ארבייטער אין די פעלדער. ווער עס וויל צערשטערען די סאָוויעטען, טהוט אַן אנטי־דעמאָקראטישע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ארבייט. איך זאָג אייך אָן, חברים פון די רעכטע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, און אייך, העררען קאדעטען, אז אויב די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט פּרואווען צוברעכען די סאָוויעטען, וועלען מיר דאָס ניט דערלאָזען!"

דעם 25טען נאָכמיטאָג איז טשערנאָוו אין איילעניש געקומען פון מאָהילעוו לויט דער בקשה פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. ערשט צוריק מיט צוויי חדשים איז ער געווען פאררעכענט פאר אַ שארפען רעוואָלוציאָנער און איז געווען בעליעבט צווישען די פויערים, איצט

האָט מען איהם אַרויסגערופען, ער זאָל אָבשטעלען די געפעהרליכע בעוועגונג פונ'ם קאָנגרעס נאָך לינקס. ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, האָט מען איהם גענומען אין סמאָלני אויף אַ פאַרהער, אָבער מען האָט איהם באַלד אָבגעלאָזט.

קודם כל האָט ער גוט אָנגעזידעלט דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דערפאַר וואָס ער פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס. דער קאָמיטעט האָט בע־שלאָסען זיך אומצוקעהרען. ווען טשערנאָוו איז אריינגעקומען אין זאַל, האָט מען איהם אויפגענומען מיט הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען פון דער מעהרהייט און מיט אַ פייפעריי און שפּאָטישע אויסרופען פון די באָלשעוויקעס.

„חברים! איך בין ניט געווען אין פּעטראָגראַד. איך האָב זיך בעטהייליגט אין אַ קאָנפערענץ פון דער 12טער ארמיי, וואו עס האָט זיך בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען רופען אַ קאָנגרעס פון אַלע פּויערים־דעלעגאַטען אין דער מערב־ארמיי, דעריבער ווייס איך ווינציג וועגען דעם אויפשטאַנד, וועלכער איז דאָ פאָרגעקומען. —"

זינאָוויעוו הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ און שרייט אויס: „יאָ, איהר זייט ניט געווען — עטליכע מינוט!" עס הויבט זיך אויף אַ שרעקליכער טומעל, געשרייען: „נידער מיט די באָלשעוויקעס!"

טשערנאָוו רעדט ווייטער: „די בעשולדיגונג, אַז איך האָב גע־האָלפען פיהרען אַן ארמיי אויף פּעטראָגראַד, האָט ניט קיין שום גרונד און איז אינגאַנצען פאַלש. פון וואַנען נעהמט זיך די בעשולדי־גונג? ווייזט מיר דאָקומענטען!"

זינאָוויעוו: „איזוועסטיא" און „דיעלאָ נאַראָדאַ" — אייערע אייגענע צייטונגען. אָט פון וואַנען די בעשולדיגונג נעהמט זיך!"

טשערנאָוו'ס גרויסער פּנים, מיט קליינע אויגען, געגרייזעלטע האָאר און גראָהליכער באָרד, ווערט רויט פון צאָרן, אָבער ער האַלט זיך איין און רעדט ווייטער. „איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, איך האָב פּראַקטיש ניט געוואוסט וואָס דאָ טהוט זיך, און איך האָב ניט גע־פיהרט קיין שום ארמיי, אַ חוץ אָט דער (ער ווייזט אָן אויף די פּויערים־דעלעגאַטען), און איך בין שטאָלץ, וואָס איך האָב זיי אַהער געבראַכט!" געלעכטער. געשרייען: „בראַוואָ!"

„ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט קיין פּעטראָגראַד, בין איך געווען אין סמאָלני. דאָרט האָט מען מיר אַזאַ בעשולדיגונג ניט גע־

מאכט... איך האָב געהאַט אַ קורצען געשפּרעך און האָב פערלאָזט דעם אינסטיטוט — דאָס איז אַלעס! זאָל זשע קיינער דאָ ניט סמייען מאַכען אַזאַ בעשולדיגונג!"

עס הויבט זיך אויף אַ טומעל. די באָלשעוויקעס און אייניגע לינקע סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער, מאַכען אַלע מיט די פויסטען און שרייען, די איבריגע ווילען זיי איבערשרייען און זיי איינשטילען.

„דאָס איז אַ שאַנדע, ניט קיין זיצונג!" האָט טשערנאָוו אויסגערופען און האָט פערלאָזט דעם זאַל. צוליעב דעם טומעל האָט מען געמוזט שליסען די זיצונג.

דערווייל איז ארויפגעשוואומען די פראַגע וועגען דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. מען האָט געהאַט אָנגערופען דעם קאָנגרעס אַן „אויסערארדענטליכע קאָנפערענץ", כדי מען זאָל ניט דארפען אויסקלייבען קיין נייעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. דער שטעקען האָט אָבער געהאַט צוויי עקען: די לינקע סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען האָבען בעשלאָסען, אַז אויב דער קאָנגרעס האָט קיין מאַכט ניט איבער דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, האָט דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט קיין מאַכט ניט איבער דעם קאָנגרעס. דעם 25טען נאָוועמבער האָט די פערזאַמלונג בעשלאָסען, אַז די אויסערארדענטליכע קאָנפערענץ נעהמט איבער די מאַכט פון דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און נאָר אַזוינע מיטגליעדער, וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעלעגאַטען, האָבען אַ רעכט צו שטימען.

אויף מאָרגען האָט מען דעם בעשלוס געענדערט, ניט קוקענדיג אויף די שטאַרקע פּראָטעסטען פון די באָלשעוויקעס. עס ווערט אָנגענומען, אַז אַלע מיטגליעדער פון דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט האָבען שטימרעכט, צי זיי זיינען דעלעגאַטען צי ניט.

דעם 27טען איז פאָרגעקומען די דעבאַטע וועגען די ערד-פראַגע, וואו עס האָט זיך ארויסגעוויזען דער אונטערשיעד צווישען דעם אגראַר-פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען.

קאָלטשינסקי, אַ לינקער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, האָט גערעדט וועגען דער געשיכטע פון דער אגראַר-פראַגע זינט דעם אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. דער ערשטער קאָנגרעס פון די פּויערים-סאָוועַ־

מען, האָט ער געזאָגט, האָט אָנגענומען אַ קלאָהרע און דייטליכע רעזאָלוציע: תיכף איבערגעבען די מאַיאָנטקעס אין די הענד פון די ערד־קאָמיטעטען. אָבער די מאַכער פון דער רעוואָלוציע און די בורזשואזיע אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג זיינען בעשטאַנען, אַז מען זאָל די פראַגע ניט ענטשיידען אָהן דער גרינדונגס־פערזאַמלונג. אין דעם צווייטען פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, דעם פּעריאָד פון „פּשרות", איז טשערנאָוו אריין אין קאַבינעט. די פּויערים זיינען געוועזען איבערצייגט, אַז איצט וועט זיך שוין אָנהויבען די פּראַקטישע לעזונג פון דער ערד־פראַגע. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם פעסטען בעשלוס פון דעם פּויערים־קאָנגרעס, האָבען די רעאַקציאָנערען און פּשרה־מאַכער אין דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ניט דערלאָזט גאָרניט טהאָן. דאָס האָט ארויסגערופען אַ רייה אונרוהען אין די דערפער. אַנדערש האָט דאָס ניט געקענט זיין, ווייל די פּויערים זיינען געוועזען אומרוהיג און זייער ענערגיע האָט געזוכט אַן אויסוועג. די פּויערים האָבען פערשטאַנען די אמת'ע בעדייטונג פון דער רעוואָלוציע — זיי האָבען געפּרואווט איבערגעהן פון ווערטער צו טהאטען...

„די לעצטע געשעהענישען", האָט קאָלטשינסקי געזאָגט, „זיינען ניט קיין פּשוט'ע אונרוהען, זיי זיינען ניט קיין „באָלשעוויסטישע אוואַנטורע", זיי זיינען אַן אויפשטאַנד פונ'ם פאָלק. דאָס גאַנצע לאַנד האָט מיט בעגייסטערונג בעגריסט דעם אויפשטאַנד...

„דאָס אגראַר־פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס איז אין אַלגעמיין ריכטיג. זייער טעות איז נור, וואָס זיי האָבען גערופען די פּויערים איבערצונעהמען די ערד מיט געוואַלד... די באָלשעוויקעס האָבען לכתחלה ערקלעהרט, אַז די פּויערים דאַרפען איבערנעהמען די ערד „דורך אַ רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג פון די מאַסען". דאָס איז ניט מעהר ווי אַנאַרכיע: מען וואָלט דאָך געקענט איבערנעהמען די ערד אויף אַן אָרגאַניזירטען שטייגער... פאַר די באָלשעוויקעס איז געוועזען וויכטיג, אַז די פראַגען פון דער רעוואָלוציע זאָלען געלעזט ווערען וואָס שנעלער, אָבער זיי האָבען זיך ניט אינטערעסירט, ווי אַזוי די פראַגען ווערען געלעזט...

„דאָס ערד־געזעץ פון דעם סאָוויעט־קאָנגרעס איז אין אַלגעמיין דאָס זעלביגע, ווי דאָס פּראָגראַם פון דעם ערשטען פּויערים־קאָנגרעס. פאַר וואָס־זשע האָט די נייע רעגירונג ניט אָנגעווענדט אויך די זעלבע

טאקטיק, וואָס דער פויערים־קאָנגרעס האָט אָנגעמערקט? דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען האָט געוואָלט לעזען די ערד־פראגע וואָס גיכער, אזוי אז די גרינדונגס־פערזאמלונג זאָל שוין ניט האָבען וואָס צו טהאָן...

„פון דעסטוועגען האָט די רעגירונג איינגעזעהן, אז מען מוז אויך אָננעהמען פּראַקטישע טריט, האָט זי ניט לאַנג געטראכט און האָט אָנגענומען די „כללים פאַר די ערד־קאָמיטעטען", וועלכע בעשאַפען א מאָדנע לאַגע: פון איין זייט האָט דער ראטה פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען אָבגעשאַפט פּריוואַט־אייגענטהום אויף דער ערד, פון דער אַנדערער זייט זיינען די כללים פון די ערד־קאָמיטעטען געגרינדעט אויף פּריוואַט־אייגענטהום... פון דעסטוועגען איז ניט קיין אומגליק. די ערד־קאָמיטעטען קוקען זיך ניט אום אויף די בעפעהלען פון דעם סאָוויעט; זיי פיהרען דורך זייערע אייגענע פּראַקטישע בעשליסען, וואָס זיינען געגרינדעט אויפ'ן ווילען פון א ריזיגער מעהרהייט פויערים.

„די ערד־קאָמיטעטען פּרואווען ניט ארויסגעבען קיין געזעצען, וואָס זאָלען לעזען די ערד־פראגע: דאָס איז די אויפגאַבע פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג... זיינען מיר אָבער זיכער, אַ די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט טהאָן דעם ווילען פון די רוסישע פויערים? מיר קענען ניט וויסען... איין זאַך איז זיכער: אז די רעוואָלוציאָנערע ענטשלאָסענהייט פון די פויערים איז איצט פעסטער, ווי שטענדיג, און אז מען וועט נויטען די גרינדונגס־פערזאמלונג צו לעזען די אגראַר־פראגע אזוי ווי די פויערים פערלאַנגען... די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט ניט סמייען איינרייסען מיט'ן פאָלק..."

נאָך קאָלטשינסקי'ן האָט גערעדט לעניו. איצט האָט מען איהם אויסגעהערט מיט טיעפער אויפמערקזאמקייט. „וואָס מיר טהוען אין איצטיגען מאָמענט, איז ניט נור לעזען די ערד־פראגע, נור אויך די פראגע פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע, ניט דור דאָ אין רוסלאַנד, נור אויך איבער דער גאַנצער וועלט. די ערד־פראגע קען ניט געלייזט ווערען אָהן א צוזאמענהאַנג מיט די איבעריגע פראגען פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע... קאָנפיסקירען מיר די מאַיאָנטקעס פון די פּריצים, וועט דאָס ארויסרופען א ווידערשטאַנד ניט נור מצד די רו־סישע גוטס־בעזיצער, נור אויך מצד דעם אויסלענדישען קאַפּיטאַל,

מיט וועלכען די גרויסע גוטס־בעזיצער זיינען פערבונדען דורך די בענק...

„די פריצי'שע מאיאָנטקעס אין רוסלאנד זיינען ד'ער פונדאמענט פון אונטערדריקונג, און דערמיט וואָס די פויערים קאָנפיסקירען זיי, מאַכט די רעוואָלוציע דעם וויכטיגסטען שריט פאָרוועררטס. דאָס קען מען אָבער ניט אָבטהיילען פון אַנדערע שריט, ווי עס בעווייזען די שטופען פון דער רעוואָלוציע. די ערשטע שטופע איז געווען: ברעכען די זעלבסט־הערשאפט, ברעכען די מאכט פון די קאפיטאליסטען און גוטס־בעזיצער, וועלכע זיינען אַלע פארבונדען דורך געמיינזאמע אינ־טערעסען. די צווייטע שטופע איז געווען: דער וואוקס פון די סאָ־וויעטען און פאָליטישע פשרות מיט דער בורזשואזיע. דער טעות פון די לינקע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען איז דאָס, וואָס זיי האָבען אין דער רעכטער צייט ניט ארויסגעטרעטען געגען פשרות, גלויבענדיג אז דאָס בעוואוסטזיין פון די מאסען איז נאָך ניט גענוג ענט־וויקעלט...

„אויב מיר וואָלטען דארפען ווארטען מיט'ן סאָציאליזם אזוי לאַנג ביז דאָס בעוואוסטזיין פון דעם גאַנצען פאָלק איז גרייט דערצו, וואָלט דאָס געדויערט וועניגסטענס נאָך פינף הונדערט יאָהר... די סאָציאליסטישע פארטיי איז דער אוואנגארד פון דעם ארבייטער־קלאַס. זי טאָר זיך ניט אָבשטעלען פאר דעם, וואָס דורכשניטליך איז די מאסע נאָך ניט ענטוויקעלט. זי מוז פיהרען די מאסען, און די סאָוויעטען דארפען זיין איהר געצייג פון רעוואָלוציאָנערער איניציאטיווע... כדי אָבער צו פיהרען די אונענטשלאָסענע, מוזען די חברים לינקע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען אליין זיך ניט וואַקלען.

„נאָך אין יולי האָט זיך אָנגעהויבען א רייהע צוזאמענשטויסען צווישען די מאסען און די „פשרה־מאכער". איצט, אין נאָוועמבער, שטרעקען נאָך אַלץ די לינקע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען אויס זייער האנד צו אווקסענטיעוו'ן... זאָג איך אייך, אז אויב מיר געהען נאָך אַלץ אויף פשרות, איז די רעוואָלוציע טויט. קיין שום פשרות זיינען איצט ניט מעגליך מיט דער בורזשואזיע. די מאכט פון דער בורזשואזיע מוז ווערען אינגאנצען געבראָכען.

„מיר, באָלשעוויקעס, האָבען ניט געענדערט אונזער ערד־פראָג־

ראם: מיר האָבען זיך ניט אָבגעזאָגט פון אָבשאַפען פריוואט-אייגענ-
טהום אויף דער ערד, און מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט אָבזאָגען. מיר
האָבען אָנגענומען די „כללים פאר די ערד-קאָמיטעטען", וועלכע זיי-
נען ניט געגרינדעט אויף פריוואט-אייגענטהום, ווייל מיר ווילען
פארווירקליכען דעם ווילען פון פאָלק אויף דעם אופן, ווי דאָס פאָלק
אַליין האָט בעשלאָסען; מיר ווילען ענגער צונויפציהען אַלע עלעמענ-
טען, וואָס קעמפפען פאַר א סאָציאַלע רעוואָלוציע.

„מיר רופען די לינקע סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען זיי זאָלען
אונז העלפען אין דעם קאמפף. מיר פאָדערען, אַז זיי זאָלען אויפהער-
רען זיך אומקוקען אויף הינטען, זיי זאָלען צורייסען מיט די „פשרה-
מאַכער" אין זייער אייגענער פּאַרטיי.

„וואָס איז שייך דער גרינדונגס-פערזאמלונג, איז דער לעצטער
רעדנער גערעכט: די ארבייט פון דער גרינדונגס-פערזאמלונג וועט
זיך ווענדען אן דער רעוואָלוציאָנערער ענטשלאָסענהייט פון די מאסען.
איך זאָג אָבער: „רעוואָלוציאָנערע ענטשלאָסענהייט איז גוט, א ביקס
איז נאָך בעסער!"

לענין לייענט דאָן די רעזאָלוציע פון די באָלשעוויקעס:

„דער פויערים-קאָנגרעס שטיצט פאָלשטענדיג דאָס ערד-געזעץ
פון דעם 8טען נאָוועמבער און גיט זיין הסכמה דער פראָוויזאָרישער
ארבייטער-און-פויערים-רעגירונג פון דער רוסישער רעפובליק, וועלכע
איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם צווייטען אַלל-רוסישען קאָנגרעס פון
סאָוויעטען פון ארבייטער-און-סאָלדאטען-דעפוטאטען.

„דער פויערים-קאָנגרעס לאָדעט איין אַלע פויערים זיי זאָלען זיך
פעראייניגען צו אונטערשטיצען דאָס ערד-געזעץ און עס אַליין דורכ-
פיהרען אין לעבען. אין דער זעלביגער צייט ראטה דער קאָנגרעס, אַז
אויף אַלע פעראַנטוואָרטליכע שטעלעס זאָלען בעשטימט ווערען נור
אַזוינע פערזאָנען, וואָס האָבען ניט נור דורך ווערטער, נור אויך
דורך טהאטען בעוויזען זייער איבערגעגעבענהייט צו די אינטערעסען
פון די עקספּלואטירטע פויערים-ארבייטער, זייער ווילען און זייער
פעהיגקייט צו פערטהיידיגען די דאָזיגע אינטערעסען געגען יעדען
ווידערשטאַנד מצד די גרויסע גוטס-בעזיצער, די קאַפּיטאַליסטען, זיי-
ערע שותפים און ארויסהעלפער.

„דער פויערים-קאָנגרעס דריקט אוים זיין איבערצייגונג, אַז דער

גאנצער ערד־געזעץ וועט קענען פארווירקליכט ווערען אין זיין פולער ברייט נור דורך א זיעג פון דער סאָציאַלער אַרבייטער־רעוואָלוציע, וואָס האט זיך אָנגעהויבען דעם 7טען נאָוועמבער 1917. נור די סאָציאַלע רעוואָלוציע קען ברענגען דערצו, אז די ערד זאָל אינגאנצען און אויף אייביג איבערגעהן אין די הענד פון די פויערים־ארבייטער, אז די מוסטער־גיטער זאָלען איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די פויערים־געמיינדעס, אז די לאַנד־ווירטהשאפטליכע מאשינען, וואָס געהערען די גרויסע גוטס־בעזיצער, זאָלען ווערען קאָנפיסקירט, אז די לוין־שקלאפעריי אין די דערפער זאָל ווערען אָבגעשאפט און אויף אזא אופן זאָלען די אינטערעסען פון די לאַנד־ווירטהשאפטליכע אַרבייטער ווערען געשיצט, אז די פּראָדוקטען פון ערד־ארבייט און אינדוסטריע זאָלען מעטהאָדיש און גלייכמעסיג פאנאנדערגעטהיילט ווערען צווישען אַלע טהיילען פון רוסלאנד, אז די בענק זאָלען איבערגענומען ווערען פונ׳ם שטאאט (וואָס אָהן דעם איז נאציאָנאַלער ערד־בעזיץ ניט מעגליך נאָכ׳ן אָבשאפען פון פריוואט אייגענטהום) און אז דער שטאאט זאָל העלפען די ארבייטער אויף אַלערליי אופנים.

„צוליעב די אויבענגעבראכטע טעמים אונטערשטיצט דער פויערים־קאָנגרעס די רעוואָלוציע פונ׳ם 7טען נאָוועמבער אַלס א סאָציאַלע רעוואָלוציע און זיין פעסטען ווילען דורכצופיהרען די סאָציאַלע איבערקעהרעניש אין דער רוסישער רעפּובליק, מיט אַלע נויטיגע ענדערונגען, אָבער אָהן שום וואקלעניש און צווייפעל.

„כדי צו זיכערען א זיעג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס נור דאָס וועט גאראנטירען א דויערענדען ערפאָלג און א פאָלשטענדיגע דורכפיהרונג פון דעם ערד־געזעץ, איז אונבעדינגט נויטיג אַן ענגע פארבינדונג צווישען די פויערים־ארבייטער און די פאבריק־ארבייטער. די גאנצע אָרגאניזאציע און פערוואלטונג פון דעם שטאאט פון דער רוסישער רעפּובליק, פון אויבען ביז אראָב, מוז פון היינט אָן און ווייטער זיין געגרינדעט אויף אָט דער פארבינדונג. נור אזא פארבינדונג, ברעכענדיג אַלע פערזוכען, דירעקטע און אונדירעקטע, אָפענע אָדער פארשטעלטע, זיך אומצוקעהרען צו דער טאקטיק פון פשרות מיט דער בורזשואזיע, קען זיכערען דעם זיעג פון דעם סאָציאַליזם...״

די רעאקציאָנערען פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האבען שוין

ניט געסמייעט ארויסצוטרעטען אָפען. טשערנאָוו האָט פונדעסטוועגען גערערט עטליכע מאָל, זיך געהאַלטען בעשיידען, אונפּאַרטייאיש. מען האָט איהם געבעטען פאַרנעהמען א פּלאַץ אויף דער פּלאַטפאָרמע... שפּעטער האָט אימיצער דערלאַנגט דעם פאָרזיצענדען א צעטעלע, וואו ער האָט פאָרגעשלאָגען אַז מען זאָל מאַכען טשערנאָוו׳ן פאַר אַן עהרען־פּאָרזיצענדען. אוסטינאָוו האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע אויף א קול. באַלד איז זינאָוויעוו אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, גע־שריען, אַז דאָס איז א טריק פון דעם אַלטען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועלכער וויל פאַרכאַפּען דעם קאָנגרעס. דער זאָל האָט זיך פערוואַנ־דעלט אין א טומעלדיגע מאַסע. הענד האָבען זיך געהויבען. פּנים׳ער האָבען געפלאַמט. געשרייען האָבען זיך געטראָגען פון ביידע זייטען. טשערנאָוו איז פונדעסטוועגען נאָך אַלץ געווען בעליעבט צווישען די פּויערים.

אינ׳ם משך פון די דעבאַטען וועגען דער ערד־פראַגע האָבען די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטען צוויי מאָל געהאַלטען אין פערלאָזען דעם זאַל, נור זייערע פיהרער האָבען זיי אָבגעהאַלטען... עס האָט אויס־געזעהן, אַז דער קאָנגרעס איז צוטהיילט און עס איז ניטאָ קיין אויס־זיכט אויף א געמיינזאַמער האַנדלונג.

קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז געהיימע בעראַטהונגען קומען שוין פאָר צווישען די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די באָל־שעוויקעס אין סמאָלני. לכתחלה האָבען די לינקע סאָציאַליסטען־רע־וואָלוציאָנערען געשטעלט אזוינע פאָדערונגען: די רעגירונג זאָל בע־שטעהן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, סיי די, וואָס געהן אריין אין די סאָוויעטען, סיי די, וואָס ניט; די רעגירונג זאָל זיין פער־אנטוואָרטליך פאַר א פאָלקס־ראַטה, וואָס בעשטעהט פון א קליינער צאָהל דעלעגאַטען פון ארבייטער־, סאָלדאַטען־ און פּויערים־אָרגאַ־ניזאַציעס; אין פאָלקס־ראַטה זאָלען אויך צוגעלאָזען ווערען פאַר־טרעטער פון די שטאָדט־דומאַס און זעמסטוואָ׳ס; לענין און טראָצ־קי זאָלען ניט טאָרען זיין אין קאַבינעט; דער מיליטערישער רעוואָ־לוציאָנערער קאָמיטעט און אַנדערע אָרגאַנען פון אונטערדריקונג זאָ־לען פאַנאַנדערגעלאָזט ווערען.

מיטוואָך אינדערפריה, דעם 28טען נאָוועמבער, נאָך א שטורמי־

שער דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, איז מען ענד־ליך געקומען צו אַן אויסגלייך. צו די 108 מיטגליעדער פון דעם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָבען געדאַרפט צוקומען 108 פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטער פון דעם פּויערים־קאָנגרעס, אַ הונ־דערט דעלעגאַטען דירעקט אויסגעקליבען פון דער אַרמיי און דעם פלאָט, אַ פופציג פאַרטרעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען — פינף און דרייסיג פון די אַלגעמיינע פעראיינען, צעהן פון די אייזענ־באַהן־אַרבייטער און פינף פון די פּאָסט־ און טעלעגראַף־אַרבייטער. די דומאַס און די זעמסטוואָס האָט מען אַרויסגעלאָזט. לענין און טראָצקי, האָט מען בעשלאָסען, זאָלען בלייבען אין דער רעגירונג, און דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט זאָל פאָרטזעצען זיין אַרבייט.

דעם קאָנגרעס האָט מען איצט אַריבערגעפיהרט אין דעם געוועזענעם קייזערליכען אינסטיטוט פאַר יוריספּרודנעץ, פאָנטאַנקאַ נומער 6, וואו עס איז געווען דער הויפּט־קוואַרטיר פון די פּויערים־סאָוויעטען. דאָרט, אין דעם גרויסען זאַל, האָבען די דעלעגאַטען זיך פאַר־זאַמעלט מיטוואָך בייטאָג. דער אַלטער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגען אין אַן אַנדער צימער און אָבגעהאַלטען אַ קאָנ־פערענץ צוזאַמען מיט עטליכע ווידערשפּעניגע דעלעגאַטען און פאַר־טרעטער פון אַרמיי־קאָמיטעטען.

טשערנאָוו האָט זיך געדרעהט פון איין פערזאַמלונג צו דער אַנדערער און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ער האָט געוואוסט, אַז עס זיינען פאָרגעקומען פערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז מען איז געקומען צו אַן אויסגלייך. ער האָט געהאַלטען אַ רעדע פאַר דער קאָנפערענץ:

„איצט, ווען אַלע שמועסען וועגען אַן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע רעגירונג, פערגעסט מען דאָס ערשטע מיניסטעריום, וואָס איז ניט געווען אַ קאָאַליציאָנס־רעגירונג און וואָס האָט געהאַט אין זיך נור איין סאָציאַליסט — קערענסקי. אין יענער צייט איז די רעגירונג געווען זעהר פּאָפּולער. איצט בעשולדיגט מען קערענסקי'ן. מען פאַר־געסט, אַז ניט נור די סאָוויעטען האָבען איהם דערהויבען צו מאַכט, נור אויך די מאַסען פונ'ם פאָלק.

„פאַר וואָס האָט זיך געענדערט די בעציהונג פונ'ם פאָלק צו

קערענסקי׳ן? דער ווילדער מענש מאכט זיך א גאט און דאווענט צו איהם, נאכדעם בעשטראפט ער איהם, אויב איינע פון זיינע תפלות ווערט ניט מקוים... אט דאס טהוט מען איצט... נעכטען קערענסקי, היינט לענין און טראצקי, מארגען אן אנדערער...

„מיר האבען פארגעשלאגען סיי קערענסקי׳ן, סיי די באלשעווי־קעס זיי זאלען זיך אבזאגען פון דער מאכט. קערענסקי האט אנגענו־מען אונזער פארשלאג; אקארשט היינט האט ער געמעלדעט פון זיין בעהעלטעניש, אז ער רעזיגנירט אלס פרעמיער. די באלשעוויקעס אבער ווילען אליין האלטען די מאכט, כאטש זיי ווייסען ניט, וואס צו טהאן מיט איהר...

„צי די באלשעוויקעס וועלען געווינען, צי זיי וועלען פארלירען, דער גורל פון רוסלאנד וועגדט זיך ניט אן דעם. דאס רוסישע דארף ווייסט אויסגעצייכענט, וואס ער וויל. דאס רוסישע דארף האט גענו־מען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענד... סוף כל סוף וועט אונזער רעטונג קומען פון דארף...״

בשעת טשערנאוו האט גערעדט, האט אוסטינאוו אינ׳ם גרויסען זאל געמעלדעט, אז דער פויערים־קאנגרעס און סמאלני זיינען געקומען צו אן אויסגלייך. די מעלדונג איז אויפגענומען געווארען מיט א גע־וואלדיגער שמחה. פלוצלונג בעווייזט זיך טשערנאוו און בעט דאס ווארט.

„מען שמועסט״, זאגט ער, „אז דער פויערים־קאנגרעס און סמאלני האלטען ביי אן אויסגלייך. אזא אויסגלייך וואלט געווען אונגעזעצליך, ווייל דער אמת׳ער קאנגרעס פון פויערים־סאוויעטען וועט זיך ערשט צונויפקומען אין א וואך ארום...

„א חוץ דעם בין איך זיכער, אז די באלשעוויקעס וועלען קיינ־מאל ניט נאכגעבען אייערע פאדערונגען...״

א הילכיגער געלעכטער האט איבערגעריסען זיינע רייד. טשער־נאוו האט פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך. ער איז אראפ פון פלאט־פארם, ארויס פון זאל, מיט איהם איז אוועק זיין רוהם...

דאנערשטאג, דעם 16טען נאוועמבער, שפעט נאכמיטאג, איז דער קאנגרעס זיך צונויפגעקומען אויף אן אויסערגעוועהנליכער זי־צונג. אין דער לופטען האט זיך געפיהלט א יום־טוב׳דיגע שטימונג, און אלע פנים׳ער האבען געשיינט. מען האט זיך גיך אבגעפארטיגט

מיט דער טאגעס־אָרדנונג, דאן איז אויפגעשטאנען דער אַלטער נאַטהאַנסאָן, מיט דער ווייסער באָרד, דער פיהרער פון די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. זיין קול האָט געציטערט און טרעהרען זיינען געשטאנען אין זיינע אויגען, ווען ער האָט געלייענט דעם בעריכט, אַז די פויערים־סאָוויעטען און די סאָוויעטען פון ארבייטער און סאָלדאַטען האָבען זיך „געגומען". אַלעמאָל, ווען ער האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „פעראייניגונג", האָבען אויסגעבראָכען בעגייסטערטע אפּלאָדיסמענטען...

נאָכדעם האָט אוסטינאָוו געמעלדעט, אַז עס זיינען אָנגעקומען דעלעגאַטען פון סמאָלני, צוזאמען מיט פארטרעטער פון דער רויטער ארמיי. די דעלעגאַטען ווערען בעגריסט דורך אויפשטעהן פון די ערטער. אַן ארבייטער, אַ סאָלדאַט און אַ מאַטראָז נעהמען דאָס וואָרט איינער נאָכ'ן אנדערען און בעגריסען די געסט.

סווערדלאָוו רעדט אינ'ם נאָמען פונ'ם צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מיט געשרייען: „עס לעבע דער שלום פון בירגער־קריעג! עס לעבע די פעראייניגטע דעמאָקראַטיע!" האָבען זיך די פויערים ארויסגעשאָטען פונ'ם זאַל.

עס איז שוין געווען פינסטער. דער שנעע האָט געבלישטשעט אין דעם בלייכען שיין פון דער לבנה און די שטערען. איבער'ן ברעג פונ'ם קאנאַל זיינען די סאָלדאַטען פון דעם פּאוולאָווסקע פּאָלק געווען אויסגעשטעלט אין רייהען, ווי צום פּאַראד. דער מיליטער־אָרקעסטער האָט אָנגעהויבען שפּילען די „מאַרסעליעזע". די סאָלדאַטען האָבען מיט אַלע כחות געשריען „הורראה", די פויערים האָבען זיך אויסגעשטעלט אין רייהען און פאנאנדערגעוויקעלט די גרויסע רויטע פאָהן פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די אַלל־רוסישע פויערים־סאָוויעטען. אויף דער פאָהן איז געווען אויסגעוועבט מיט גאָלד: „עס לעבע די פעראייניגונג פון די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־מאַסען!" נייע פאָהנען האָבען זיך בעוויזען: פון די ראַיאָנע סאָוויעטען, פון פּוטילאָווסקע זאוואָד. אויפ'ן לעצטען איז געשטאנען: „מיר נויגען זיך פאַר דער פאָהן כדי צו בעשאַפען די ברידערליכקייט פון אַלע פעלקער!"

פון ערגעץ האָבען זיך בעוויזען פאַקעלען. זייער ליכט האָט גע־

שיינט אָראַנזש־פאַרביג אין דער נאכט, זיך אָבגעשפּיגעלט מיט טויזענדער פונקען אינ׳ם אייז, געברענט מיט א רויכיגען פלאַם איבער די קעפּ פון דער מאַסע, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט מאַרשירען איבער דעם ברעג פון דער פאָנטאַנקאַ. מאַסען מענשען זיינען געשטאַנען און געקוקט אין שטילער ערשטוינונג.

„עס לעבע די רעוואָלוציאָנערע ארמיי! עס לעבע די רויטע גוואַרדיע! עס לעבע די פּויערים!“

אַט אזוי האָט זיך די גרויסע פּראָצעסיע געשלענגעלט איבער׳ן שטאָדט, געוואָרען אַלעמאָל גרעסער און פאַנאַנדערגעוויקעלט אַלעמאָל נייע פּאָהנען מיט גאָלדענע אותיות. צוויי אויסגעהאָרעוועטע, איינגעבויגענע אַלטע פּויערים זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד, און אויף זייערע פּנים׳ער האָט געלויכטען א קינדערשער נחת.

„אדרבה“, האָט איינער געזאָגט, „איך וואָלט געוועט א בעלן צו זעהען, ווי זיי וועלען ביי אונז פּראָווען אָבנעהמען די ערד — איצט!“

לעבען סמאָלני זיינען די רויטע גוואַרדייצעס געווען אויסגעשטעלט אויף ביידע זייטען גאַס, אַלע ווילד פון פרייד. דער אַנדערער פּויער האָט געזאָגט צו זיין חבר: „איך בין גאָר ניט מיעד. מיר דאַכט זיך, אז איך האָב א גאַנצען טאָג זיך געטראָגען אין דער לופטען!“

אויף די טרעפּ פון סמאָלני זיינען געשטאַנען אַן ערך הונדערט ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען. זייער רויטע פּאָהן האָט אויסגעזעהן דונקעל אַנקעגען דעם העלען ליכט, וואָס האָט זיך געגאָסען צווישען די אַרקאַדען. זיי האָבען זיך א וואָרף געטהאָן אַרונטער, אַרומגענומען די פּויערים און זיי געקושט. די פּראָצעסיע האָט זיך געגאָסען דורכ׳ן טויער איבער די טרעפּ, געהילכט ווי א דונער.

אין דעם ריזיגען ווייסען זאַל האָבען געוואַרט דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דער גאַנצער פּעטראָגראַדער סאָוויעט און א טויזענד צושויער. עס האָט געהערשט די פייערליכע שטימונג, וואָס מען פיהלט נור אין גרויסע היסטאָרישע מאָמענטען.

זינאָוויעוו מעלדעט וועגען דעם אויסגלייך מיט דעם פּויערים־קאָנגרעס. הילכיגע שטימען פּילען אָן דעם זאַאַל. די שטימען ווערען פרעהליכער און פעראייניגען זיך אין א שטורם פון בעגייסטערטע

נעשרייען, ווען אונטען, אין קאָרידאָר, דערהערט זיך מוזיק און עס בעווייזען זיך די ערשטע רייהען פון דער פּראָצעסיע. דאָס פּרעזי־דיום שטעלט זיך אויף אויפ'ן פּלאַטפאָרמע און רוימט אָב אַ פּלאַץ פאַר דעם פּרעזידיום פון די פּויערים. די מענשען פון ביידע גרופּען נעהמען זיך ארום. הינטער זיי ווערען די צוויי פאָהנען פעראייניגט אנטקעגען דער ווייסער וואַנט איבער דער לעדיגער ראַהם, פון וואַנען דער קייזערליכער פּאָרטרעט איז שוין לאַנג פאַשוואונד'ען.

די „טריאומף־זיצונג" עפענט זיך. סווערדלאָוו האַלט אַ קורצע בעגריסונגס־־רעדע. דאַן שטעהט אויף מאַריא ספּירידאָנאָווא. זי איז מאָגער, בלייך, איהרע האָאר זיינען גלאַט פאַרקעמט. זי טראָגט ברילען און אין אַלגעמיין זעהט זי אויס ווי אַ ניו־ענגלאנדער לעהרערין. די דאָזיגע געליעבטעסטע און מעכטיגסטע פון אַלע רוסישע פרויען נעהמט דאָס וואָרט.

„...ווייטע האָריזאָנטען, וואָס די וועלט האָט זיי ביז איצט ניט געזעהן, עפענען זיך פאַר רוסלאנד... אַלע ביזאהעריגע ארבייטער־בעוועגונגען זיינען בעזיעגט געוואָרען. אָבער די איצטיגע בעוועגונג איז אונבעזיעגבאַר. ס'איז ניטאָ אַזאַ קראַפט אין דער וועלט, וואָס זאָל קענען פאַרלעשען דעם פלאַם פון דער רעוואָלוציע! די אַלטע וועלט צופאַלט זיך אין שטיקער, אַ נייע וועלט ווערט געבוירען..."

טראָצקי רעדט מיט פייער: „איך בעגריס אייך, חברים־פּויערים! איהר קומט אהער ניט ווי געסט, נור ווי הערשער פון אָט דעם הויז, וואו עס קלאַפּט דאָס הארץ פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער ווילען פון מיליאָנען ארבייטער איז איצט פעראייניגט אין אָט דעם זאאַל... עס איז איצט דאָ נור איין הערשער איבער דעם רוסישען לאַנד: די פעראייניגונג פון ארבייטער, סאָלדאטען און פּויערים...

„אַ נייע מענשהייט ווערט געבוירען. מיר שווער'ען בלייבען גע־טריי אונזער רעוואָלוציאָנערען פּאָסטען. אויב מיר ווערען בעזיעגט, וועט דאָס זיין נור אין קאַמפּף..."

נאָכדעם נעהמט קרילענקאָ דאָס וואָרט. ער דערצעהלט וועגען דער לאַגע ביים פראָנט, וואו דוכאָנין גרייט זיך ארויסווייזען אַ ווי־דערשטאַנד דעם ראַטה פון די פאָלקס־־קאָמיסאַרען. „זאָל דוכאָנין

און זיינע שותפים געדענקען, אז מיר וועלען ניט זיין ווייך צו די וואס פארשפארען דעם וועג צו פריעדען!"

דיבענקא באגריסט די פערזאמלונג אינ'ם נאמען פונ'ם פלאט. קרושינסקי, א מיטגליעד פונ'ם אלל־רוסישען אייזענבאהן־פעראיין, ערקלעהרט: „פון היינטיגען טאג אן, ווען אלע אמת'ע סאציאליסטען האבען זיך געאייניגט, איז די גאנצע ארמיי פון אייזענבאהן־ארביי־טער פאלשטענדיג אינ'ם דיענסט פון דער רעוואלוציאנערער דעמא־קראטיע!"

עס רעדט לונאטשארסקי מיט טרעהרען אין די אויגען, עס רעדט פראשיאן אינ'ם נאמען פון די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, עס רעדט זאהאראשווילי אינ'ם נאמען פון די פעראייניגטע סאציאל־דעמאקראטען־אינטערנאציאנאליסטען, — מיטגליעדער פון מארטאוו'ס און גארקי'ס גרופען.

„מיר האבען פארלאזט", זאגט ער, „דעם צענטראלען עקזעקו־טיוו־קאמיטעט, ווייל די באלשעוויקעס האבען ניט געוואלט נאכגעבען. מיר האבען זיי געוואלט צווינגען מאכען הנחות, כדי די פעראייניגונג פון דער גאנצער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע זאל ווערען מעגליך. איצט, ווען אט די פעראייניגונג איז שוין דורכגעפיהרט, האלטען מיר פאר אונזער פליכט ווידער אמאל אריינצוטרעטען אינ'ם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט... מיר ערקלעהרען, אז אלע מיטגליעדער, וואס האבען זיך צוריקגעצויגען, וועלען זיך ווידער אומקעהרען אינ'ם צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט."

א בכבוד'יגער אלטער פויער סטאשקאוו, א מיטגליעד פון דעם פויערים־פרעזידיום, נויגט זיך אין אלע פיער ווינקלען פונ'ם זאאל. „איך בעגרים אייך", זאגט ער, „מיט דעם געבורט פון א נייעם רו־סישען לעבען און א נייער פרייהייט!"

עס רעדט גראנסקי אינ'ם נאמען פון דער פוילישער סאציאל־דעמאקראטיע. עס רעדט סקריפניק אינ'ם נאמען פון די פאבריטשנא־זאוואדסקע קאמיטעטען, עס רעדט טיפאנאוו אינ'ם נאמען פון די רוסישע סאלדאטען אין סאלאניקי. עס ריידען פיעלע אנדערע רעד־נער. מען רעדט מיט א פול הארץ, מיט דער גליקליכער שפראך פון ערפילטע האפנונגען...

שפעט ביינאכט ווערט אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט, פעראייניגט אין אן אויסעראָרדענטליכער זיצונג מיט דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט און דעם פויערים־קאָנגרעס, בעשטעטיגט די געזעצען וועגען ערד און פריעדען, וואס ס׳האט אָנגענומען דער 2טער קאָנגרעס פון סאָוויעטען פון אַרבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, ווי אויך דעם געזעץ וועגען אַרבייטער־קאָנטראָל, וואס דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האט ארויסגעגעבען.״

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען איינשטימיג.

**ע נ ד ע.**